STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02632

YIDN IN DER RUSISHER REVOLUTSYE

L. G. Deich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליטעראַרישער

פאַרלאַג

מײן ליבן

ל. מ. שטײן

(ט. ו. קראמאן) 3.14.28

ל. דייטש

יידן אין דער רוסישער רעוואלוציע

זכרונות וועגן יידן־רעוואָלוציאָנערן

פון רוסישן כּתב־יד
ע. קאַרמאַן

פאָרוואָרט

די זכרונות וועגן יידן אין דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס ווערן איצט פאַרעפנטליכט, האָבן אַ לערך לאַנגע געשיכטע: פאַרטראַכט האָב איך זיך איבער דער דאָזיגער טעמע, אַרומגעטראָגן זיך מיטן געדאַנק אָנצושרייבן אַ בראָשור וועגן אָנטייל פון יידן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג נאָך אין סאַמע אָנהויב פון די אַכטציגער יאָרן, — באַלד נאָך די ערשטע גרויסע אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין פיל ערטער פון דרום־מערבדיגן רוסלאַנד, נאָך דעם, ווי די „נאַראָדאָוואָלצעס" האָבן דערהרגעט אַלעקסאַנדער II. ביז די דאָזיגע טרויעריגע געשעהענישן, וואָס נאָך זיי זיינען געקומען אויסערגעוועהנליך שווערע צייטן, איז קיינעם פון אונז, רעוואָלוציאָנערן, — אויף וויפיל איך קאָן זיך איצט דערמאָנען — לחלוטין נישט איינגעפאַלן צו דרוקן אַ בראָשור אָדער אַן אַרטיקל, וואָס זאָל באַהאַנדלען ספּעציעל די פראַגע וועגן יידן אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין אַזעלכע ווערק האָט מען זיך דאַן נישט גענויטיגט, ווייל נישט אין דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט, נישט נאָך מער אין אונזער סביבה, זיינען נישט געווען קיין מינדסטע חלוקי־דעות וועגן דער באַציהונג צו יידן, וואָס זיינען אין יענער צייט באַרויבט געווען אין איינע עלעמענטאַר־מענשליכע רעכט. אָבער די פּאָגראָמען אין אָנהויב פון די אַכטציגער יאָרן, וואָס זיינען פול געווען מיט גוואַלדטאַטן און הריגות פון די אומגליקליכע און שוצלאָזע יידן, האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די מוחות פון איינינע פאַרשטייער פון די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס: איבער פאַרשיידענע

מאָטיוון און סיבות, טיילווייז אַדאַנק די פּאָליטישע אָנשויאונגען, וואָס האָבן געהערשט אין יענער צייט, זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן מיינונגען, וועלכע האָבן פאַרטיידיגט די פינסטערע, פאַרגרעבטע מאַסן קעגן די „עקספּלואַטאַטאָרישע", רויבערישע אינסטינקטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אפילו די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" („פאָלקס-פרייהייט"), אָט די דאָזיגע עקסט-רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע פּאָפּולערישקייט אין לאַנד, האָט אין דער פּערזאָן פון איינינגע אירע מיטגלידער נישט אויסגעמיידט קיין גרויסן פעלער אין דער דאָזיגער פראַגע, וועגן וואָס איך וועל אויספירליך איבערגעבן ווייטער.

נישט געשלאָפן, געוויינטליך, איז אויך דער אַלמעכטיגער דעמאָלט מלוכהשער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט: ער האָט גוט גענומען אין אַכט אז דעם פאָלקס-אויסברוך קעגן די אומגליקליכע, אז דאָס אומגערעכטע און אומטאַקטישע פאַרענטפערן די פּאָגראָמען דורך כלערליי סברות. אָט אין יענער צייט האָבן עס צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן באַהויפּטן פאַרשיידענע רעגירונגס-אַגענטן — און וואָס ווייטער אַלץ אָפטער און איינגעשפּאַרטער, — אַז כלומרשט דאָס גאַנצע שלעכטס אין רוסלאַנד, אַלע אומגליקן, וואָס פאַלן אויס אויף איר גורל, קומען אַרויס פון יידן: ווען ס'זאָל נישט זיין קיין יידן, וואָלט נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָלט מען נישט דערהרגעט דעם צאַר (קיסר), וואָס האָט באַגליקט די פּויערים, באַפרייענדיג זיי פון לייבקנעכטשאַפט; יידן זיינען די הויפּט-איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון כלערליי געהיימע פאַרברעכערישע געזעלשאַפטן, פאַרשווערונגען א. ד. ג.

דער נייער צאַר, אַלעקסאַנדער III, וואָס האָט נאָך אַלס טראָן-יורש געשמט פאַר אַ פאַרביסענעם אַנטיסעמיט, האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אָט די מגושמדיגע באַשולדיגונגען קעגן אַ גאַנצער נאַציע. אויף די קעפּ פון די אומגליקליכע יידן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן כלערליי רדיפות און באַשרענקונגען: מ'האָט נאָך מער באַגרעניצט דעם „תחום המושב" („טשערטאַ אָסעדלאָסטי");

נאָך מער פאַרשמעלערט דאָס צעטל פון די דערלויבטע פראָפעסיעס, וואָס איז ביז דאַן אַזוי אויך קליין געווען; ס'איז איינגעפירט געוואָרן די „פּראָצענט-נאָרמע“ ביים אָנקומען אין לערן-אַנשטאַלטן; די יידישע יוגנט האָט מען אין שרעקליך גרויסע מאַסן אַרויסגעשיקט אויפן אַדמיניסטראַטיוון אופן אין די סאַמע וויטסטע מקומות פון דער יאַקוטסקער געגנט א. א. וו.

פון דער אַנדער זייט, האָבן די זעלבע אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמען, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויבן-דערמאָנטן מאוסן פאַרענטפערן זיי מצד איינגע אפילו פּראָגרעסיווע רוסישע לייט, — אַרויסגערופן צווישן אַ באַדייטענדן, אויב נישט זאָגן גרעסטן, טייל יידן אַן אויסברוך פון צאָרן, אויפרעגונג און פאַרביטערונג. נישט נאָר אינטעליגענטע יידן בכלל, נאָר אויך איינגע יידן-רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן פריהער נישט געפיהלט קיין שום צוזאַמענבונד מיט זייער נאַציאָנאַליטעט, ווייל זיי האָבן זיך אינגאַנצן אַסימילירט מיט די קריסטן, האָבן פלוצים באַטראַכט פאַר זייער חוב צו ווידמען זייערע כוחות און פעהיגקייטן זייערע ברידער, וואָס ווערן אומגערעכט גערודפט.

צוזאַמען מיט מיינע נאָהענטסטע חברים — פּ. ב. אַקסעלראָד, וו. אי. זאַסוליטש, ג. וו. פּלעכאַנאָוו און וו. נ. איגנאַטאָוו — האָב איך זיך דאַן געפונען אין דער עמיגראַציע. די ידיעות וועגן אָנהויב פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען, האָבן אונז אַלע זעהר שטאַרק באַאומרוהיגט. מיר האָבן געהאַלטן פאַר נויטיג צו אָפּרופן זיך אויף אָט דער נייער, זעהר טרויעריגער ערשיינונג און זיינען געווען גאַנץ איינינג אין איר אָפּשאַצונג, הגם מיר זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אינם באַשטימען די מיטלען און וועגן ווי צו אַנטשיידן די יידן-פראַגע אין רוסלאַנד. אַזוי, אַגב, געדענק איך, אַז פּ. ב. אַקסעלראָד האָט אין איין צייט פאַרטיידיגט דעם געדאַנק פון עמיגראַציע פון די יידן קיין פּאַלעסטינע, מיט וואָס מיר, די איבעריגע, זיינען לחלוטין נישט מסכים געווען *).

*) וועגן אָט דעם פּלאַן וועל איך אויך דערציילן ווייטער.

דעמאָלט איז אויך צום ערשטן מאָל נעבוירן געוואָרן בײ אונז אינאײנעם מיט אים דער געדאַנק אַרויסלאָזן אַ בראָשור וועגן די פּאָגראָמען און די באַשולדיגונגען, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף די יידן *). פריהער האָב איך אויך געוואָלט זיך נעמען אַלײן פאַר אָט דער אַרבעט, נאָר שפּעטער האָב איך אײנגעפונען, אַז אין דעם מסוכן־שווערן מאָמענט, וואָס יידן לעבן איבער, וועט אַזאַ ווערק האָבן אַן אומגעהײער גרעסערן באַטײט פאַר זײ, ווען ס׳וועט געשריבן ווערן דורך אַ באַוואוסטן סאָציאַליסט פון די קריסטן. איך און אַקסעלראָד האָבן יעדערער באַזונדער זיך עטליכע מאָל געווענדעט מיט דעם דאָזיגן פאָרשלאָג צו פּלעכאַנאָוון, לאַווראָוון און קראַווטשינסקין (סטעפּניאַק). נאָר יעדערער פון זײ, אײנשטימענדיג אײנגאַנצן וועגן דער נויטיגקײט פון אַזאַ בראָשור, פלעגט געפינען, אַז אַלס מחבר פון איר פּאַסט נישט ער, נאָר עמיץ אַנדערש פון די באַוואוסטע עמיגראַנטן, וואָס כ׳האָב ערשט איבערגערעכנט. איבער אָט דער סיבה איז אָט די בראָשור דאָך ניט ערשינען, בעת אַלע האָבן געהאַלטן פאַר זעהר נויטיג אין יענער עפּאָכע אַזאַ עפנטליכע פאַרטײדיגונג פון אַן אונטער־געדריקטער נאַציע מצד אַ רוסישן סאָציאַליסט.

אין גיכן נאָך דעם, — פרי־יאָר 1884 — האָט ביסמאַרק אַרויס־געגעבן מיך דעם רוסישן צאַר און איך בין אויף לאַנג פאַרשיקט געוואָרן קײן סיביר אויף קאַטאָרגע. דאָרט, פאַרשטײט זיך, האָט מען בײ מיר צוגענומען דאָס רעכט צו שרײבן וועגן וואָס ס׳ניט איז. נאָר דער געדאַנק אַרויסצוטרעטן מיט אַ פאַרטײדי־גונג פון יידן האָט מיך קײנמאָל נישט פאַרלאָזט. און ערשט אין צעהן יאָר אַרום, ווען דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן קײן ניו־יאָרק, האָב איך באַקומען די מעגליכקײט צו פאַרווירקליכן אָט דעם געדאַנק, און דאָס אויך נאָר טײלווײז.

*) אין פּלעכאַנאָווס אַרכיוו האָב איך געפונען אַקסעלראָדס אַ כתב־יד פון אַזאַ בראָשור, וואָס איז ביז איצט נאָך נישט פאַרעפנט־ליכט געוואָרן.

דאָס איז געווען אין סאַמע ברען פון סטאָליפינס און שטשעגלאָוויטאָווס צייטן, ווען די רדיפות אויף יידן האָבן דערגרייכט זייער העכסטע מדרגה אין דער באַוואוסטער „מעשה=ביילים“, איבער דעם זעלבן אומגעלומפערטן טעם, אַז יידן זיינען כלומרשט די גרעסטע, אויב נישט די איינציגע שולדיגע, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד צעוואַקסט זיך און נעמט אָן אַלץ מער און מער שרעקליכע פאָרמען.

דער רעדאַקטאָר פונם יידישן סאָציאַליסטישן חודש=זשורנאַל „צוקונפט“, וואָס ערשיינט אין ניו=יאָרק, האָט מיר פאָרגעלעגט אָנצושרייבן אַ רייה אַרטיקלען וועגן די יידן, וואָס זיינען מיר באַוואוסט און וואָס האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

איך בין גערן מסכים געווען אויף דעם, נאָר האָב אַ ביסל פאַרברייטערט זיין פאָרשלאָג, געבנדיג אין אַ רייה אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אינם דערמאָנטן זשורנאַל אין משך פון פערטהאַלבן יאָר, נישט נאָר קורצע ביאגראַפיעס און כאַראַקטעריסטיקעס פונם רוב גרעסטע יידן=רעוואָלוציאָנערן אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, נאָר ברענגענדיג אין דער זעלבער צייט אויך אַ קורצן איבערזיכט פון אונזער באַוועגונג אין יענער וויכטיגער תקופה, צוליב דער פולער אומבאַקאַנטשאַפט מיט איר פון די לעזער פון „צוקונפט“. אָבער די אַלוועלטליכע מלחמה און דערנאָך מיין אומקער צוריק קיין מערב=אייראָפּע האָבן ביי מיר צוגענומען די מעגליכקייט צו אַנטוויקלען ביזן סוף די דאָזיגע ברייט פאַרטראַכטע טעמע.

דאַרף איך דען דערמאָנען איצט וועגן די ווייטערדיגע געשעהענישן, וואָס האָבן געשטערט ביז דער לעצטער צייט דעם ערשיינען פון אָט די זכרונות? שטאַרק באַשעפטיגט מיט דער לויפנדער אַרבעט בעת דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, האָב איך נאָר פון צייט צו צייט זיך געקאָנט דערמאנען וועגן די זכרונות, וואָס האָב אָנגעהויבן אין ניו=יאָרק נאָך אין פרי=יאָר 1913. און נאָר ערשט איצט, און דאָס אויך ביי זעהר אומגינסטיגע

אויסערליכע באַדינגונגען, האָב איך זיך גענומען ראַדיקאַל איבער־מאַכן — ערטערווייז, וואו נויטיג, קירצן, און אויך באַדייטענד צוגעבן און איבעראַנדערשן דעם כּתב־יד אויף רוסיש, וואָס איז ביי מיר פאַרבליבן גאַניץ, און פון וועלכן ס׳פלעגן געדרוקט ווערן אין „צוקונפט" מיינע אַרטיקלען אין יידישער איבערזעצונג.

צי וועט זיך מיר איינגעבן דאָס מאָל דערפירן די דאָזיגע אַרבעט ביזן סוף? ווער ווייסט! פון מיין זייט, וועל איך טון אַלצדינג, וואָס וועט נויטיג זיין דערצו, ווייל מיר ווילט זיך זעהר שטאַרק איבערלאָזן פאַר מיינע לאַנדסלייט — סיי פאַר קריסטן, סיי פאַר יידן, — אַליך, אָדער כּמעט אַליך פון דעם וויכטיגסטן, וואָס איך האָב אין משך פון פופציג יאָר געזעהן, איבערגעטראַכט און איבערגעפּיהלט וועגן דער יידישער פּראָבלעם — אָט דער ברענענדער פראַגע פון דער רוסישער ווירקליכקייט נישט נאָר אין עבר און אין הוה, נאָר געוויס נאָך אויך אין דעם גענוג וויטן עתיד.

אין די ערשטע אַכט קאַפּיטלאַך פון די זכרונות ווערט אין גאַניץ אַלגעמיינע שטריכן באַרירט די פראַגע וועגן אנטייל פון יידן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון פאָריגן יאָר־הונדערט. שפּעטער שטעל איך זיך אָפּ אויספירליכער אויף זייערע מער באַדייטענדסטע פאָרשטייער, כּדי, אַזוי אַרום, צו באַ־ווייזן קאָנקרעט, אויף וויפיל נישט ריכטיג ס׳איז די ראָלע, וואָס ווערט זיי צוגעשריבן דורך פילע קריסטן, און אויך דורך אייניגע יידן. איך דענק, אַז אַלע וויפיל ס׳ניט איז אָביעקטיווע מענשן, וועלן, נאָכן איבערלייענען דאָס דאָזיגע בוך, מוזן אָנערקענען, אַז איך שילדער די געשעהעניש און אומשטאַנדן, אויף וויפיל דאָס איז פאַר מיר צוגענגליך, — אָביעקטיוו.

צום סוף וויל איך באַמערקן, אַז איך בין וויים דערפון, צו האַלטן די דאָזיגע מיינע זכרונות, אַז זיי שעפּן אוים די אָנגע־מערקטע טעמע: דאָס איז, לויט מיין מיינונג, נאָר אַן ערשטער פּרואוו, אַ צוגרייטונג פון מאַטעריאַלן.

ווייטער, איז זעלבספאַרשטענדליך, אַז איך פרעטענדיר אויך נישט אויף אַריינצוטראָגן דערמיט עפּעס אַן אוצר אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווייל די גרעסטע מערהייט פון די פאַקטן און אומשטאַנדן, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט, זיינען שוין לאַנג באַוואוסט די יעניגע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט אונזער עבר. ניי וועלן זיין נאָר איינציגע מיינע פערזענליכע איינדרוקן וועגן די פילע אָנטיילנעמער, וואָס איך האָב באַגעגנט, און אויך איינציגע מיינונגען מיינע און דערקלערונגען.

חוץ דעם, האַלט איך נישט פאַר אוממעגליך, אַז אין מיין אַרבעט זאָלן נישט זיין קיין טעותן און חסרונות. דאָס קאָן זיך געווים טרעפן, און איך וועל נאָר זיין זעהר דאַנקבאַר די יעניגע, וואָס וועלן מיר אויף זיי אָנווייזן.

בערלין-שאַרלאָטענבורג

יאַנואַר 1923.

קאַפּיטל א

דער אויפקום פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג

יעדן וויפיל ס'ניט איז אינטעליגענטן מענשן אין רוסלאַנד איז באַקאַנט, אַז אונזער באַפרייאונגס־באַוועגונג הויבט זיך אָן פון ראַדישטשעוון, וואָס האָט גרויזאַם באַצאָלט אין סוף פון יעקאַטע־רינא II ממשלה פאַר זיין, אין תוך זעהר אומשולדיגן, בוך „די נסיעה פון פעטערבורג קיין מאָסקווע“. נאָר די רוסישע רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונג געפינט זיך נישט אין קיין דירעקטן צוזאַמענ־האַנג נישט מיט דעם דאָזיגן ליטעראַרישן ווערק, נישט מיט דעם גרויזאַמען קרבן, וואָס דער מחבר האָט געבראַכט פאַר אים. ווי באַוואוסט, זיינען די דעקאַבריסטן געווען די פאָטערס פון דעם אַקטיוון, דרייסטן און אָפענעם קאַמף מיט דעם ווילקיר, וואָס האָט געווילדעוועט אינם זעלבסהערשערישן און קנעכטישן רוסלאַנד. אין דער געהיימער געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פאַר אַלעקסאַנדער I, האָבן זיך באַטייליגט כמעט אויסשליסליך מילי־טער־לייט, דערצו נאָך האָט אַ באַדייטענדע צאָל פון זיי געהערט צו דער העכערער טיטולירטער אַריסטאָקראַטיע, — ווי צו פירשטן, גראַפן און באַראָנען.

שוין איבער אָט דער איינער סיבה האָבן יידן נישט געקאָנט נעמען קיין אָנטייל אין דער דאָזיגער פאַרשווערונג*). אָבער

*)אמת, צום דעקאַבריסטן־פּראָצעס איז צוגעצויגן געוואָרן גרינאָרי פערעץ, אַ פאַכטערס אַ זון, וואָס האָט אָנגענומען „פּראַוואָ־סלאַוויע“, נאָר זיין אנטייל אינם פּראָצעס איז פאָרגעקומען, ניכר,

ניִשט נאָר אַליין אין אָט דעם ריזיקאַלישן־פּרואוו, — אַראָפּוואַרפּענדיק דעם נייעם צאַר, איינשטעלן אַ פּעדעראַטיוו־רעספּובליקאַנישע אָרדענונג — האָבן אינגאַנצן אויסגעפּעלט יידן: זיי האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל אויך אין די עטליכע באַדייטענד וועניגער „פּאַרבּרעכערישע” אינטעלעקטועלע באַוועגונגען פונם פּראָגרעסיוון טייל פון דער דעמאָלטיגער געזעלשאַפט, וואָס זיינען שפּעטער פּאָרגעקומען אין רוסלאַנד.

אַלע ווייסן הערצענס מיינונג וועגן דער שטאַרקער ווירקונג, וואָס דער פּראָצעס פון די דעקאַבּריסטן האָט געהאַט אויף אים און אויף זיין גוטן־פריינט אָגאַריאָוון. און נישט נאָר אויף די צוויי באַרימטע אונזערע פּרייהייטס־אָנזאָגער האָבן ווי דורך אַ כשוף געווירקט, שטופּנדיג אויך זיי אויפן דאָרניגן וועג פון קאַמף, די געשטאַלטן פון די אומגעקומענע אויף די תליות, און פון די קדושים, וואָס האָבן געליטן אין די נערטשינסקער קוילנגריבּער און אין דער אייז־קאַלטער סיבּירער טאַיגע — די אָנטיילנעמער אין אויפשטאַנד פון 14 דעצעמבּער: זיי האָבן באַגייסטערט אַ לאַנגע שורה רוסישע קעמפער אין משך פון עטליכע צענדלינגער יאָרן.

איך דאַרף נישט לאַנג מאריך זיין דערפון — ווייל אויך וועגן דעם ווייסט יעדערער עטוואָס געבּילדעטער לעזער, — אַז נישט אין די באַרימטע קרייזלאַך פון די 30—40 יאָרן פון סטאַנקעוויטש און בעלינסקי, און אויך נישט פון הערצען, אָגאַריאָוו און אַנד., נישט אין דער שפּעטערדיגער כלומרשט־געפערליכער „פּאַרשווערונג” פאַר דער גאַנצקייט פון רוסלאַנד פון פּעטראַשעווסקי און

דערפאַר, ווייל ס'איז אַנדעקט געוואָרן זיין באַקאַנטשאַפט מיט פּעסטעלן, מיט וועמען ער האָט באַטראַכט דעם פּלאַן פון אַנטשיידן די יידן־פראַגע, און ער האָט נישט חושד געווען, ווייזט אויס, גאָרנישט וועגן דער פאַרשווערונג. אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע ווערט דערמאָנט, אַז פּערעץ איז פאַרשיקט געווען קיין סיבּיר, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דעקאַבּריסטן־פּראָצעס, נאָר ס'איז נישט אָנגעוויזן פון וואַנען די ידיעה איז גענומען.

זיינע חבֿרים — איז אויך נישט געווען קיין איין איינציגער ייד. און נאָר מענשן, וואָס זיינען לחלוטין נישט באַקענט מיטן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכן געדאַנק אין רוסלאַנד, קאָנען אָפּלייקענען דעם קאָלאָסאַלן באַטייט פֿון די אויבן־דערמאָנטע קרייזלאַך פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז ביי אונז אויפֿגעקומען שפּעטער.

צי דאַרף איך דען ווייטער זיך אָפּשטעלן אויף די געהיימע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך באַוויזן ביי אונז שוין אין די זעכציגער יאָרן, — אויף „זיעמליאַ אי וואָליאַ“ („ערד און פֿרייהייט“); אויפֿן קרייזל פֿון אישוטין־קאַראַקאָזאָוו און נעטשאַיעוו, — כּדי צו דערמאָנען, אַז אויך אין אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן אינגאַנצן אויסגעפֿעלט יידן ? *).

ערשט אין אָנהויב פֿון די זיבעציגער יאָרן און דאָס אויך בסך־הכּל עטליכע יידן זיינען צוגעשטאַנען באַוואוסטזיניג צו דער ברייטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז אויפֿגעקומען ווידער אין רוסלאַנד, — דאָס ערשטע מאָל נאָכן פּרואוו פֿון די דעקאַבריסטן. די דאָזיגע באַוועגונג האָט געטראָגן, נישט אין פֿאַרגלייך מיט יענער פֿאַרשווערונג, אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער און האָט זיך געשטעלט לגמרי אַנדערע צילן.

שוין פֿון די דאָזיגע עטלעכע פֿאַקטן איז צו זעהן, אויף וויפֿיל עס שטימען מיטן אמת די באַווייזן פֿון די עם־האַרצישע אַנטיסעמיטן, אַז כּלומרשט די יידן זיינען שולדיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שוין פֿון כּמה יאָרן, און אַז, ווען ס'זאָלן נישט זיין קיין „זשידעס“ אין הייליגן רוסלאַנד, וואָלט נישט אויסגעבראָכן קיין רעוואָלוציע. אין דער זעלבער צייט באַווייזט די געשיכטע באַשיינפּערליך, אַז ס'איז

*) כ'וועל דאָ באַמערקן, אַז אין די דאָזיגע זכרונות פֿאַרשוויַיג איך לגמרי די יידן, וואָס האָבן גענומען דעם אָדער יענעם אָנטייל, הן אין דער נאַציאָנאַליסטישער, הן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פֿון פּוילן, ווייל איך בין נישט גענוג באַקאַנט מיט דעם פּרט און פֿאַרמאָג נישט די נויטיגע ליטעראַרישע מקורים.

דורכגעגאַנגען כמעט פ ו פ צ י ג י אָ ר, איידער ס׳זיינען צוגע־שטאַנען בסך־הכל עטליכע יידישע יונגע לייט צו דער אַנטי־מלוכהשער, אָפּאָזיציאָנעלער באַוועגונג אין רוסלאַנד. חוץ דעם, ווי מיר וועלן זעהן ווייטער, האָבן די יידן אין משך פון אַ לאַנגער תקופה געשפּילט די ד ר י ט ע ראָלע, נאָר אין ווייניגע פאַלן — די צווייטע און ערשט עטליכע יידן האָבן אין משך פון כמעט אַ יאָרהונדערט זיך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייהען פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין דעם דאָזיגן פּרט, — ווי, אגב, אין פיל אַנדערע פּרטים, — שטעלט רוסלאַנד פאָר אַ פולן קעגנזאַץ פון דייטשלאַנד, וואו, יידן — מאַרקס און לאַסאַל — זיינען, ווי באַוואוסט, געוועזן די הויפּט־גרינדער פון דער אַר־בעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

מיט וואָס, אָבער, דערקלערט זיך אַזאַ שפּעט צושטיין פון יידן אין רוסלאַנד צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז אויפ־געקומען שוין גאַנץ לאַנג פאַר דעם? פאָרמולירנדיג דעם ענט־פער אין קורצן, דאַרף מען זאָגן: מיט זייער אויסשליסליכער לאַגע אין אונזער לאַנד.

קאפיטל ב

פראווון פון „אויסלייטישן“ יידן

מיט דער פאראייניגונג אַ טייל פון פוילן, נאָך איר צעטיילן, און פון דער דרום-מערבדיגער און צפון-מערבדיגער געגנטן צו רוסלאַנד, זיינען די יידן, ווערנדיג אונטערטאַנען פון רוסישן צאַר, פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט לחלוטין פרעמד צו אַל דעם רוסישן. איך געדענק גוט יענע צייט, ווען יידן האָבן געהאַלטן פאַר אַן עבירה צו לערנען זיך די רוסישע שפּראַך, און נאָר אין אַ נויט האָט מען דערלאָזט צו באַניצן זיך מיט איר, געוויינטליך, אין די באַציהונגען מיט קריסטן, מיט די „גויים“.

די יידישע מאַסן זיינען אין די טויזנטער צונויפגעפרעסט געווען אין די אָרימע קליינע שטעטלאַך, וואו ס'האָט אויסגעפעלט פרנסה פאַר בעל-מלאכות, נישט געווען קיין געהעריגער מסחר, און די יידן זיינען פאַראורטיילט געווען צו פירן אַ שווערע, כמעט הונגער-עקסיסטענץ, זיינען געזונקען אין עם-הארצות און איבערגלויבענישן און פאַנאַטיש זיך געהאַלטן אָן דער אוראַלטער רעליגיע, אַלטע מנהגים און פאָראורטיילן. דאָס אַלץ איז נאָך ביז איצט פאַרבליבן אין אַ גרויסער מאָס אין פיל פאַרוואָרפענע שטעטלאַך פון דרום-מערבדיגער און צפון-מערבדיגער געגנטן, און אויך אין גאַליציע.

ניקאָלאַי I, איינער פון די סאַמע גרויזאַמסטע רוסישע דעספאָטן, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער שנאה צו יידן, האָט באַשלאָסן „אויסצוליטישן“ זיי, און צוליב דעם צוועק האָט ער איינגעפירט פאַר זיי אָבליגאַטאָרישע מיליטער-פליכט, פון וועל-

כער זיי זיינען ביז יענער צייט געווען פריי. דאָס מיליטער־דינסט האָט דעמאָלט געדויערט גאַנצע פינף און צוואַנציג יאָר, און די מיליטערישע איבונגען פלעגן באַגלייט ווערן מיט אַ שרעקליכער מושטרע, מיט אומגעהייערער שטראָף דורך „שפּיצרוטענס“, שטעקנס און בייטשן. ניקאָלאַי I, דער דאָזיגער בלוטדאָרשטיגער צאַר, האָט זיך דערמיט אַליין נישט באַנוגנט און נאָך איינגעפירט דעם אַזוי גערופענעם „אינסטיטוט פאַר מינדעריאָריגע רע־קרוטן“ אָדער „קאַנטאָניסטן“: מ'פלעגט אָפּרייסן פון די עלטערן צוועלפיאָריגע און נאָך ייִנגערע קינדער און פאַרשיקן זיי אין די ווייטע מזרח־געגנטן, צעשיידנדיק זיי אויף תמיד מיט די נאָהענטע. די דאָזיגע אומגליקליכע ייִנגלאַך פלעגט מען, דורך פלערליי ענויים, צווינגען איבערגוואַלד אָנצונעמען „פּראַוואָסלאַוויע“, און אַז זיי פלעגן זיך אָפּזאָגן, האָט מען זיי געממיתט ביזן טויט.

אָט די אייגנטימליכע הורדוס־שחיטה פון ייִדישע קינדער איז פול געווען מיט אַזעלכע ענויים, אַז ווען איך דערמאָן זיך וועגן די מעשיות, וואָס כ'האָב געלייענט אָדער געהערט וועגן זיי אין דער יוגנט פון מענשן, וועלכע זיינען זיי בייגעווען, אָדער פון איי־ניגע פאַרבליבענע געוועזענע קאַנטאָניסטן, נעמט מיך נאָך איצט אָן אַ שוידער.

טויזנטער מינדעריאָריגע קינדער, באָרוויסע, הונגעריגע, פלעגן אין פראָסט און שטורעמס געטריבן ווערן דורך די גרויזאַמע „דיאַדקעס“ און, פאַרלירנדיג די כוחות, פלעגן זיי מאַסנווייז באַ־דעקן דעם וועג אויף מזרח*). נישט קיין בעסערער גורל האָט

---

*) כ'וועל אין קורצן דערמאַנען הערצענס אַ דערציילונג (אין „בילאָי אי דומי“) וועגן זיין באַגעגעניש אויפן וועג קיין וויאַטקע מיט אַ פאַרטיע קאַנטאָניסטן. אויף זיין פראַגע, וואָס איז געווען געווענדעט צום עטאַפּ־אָפיציר, וועמען ער באַגלייט, האָט דער לעצטער געענט־פערט, אַז „זשידיקלאַך פון 8—10 יאָר, — אַ דריטל פון זיי איז געבליבן אויפן וועג, אַ העלפט וועט נישט דערגיין ביזן באַ־שטימטן אָרט... זיי פאַלן טויט, ווי פליגן, אָפּגעצערטע און אויס־געמאַטערטע, און זיינען געצוואונגען צו 10 שעה כסדר קנעטן די

געוואַרט אויף די ווייניגע קינדער, וואָס זיינען געבליבן לעבן, ווען זיי פלעגן קומען צום באַשטימטן אָרט.

איינצייטיג מיט די דאָזיגע אוממענשליכע פּרואוון פון „אויס־לייטישן" און „רוסיפיצירן" די יידן, האָט דער געקרוינטער מערדער באַפוילן צו לערנען זיי די רוסישע שפּראַך. ס'איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי די איבערגעבענע קנעכט פונם צאַר פלעגן אויספירן אָט דעם באַפעל.

אויף די מיטלען פון „קאָראָבקע און ליכט־אָפּצאָל", וואָס זיינען באַוואוסט אונטער דעם דאָזיגן נאָמען, און וואָס זייער הכנסה פלעגט צונויפגעשלאָגן ווערן פון די סאַמע אָרימסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, זיינען אין איניגע ערטער פון „יידישן תחום" געגרינדעט געוואָרן עטליכע „קאַזיאָנע שולן" פון ערשטער מדרגה, און אויך צוויי מיטעלע „ראַבינער שולן", אין ווילנע און זשיטאָמיר, אויף צוגרייטן „קאַזיאָנע ראַבינערס" און לערערס. די יעניגע, וועלכע פלעגן ענדיגן איינע פון אָט די מיטל־שולן און אויסהאַלטן צוגאָב־עקזאַמענעס, פלעגן אָנגענומען ווערן אין אוניווערסיטעטן און איניגע ספּעציעלע העכערע לערן־אַנ־שטאַלטן. יידישע ייִנגלאַך האָט מען אויך אָנגעהויבן דערלאָזן אין גימנאַזיעס, און נאָכן ענדיגן — אויך אין אוניווערסיטעטן, וואָס האָבן, ווי באַוואוסט, געגעבן דאָקטוירים און יוריסטן פון יידן איניגע פּריווילעגיעס (רעכט צו וואוינען אומעטום א. ד. ג.).

נאָך אין משך פון זעהר אַ לאַנגער צייט האָבן יידן, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, זיך באַצויגן צו אָט די „בילדונגס"־פּרואוון פון צאַר זעהר פיינטליך. אַלס אילו־סטראַציע דערצו וועל איך ברענגען אַן אינטערעסאַנטן אויסצוג פון

בלאָטעס און עסן סוכאַרעס". אַז מ'האָט דערנאָך צוגעפירט און אויסגעשטעלט אין אַ ריכטיגן פראָנט די דאָזיגע אומגליקליכע קינ־דער, איז הערצענען באַפאַלן אַ פחד: „קיין איין שוואַרצער פענדל וועט נישט אויסמאָלן אַזאַ שרעק אויפן לייוונט — האָט ער געשריבן: מיר האָט זיך געוואָלט וויינען. כ'האָב געפיהלט, אַז כ'וועל נישט אויסהאַלטן".

פ. ב. אַקסעלראָדס אַוטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט מיר געגעבן אין כתב־יד צוליב מיינע זכרונות, באַשטימטע נאָך פאַר דער „צוקונפט“, און וואָס איך האָב ביז איצט נאָך נישט אויסגעניצט עס אינגאַנצן.

„דער אָרימער לאַגע פון מיינע עלטערן, — באַמערקט אַקסעל־ראָד, — האָב איך צו פאַרדאַנקען, דער עיקר, וואָס איך בין אָנ־געקומען אין אַ שול, וואו מ׳האָט געלערנט יידישע קינדער די רוסישע שפּראַך, און וואו מ׳האָט מיך צוגעגרייט צום אָנקום אין אַ גימנאַזיע“.

„די דאָזיגע שול איז, לויט דער איבערצייגונג פון די יידן, איינגעאָרדענט געוואָרן דורך דער רעגירונג און אויסגעהאַלטן גע־וואָרן אויפן חשבון פון מלוכה־געלטער נאָר מיט דעם צוועק, כּדי אָפּצורייסן זייערע קינדער פון דער יידישער תורה, אמונה און מנהגים פון יידישן פאָלק, און, אפשר, אפילו, כּדי מיטהעלפן און צוגרייטן זיי אויף אָנצונעמען קריסטענטום. דעריבער האָבן די יידן, מיט קליינע, איינציגע אויסנאַמען, נישט געשיקט זייערע קינדער אין די „קאַזיאָנע שולן“, און די לעצטע זיינען שטענדיג געווען אין אַ געפאַר צו בלייבן אינגאַנצן לעדיג. נאָר דאָס איז געווען קעגן די פּערזענליכע אינטערעסן פון דעם שול־אויפזעהער (ער איז געווען לערער אויך), אַ קריסט, וואָס פלעגט דערפאַר מאַכן אַן ענערגישן דרוק אויף די פאַראַנטוואָרטליכע פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה, אין דעם זינען, אַז זיי זאָלן אָננעמען מיטלען צו באַזאָרגן די שול מיטן נויטיגן מינימום תלמידים. און אַלס איינער פון די דרוק־מיטלען אויף זיי, אין פאַל פון שילער־מאַנגל, האָבן געדינט פאַרשיידענע צוטשעפּעניִשן צו מלמדים, וואָס האָבן געלערנט מיט קינדער אין חדרים תורה און גמרא א. א. וו., און דראָהונגען צו פאַרמאַכן אָט די חדרים אויף דעם אָדער יענעם אופן“.

„און אָט אין אַזאַ קריטישער צייט בין איך אָנגעקומען אין אַ קריסטליכער שול. כּדי אַרויסצוראַטעווען די נשמות פון דעם רוב יידישע קינדער, האָבן די פּני פון דער שטאָט באַשלאָסן צו

ברענגען פאַר אַ קרבן די קינדער־נשמות פון עטליכע קבצנים. איך ווייס ניט, צי וואָלט זיך איינגעגעבן איינרעדן מיין פאָטער, — אַ בלינד־פאַנאַטישן מענשן נישט נאָר בנוגע דער „אמונה פון די אבות", נאָר אויך אין פּרט פון קליידונג און אַנדערע קלייניקייטן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה פון דור־דורות, — צו אָפּגעבן מיך אין אַ „גויאישער" שול, וואו מ'האָט געפאָדערט פון די שילער, אַז די פאות זאָלן ביי זיי זיין קירצער, ווי ביי אַלע יידן. נאָר מיין פאָטער איז דעמאָלט נישט געווען אין שטעטל, און די מוטער האָט דערזעהן אין דער שול אַ מיטל „צו מאַכן פון מיר אַ לייט". אַ גרויסער נסיון פאַר איר איז אויך געווען די הבטחה פון די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער קהלה צו אויפנייען מיר וואַרימע מלבושים און שטיוול — דער ווינטער איז דעמאָלט געווען אַ שרעקליך קאַלטער. אָט דעם נסיון, צו זעהן מיך וואַרים אָנגעטאָן און אין גאַנצע שטיוול, האָט זי נישט געקאָנט ביישטיין. חוץ דעם האָט מען מיר נאָך געגעבן „צוויי טעג" אין וואָך ביי פאַרמעגליכע יידן. אויף אַזאַ אופן בין איך, אין אַ יאָר צי צוויי אַרום נאָך אונזער איבערפאָרן קיין שקלאָוו, אָנגעקומען אין אַ שול, פון וואַנען איך האָב געקאָנט נאָכן ענדיגן אַריבערגיין אין אַ גימנאַזיע".

די דאָזיגע דערציילונג פון פּ. ב. אַקסעלראָד געהערט צום סוף פון די פופציקער יאָרן, דאָס הייסט, שוין בעת דער ממשלה פון דעם נייעם ליבעראַלן צאַר. אויב אין יענער צייט האָבן די יידן זיך באַצויגן אַזוי נעגאַטיוו צום לערנען זייערע קינדער די „גויאישע שפּראַך", איז שוין זעלבספאַרשטענדליך, אַז אין די צייטן פון זיין גרויזאַמען פאָטער פלעגן זיי אָננעמען נאָך מער קאָמפּליצירטע מיטלען, כדי פטור צו ווערן פון אָט דעם „געפערליכן חוב".

קיין וואונדער נישט, דעריבער, וואָס פאַר דער ממשלה פון ניקאָלאַי I האָט מען געקאָנט איבערציילן אויף די פינגער די יידן, וואָס האָבן באַקומען וואָסערע ס'ניט איז בילדונג, און ווער רעדט — מיטעלע אָדער העכערע בילדונג. שוין נאָר אָט דער פאַקט אַליין, דענק איך, מאַכט גענוג קלאָר, פאַרוואָס אין דער דאָזיגער

ממשלה האָט מען איננאַנצן נישט געהערט וועגן אָנטייל פון יידן נישט נאָר אין די אָפּאָזיציאָנעלע שטרעמונגען פון דעם פּראָגרע־סיוון טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט, נאָר אויך בכלל, אין דעם אינטעלעקטועלן לעבן פונם לאַנד.

זייער לאַגע, און צוזאַמען דערמיט אויך זייער ראָלע, האָט, ווי באַוואוסט, זיך שטאַרק געביטן מיטן אָנהויב פון דער ממשלה פון אַלעקסאַנדער II.

קאַפּיטל ג

די לאַגע פון די יידן פאַר אַלעקסאַנדער II

מיטן אָנהויב פון דער נייער ממשלה, וואָס איז באַרימט גע־וואָרן, ווי באַוואוסט, אַלס ליבעראַלע און רעפאָרמאַטאָרישע, איז אויך עפּעס איבערגעפאַלן לטובת דעם שווערן גורל פון די יידן. אַלעקסאַנדער II האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרביסענע שנאה און גרויזאַמקייט צו די יידן, הגם ער האָט אויך, ווי ס׳זעהט אויס, נישט געהאַט צו זיי קיין מינדסטע סימפּאַטיע. אָבער דאָך האָבן זיי פאַר אים גרינג אָפּגעאָטעמט: חוץ דעם, וואָס ס׳איז פאַר־קירצט געוואָרן דער אומגעהייער גרויסער טערמין פון מיליטער־דינסט און ס׳איז אינגאַנצן בטל געוואָרן דער באַרבאַרישער אינ־סטיטוט פון קאַנטאָניסטן, האָבן די יידן אויך באַקומען אייניגע פאַרגרינגערונגען אין וואוינרעכט און אויסוועהל פון פּראָפעסיעס. דערצו נאָך האָט די אַדמיניסטראַציע, אונטער דער ווירקונג פונם נייעם קורס, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט מיט דער ממשלה פון אַלעקסאַנדער II, זיך וועניגער געטשעפּעט צו די יידן. זי האָט נית שטרענג דורכגעפירט אייניגע וויכטיגע באַגרעניצונגען פאַר די לעצטע אין זייערע רעכט און פלעגט אָפט, ווי מ׳זאָגט, קוקן צווישן די פינגער אויף דעם אָדער יענעם ברעכן דעם אַנטי־יידישן „גע־זעץ" דורך קליינע באַאַמטע. דאָס פלעגט אויך געטאָן ווערן, פאַרשטייט זיך, נישט אומזיסט. דערצו דאַרף מען נאָך דער־מאַנען, אַז גענעראַל־גובערנאַטאָר פון דרום־מערבדיגער געגנט איז דאַן געווען פירשט וואַסילטשיקאָוו, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ליבעראַל. איך געדענק פון מיינע קינדער־יאָרן, ווי יידן

פלעגן זיך אָפּרופֿן וועגן אים פֿאַר זײַן גוטער באַציִהונג צו זיי: „ס׳איז ניט קיין נאַטשאַלניק, נאָר אַן אייגענער פֿאָטער". אַלס קוראַטאָר פֿון בילדונגס־קרייז איז אויך געווען דער יידן־פֿריינט־ליבער, באַוואוסטער כירורג, פּיראָגאָוו, וואָס האָט מיט זײַן הומאַני־טאַרישער באַציִהונג מיטגעהאָלפֿן אין אַ גרויסער מאָס אָפּצושוואַכן די פֿיינטליכע שטימונג ביי יידן צו די „גויאישע" שולן און וויסנ־שאַפֿטן.

נישט ווייניגער וויכטיג, ווי די איבערגערעכנטע פֿאַקטן, פֿאַר־וואָס די יידן האָבן אָנגעהויבן פּיהלן אַ צוטרוי צום נייעם צאַר, איז געווען דער פֿאַקט, וואָס זייער עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך אָנ־געהויבן אַ ביסל פֿאַרבעסערן.

ווי באַוואוסט, איז דאָס געווען נאָך דער סעוואַסטאָפּאָלער מפּלה, ווען דאָס פֿאַטריאַרכאַלע קנעכטישע לאַנד, וואו ס׳האָט געהערשט די נאַטורעלע ווירטשאַפֿט, האָט אָנגעהויבן שנעל זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ קאַפּיטאַליסטישער: מ׳האָט אָנגעהויבן אינטענסיוו בויען אייזנבאַן־וועגן, ס׳זיינען געשאַפֿן געוואָרן פֿאַרשיידענע אינדו־סטריעלע און סוחרישע אונטערנעמונגען, ס׳זיינען אויפֿגעקומען אַקציאָנערע געזעלשאַפֿטן, בענק וכדומה.

אַלס האַנדלס־אינדוסטריעלער און פֿאַרמיטלערישער קלאַס דער עיקר, האָבן אַ סך יידן, אַדאַנק דעם, וואָס אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַן עקאָנאָמישע אויפֿלעבונג, געפֿונען אין די אויבן־אויסגערעכנטע אונטערנעמונגען אַ ברייטע אָנווענדונג פֿאַר זייערע כּוחות און פֿעהיגקייטן. דאָס האָט, פֿאַרשטענדליך, נישט ווייניג געהאָלפֿן דער פֿאַרבעסערונג פֿון זייער מאַטעריעלער לאַגע, און אייניגע פֿון זיי זיינען אַדאַנק דעם גיך נתעשר געוואָרן: ס׳איז גענוג צו דערמאַנען די גרויסע גבירים־מיליאָנערן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן — ווי פּאָליאַקאָוו, וואַרשאַווסקי, בראָדסקי, גינצ־בורג, ראָזנבערג און אַנד.

מ׳האָט דערלויבט יידן, וואָס האָבן געענדיגט העכערע לערן־אַנשטאַלטן, און אויך סוחרים פֿון 1־טער גילדיע און בעל־מלאכות, איינצואָרדענען זיך אויך אויסער דעם „יידישן תחום".

אַט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אויסגערעכנט, האָט אין אַ באַדייטענדער מאָס געווירקט ווי אויף דער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די יידן, אַזוי אויך אויף זייער דערנעהענטערונג מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג. חוץ דער יוגנט, וואָס האָט גיך איבערגענומען די רוסישע בילדונג, האָט מען געקאָנט באַגעגענען צווישן יידן אין די זעכציגער יאָרן און אין גרויסע צענטרען, דערוואַקסענע מענשן, וואָס זיינען שוין נישט געווען אָרטאָדאָקסיש געשטימט, נאָר, פאַרקערט, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך איבערגלויבענישן און באַקומען אַ פולשטענדיג אייראָפּעאישן אויסזעהן. אין יענער צייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן יידן, וואָס האָבן געפּרעדיגט אַסימילאַציע — דאָס צונויפגיסן זיך מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג.

איך געדענק זעהר גוט, ווי אויף מיינע אויגן האָט זיך אָנגעהויבן בייטן אין תוך די באַציהונג פון יידן צו דער „גויאישער" וויסנשאַפט: ס'איז אינגאַנצן דורכגעגאַנגען 10—12 יאָר זינט אַלעקסאַנדער II איז אַרויף אויפן טראָן, און די צאָל יידן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין מיטעלע און העכערע לערן־אַנשטאַלטן, איז גיך אויסגעוואַקסן, — דעמאָלט האָט נישט עקסיסטירט נאָך די פאַרדריסליכע „פּראָצענט־נאָרמע".

אַזוי אַרום, האָט אפילו אַ קליינע פאַרגרינגערונג, וואָס יידן האָבן באַקומען פאַר אַלעקסאַנדער II, געווירקט אין אַ גרעסערער מאָס צו זייער רוסיפיקאַציע, ווי די גרויזאַמע גוואַלד־מעטאָדן, וועלכע ס'פלעגט אָנווענדן זיין בלוט־דאָרשטיגער פאָטער. דאָ האַלט איך פאַר פאַסנד צו באַרירן איינגע שטריכן, וואָס געהערן אַ סך פאָרשטייער פון אונזער פאָלק.

איינגע יידן פאַראייניגן אין זיך צוזאַמען מיט גרויסער פּראַקטישקייט אויך אומגעהייערע נייגונג צו אידעאַליזם, אָפּטימיזם און פאַנטאַסטישע פּלענער. מענשן, וואָס ווייזן זיך אַרויס אפילו פאַר גאַנץ ניכטערע רעאַליסטן, זיינען מסוגל ביי דער מינדסטער געלעגנהייט אַוועקצוטראָגן זיך ערגעץ אונטער די הימלען, בויען לופט־שלעסער, טרוימען וועגן פאַרשיידענע נישט געשטויגענע זאַכן

וכדומה. די דאָזיגע טבע איז נישט פרעמד געווען אפילו דעם העכסט⸗פּראַקטישן, געניאַלן פ. לאַסאַל, וואָס פלעגט טרוימען אין דער הויך, ווי ס׳גיבן איבער אייניגע מענשן פון זיין דור, ווי מ׳וועט אים אויסקלייבן פאַר אַ פּרעזידענט פון דער פאַראייניגטער דייטשער רעפּובליק.

נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס אַ פרומער ייד גיט אָפּ אַ סך צייט אויף שטודירן דאָס אַלטערטום, לעבט ער דאָך נישט מיטן עבר, ווען ער זיצט איבער דער גמרא, און נאָך ווייניגער מיט זיין נישט איבעריק פרעהליכן הווה, נאָר, דער עיקר, מיטן אויסגעחלומטן עתיד: ער טרוימט וועגן דער צייט, ווען ס׳וועט ווידער אויפגעבויט ווערן ירושלים אין זיין גאַנצער אַמאָליגער פּראַכט, גרויסקייט און מעכטיקייט. אַנדערע, וואָס האָבן נישט מער ווי דאָס טרוקענע שטיקל ברויט, נאַרן זיך מיט דער האָפענונג, אַז דער אויבערשטער וועט זיי פּלוצים מאַכן רייך, — אָט האָט ער דאָך געפּרואווט יאובן מיט אָרימקייט און פּיין, און בכלל, פאַראַן דען ווייניג פאַלן, ווען פון קבצנים ווערן גבירים?

אָט די נויגונג צו אַרומטראָגן זיך מיט פאַנטאַזיעס, וואָס דערקלערט זיך מיטן שווערן עבר פון אונזער פאָלק, האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויפן כאַראַקטער און אויך אויפן גורל פון די יידן: טיילווייז אַדאַנק אָט דער טבע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראַקטישקייט, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי זיי דורך דעם פילדורותדיגן לעבן פול מיט אָנצאָליגע צרות און ליידן, האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט אַ גרויסע אויסשטאַנד⸗קראַפט און, לערך, אַ שטאַרקע לעבנספעהיגקייט.

פון דער אַנדער זייט, באַטייט די טבע צו טרוימען און פאַנטאַזירן אַ נויגונג, וואָס איז אייגנטימליך פאַר פילע פון זיי, צו נייקייט, צו ראַדיקאַלישע פּאָליטישע און סאָציאַלע ענדערונגען. אָט פאַרוואָס יידן פאַראייניגן זיך, גרינגער ווי אַנדערע פעלקער, מיט די נייע שטרעמונגען און פּאַרטייען, וואָס קומען אויף אין די לענדער, וואו זיי וואוינען. דאָס דערקלערט זיך, חוץ דעם, אויך מיט

זייער אָרימער לאַגע און באַגרעניצונגען כמעט אומעטום אין זייערע פּאָליטישע און בירגערליכע רעכט.

נאָר די פאָרשטעלונג, וואָס עקסיסטירט ביי אייניגע, אַז יידן זיינען בלומרשט שטענדיג און אומעטום געווען די גרינדער פון נייע געזעלשאַפטליכע אָרדענונגען, איז אַ גוזמא: חוץ קליינע אויסנאַמען, האָבן יידן אין משך פון זייער לאַנגער, פיל־דורותדיגער געשיכטע זיך קנאַפּ אויסגעטיילט מיט זייער איניציאַטיווקייט, דערפינדונגס־גייסט און פעהיגקייט צו אַנטפּלעקן און אָנווייזן פאַר אַנדערע שפּאָגל־נייע וועגן, — אמת, גיכער פון אַנדערע, און אָן איבעריגע וואַקלעניישן, טאַפּן זיי אָן אָט די וועגן. און נאָר שטאַרק פרומע, אָרטאָדאָקסישע יידן, וואָס לעבן אין פּראָווינציעלע, ווייניג אָדער אינגאַנצן אומקולטורעלע ערטער פון דער מערבדיגער געגנט, זיינען קאָנסערוואַטיוו, און דאָך בלייבן אויך זיי איבער אַזוי נאָר ביז דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער ברייטער אויסערליכער וועלט, מיט דער בילדונג און ציוויליזאַציע. ביי סאַמע דעם קלענסטן באַהעפט אפילו מיט דער „גויאישער“ בילדונג, איז דעם יידן שוין נישט שווער אָפּצוזאָגן זיך פון פאָראורטיילן און איבערגלויבענישן, אין וועלכע ער און זיינע אבות זיינען געזונקען אין משך פון פיל דורות און יאָרטויזנטער. נאָר ווי באַלד ס׳איז שוין דורכגעשלאָגן אַ וואַנט אין זיין אָרטאָדאָקסישער וועלט־אנשויאונג, איז ער פעהיג צו גיין ווייטער ביז סאַמע די עקסטע גרעניצן. מ׳דאַרף נאָר קאָנען ווי געהעריג צו דערווייזן די אומלאָגישקייט און אומבאַגרינדעטקייט פון זיינע פאַרעלטערטע אנשויאונגען, געוועהנהייטן און מנהגים, און דער ייד איז שוין פעהיג איבערצוגיין פון איין עקסטרעם צו דער אַנדערער.

קאַפּיטל ד

„ניהיליסטן“ צווישן יידן

צוגעשטאַנען צו דער „גויאישער“ בילדונג, האָט די יידישע יוגנט גיך נאָך דעם אויך זיך פאַראייניגט מיט דער סאַמע פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטליכער באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאַן פאַרשפּרייט אין אונזער לאַנד און וואָס האָט, אַדאַנק טורגענעוון, באַקומען דעם נאָמען „ניהיליזם“. אָפּלייקענענדיג די פאַרעלטערטע מנהגים, אויפשטייענדיג קעגן די נאַרישע פאָרשטעלונגען, איבערגלויבענישן און אנשויאונגען, נישט אָנערקענענדיג קיין אַוטאָריטעטן א. א. וו., האָט דער ניהיליזם דורכגעלעגט אַ וועג פאַר דער אידעע פון גלייכהייט פון אַלע מענשן אָן אונטערשייד. דעם ניהיליזם, אגב, האָט רוסלאַנד צ דאַנקען פאַר דעם אַלעמען באַוואוסטן און מערקווירדיגן פאַקט, וואָס אין אונזער ווייניג קולטורעלן לאַנד האָבן די פרויען אָנגעהויבן פריהער, ווי אין די סאַמע ציוויליזירטע לענדער, שטרעבן צו העכערער בילדונג, און דערנאָך אויך צו גלייכע רעכט מיט די מאַנסבלען. דאָס האָט שוין געהאַט אַן אומגעהייער גרויסן ווערט, און אין דער צוקונפט, מסתמא, וועט עס האָבן נאָך אַ גרעסערן פאַרן גורל פון אונזער לאַנד, און קאָן זיין, אויך פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

דאָס, פאַרוואָס פרומע יידן האָבן אַזוי מורא געהאַט, — ווי ס׳האָט דערציילט פּ. ב. אַקסעלראָד, — נעמליך, אַז זייערע קינדער, ווען זיי וועלן אָנהויבן לערנען די „גויאישע“ וויסנשאַפטן, וועלן זיי אָפּטרעטן פון דער „אמונה פון די אבות“ און דער

ירושה פונם עבר, האָט אינאײנעם מיט דער „גויאישער" שול דורכגעפירט דער „ניהיליזם".

ס'וועט גאָרנישט זײַן קײן גוזמא, אויב איך וועל זאָגן, אַז אויף דער יידישער לערן־יוגנט האָט דער ניהיליזם געהאַט נאָך אַ גרעסערע ווירקונג, ווי אויף דער קריסטליכער. און דאָס איז זעהר פאַרשטענדליך.

די העכערע שיכטן פון דער רוסישער באַפעלקערונג האָבן אין אַ געוויסער מאָס זיך שוין לאַנג פאַראייניגט צו די מערב־אייראָפּעאישע אָנשויאונגען, זיטן און מנהגים. דערפאַר זײַנען בײַ זײ, נאָך ביז דער פאַרשפּרייטונג פונם ניהיליזם, — טײלווייז אונטער דער ווירקונג פון פראַנקרײך, איר פילאָזאָפיע, ראָמאַניסטן, טעאַטער און מאָדעס, — פאַרשוואונדן געוואָרן די אַלטע מנהגים, אָנשויאונגען און איבערגלויבענישן. אין אַן אַנדער לאַגע האָט זיך געפונען די עם־הארצישע קלײנבירגערליך־סוחרישע סביבה, אָט דער גרעסטער שיכט, פון וואַנען ס'איז אַרויס די יידישע יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט צו השכלה און בילדונג: דאָ האָבן אינגאַנצן געהערשט זיטן און פאָרשטעלונגען, זעהר ענליכע צו די, וואָס אָסטראָווסקי האָט באַשריבן אין זײַנע פּיעסעס.

דאָס יידישע מײדל, למשל, האָט נישט נאָר נישט געקאָנט חתונה האָבן דורך ליבע, נאָר ביז דער חופה האָט זי נישט געטאָרט אפילו אָנקוקן דעם חתן, וואָס אירע עלטערן פלעגן איר אויסקלײבן דורך אַ שדכן. אָן די עלטערן אָדער אָן עמיצן פון די אײגענע האָט זי נישט געקאָנט אַרויסגײן פון שטוב א. א. וו.

די נײַע „ניהיליסטישע" אָנשויאונגען, וואָס די ברידער, גימנאַזיסטן און סטודענטן, פלעגן אַרײַנברענגען, און דערנאָך אויך די נעהעריגע שריפטן פון די גרעסטע רוסישע שרײַבער, האָבן געמאַכט אַ קאָלאָסאַלע און אײנצײַטיג אַן אומגעהײער שנעלע איבערקערעניש אין דעם לעבנס־שטײגער פון דער פאַטריאַרכאַלישער יידישער פאַמיליע. באַגעגענענדיג מצד די עלטערן אַ שאַרפן ווידערשטאַנד אין דער שטרעבונג צו בילדונג, פלעגט די יידישע יוגנט, אפילו פון די סאַמע פאַרוואָרפענסטע שטעטלאַך, אַוועקגײן

בסוף פון דער היים, זעהר אָפט מיט אַ קליין קלומעקל אויף די פלייצעס און אָן שום מיטלען, כדי צו שטודירן ערגעץ די „גויאישע“ וויסנשאַפטן. אַזוי, אגב, האָט געטאָן העסי העלפמאַן, וועלכע איז דערנאָך געוואָרן באַוואוסט. דיזעלבע פּשוט־ווירקונג האָבן געהאַט די אָנשויאונגען פון די ניהיליסטן אויך אויף די איינ־געוואָרצלטע, דאַכט זיך, יונגע פאַנאַטיקער, די ישיבה־בחורים. ס'איז געווען געוויס אַ צוויי־דריי שמועסן פון אַ ניהיליסט, און דער ישיבה־בחור פלעגט זיך צעשיידן מיט אַלע זיינע פּאַטריאַרכאַלע אָנשויאונגען, און אויך מיט זיין ספּעציפישער קליידונג, געוועהנ־הייטן וכדומה. דער ישיבה־בחור פלעגט פאַרוואַרפן די גמרא, וואָס ער פלעגט לערנען טאָג און נאַכט אין משך פון לאַנגע יאָרן, און נעמען שטודירן פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, אין וועלכע ער האָט אָפט אַרויסגעוויזן גרויסן ערפאָלג. איך האָב געקענט אַזעלכע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גלענצנדע פעהיגקייטן; וועגן אייניגע וועל איך דערציילן שפּעטער.

ס'איז זעהר פאַרשטענדליך, דעריבער, פאַרוואָס דער ניהיליזם האָט געהאַט אַזאַ גרויסן ערפאָלג צווישן דער יידישער יוגנט: אַפּעלירנדיג צו דער לאָגיק, צום שכל, דערוויינזנדיג די נויטינקייט צו זוכן אין אַלץ אַ זינען, קאָנסעקווענטקייט און צילבאַוואוסטקייט, פלעגט דער ני־היליזם דערמיט אַליין ענטפערן אויף די גייסטיגע פאָדערונגען, וועלכע פלעגן שטופן די פעהיגע און אָפט זעהר טאַלאַנט־פולע יונגע לייט צו לערנען די יידישע תורה, אין וועלכער זיי פלעגן, אגב, נישט געפינען קיין פולע באַפרידיגונג פאַר זייער דאָרשטיגער שטרעבונג צום וויסן.

נאָר דער ניהיליזם איז געווען פּאָפּולער נישט נאָר צווישן דער יידישער יוגנט: קענען אים, — לכל הפחות אין די גרויסע שטעט, — זיינען נישט נאָר שטאַרק אַרויסגעטראָטן אויך די עלטערע יידן. איך רעד, אמת, נאָר וועגן דער שטאָט קיעוו, וואו איך האָב געקענט אויף „פּאָדאָל“, — אַ „יידישער תחום“ אין דער דאָזיגער הייליגער רוסישער שטאָט, — נישט ווייניג יידישע

פאַמיליעס, און איך קאָן זיך נישט דערמאָנען קיין איין משפחה, אין וועלכער ס׳זאָלן געווען זעהר נעגאַטיוו זיך באַציהען צום ניהיליזם נישט נאָר די „קינדער“, נאָר אפילו אויך די „עלטערן“.

אַנדערש, ווי באַוואוסט, איז געווען אין דער זעלבער צייט אין די ענליכע שיכטן פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג: דאָרט פלעגן פאָרקומען אַמאָל איבערן ניהיליזם פונם יונגן דור גאַנץ גרויסע קאָנפליקטן צווישן די „עלטערן“ און די „קינדער“.

אינם „ניהיליזם“ איז דער באַלעבאַטישער קלאַס גרייט געווען צו זעהן אַ געפערליכע ריכטונג, וואָס קאָן ברענגען צו פלערליי צרות, אין דער צייט, ווען אין דער אמתן האָט דער „ניהיליזם“ נישט פאָרגעשטעלט קיין מינדסטע געפאַר פאַר די יסודות פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. גיכער אפילו פאַרקערט: אין געוויסע פּרטים האָט ער זי אונטערגעהאַלטן און באַפעסטיגט מיט זיין אַנטשיידן אָפּלייקענען די רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט און מיט זיין פרעדיגן אָנשטאָט דאָס לעצטע, דעם פרידליכן, בהדרגהדיגן פּראָגרעס. דער ניהיליזם האָט געהאַלטן פאַר מעגליך דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט נאָר אַלס רעזולטאַט פון פאַרפולקומונג פון זיינע באַזונדערע אינדיווידואומען.

„לעב אין היסכם מיטן שכל, רעכן זיך מיט ריכטיגע, לאָגישע באַטראַכטונגען אין אַלע דיינע מעשים“ — האָבן געפרעדיגט די „ניהיליסטן“. „ווען די געבילדעטע מענשן וועלן זיך באַפרייען פון פלערליי איבערגלויבענישן און אומלאָגישע אָנשויאונגען, ווען זיי וועלן פירן זייער לעבן אין היסכם מיט דער מאָדערנער וויסנשאַפט, פאָרשטעלונגען און אָנשויאונגען, דאַן וועלן אומבאַדינגט קומען אַנדערע, וואָס וועלן נאָכטון זייער ביישפּיל — די וועניג אָדער אינגאַנצן אומקולטורעלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג; אַזוי אַרום, וועט די געזעלשאַפט שנעל זיך ענדערן צום גוטן, ס׳וועלן נעלם ווערן אַלע פעלערן און אומפולקומענהייטן פון די מענשן, די הערשענדע אומגערעכטקייט וועט פאַרביטן ווערן

דורך פולער גלייכהייט און ברודערשאַפט, אָן שום גוואַלדטאַטן איבער עמיצן און רעוואָלוציעס *)".

נישט נאָר אין די איינע אויבן־דערמאָנטע פּרטים האָט דער „ניהיליזם" געשפּילט ביי אונז — און, איך חזר איבער, באַזונדערס צווישן יידן, — אַזאַ גרויסע ראָלע; זיין גרויסע ווירקונג האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט נאָר אין דער שנעלער עמאַנסיפּאַציע פון אונזערע פרויען, זי האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף די פראַגן פון דערציהונג, אויף די באַציהונגען פון קינדער צו עלטערן, אין די אויסערליכע מאַנירן, אין די באַציהונגען איינער מיטן צווייטן וכדומה האָבן די „ניהיליסטן" זיך אויסגעטיילט, ווי באַוואוסט, פון מענשן פון זייער קרייז, וואָס זיינען נאָך ניט צוגעשטאַנען צו אָט דער גוטווירקענדער שטרעמונג. איך זאָג „גוטווירקענדער שטרעמונג", ווייל, אַדאַנק איר, דער עיקר, האָט די רוסישע געזעלשאַפט אין אַ קורצער צייט — אין אַ 10—15 יאָר כמעט, — נישט נאָר אָנגעיאָגט די פּראָגרעסיווע מערב־איראָפּעער, נאָר אין געוויסע פּרטים אפילו באַדייטענד זיי איבערגעיאָגט.

פון די הויפּטשטעט און אוניווערסיטעט־שטעט איז דער ניהיליזם אַריינגעדרונגען אפילו אין די פּאַרוואָרפענסטע פּראָווינציעלע לעכער און האָט דאָרט געפונען אָנהענגער צווישן יידן.

נאָר אויך אין דער דאָזיגער שטרעמונג, ווי אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז געקומען נאָך איר, האָבן די יידן נישט אַריינגעטראָגן לחלוטין קיין שום נייס, אייגנס, נישט אַרויסגעוויזן קיין מינדסטע איניציאַטיוו, קיין שום אָריגינעלישקייט: זיי פלעגן נאָר שנעל און גרינג פאַרדייען די באַגריפן, אידעען און געוועהנהייטן, וואָס די קריסטן האָבן אויסגעאַרבעט. איך פאַרזיכער עס, הן אויפן סמך פון דער באַקאַנטשאַפט מיט דער ליטעראַטור פון יענער צייט, הן אויפן גרונד פון פּערזענליכע באַאָבאַכטונגען.

---

*) באַזונדערס אויספירליך, איבערציינגנד און לייכטפאַסליך האָט געפּרעדיגט „ניהיליזם", ווי באַוואוסט, ד. פּיסאַרעוו, טיילווייז אויך דאָבראָלובאָוו און טשערנישעווסקי.

אין דער מיט פון די זעכציגער יאָרן האָט אין אונזער שטאָט עקסיסטירט אַ גאַנץ באַדייטענד קרייזל, וואָס איז באַשטאַנען אויסשליסליך פון יידישער לערן־יוגנט פון בײדע געשלעכטער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָן די אָנשויאונגען און געוועהנהייטן פון די ניהיליסטן — איך בין אויך אַריינגעגאַנגען אין דעם קרייזל. אויף די קיעווער גאַסן האָט מען געקאָנט אָפט באַגעגענען אַ יונגן יידישן סטודענט אָדער אַ „פוטורוס“, ד. ה. אַן עקסטערן, וואָס פלעגט זיך גרייטן צום ענדגילטינן גימנאַזיע־עקזאַמען, — אין אַ פלעד, מיט לאַנגע האָר, ווי ביי אַ גייסטליכן, און מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט. די מיידלאַך, פאַרקערט, פלעגן טראָגן קורצע האָר און זיינען געווען געקליידט גאָר פראָסט און באַשיידן. אָט דער אָרימער אויסזעהן פלעגט אַרויסרופן ביי איינע שפּאָט און געלעכטער, און ביי די אַנדערע אויפרעגונג און שנאה... דאָס האָט אָבער אויך געהאַט אַ גינסטיגע ווירקונג אויף אונזער יוגנט, ווייל זי פלעגט זיך לערנען דערפון זיין גלייכגילטיג צו די פאָדערונגען פון מענשן, און נישט פטרן קיין צייט און איבעריגע מיטלען אויפן טואַלעט.

אין די געמיינזאַמע באַציהונגען פון די יונגע לייט פון ביידע געשלעכטער האָט זיך איינגעשטעלט, אַדאַנק דעם ניהיליזם, אַ פראָסטקייט און צוטרוי, וואָס טיילן אַזוי גוט אויס אונזער פראָגרעסיווע יוגנט פון דער מערב־אייראָפּעאישער.

נאָר נאָך מער, ווי מיט אָט די ווערטפולע זייטן, האָט דער ניהיליזם געשפּילט זעהר אַ גרויסע ראָלע אין אונזער לעבן דערמיט, וואָס ער האָט אונז געלערנט דענקען און אָפּגעבן זיך אין אַלץ אַ קלאָרן דין־וחשבון: דערמיט פלעגט ער צוגרייטן אין אונז אַ באָדן אויף אויפנעמען אַנדערע נייע אידעען, וואָס פלעגן אַריינדרינגען צו אונז פון מערב־אייראָפּע, און וואָס ער האָט זיי געפּרעדיגט.

קאַפּיטל ה

די פרידלעכקייט פון יידן און די אָנקומענדע רעאַקציע

פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב פריהער דערמאָנט, דענק איך, איז קלאָר, אַז אין די זעכציגער יאָרן האָט זיך יידן געלעבט בכלל נישט שלעכט אין רוסלאַנד. ווען מיר פלעגן אויסהערן מעשיות פון אַלטע לייט וועגן דעם, וואָס ס'איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן יידן פאַר ניקאָלאַי I, האָבן מיר, נאַטירליך, זיך געפיהלט גליקליך אין די באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך אומגעביטן פאַר זיין יורש, און פאַרוואָס פילע פון אונז האָבן כמעט געבענשט דעם לעצטן. אמת, מיר זיינען נאָך אַליך געווען באַגרעניצט מיטן „יידישן תחום“, האָבן נישט געהאַט אַ סך רעכט, וואָס די רוסישע באַפעלקערונג האָט זיך מיט זיי יאָ באַניצט; נאָר איך געדענק, אַז אין משך פון אַ לאַנגער צייט איז מיר נישט אויסגעקומען צו הערן זיך קלאָגן און פאַריבל האָבן אויף דעם: קיינער פון אונזער סביבה האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף די דאָזיגע און אַנדערע נעגאַטיווע זייטן פון דעם לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד.

באַקומענדיג אייניגע פאַרגרינגערונגען, — פון זיי איינע אַלס רעזולטאַט פון אַלגעמיינע רעפאָרמעס, און די אַנדערע, וואָס זיינען נוגע געווען נאָר אונז, — די גרעסטע זיינען געווען דאָס דערמאנטע פאַרקירצן דעם טערמין פון מיליטער-דינסט און אָפּשאַפונג פון דער קאַנטאָניסטן-סיסטעם, — האָבן די יידן צום ערשטן מאָל זיך דערפיהלט אַלס פרייע מענשן, און נישט אַלס

פאַראַכטע פאַריעס, וואָס יעדער קריסט האָט געקאָנט אינגאַנצן אומבאַשטראָפט זיי באַליידיגן און אָפּשפּעטן פון זיי, ווי זיין האַרץ האָט געגלוסט.

דערצו נאָך פלעגן מיר, יידישע יוגנט, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף דער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור, לייענענדיג די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער, פּאָעטן, בעלעטריסטן, קריטיקער און פּובּליציסטן, אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מיר געהערן צו אַ געראָדפטער נאַציע, וואָס די איינגעבּוירענע באַפעלקערונג האָט זי נישט ליב, אַז מיר זיינען באַרויבּט אין רעכט, און געפינען זיך אין אַ באַזונדערער, אויסשליסליכער לאַגע.

איך געדענק, אַז ביז זעכצעהן יאָר איז מיר קיינמאָל נישט אַרויפגעקומען אויפן זינען, אַז איך טייל זיך אויס מיט עפּעס פון מיינע חברים-קריסטן. אמת, די באַדינגונגען פון מיין דערציהונג האָבּן זיך אויסגעטיילט, לויטן כאַראַקטער, פון דער דערציהונג פון פיל אַנדערע יידן *); נאָר איך האָבּ אויך אין קיינעם נישט פון מיינע חברים נישט באַמערקט קיין אויסדרוק פון געדריקטן צושטאַנד, נידערגעשלאָגנקייט און פאַרפרעמדטקייט. דאָס אַליין, האָבּן מיר געוואוסט, האָבּן מיר צו דאַנקען דעם „גוטן קיסר“, ווי די יידן פלעגן זאָגן, און האָבּן געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועלן מיר פון אים באַקומען, אָן שום אויסערליכן דרוק אויף אים, די פולע גלייכהייט אין רעכט מיט די רוסן. אונז פלעגן זיך, דעריבּער, אויסווייזן אין משך פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע פּרוואוון נישט נאָר פאַר איבּעריג, נאָר אויך פאַר זעהר שעדליך.

ווען איך האָבּ, אין עלטער נאָך פון 10 יאָר, זיך דערוואוסט וועגן דעם אטענטאַט, וואָס קאַראַקאָזאָוו האָט געמאַכט אויפן צאַר, בין איך שטאַרק אויפגעבּראַכט געווען דערפאַר אינאיינעם מיט די דערוואַקסענע. נאָך מער: ווי מאָדנע דאָס וועט זיך נישט אויסווייזן,

---

*) אויספירליכער וועגן דעם האָבּ איך שוין מיטגעטיילט אין מיין בוך „За полвека“, т. I וואָס איז ערשינען אויף רוסיש אין פאַרלאַג „Грани“, בערלין.

קאָן זיין, דאַרף איך זיך אין דעם דאָך מודה זיין, אַז איין צייט בין איך אינאיינעם מיט אַנדערע יידן געווען נישט נאָר אַ פּאַר־עהרער פונם צאַר, נאָר, חוץ דעם, אפילו אַ „פּאַטריאָט". נע־דוויערט האָט עס, אמת, נישט לאַנג, און צוזאַמען מיט דער איבע־ריגער פּראָגרעסיווער רוסישער יוגנט, האָבן מיר איינגיכן נאָך דעם זיך אָנגעהויבן אנטוישן אין אַלעקסאַנדער II.

אַ באַדייטענדער טייל פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער יוגנט פון די זעכציגער יאָרן האָט זיך געשטעלט דעם ציל, ווי באַ־וואוסט, צו טראָגן בילדונג אין די פינסטערע מאַסן פון דער באַ־פעלקערונג, דער עיקר פון די הויפּט־שטעט און איינינע גרויסע אוניווערסיטעט־שטעט, כּדי אַזוי אַרום „אומקערן דעם פאָלק זיין חוב". צוליב דעם פלעגן זיי איינאָרדענען אָוונט־ און זונטאָג־שולן, עפענען געברויכס־קאָאָפּעראַטיוון, שאַפן נייה, איינבינדעריי און אַנד. וואַרשטאַטן אויף אַרטעל־יסודות וכדומה.

צוזאַמען מיט די דאָזיגע, ריין קולטורעלע און פילאַנטראָפּישע שטרעבונגען, פלעגן אונזערע באַרימטע קריטיקער און פובליציסטן פון „סאָווריעמעניק" און „רוסקאָיע סלאָוואָ", וואָס זיינען אַרויסגע־טראָטן אויפן ליטעראַרישן געביט, — ווי טשערנישעווסקי, דאָבראָ־לובאָוו, פּיסאַרעוו, זאַיצעוו און אַנד., — באַקענען אונז מיט די מערב־אייראָפּעאישע פּראָגרעסיווע אידעען און רופן אונז צו טעטיגקייט אין די אינטערעסן פון די אָרימע מאַסן.

דאָס אַלץ איז נישט פרעמד געווען אויך אונז, דער יידישער לערן־יוגנט, וואָס האָט, מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער „גוי־אישער" וויסנשאַפט, באַקומען די מעגליכקייט זיך באַהעפטן צו דער ציוויליזאַציע, צושטייענדיג צו דער אַלגעמיין־רוסישער באַוועגונג.

לייענענדיג אָן אַ שעור די דערמאָנטע גרעסטע פובליציסטן און קריטיקער, איינשלינגענדיג דערציילונגען און ראָמאַנען פון טור־גענעוו, דאָסטאָיעווסקי און גאָנטשאַראָוו, לערנענדיג אויף אויסנ־ווענינ לידער פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, קאָלצאָוו און באַזונדערס פון נעקראַסאָוו, פלעגן מיר, יידן, אינגאַנצן פאַרגעסן ווען דער

אויסשליסליכער לאַגע פון אונזער פאָלק אין רוסלאַנד און זיך נאָר אינטערעסירן מיט אַלגעמיינע „וועלט"־פראַגן און שטרע־בונגען, וואָס האָבן באַהערשט די מוחות פון די סאַמע פראָגרעסיווע מענשן פון יענער עפּאָכע. גלייך מיט דער פיינפילנדער, גוט־האַרציגער רוסישער יוגנט, פלעגן מיר אויך רעדן וועגן יענער ווייטער צייט, ווען אַלע מענשן וועלן ווערן גלייך, זיין ברידער, וועלן האָבן איין און דעם זעלבן פאַרמעגן, בילדונג און זיך באַניצן מיט אַלע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט, טעכניק א. א. וו.

נאָר מיר, יידן, האָבן געהאַלטן, אַז דער וועג צו אָט דעם אַלגעמיינעם גליק פון דער מענשהייט, ווען ס'וועלן ניט זיין קיין יידן און קיין קריסטן, איז אַ ווייטער און אַ לאַנגער. און דערווייל, האָבן מיר גערעכנט, איז דער חוב פון יעדן ערליכן מענשן, וואָס פאַרמאָגט בילדונג, צו טיילן זיך דערמיט מיט די יעניגע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגליכקייט זיך בילדן און, בכלל, ווי ווייט מעגליך קומען צו הילף דעם נאָהענטן: אַלס דאָקטאָר — היילן אומזיסט אָרימע, אַלס יוריסט — פאַרטיידיגן אָן געלט די אינטערעסן פון די אומפאַרמעגליכע קליענטן א. א. וו.

געווען אַ גוטע צייט דעמאָלט. ריין, אָן שום אייגן־נוץ זיינען געווען אָט די דאָזיגע אונזערע שטרעבונגען; דערצו נאָך, זיינען זיי אפילו לויט די געזעצן פון אונזער זעלבסהערשערישן לאַנד געווען אינגאַנצן דערלויבט, און פלעגן נישט גערודפט ווערן. מיר, יידן, האָבן, דעריבער, אויך איינגעאָרדענט אומזיסטיגע שולן וכדומה.

נאָר שוין אויך דעמאָלט, ווי שפּעטער נאָך דעם, האָבן טויזנטער רעאַקציאָנערן, וואָס האָבן געדענקט נאָך די פינסטערע „ניקאָלאַיעווער" צייטן, געקוקט מיט פחד און אויפרעגונג אויף דער פרייער אָרדענונג, וואָס איז אויפגעקומען פאַרן נייעם צאַר, און זיי האָבן אָנגעהויבן העצן כמעט אויף יעדן שריט און טריט קעגן דער געפאַר, וואָס די פּראָגרעסיווע יוגנט וועט ברענגען „דער גאַנצקייט פון טראָן און פאָטערלאַנד".

דער שוואַכער בטבע און אומאַנטשלאָסענער אַלעקסאַנדער II

האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו אַט די פֿינסטערע רייד פֿון די רעאַקציאָנערן און גיך נאָכן אַרויפֿקום אויפֿן טראָן אָנגעהויבן אַרויסווייזן די נעגאַטיווע זייטן פֿון זיין כאַראַקטער. ווי ביי פּויסטן, האָבן אויך „אין זיין ברוסט געלעבט צוויי זעלן", וואָס איינע פֿון זיי האָט אים געצויגן פֿאָראויס, אויפֿן וועג פֿון רעפֿאָרמעס, און די אַנדערע האָט געשלעפּט צוריק, צו דער ירושה און צוואה פֿונם אַלטן פֿינסטערן רעאַקציאָנער און דעספּאָטישן פֿאָטער. דעריבער זיינען די רעפֿאָרמעס, וואָס ער האָט פֿאָרגענומען, געווען האַלבע רעפֿאָרמעס, נישט קיין קאָנסעקווענטע אַקטן, וואָס האָבן, ווי באַוואוסט, אין גיכן אַרויסגערופֿן אַן אַלגעמיינע אומצופֿרידנקייט, און דאָס האָט, פֿון זיין זייט, דערוועקט אין אים שנאה און כּעס. באַקומענדיג בירושה פֿונם פֿאָטער געפֿיהלן פֿון חשד און נקמה, האָט אַלעקסאַנדער II שוין אין סאַמע אָנהויב פֿון די זעכציגער יאָרן גענומען זיך אָפּרעכענען אויפֿן גרויזאַמסטן אופֿן מיט די יעניגע, וואָס האָבן געוואַגט אַרויסצוזאָגן זייער אומצופֿרידנקייט מיט זיין פּאָליטיק. ער האָט באַפֿוילן צו פֿייניגן זיי אין די קאַזעמאַטן פֿון דעם שרעקליכן אַלעקסעיעווער ראַוועלין*) פֿאַרשיקן אויף קאַטאָרגע אָן שום יורידישן גרונד וכדומה. אפֿילו די אומשולדיגע געברויכס־קאָאָפּעראַטיוון, און אויך אָוונט־ און זונטאָג־שולן, וואָס זיינען דאַן אַזוי ניצליך געווען פֿאַר דעם כּמעט אינגאַנצן אַנאַלפֿאַבעטישן לאַנד, האָבן אַרויסגערופֿן, ווי באַוואוסט, אַן אומצופֿרידנקייט פֿונם נייעם צאַר, און זיינען פֿאַרמאַכט געוואָרן.

דאָס אַלץ האָט נישט נאָר נישט אָפּגעשוואַכט די אַנטוישונג אין אים, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, נאָר, פֿאַרקערט, האָט זי נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. די פּאָפּולערקייט פֿונם נייעם צאַר האָט אָנגעהויבן שטאַרק פֿאַלן: ס'האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז פֿון אים קאָן מען נישט דערוואַרטן קיין שום גוטס, ס'האָט זיך שאַרף געביטן די גוטע באַציהונג צו אים פֿון הערצענען אין „קאָלאָקאָל" („דער גלאָק"), וואָס איז ערשינען אין לאָנדאָן און האָט געהאַט

*) זע: П. Е. Щеголев — „Таинственный узник" С-ПБ. 1920.

זעהר אַ גרויסע ווירקונג אין רוסלאַנד. אין גיכן האָבן אין פּעטערבורג זיך אָנגעהויבן באַווייזן אומלעגאַלע בלעטלאַך, וואָס האָבן אויפגעקלערט די טרייסטלאָזע לאַגע, געשאַפן דורך דער סתירהדיגער האַלבפּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער II. דערנאָך זיינען אויך אויפגעקומען געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף דער אוממעגליכקייט פון אַ פרידליכער, לעגאַלער טעטיגקייט אין רוסלאַנד אין די אינטערעסן פון די אונטערגעדריקטע מאַסן און האָבן גערופן צו גוואַלד־אַקטן אינם קאַמף. די סאַמע באַדייטענדסטע פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס איז געווען, ווי באַוואוסט, „זעמליאַ אי וואָליאַ“ („ערד און פרייהייט“), אין וועלכער ס׳האָט זיך דאַן באַטייליגט דער בעסטער טייל פון דעמאָלטיגן פּראָגרעסיוון דור. צווישן אירע מיטגלידער איז אויך געווען דער סטודענט ניקאָלאַי אוטין, אַ געשמדטער ייד; זיין ראָלע איז געווען זעהר אַ קליינע; דערצו נאָך, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן, איז ער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד.

איבער אָט די דערמאָנטע פאַקטן איז אַלעקסאַנדער II, וואָס האָט געמיינט, אַז ער האָט באַגליקט זיינע „טרייע אונטערטאַנען“, און דערפאַר געוואַרט אויף פאַרשיידענע אויסדרוקן פון דאַנקבאַרקייט פון זיי, געוואָרן מלא חמה, ווען ער האָט דערזעהן אָנשטאָט דעם „די ערגסטע אומדאַנקבאַרקייט“ פון זייער צד. ווי אַלע מנוולים און דעספּאָטן, האָט ער אויך, פון איין זייט, פאַרגעסן, אַז צו די רעפאָרמעס, וואָס ער האָט פאָרגענומען, האָט אים גענויט דער אייזערנער אַנטוויקלונגס־געזעץ פונם לאַנד, און נישט זיין גוטער ווילן, און פון דער אַנדער זייט — האָט ער נאָך שטאַרקער זיך אונטערגעגעבן דער ווירקונג פון דער בייזער און אומזיניגער רכילות פון זיינע טעמפּע רעאַקציאָנערע בעלי־יעוצים, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין טענהן פאַר אים, אַז אין די אַרויסטרעטונגען פון איינציגע פאָרשטייער פון דער יוגנט, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין לאַנד — אין תוך, זעהר קליינע און אינגאַנצן נישט קיין געפערליכע פאַר זיין טראָן, — איז שולדיג, כלומרשט, די גאַנצע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט.

איינע פון די ערגסטע און העכסט־אומגערעכטע נקמות פון אַלעקסאַנדער II איז געווען, לויט דער אַלגעמיינער מיינונג פון וויפיל ס'ניט איז ליטישע מענשן, דאָס, וואָס ער האָט פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע און דערנאָך אויף אייביקער געפענקעניש אין ווילויסק דעם טאַלאַנטפולסטן פובליציסט און געלערנטן נ. טשערנישעווסקי, אין תוך נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער געזעל־שאַפט און דער יוגנט. דאָס דערוווייטערן מיט געוואַלט פון רוסלאַנד אַ זעלטן־איידעלן און גרויסן געלערנטן, וואָס וואָלט געווען אַ צירונג און שטאָלץ פאַר אַן אַנדער מער קולטורעלער און ציוויליזירטער מדינה, ווי אונזער לאַנד, — דעם דאָזיגן פאַרברעך האָט דער פּראָגרעסיווער טייל פון דער געזעלשאַפט, און דער עיקר די יוגנט, נישט געקאָנט מוחל זיין אים דערנאָך אין משך פון זיין כּמעט צוואַנציג־יאָריגער ממשלה.

דאָס משונה נקמה־געפיהל און צומאָל אפילו גרויזאַמקייט פונם נייעם צאַר, האָבן זיך אַרויסגעוויזן וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער און אָפּטער. באַזונדערס שאַרף האָבן זיך אָנגעהויבן ביי אים אַרויסרוקן אויפן ערשטן פּלאַן די נעגאַטיווע זייטן, וואָס ער האָט געירשנט פונם פאָטער, ווי באַוואוסט, נאָכן פּוילישן אויפ־שטאַנד פון יאָר 1863, ווען ער האָט זיך געווענדט צו דעם ווילדן מוראַוויאָוו דעם תּלין אויף צו דערשטיקן אָט דעם אויפ־שטאַנד. דערמיט האָט דער צאַר „דער רעפאָרמאַטאָר" זיך אינ־גאַנצן אויסגעגלייכט מיט זיין פעטער אַלעקסאַנדער „דעם גע־בענשטן", וואָס האָט איבערגעגעבן צו פאַרוואַלטן מיט זיין „נחלה" פונקט אַזאַ בלוטדאָרשטיגער חיה — אַראַקטשעיעוון.

דער עיקר, ווייזט אויס, האָט אויפגערעגט אַלעקסאַנדער II די אומצופרידנקייט פון דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער געזעלשאַפט מיט דער סאַמע גרעסטער רעפאָרמע, וואָס ער האָט פאַרגענומען — מיט דער פּויערים־באַפרייאונג: ווי ס'האָבן שוין דאַן פאַר־אויסגעזאָגט ערליכע און ווייטזעהעוודיגע מענשן, מיט טשערני־שעווסקין בראש, זיינען די הנחות, אויף וואָסער גרונד ס'איז

דורכגעפירט געוואָרן דער דאָזיגער וויכטיגער אַקט, געווען אַזוי אומ־גערעכט און האָבן אַזוי נישט געלוינט פאַר די פויערים, אַז זיי איז אומפאַרמיידליך פאָרגעשטאַנען אַריינצופאַלן פון איין יאָך אין דעם אַנדערן — און נישט קיין ווייניגער שווערן — צו די גוט־באַזיצער, באַאַמטע און סוחרים, ווי ס'איז גיך דערנאָך טאַקע מקויים געוואָרן.

דער סטודענט קאַראַקאָזאָוו, וואָס איז אויפגעשטאַנען צו נעמען נקמה פאַר די באַליידיגטע און „אָפּגענאַרטע" פויערים, און האָט געשאָסן אינם צאַר (דעם 4 אַפּריל 1866 יאָר), איז געווען אינגאַנצן איינזאַם; דאָך, איז אָט דער אומגעלומפּערטער שריט פונם יונגן פאַנאַטיקער געווען פונקט ווי געוואונשן פאַר דער באַנדע אויסוואָרפן, וואָס האָט אַרומגערינגלט אַלעקסאַנדער II, און וואָס האָט שוין לאַנג אים דערוויזן, אַז מיט ווייכקייט און נאָכגעביג־קייט בנוגע די פּאָדערונגען פון די „שונאים פון טראָן און פאָטער־לאַנד" וועט ער נאָר ברענגען דאָס לאַנד צו מפּלה און צוגרייטן פאַר זיך דעם גורל פון לואי XVI.

קיין וואונדער נישט, דעריבער, וואָס אַלעקסאַנדער II, וועלכער האָט זיך נישט אויסגעצייכנט נישט מיט קיין שטאַרקן ווילן און נישט מיט קיין גרויסן אינטעלעקט, און איז געווען אַ מיטלמעסיגער מענש אין אַלע פּרטים, האָט נאָך קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט פאַר־לוירן יעדע פאָרשטעלונג וועגן דער גאַנץ קאָמפּליצירטערווירק־ליכקייט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, און איז שוין איבער־געגאַנגען אָן וואַקלעניש אויפן צד פון די פאַרביסענסטע שונאים פון דעם יונגן רוסלאַנד.

כּדי צו „ראַטעווען" דאָס לאַנד האָט דער צאַר זיך ווידער געווענדעט צו מוראַוויאָוון דעם תּלין. די איבערגעבנקייט פון דעם דאָזיגן געטרייען הונט אין נישטערן און אויסזוכן די „שפּורן פון דער שרעקליכער פאַרשווערונג", וואָס האָט כּלומרשט אונ־טערגעגרייט דעם שאָס פון קאַראַקאָזאָוון, איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין דעם „קנויל פון פעדים און פעדימלאַך", פון וואַנען ס'האָט זיך געצויגן די פאַרשווערונג, האָט מוראַוויאָוו דער תּלין חושד

געווען אפילו דעם צאַרס אַן אייגענעם ברודער, דעם גרויספירשט קאָנסטאַנטין, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ליבעראַל.

אָנערקענענדיק פאַר איינע פון די הויפּט־סיבות אין דער אומצו־פרידנקייט פונם פּראָגרעסיוון טייל פון דער געזעלשאַפט און יוגנט די „צו גרויסע פרייהייט", מיט וועלכער ס'האָט זיך, לויט דער מיינונג פון די רעאַקציאָנערן, כּלומרשט באַניצט די לערן־יוגנט, האָט אַלעקסאַנדער II באַשטימט פאַר בילדונגס־מיניסטער, אַלס אַ פּאָר צו מוראַוויאָוון דעם תּלין, דעם פירשט ד. א. טאָלסטאָי. דער לעצטער איז געווען פּונקט אַזאַ פינסטערער רעאַקציאָנער, ווי מוראַוויאָוו, און האָט שוין אויך דאַן געהאַט נישט קיין איבעריג גוטן שם. ער איז באַרימט געוואָרן אין די ווייטערדיגע יאָרן, און באַזונדערס פאַר אַלעקסאַנדער III, אַלס אינערן־מיניסטער. אָט דער טעמפּער און גרויזאַמער רעאַקציאָנער האָט זעהר גיך אויפ־געשטעלט קעגן זיך אַלע וויפיל ס'ניט איז דענקענדע מענשן, ווייל פאַרן בעסטן מיטל אויסצעוואָרצלען די נויגונג צו רעוואָלו־ציאָנערער טעטיגקייט, מיט וואָס ס'איז כּלומרשט אָנגעשטעקט געווען די גאַנצע לערן־יוגנט, האָט ער געהאַלטן איינצופירן דעם קלאַסיציזם אין די גימנאַזיעס. דאָס לעצטע פלעגט פאַרווירקליכט ווערן אַזוי אומגעלומפּערט און גרויזאַם, אַז אַלס דירעקטער פּועל־יוצא דערפון איז געווען די מאַסן־אויסשליסונג פון גימנאַזיע־שילער, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סך זעלבסמאָרדן, און דער־נאָך געבראַכט צו דיאַמעטראַל־קעגנזעצליכע פּאָלגן, — האָט פאַר־שטאַרקט די אומצופרידנקייט מיט דער רעגירונג און ווירק־ליך אויפגעלעבט בײַ אַ סך יונגעלייט די נויגונג צו רעוואָלוציאָ־נערער טעטיגקייט.

אויסער די אָנגעוויזענע מיטלען, וואָס דער צווייצטער צאַר האָט אָנגענומען אויף אויסצעוואָרצלען די „פרייהייט", זיינען נאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אויך אַנדערע רעפּרעסיווע פאַראָרדענונגען. זיי האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף אַלע „געטרייע אונטערטאַנען", און האָבן נקמה גענומען פון טויזנטער און צעהנער טויזנט נישט נאָר לחלוטין אומשולדיגע מענשן, נאָר באַרירט

אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַצויגן פײַנטליך צו די אַנטי־מלוכהשע אַקטן, וועלכע ס׳פלעגט דאַן פאָרנעמען זעהר אַ קלײנער קאָנטינגענט רעוואָלוציאָנערן. מ׳האָט געמאַכט בײַ פיל מענשן אונטערזוכן בײַנאַכט און מ׳פלעגט זײ אַרעסטירן אָן שום גרונד און סיבות, אָפט צוליב דעם נאָר, וואָס עמיצער פון די פרײַוויליגע, געטרײַע צו דינען בירגער, אָדער פאָליצײַאישע אַגענטן, פלעגן באַרעדן אָדער טון דאָס פון נקמה־געפיהלן. ס׳איז געווען אײנער פון די מרה־שחורהדיגסטע מאָמענטן פאַר דער ממשלה, וואָס האָט זיך אַזוי גלענצענד אָנגעהויבן און וואָס איז נישט לאַנג פאַר דעם באַגריסט געוואָרן פון אַלעמען מיט אַזוי פיל פרײד.

קאפיטל ו

די יידישע יוגנט און די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען

אויף וויפיל איך קאָן זיך איצט דערמאָנען, איז לחלוטין קיינער פון דער יידישער יוגנט נישט גערודפט געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט די צאַלרייכע אַרעסטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פאַר־שיידענע ערטער פון רוסלאַנד. קיינער פון די יידן איז אויך נישט געווען צווישן די אָנגעקלאָגטע אויפן פּראָצעס פון אישוטינען, וואָס מוראַוויאָוו דער תּלין האָט געשאַפן. און דאָס איז זעהר נאַטירליך: יידן האָבן נישט נאָר נישט געהאַט אפילו קיין ווייטע שייכות צו די אָפּאָזיציאָנעלע קרייזן, וואָס זיינען געווען אומצופרידן מיט דער סתירהדיגער פּאָליטיק פונם צאַר „דעם רעפאָרמאַטאָר", נאָר, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען זיי אַליין געווען זעהר אויפגעבראַכט קעגן די רעוואָלוציאָנערע פרואוון פון די לינקע עלעמענטן, בכלל, און קעגן קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט, — בפרט. „הרגענען אַזאַ גוטן קיסר איז אַ גרויסע עולה", — אַזוי, געדענק איך, האָבן מיט צאָרן זיך אויסגעדריקט יידן, און איך, זיינענדיג דעמאָלט נאָך אַ ייִנגל, האָב עס נאָכגערעדט נאָך די עלטערע. די דאַנקבאַרקייט פון די יידן צום צאַר פאַר די אין תּוך קליינע פאַרגרינגערונגען, וואָס ער האָט זיי געמאַכט, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי איז נישט נאָר נישט אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן צום סוף פון די זעכציגער יאָרן, נאָר ביי אַ סך פּראָגרעסיווע און אפילו לינקע צווישן אונז איז זי געבליבן ביז צו זיין טראַגישן טויט. איך בין זיך מודה, אַז אויך איך האָב געהערט צו אָט די

לינקע: נישט קוקנדיג אויף אַלע פאַרברעכנס פון אַלעק־סאַנדער II, האָב איך, דאָך, נישט געהאַלטן, אַז ער איז ווערט אַזאַ סוף.

פילע פון אונז האָבן שלום געמאַכט מיט די נעגאַטיווע און סתירהדיגע אַקטן פון זיין פּאָליטיק, ווייל מיר האָבן דאָך געהאַלטן אים פאַר אַ בעסערן קיסר, נישט נאָר פון זיין פאָרגענגער, נאָר מעגליך, אויך פון זיין נאָכקומער, — וואָס דערנאָך האָט דאָס טאַקע פולשטענדיג זיך באַשטעטיגט. דעריבער האָט דער פּראָגרעסיווער, נאָר מעסיגער, לאָיאַלער טייל פון דער יידישער יוגנט נישט אויסגע־דריקט קיין מינדסטע אומצופרידנקייט אויך דאַן, ווען ס׳פלעגן באַרירט ווערן די וויכטיגסטע אינטערעסן פון יידישן פאָלק, און אפילו אין די פאַלן, ווען די חברים־קריסטן פלעגן גאַנץ אָפן אַרויסווייזן זייער נעגאַטיווע באַציהונג צו דער אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. איך קאָן, למשל, זיך נישט דערמאָנען נישט נאָר קיין פאַל פון זעלבסמאָרד צווישן יידישע גימנאַזיסטן, נאָר פשוט קיין פאַריבל פון מיינע חברים־יידן אויף יענער שעד־ליכער קלאַסישער סיסטעם, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן. די דאָזיגע סיסטעם, איז, קאָן זיין, געווען אין אַ גרעסערער מאָס אומסימפּאַטיש פאַר אונז, ווי פאַר די קריסטן, ווייל זי איז געווען איננאַנצן אָנגעווענדעט קעגן די רעאַליסטישע נויגונגען און שטרעבונגען, וואָס זיינען געווען, בכלל, כאַראַקטעריסטיש פאַר אונז.

פונקט אַזוי נעגאַטיוו, ווי צו קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט אויפן צאַר, האָט די גרעסטע מערהייט פון דער יידישער יוגנט זיך באַ־צויגן אויך צום באַרימטן פּראָצעס אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרן פון די „נעטשאַיעווצעס“, וואָס האָט געמאַכט זעהר אַ גרויסן רושם. אין אָט דעם פּראָצעס, וואָס האָט אַרומגענומען אַ באַדייטענד גרעסערן קרייז פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער יוגנט, ווי דער אישוטינער פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען פריהער, האָט אויך נישט גענומען קיין אנטייל קיין איין איינציגער ייד נישט.

אַזוי אַרום, דענק איך, באַשטעטיגן די פּאַקטן אינגאַנצן מיין מיינונג, אַז יידן זיינען נישט נאָר נישט געווען קיין איניציאַטאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאָר אַז דערצו זיינען זיי אויך ווייט נישט מיט אַמאָל אפילו צוגעשטאַנען צו דעם קאַמף, וואָס די קריסטליכע פּראָגרעסיווע יוגנט האָט פּאָרגענומען. דאָס, וואָס די יידישע לערן־יוגנט האָט אַזוי לאַנג אויסגעפּעלט צווישן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, דערקלערט זיך, געוויינטליך, פריהער פון אַלץ, דערמיט, וואָס דעמאָלט איז, בכלל, קליין געווען דער קאָנטינגענט יידן אין די מיטל־ און הויכשולן. חוץ דעם, ווי איך האָב שוין פריהער איבערגעגעבן אויספירליך, זיינען מיר געווען זעהר דאַנקבאַר דעם צאַר, און דריבער שטאַרק לאָיאַל. נאָר אין דער זעלבער צייט זיינען די דאָזיגע געפיהלן אונזערע געווען אַ פּועל־יוצא פון אונזער דערשלאָגנקייט און אונטערגעדריקטער לאַגע פון די יידן אין לאַנד בכלל. אויף אונזער פּסיכיק האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט ווירקן די התראות, וואָס די עלטערע פלעגן אין אונז איינבילדן פון קליינוויז אָן, אַז מ׳טאָר נישט לחלוטין מיט גאָרנישט אויפשטעלן קעגן זיך די „גוים“, בכלל, און די פּאָליציי — בפרט.

די יידישע יונגע לייט, וואָס האָבן זיך געלערנט אין די לעצטע קלאַסן פון גימנאַזיע אָדער אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן, האָבן נישט געקאָנט, געוויינטליך, נישט וויסן, אַז אַרויסווייזן די מינדסטע אומצופרידנקייט מיט דער רוסישער אָרדענונג, הייסט באַקומען דערפאַר די האַרבסטע שטראָף, און אַז נאָך דעם גייט די באַקאַנטשאַפט מיט דער שרעקליכער דאַן „דריטער אָפּטיילונג“, וועגן וועלכער ס׳זיינען אין עולם אַרומגעגאַנגען שרעקליכע מעשיות; פון דער דאָזיגער אינקוויזיציאָנס־געפענקעניש פאַלט אַריין דער שולדיגער אין, דער נישט וועניגער שרעקליכער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, וואו ער ווערט אָדער פאַרפאַלן, ווערנדיג פאַרמויערט אין דעם „שטיינערנעם זאַק“, אָדער ער גייט קוים אַ לע=

בֿעדינגער, געשמידט אין שווערע קייטן „איבֿער דעם וולאַדימיר ווענ“.

מ׳האָט געדאַרפֿט, דעריבֿער, געוועהנט ווערן מיטן געדאַנק וועגן די ליידן, וואָס זיינען פֿאַרבֿונדן מיט דער פּאָליטישער טעטיגקייט, ס׳איז נויטיג געווען צייט אויף צוגרייטן דערצו די אייגענע געפֿיהלן און נערוון־סיסטעם. אָבֿער, נישט נאָר די גערודפֿטע און פֿאַריאָגטע יידן, נאָר אויך די קריסטליכע יוגנט, וואָס האָט נישט געפֿיהלט קיין אויסערגעוועהנליכן דרוק, האָט נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער נישט אויסגעלערנט זיך נישט צו ציטערן פֿאַר אַ זשאַנדאַרם. נאָר שווער איז, ווי בֿאַוואוסט, דער אָנהויבֿ, און דערנאָך קומט שוין אַליין אַליין, ווי ס׳געהער צו זיין.

אַנטי־מלוכהשע בֿאַוועגונגען זיינען קיינמאָל און אין קיין לאַנד נישט אויפֿגעקומען אָן געגועגדע, פּינקטליכער — אָן די שטאַרקסטע, גרונדן דערצו שוין דערפֿאַר אַליין, וואָס די גוואַלדטאַטן, ווי איך האָבֿ אָט ערשט אָנגעוויזן, זיינען פֿאַרבֿונדן פֿאַר די פּערזאָנען, וואָס נעמען זיי אָן, מיט כּלערליי ליידן, און וואָס יעדער מענש, נאַטירליך, זעהט זיי אויסצומיידן. דעריבֿער, פּלעגן מענשן, וואָס האָבֿן געוואָלט אַזוי אָדער אַנדערש מיטהעלפֿן דעם פּראָגרעס, תּמיד אָנגעהויבֿן פֿון פרידליכע טאַטן, און נאָר, ווען זיי פּלעגן זיך איבֿערצייגן אין דער אוממעגליכקייט צו דערגרייכן מיט זיי עפּעס, אָנשטויסנדיג זיך אויף פֿאַרבאָטן און רדיפות מצד דער מאַכט, פּלעגן זיי איבֿערגיין צום וועג פֿון גוואַלדטאַטן אין קאַמף. דאָס זעלבֿע איז פֿאָרגעקומען אויך בּיי אונז.

מיט קליינע אויסנאַמען האָבֿן אַלע פּראָגרעסיווע מענשן, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין די רעוואָלוציאָנערע רייהען, אָנגעהויבֿן זייער געזעלשאַפֿטליכע טעטיגקייט אויפֿן לעגאַלן, קולטור־אויפֿקלערערישן געבֿיט און נאָר בּהדרגה, — איינע פֿריהער, די אַנדערע שפּעטער, — זיינען זיי געצוואונגען געווען צו ווערן אומלעגאַל איבֿער די רדיפות פֿון דער רעגירונג. אָט דאָס, חוץ איך איבֿער, האָט דורכגעמאַכט יעדערער פֿון אונז: נישט קוקנדיג אויף די בֿאַווייזן פֿון אונזערע פֿאָרגענגער, אַז אומזיסט זיינען די

האָפענונגען צו דערשלאָגן זיך עפּעס מיטן פרידליכן, געזעצליכן וועג, פלעגט דאָך יעדערער פון אונז אָנהויבן פון דער לעגאַלער טעטיגקייט.

מיר האָבן שוין געזעהן, צו וואָס ס'האָט געבראַכט די שטרע־בונג פון דער פּראָגרעסיווער יוגנט לערנען מיט די אַרבעטער אין די זונטאָג־ און אָוונט־שולן: נישט נאָר די לעצטע זיינען אין גיכן פאַרמאַכט געוואָרן, נאָר אַ סך פון די, וואָס האָבן פרייוויליג גע־לערנט דאָרט, זיינען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין פאַר־שיידענע מקומות. דער זעלבער גורל האָט געטראָפן לחלוטין אַלע פרואוון, אָן אויסנאַם, פון דער יוגנט, וואָס פלעגט זיך איבערגעבן דער אַרבעט אָן שום נוצן פאַר זיך. אויף איינער פון די דאָזיגע אונטערנעמונגען וועל איך זיך אָפּשטעלן אַ ביסל אויספירליכער צוליב איר גרויסער ראָלע אינם ווייטערדיגן גאַנג פון אונזער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, און אויך דערפאַר, וואָס אין איר איז אַ ייד — מאַרק נאַטאַנסאָן — געווען דער ערשטער קרבן פון אַן אָריגינעלן בילדונגס־פרואוו.

אין סוף פון די זעכציגער יאָרן האָט אין פעטערבורג אַ קליין קרייזל פון עטליכע שטאַרק צונויפגעבונדענע איינער מיטן אַנדערן יונגע אינטעליגענטע בחורים און מיידלאַך, צווישן וועלכע, אגב, ס'איז געווען אויך סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, וואָס איז באַרימט גע־וואָרן אין 12 יאָר אַרום, זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרשפרייטן צווישן דער לערן־יוגנט גוטע ביכער — ווי באָקל, דרעפּער, לואי בלאַן, לאַסאַל, פלעראָווסקי, מירטאָוו (לאַווראָוו) א. ד. ג. צוליב דעם האָבן די מיטגלידער פונם קרייזל אָנגעהויבן צונויפקויפן ביי די פאַרלעגער אין גרויסע צאָלן שוין ערשינענע אַזעלכע ביכער, אָדער האָבן פאָרגעלעגט אַרויסגעבן די דערמאַנטע, אָדער ענליכע צו די אויסגערעכנטע ווערק, גאַראַנטירנדיג צו נעמען אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן. ווען זיי פלעגן באַקומען די ביכער מיט דעם באַשטימטן ראַבאַט, פלעגן זיי דערנאָך זיי פאַרקויפן דער לערן־יוגנט צו ביליגע פרייזן.

מאַרק נאַטאַנסאָן, זעהר אַן ענערגישער צוואַנציגיאָריגער בחור,

האָט אַרויסגעוויזן אין דער אין תוך פרידלִיכסטער בילדונגס־אונטער־נעמונג אַ גרויסע איניציאַטיוו. דאָס האָט, פאַרשטענדליך, נישט געקאָנט בלייבן אומבאַמערקט פאַרן אַלץ זעהענדיגן אויג פון די „שפּיקעס" פון דער „דריטער אָפּטיילונג", און ער איז באַלד נאָך דעם אַרעסטירט געוואָרן פאַר דער דאָזיגער „פאַרברעכערישער טעטיגקייט" און אָן אַ משפּט פאַרשיקט געוואָרן אויפן אַדמיני־סטראַטיוון אופן אין אַ ווייט פאַרוואָרפן ווינקל קיין צפון פון אייראָפּעאישן רוסלאַנד.

אַזוי אַרום, איז דער דאָזיגער יידישער סטודענט געווען, אויב נישט דער ערשטער, איז איינער פון די ערשטע צווישן יידן, וועלכער האָט באַצאָלט מיט טורמע און קאַטאָרגע פאַר זיין טע־טיגקייט, וואָס איז נישט געווען פאַרבאָטן דורכן רוסישן געזעץ: פאַר איינקויפן און פאַרקויפן לעגאַל אַרויסגעגעבענע ביכער אין באַדייטענדע צאָלן.

קאפיטל ז

דאָס שטערבן פון יידן צו פרידליכער טעטיגקייט

ווי ס׳איז באַוואוסט מענשן, וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז פונם אויבן־דערמאָנטן אויפקלער־קרייזל אויפגעקומען דערנאָך אין גיכן, — נישט אָן דער ווירקונג פון די רדיפות מצד דער רעגי־רונג, — די באַרימטע אָרגאַניזאַציע פון די „טשאַיקאָווצעס“, וואָס האָט זיך שוין נישט באַנוגנט בלויז מיט פאַרשפרייטן לעגאַלע ביכער, נאָר וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פירן — אויך בלויז אויף דער ערשטער צייט — אַ לעגאַלע פראָפּאַגאַנדע צווישן די פאַבריק־אַרבעטער.

מ׳קאָן אָן דער קלענסטער גוזמא זאָגן, אַז פונם מאָמענט פון איר אָנהויב ביז צו איר אונטערגאַנג, האָט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע צוגעצויגן פאַר אירע מיטגלידער די גרעסטע און טאַלאַנטפולסטע מענשן פון יענער באַרימטער עפּאָכע, — מענשן, וואָס זיינען באַוואוסט געוואָרן דערנאָך, הן אויפן רעוואָלוציאָנערן, הן אויך אויף פאַרשיידענע וויסנשאַפטליכע געביטן. ס׳איז גענוג אָנצורופן, חוץ די דערמאָנטע שוין פעראָווסקאַיאַ און נאַטאַנסאָן, — נאָך קלעמענצן, קראַווטשינסקין, שישקאָ, סינעגובן, קראָפּאָטקינען און טשאַרושינען. און וויפיל זיינען, חוץ די דאָזיגע, פריהצייטיג אומ־געקומען אין די טורמעס, אין סיביר און אויף קאַטאָרגע, ווען וועלכע ס׳איז גאָרנישט ניט באַוואוסט די מענשן פון זייער דור...
איך קאָן דאָ נישט פאַרשווייגן דעם טאַלאַנטפולסטן נײַנצעהניאָריגן בחור קופּריאַנאָוו וועלכער, איז געשטאָרבן איבער די גרויזאַמע

זשאַנדאַרמען און פּראָקוראָרן פון הונגער אין פּאָרגעפּענקעניש, וואָס האָט געדויערט העכער פיר יאָר לויטן פּראָצעס פון די 193.

צווישן די „טשאַיקאָווצעס“ זיינען שוין געווען עטליכע יידן, נאָר קיין איינעם פון זיי קאָן מען נישט פאַרגלייכן לויטן טאַלאַנט, כאַראַקטער און באַטייט, הן אין דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, הן אין זייער ווייטערדיגער טעטיגקייט, מיט וועמען ס'ניט איז פון די אָנגעזעהענע מיטגלידער פון דעם קרייזל, וואָס איך האָב פריהער דערמאָנט.

דאָס זעלבע קומט אויס צו זאָגן אויך וועגן די פּיליאַלע אָפּ־טיילונגען פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, ווייל, אויסער פּעטער־בורג, האָבן די „טשאַיקאָווצעס“ געהאַט אָפּטיילונגען אויך אין מאָסקווע, קיעוו, אדעס און אין אייניגע אַנדערע שטעט. צווישן די דאָרטיגע „טשאַיקאָווצעס“ האָבן יידן, — און דאָס מיט זעלטן קליינע אויסנאַמען, וועגן וועלכע איך וועל מיטטיילן אין אַן אַנדער אָרט, — געשפּילט נישט קיין באַדייטענדע און נאָר צווייטע און דריטע ראָלעס.

ס'איז באַוואוסט, אַז איינצייטיג מיט די „טשאַיקאָווצעס“, און אויך שפּעטער פון זיי, זיינען אויפגעקומען אין פאַרשיידענע עקן פון רוסלאַנד ענליכע קרייזלאַך, וואָס האָבן זיך געשטעלט די זעלבע אָדער אַ ביסל אַנדערע אויפגאַבעס, למשל, נישט די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם, נאָר אַגיטאַציע אויפן באָדן פון די פּאַרלאַנגען, שטרעבונגען און פאָדערונגען, וואָס האָבן עקסיס־טירט ביי די רוסישע פּויערים. אָט דעמאָלט, אין די יאָרן 1873—1876, איז טאַקע פאָרגעקומען די באַרימטע אין דער גע־שיכטע פון רוסלאַנד מאַסן־באַוועגונג פון דער פּראָגרעסיווער יוגנט, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „גיין אין פאָלק“. אין משך פון דעם דאָזיגן פּעריאָד, וואָס האָט געדויערט דריי—פיר יאָר, איז די צאָל יידן, וואָס האָט גענומען אין אים אַן אַקטיוון אָנטייל, געווען זעהר קליין,—אפשר העכער פון אָנדערטהאַלבן־צוויי־צענדלינג. חוץ דעם קאָן מען קיין איינעם פון זיי נישט פאַר־

גלייכן מיט די מענשן, וואָס האָבן באַקומען אַ גרויסן נאָמען אין דער דאָזיגער באַרימטער באַוועגונג: אויסער די „טשאַיקאָווצעס“, וואָס איך האָב פריהער אָנגערופן, קאָן מען אויך נישט פאַרגלייכן די יידן פונם פעריאָד „גיין אין פאָלק“ מיט אַזעלכע גרויסע טוער, וואָס זיינען געשטאַנען אויסער דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, ווי קאָוואַליק, וואָינאָראַלסקי, ראָגאַטשאָוו, מאָקריעוויטש, סאָפיאַ באַרדין און אַ סך אַנדערע.

חוץ דעם זיינען אין דער דאָזיגער צייט געווען אויך נישט וועניג קרייזלאַך, אין וועלכע יידן האָבן לחלוטין אויסגעפעלט, און אין די גרעסטע פאַלן זיינען זיי געווען צו איינע, צו צוויי ביי דער אַלגעמיינער צאָל פון איין־צוויי צענדליגג מיטגלידער. און אויך אין די פאָליטישע פראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער ערשטער העלפט פון די זיבעציגער יאָרן — פון די „דאָלגושינצעס“, „דיאַקאָוו־סיריאַקאָוון“, „סעמיאַנאָווסקי“, און אַנד. — איז צווישן די אָנגעקלאָגטע נישט געווען קיין איין ייד נישט. דאָס ערשטע מאָל זיינען אַריינגעפאַלן אין דער צאָל פון אָנגעקלאָגטע דריי יידישע בחורים, וואָס האָבן, ווי מיר וועלן ווייטער זעהן, געהאַט אַ קנאַפ, אויב נישט זאָגן — אינגאַנצן קיין שייכות נישט, — צו פאָליטיק, און האָבן פיגורירט ערשט אין 1877 יאָר אויפן פראָצעס וועגן דער „דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פלאַץ“. פאָלגליך, זיינען יידן נאָר אין דער צווייטער העלפט פון די זיבעציגער יאָרן, און דאָס אויך אינגאַנצן צופעליג, אַוועקגעזעצט געוואָרן צום ערשטן מאָל אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק אין אַ פאָליטישן פראָצעס. דער איינער פאַקט אַליין דינט שוין פאַר אַ גענוגענדן באַווייז דערצו, אויף וויפיל אומבאַדייטענד ס'איז געווען דער קאָנטינגענט יידן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער באַרימטער באַוועגונג פון „גיין אין פאָלק“, און אויך אויף דעם, ווי קליין ס'איז געווען די שולד פון יידן, וואָס האָבן אין איר זיך באַטייליגט, אפילו פונם שטאַנדפונקט פון די דעמאָלטיגע גרויזאַמע זשאַנדאַרמען.

און ווירקליך האָבן מיר, יידן, מיט זעהר קליינע אויסנאַמען,—

װענן װאָס איך װעל איבערגעבן שפּעטער, — געהערט אין משך פון זעהר אַ לאַנגער צייט דערהױפּט צום רעכטן, מער מע־ בינערן פליגל פון אונזער באַװעגונג אין דער ערשטער העלפט פון די זיבעציגער יאָרן.

ס׳איז באַװאוסט, אַז בראש פון דער דאָזיגער באַװעגונג זיינען געשטאַנען, פון איין זייט, דער געװעזענער פּראָפ. פון דער אַרטי־ לעריע־אַקאַדעמיע פּאָלקאָװניק פּ. ל. לאַװראָװ, און פון דער אַנדער זייט — דער באַרימטער אַפּאָסטאָל פון אַנאַרכיע מ. א. באַקונין; אין דער צייט, װען דער ערשטער האָט געהאַלטן פון פרידליכער, בהדרגהדיגער פּראָפּאַגאַנדע פון די סאָציאַליסטישע אידעאַלן צװישן פאָלק, אָפּלײגנדיג די פראַגע פון זייער פאַרװירק־ ליכונג אויף אַ מער װעניקער װייטער צוקונפט, האָט דער אַנדערער, פאַרקערט, געעצהט דער יוגנט תיכף צו רופן דאָס פאָלק „צום בלוטיגן קאַמף“, צו אויפשטאַנדן און בונטן. דעריבער זיינען לאַװראָװס אָנהענגער געװען דער עיקר די סאַמע מעסיגע, פרידליכע סאָציאַליסטן־פּראָפּאַגאַנדיסטן, — און נאָך באַקונינען זיינען נעגאַנגען די סאַמע לינקע, אַנטשלאָסענע קעמפער.

אין דער גרעסטער צאָל זיינען די יידן צוגעשטאַנען צו די „לאַװריסטן“ און נאָר אין אַ צייט אַרום זיינען אייניגע יידן, װאָס האָבן נישט פאַרלאָזט די סאָציאַליסטישע רייהען, איבערגעגאַנגען, צום פולן נצחון פונם „אַפּאָסטאָל פון אַלװעלטליכער צעשטע־ רונג“ איבער דעם לאַנגװײליגן דאָקטרינער לאַװראָװן, צו די „באַקוניסטן“, װעלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען, װי באַװאוסט, אויך פון „בונטאַרעס“ און „פאָלקיסטן“.

אויב מ׳קאָן פון דעם אומבאַדייטענדן קאָנטינגענט לאַװריסטן צורעכענען סאָלאָמאָן טשודנאָװסקין און דעם ד״ר לעװ גינזבורג, װאָס איז אינגיכן גאָר אָפּגעשטאַנען פון דער באַװעגונג, צו די טוער פון צװייטער מדרגה, דאַן קאָן איך פון דער נאָך קלענערער צאָל „באַקוניסטן“ אָנרופן נאָר איין גרויסן טוער פּ. ב. אַקסעלראָדן.

און ס׳װאָלט געװען מאָדנע און נישט צו דערקלערן, װען די יידן, װאָס זיינען ערשט ניט לאַנג צוגעשטאַנען צו אַלגעמיין־

אייראָפּייאישער בּילדונג, זאָלן געווען מיט=אַמאָל פאַרנעמען די גרעסטע ערטער אין סאַמע אָנהויב פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַסן=באַוועגונג „אין פאָלק“, וואָס איז אויפגעקומען אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרן.

כּדי צו ווערן אַ וויפיל ס'ניט איז אָנגעזעהענער פּראָפּאַגאַנדיסט, האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן אַזוי פיל פאַרשיידענע אייגנשאַפטן, אַז די יידן פון יענער עפּאָכע האָבן זיי בשום אופן מיט=אַמאָל נישט געקאָנט האָבן. איך רעד שוין ניט וועגן קענען פולקום די רוסישע שפּראַך, וואָס אויך נאָך איצטער, — אין פופציג יאָר אַרום, איז דאָס נישט תּמיד צו באַגעגענען צווישן געבילדעטע יידן, וואָס האָבן אפילו געענדיגט אַלערליי העכערע לערן=אַנשטאַלטן. פאַרשטייט זיך, אַז אין יענער וויטער צייט האָבן זיך אַליך זעלטענער געטראָפן צווישן אונז מענשן, וואָס האָבן נישט אויסגעגעבן זיך מיט אַמאָל, הן מיט זייער אַקצענט, הן מיט דעם אויסזעהן און מאַנירן. און אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס האָט געהאַט בּדעה צו ווירקן צווישן פויערים, האָט געמוזט נישט נאָר קאָנען רעדן מיט כּלערליי וויצן, ווערטלאַך און גלייכווערטלאַך, נאָר פאַרמאָגן אויך אַ באַזונדערן טאַלאַנט, — וואָס נישט תּמיד, ווי באַוואוסט, פאַרמאָגן עס אויך אינטעליגענטן=קריסטן, — צו קאָנען צוגיין און שטאַרק פאַראינטערעסירן דעם אַרבּעטענדען מענשן. ווער ווייסט דען נישט, ווי שטאַרק פיינטליך האָבן זיך באַצויגן די פויערים אין יענער צייט, עטליכע יאָר נאָך זייער באַפרייאונג, צו יידן, וועמען זיי האָבן צוגערעכנט צו די „באַרעס“ (הערשאַפטן). דעריבּער קאָן מען אפילו פון דער צאָל קריסטן אָנרופן אינגאַנצן דריי=פיר אינטעליגענטן, וואָס זיינען באַרימט געוואָרן אַלס גוטע פּראָפּאַגאַנדיסטן און האָבן פאַרמאָגט די פעהיגקייט צו פאַראינטערעסירן די פויערים מיט זייערע מעשיות. פאַר אַזעלכע גליקליכע, וואָס האָבן אַרויסגערופן אין אונז קנאה צו זיך, געדענק איך, האָט מען געהאַלטן: ראָגאַטשאָוון, קלעמענצן, איוואַנטשין=פּיסאַרעוון, יעקאַטערינאַ בּרעשקאָווסקאַיאַ און נאָך פיל אַנדערע.

חוץ דער דאָזיגער ברכה פון גאָט, דעם טאַלאַנט, האָט דער פראָפאַגאַנדיסט געדאַרפט, כדי צו באַקומען אַ גרויסע ווירקונג צווישן די פויערים, נישט נאָר קאָנען אויספירן אַלע פאַרשיידענע און קאָמפליצירטע דאָרף=אַרבעטן, נאָר אין דער דאָזיגער אַרבעט האָט ער געמוזט אויך איבערשטייגן די פויערים. און צוליב דעם האָבן זיך געפאָדערט נישט נאָר באַשטימטע לאַנדווירטשאַפטליכע ידיעות, געוועהנהייטן, וכדומה, נאָר אויך אַ גרויסער פיזישער כוח און גרויסע אויסשטאַנדקראַפט. דאָס אַליין האָבן פאַרמאָגט נאָר איינציגע זין פון קליינע גוט=באַזיצערס, גייסטליכע און קאָזאַקן, וואָס האָבן פון קינדווייז אָן געלעבט אין דערפער און אויך שפעטער, אין קאַניקולן=צייט, נישט אויפגעהערט צו פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבעט. פון די ניט פילע געוועזענע אַזעלכע ספעציאַליסטן אין לאַנדווירטשאַפט געדענק איך נישט קיין איין איינציגן יידן, און דאָס איז זעהר פאַרשטענדליך.

כמעט אויסשליסליך שטאָט=איינוואוינער, און דערצו נאָך מענשן, וואָס האָבן אין זייער גרעסטער מערהייט געהערט צו די סאַמע אומפאַרזאָרגטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און וואָס האָבן, פאָלגליך, געלעבט אין זעהר שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען ביי פולער נויט און שטענדיגן נישט=דערעסן, זיינען די יידן=רעוואָלוציאָנערן כמעט אַלע געווען אויסגעדאַרטע און שוואַכע מענשן, לחלוטין נישט=צוגעוועהנטע און נישט פעהיגע צו וועלכער ס'ניט איז פיזישער אַרבעט. דעריבער האָט קיינעם פון אונז, יידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט „גיין אין פאָלק“, זיך נישט איינגעגעבן נישט נאָר איבערשטייגן אין דער אַרבעט, אויסשטאַנדקראַפט, און, בכלל, מיטן פיזישן כוח די פויערים, ווי דאָס איז פאָרגעקומען מיט ראָגאַטשאָוון, קראַווטשינסקין, יורקאָווסקי, טישטשענקאָ און אַנד., נאָר, פאַרקערט, אונזערע פרואוון אויף דעם דאָזיגן געביט האָבן זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן; אַלס אילוסטראַציע דערצו קאָן דינען מיין דערציילונג: „ווי אַזוי מיר זיינען געגאַנגען אין פאָלק“*). דעריבער האָט די זעהר קליינע צאָל

*) „За полвека“ I ב. פאַרלאַג „Грани“ בערלין.

יידן=פראָפּאַגאַנדיסטן און „פאָלקיסטן“, וואָס פלעגט „גיין אין פאָלק“, געפונען פאַר בעסער אַרויסצוטרעטן דאָרט אַלס פעלדשערס, ווי ס'האָבן דאָס געטאָן אַפּטעקמאַן, כאַטינסקי און אַנד.

איבער די זעלבע סיבות, ד. ה. אַדאַנק דער שוואַכער באַקאַנטשאַפט, אויב נישט זאָגן איבער דער פולער אומבאַקאַנטשאַפט מיטן לעבנסשטייגער, געוועהנהייטן און זיטן פונם רוסישן פאָלק, האָבן יידן אין יענער עפּאָכע אויך נישט געקאָנט זיין די מחברים פון די נויטיקע, צוליב פראָפּאַגאַנדע, בלעטלאַך, דערציילונגען, מעשיות און לידער, ווי די פּאָפּולערע דעמאָלט — „איז וואָס=זשע, ברידערלאַך“, „פיר ברידער“, „די קלוגע מעכאַניק“, „די מעשה וועגן אַ קאָפּיקע“ וכדומה. די מחברים פון אָט די ווערק זיינען געווען אויסשליסלען אינטעליגענטן=קריסטן, ווי איוואַנטשין=פּיסאַרעוו, טיכאָמיראָוו, וואַרזער, בערווי (פלעראָווסקי), קלעמענץ, קראַווטשינסקי און סינעגוב. בכלל, אויף וויפיל איך קאָן זיך איצט דערמאָנען, איז צווישן אונז, יידן, נישט געווען נישט אין דער עפּאָכע פון „גיין אין פאָלק“, נישט אין דער ווייטערדיגער טעראָריסטישער תקופה, וואָס איז געקומען נאָך איר, קיין איין איינציגער פּאָפּולערער מחבר*) און קיין איינציגער רעדנער.

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב פריהער אויסגערעכנט, אַלס סבות, וועלכע האָבן געשטערט אונז, יידן, צו ווערן גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטן, באַציהט זיך נאָך אין אַ גרעסערער מאָס צו די „בונטאַרעס“. כדי צו פאַרנעמען אַן אויסשליסליך אָרט צווישן באַקונינס אָנהענגער, האָט מען געדאַרפט, חוץ די שוין אָנגעוויזענע זעלטענע, בכלל, אייגנשאַפטן, פאַרמאָגן אויך איינינע ספּעציעלע

---

*) אַלס איינציגער מחבר פון יידן אין משך פון די זיבעציגער יאָרן איז געווען פ. ב. אַקסעלראָד, נאָר, ראשית, האָט ער זיך געדרוקט טיילוויז אין די לענדער, און אויך אין די אויסלענדערשע זשורנאַלן, וואָס פלעגן כמעט נישט אָנקומען קיין רוסלאַנד, און, שנית, זיינען זיינע ווערק געווען נישט קיין פּאָפּולערע, נאָר פּובליציסטישע.

פעהיגקייטן, וואָס יידן פון יענעם מערקווירדיגן יאָרצעהנדליגג האָבן דאָס נישט געהאַט.

דער „בונטאַר" האָט נישט נאָר געמוזט תמיד זיין גרייט צו מקריב זיין מיט זיך צוליב דער טובה פון פאָלק — אויף דעם זיינען גערן געגאַנגען אויך די פראָפאַגאַנדיסטן, — נאָר, חוץ דעם, האָט ער גענדאַרפט פאַרמאָגן אויך די פעהיגקייט צו באַנייסטערן און פירן נאָך זיך די פויערים צום קאַמף, אויף אַן אויפשטאַנד, קאָנען אָרגאַניזירן אַ בונט, זיין אַן איניציאַטאָר דערפון; מיט איין וואָרט, אויב נישט באַגאַבט זיין מיט די אייגנשאַפטן פון אַזעלכע „אָדלערס", ווי סטענקא ראַזין און פוגאַטשאָוו, וואָס האָבן זיך גערעכנט, ווי באַוואוסט, פאַר אַן אידעאַל פון די דעמאָלטיגע רעוואָלוציאָנערן, איז, לכל הפחות, גלייך זיין צו די מאַסן-פירערס, ווי באָלאָטניקאָוו, בולאַווין וכדומה.

פון וואַנען האָט געקאָנט אַן אויסגעדאַרטער, מאָגערער און שטילער יידישער בחור, וואָס איז מערסטענטייל געווען זעלטן אויסער דער שטאָט, אָדער שטעטל, וואו ער האָט געלעבט ביז דאַן, פאַרמאָגן אָט די דערמאָנטע פעהיגקייטן, אייגנשאַפטן און וויסן? קלאָר, אַז ווען די דעמאָלטיגע יידן זאָלן דאָס געווען פאַרמאָגן, וואָלט עס געווען אַ גרויסער חידוש. דעריבער האָט דער באַגרעניצטער, בכלל, קאָנטינגענט יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער עפּאָכע, וואָס איך באַשרייב דאָ, — מיט זעהר אומבאַדייטענדע אויסנאַמען, אויף וועלכע איך וועל אָנווייזן ווייטער, — זיך פאַרנומען דער עיקר נישט מיט פראָפאַגאַנדע אָדער אָרגאַניזאַציע פון בונטן צווישן די פויערים, נאָר, דערהויפּט, אויב נישט זאָגן כמעט אויסשליסליך, — מיט טעטיגקייט צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג, — צווישן דער אינטעליגענץ און אַלגעמיינער געזעלשאַפט און נאָר טיילווייז צווישן בעל-מלאכות און אַרבעטער. נאָר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס איז זיי אויסגעקומען צו באַטייליגן זיך אין דער אינעווייניגסטער אַרבעט פון די קרייזלאַך, ד. ה. שטיין אין פאַרשיידענעם פאַרקער, קריגן די נויטיגע פאַרבינדונגען, מיטלען,

דאָקומענטן, איינאָרדענען קאָנספּיראַטיווע וואוינונגען, דרוקערייען, זיך פאַרנעמען מיט איבערפירן איבער דער גרעניץ טראַנספּאָרטן מיט פאַרווערטע אויסגאַבעס וכדומה, און אין די דאָזיגע פונקציעס איז שווער געווען צו אַרויסווייזן באַזונדערע טאַלאַנטן און פעהיגקייטן. די איינציגע אויסשליסליכע טוער אויף אָט די געביטן, וואָס זיינען ערשט אויסגערעכנט געווען, זיינען געווען אין פעריאָד פון דער פאָלקיסטישער הערשאַפט מאַרק נאַטאַנסאָן און אהרן זונדעלעוויטש, וועגן וועלכע איך וועל אויספירליכער איבערגעבן ווייטער. נאָר אויך זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט נישט אַלס טעאָרעטיקער אָדער פראַקטיקער פון אָט דער ריכטונג, נאָר אַלס אָרגאַניזאַטאָרן פון איינציגע ספּעציעלע פונקציעס.

קאַפּיטל ח

דער אָנטייל פון יידן אין די פּאָלקיסטישע און טעראָריסטישע שטרעמונגען

ווי באַוואוסט, האָט דער „פאָלקיזם“, וואָס איז אויפגעקומען אין דער צווייטער העלפט פון די זיבעציגער יאָרן, געשפילט זעהר אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון אונזער געזעלשאַפטליכער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָר נישט אינם אויסאַרבעטן די פראָגראַם פון דער דאָזיגער שטרעמונג, — ווי אין דער לעגאַלער, אַזוי אויך אין דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, — נישט אין איר פראַקטישער פאַרווירקליכונג האָבן יידן נישט פאַרנומען קיין וויפיל ס'ניט איז אָנגעזעהען אָרט. אין דער דאָזיגער שטרעמונג, ווי אין די יעניגע, וואָס זיינען געווען פריהער, האָבן מיר ווידער טאַקע אויסגעפירט נאָר פונקציעס פון צווייטער מדרגה.

נישט רעדנדיג שוין וועגן די אָפגעשיידטע פאָטערס פונם „פאָלקיזם“, צווישן וועלכע, גלייך מיט הערצענען און אָגאַריאָוון, דאַרף מען אויך צורעכענען די „סלאַוויאַנאָפילן“, זיינען אַלס שעפער פון דער רעוואָלוציאָנערער שטרעמונג, וואָס האָט אין משך פון עטליכע יאָרצעהנדלינגען באַהאַלטן פאַר זיך דעם דאָזיגן נאָמען, געווען, דערהויפט, באַקונין און טיילוויז זיינע רוסישע נאָכקומער — פלעכאַנאָוו, קאַבלייך און אַנד.; גרויסע פראַקטיקער, וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרווירקליכן די פאָלקיסטישע פראָגראַם דורך רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט, זיינען געווען אויך און דער עיקר קריסטן, ווי: דעבאַגאָרי-מאָקריעוויטש, סטעפאַ-

נאָוויטש, מיכ. פאָפאָוו, איוו. דראָביאַזגין, א. מיכאַילאָוו, איוואַנטשין-פיסאַרעוו, יו. באָגדאַנאָוויטש און אַנד. נישט צווישן די טעאָרעטיקער, נישט צווישן די פראַקטיקער פון דער דאָזיגער שטרעמונג קאָן מען אויך נישט אָנרופן קיין איין איינציגן גרויסן יידן.

ווייטער איז באַוואוסט, אַז צוגלייך מיטן „פאָלקיזם“ האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, — אָנהויבנדיג פון יאָר 1878, מיט דער גרינגער האַנט פון ווערא איוואַנאָוונאַ זאַסוליטש, — די אַזוי גערופענע טעראָריסטישע ריכטונג, וואָס האָט אָפּגערוקט די טעטיגקייט צווישן פאָלק — צווישן די פויערים, אויפן צווייטן פלאַן, און וואָס האָט דערנאָך אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן די לעצטע. אין דער דאָזיגער נייער שטרעמונג, ווי אין די אַלע, וואָס זיינען געווען פריהער, האָבן יידן אויך גענומען זעהר אַן אומבאַדייטענדן אָנטייל: כ׳וועל, מסתמא, נישט האָבן קיין טעות, אויב איך וועל זאָגן, אַז צו די טעראָריסטישע אַקטן פון ענדע זיבעציגער ביז סוף אַכטציגער יאָרן האָבן געהאַט אַ שייכות אינגאַנצן צעהן-צוועלף מענשן: זונדעלעוויטש, גר. גאָלדענבערג, גאָבסט, וויטענבערג, כריסטינא גרינבערג, ראָזע גראָסמאַן, העסיע העלפמאַן, בר. זלאַטאָפאָלסקי, אַראָנטשיק. מעגליך, אַז איך האָב עמיצן פאַרגעסן; בכל אופן איז די צאָל יידן-טעראָריסטן געווען נישט גרויס, און פון די פערזאָנען, וואָס איך האָב אויסגערעכנט, איז נאָר גר. גאָלדענבערג געווען אַן אוממיטלבאַרער אויספירער פון אַ גוואַלדאַקט. די איבעריגע יידן אָבער זיינען געווען נאָר העלפערס פון צווייטער מדרגה, הגם זעהר נויטיגע.

קיינער פון די יידן האָט זיך אויך נישט אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייהען נישט אַלס טעאָרעטיקער פון טעראָר, וואָס לעווטיכאָמיראָוו און טיילווייז מאָראָזאָוו און קראַווטשינסקי זיינען דאָס יאָ געווען, נישט אַלס אָרגאַניזאַטאָרן פון פאַרשיידענע אַנטשלאָסענע אונטערנעמונגען, וואו ס׳האָבן זיך אויסגעטיילט: א. מיכאַילאָוו, א. קוויאַטקאָווסקי, זשעליאַבאָוו, ווערא פיגנער, סאָפיאַ פעראָווסקאַיאַ און אַנד. דאָס זעלבע כמעט דאַרף מען

זאָגן אויך בנוגע גרויסע פּראַקטיקער בכלל, וואָס צווישן די טעראָריסטן זיינען געווען אַזעלכע, ווי פּראָלענקאָ, קאָלאָדקעוויטש, יו. באָגדאַנאָוויטש, טאַלאַלאָוו און אַנד. דער איינציגער אויסשליסלעכער ייד אין דעם פּרט—א. זונדעלעוויטש—איז אַרעסטירט געווען אין סאַמע אָנהויב פון אויפקום פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" („פאָלקס־פרייהייט"). דערפאַר האָט ער אויך נישט געהאַט די מעגליכקייט זיך אַרויסצואווייזן אין די קאָמפּליצירטע טעראָריסטישע אַקטן, וואָס זיינען פאָרגענומען געוואָרן שפּעטער, און וואָס זיינען געווען געווענדעט אוממיטלבאַר קעגן אַלעקסאַנדער II. אויך צווישן די ספּעציאַליסטן־ערפינדער פון פאַרשיידענע שליידער־אַפּאַראַטן און באָמבעס זיינען באַרימט געוואָרן: קיבאַלטשיטש, שיראַיעוו, איסיאַעוו און גראַטשעווסקי. דער געוועזענער סטודענט־טעכנאָלאָג, דער ייד לעוו זלאַטאָפּאָלסקי, וואָס איז צוגעשטאַנען צו זיי, האָט, ווי מיר איז באַוואוסט, זיך נישט אויסגעצייכנט מיט גאָרנישט באַזונדערס, אפשר דערפאַר, וואָס ער איז געווען ביי ביפרושן טאַלאַנט אַ מענטש פון נישט קיין רוהיגן כאַראַקטער.

ס'בלייבט נאָך צו דערמאָנען וועגן מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער דרייסטקייט און געוואַגטקייט ביים אויספירן גרויסע טעראָריסטישע אַקטן. חוץ די אָנטיילנעמער, וואָס זיינען שוין פריהער דערמאָנט געווען, האָב איך דאָ דער עיקר אין זינען אַזעלכע גרויסע פּערזאָנען, ווי ווערא איוואַנאָוונאַ זאַסוליטש, קראַווטשינסקי, כאַלטורין, באַראַניקאָוו, פרעסניאַקאָוו, און גרינעוויצקי. צו דער דאָזיגער קאַטעגאָריע דרייסטע מענטשן דאַרף מען אויך צורעכענען מאַלאָדעצקין, גאָבסטן און וויטענבערגן; מ'וואָלט אויך געקאָנט אַריינרעכענען גר. גאָלדענבערגן, וואָס האָט דערהרגעט דעם גובערנאַטאָר קראָפּאָטקינען, ווען ער זאָל דערנאָך, נאָך דעם אַרעסט, נישט געווען זיך פאַרשמירן מיטן אַרויסגעבן אַלע און אַלץ פון דעם דאָזיגן אַקט.

די אומבאַדייטענדיגקייט פונם קאָנטינגענט יידן און זייער צווייטע ראָלע בכלל אין דעם טעראָריסטישן קאַמף ווערט אינגאַנצן

באַשטעטיגט אויך מיט די פּראָצעסן, וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין פּעטערבורג, לויט די אַזוי גערופענע טעראָריסטישע אַקטן אין משך פון די אַכט-ניין יאָר. אַזוי איז, לויטן פּראָצעס פון מירסקי, ווינטער 1879, — פּאַרן אַטענטאַט אויפן שעף פון די זשאַנדאַרמען, גענעראַל דרענטעלן, — אויף וויפיל איך קאָן זיך דערמאָנען, נישט אָנגעקלאָגט געווען קיין איין ייד נישט. אויפן פּראָצעס פון די „זעכצעהן" (קוויאַטקאָווסקי, פּרעסניאַקאָוו און אַנד.) האָבן פיגורירט אויף דער באַשולדיגונגס-באַנק צוויי יידן: זונדעלעוויטש און צוקערמאַן, און פון זיי האָט נאָר דער ערשטער געהאַט אַן אוממיטלבאַרע שייכות צום טעראָר. לויטן „פּראָצעס פון 1-טן מערץ 1881 יאָר", איז אויך געווען, ווי באַוואוסט, אָנגעקלאָגט העסיע העלפמאַן, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט-שטראָף און דערנאָך באַגנעדיגט; נאָר אויך איר ראָלע, אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע אָנטיילנעמער פון דעם דאָזיגן פּראָצעס, איז געווען אַ צווייטע.

ווייטער, זיינען לויטן פּראָצעס פון די „צוואַנציג" (אין יאָר 1882) אָנגעקלאָגט געווען דריי יידן: אַראָנטשיק, לעוו זלאַטאָפּאָלסקי און פרידענסאָן, — דער לעצטער האָט נישט גע-האַט קיין שייכות צום טעראָר, און די ערשטע צוויי האָבן געשפּילט אין אים זעהר קליינע ראָלעס. אויפן פּראָצעס פון די „זיבעצעהן" (1883 יאָר) זיינען אָנגעקלאָגט געווען: סאַוועלי זלאַטאָפּאָלסקי און כריסטינאַ גרינבערג, פון זיי איז נאָר דער ערשטער געווען ערנסט פאַרמישט אין די אַטענטאַטן אויפן צאַר. אין די שפּעטער-דיגע פּראָצעסן פון וועראַ פיגנער (אין יאָר 1884) און פון „1-טן מערץ 1887 יאָר" איז נישט געווען קיין איין ייד נישט, און אויפן פּראָצעס פון לאָפּאַטינען (1887 יאָר) איז געווען אָנגעקלאָגט העגריעטאַ דאָברוסקין, נאָר זי האָט געהאַט זעהר אַ קליינע שייכות צום פּראָצעס.

אַזוי אַרום, איז לויט די אַכט גרעסטע פּראָצעסן, וואָס אין משך פון ניין יאָר זיינען אין דער הויפּטשטאָט געמשפּט געוואָרן אויף זיי כמעט הונדערט צוואַנציג מענשן, געווען אָנגעקלאָגט

בסך הכל צעהן יידן, פון וועלכע נאָר צוויי אָדער דריי האָבן געשפּילט אַ ראָלע, און דאָס אויך אַ צווייטע. אגב, צווישן צוואַנציג*) מענשן, וואָס האָבן באַקומען טויט־שטראָף פאַר דעם אָנגעווייזענעם פּעריאָד אין פּעטערבורג און שליסלבורג, איז געווען נאָר איין ייד, — מלאָדעצקי, וואָס האָט געמאַכט אַן אומזיניגן, מיט גאָרנישט ניט אַרויסגערופענעם אַטענטאַט אויפן פירשט לאָריס־מעליקאָוו; נאָר, ווי דעמאָלט איז שוין פעסטגעשטעלט געווען, האָט ער נישט געהאַט קיין שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: דעם אַטענטאַט, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער פאָרגענומען זעלבשטענדיג.

אין דריי דרומדיגע אוניווערסיטעט־שטעט, וואָס זיינען, נאָך פּעטערבורג, געווען די וויכטיגסטע פאַרשפּרייט־פּונקטן פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, איז דער קאָנטינגענט יידן־אָנטייל־נעמער געווען עטוואָס אַ גרעסערער, ווי אין דער הויפּטשטאָט. דאָס דערקלערט זיך, פאַרשטענדליך, הן אַדאַנק דעם „תחום המושב“, הן טיילווייז מיט די מיטלען, וועלכע ס'האָט אויפן דרום אָנגענומען דער מיליטער־פּראָקוראָר גענעראַל סטרעלניקאָוו. ער איז געווען אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט אַן אומגעהייערער שנאה און גרויזאַמקייט צו די פּאָליטישע בכלל, און צו יידן בפרט; פאַר אַ פּוסטער זאַך פלעגט ער איבערגעבן צום געריכט כמעט אָדער אינגאַנצן אומשולדיגע יידישע בחורים, פאָדערנדיג פון די מיליטער־ריכטער די סאַמע האַרבסטע שטראָפן פאַר זיי. אַזוי איז, אַדאַנק זיינע באַמיהענישן, געווען אויסגעפירט דער טויט־שטראָף אין יאָר 1879 אין קיעוו איבערן יונגן יידישן סטודענט ראָזאָווסקי נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצורופן דעם נאָמען פון דעם מענשן, וועלכער האָט

*) דובראָווין, סאָלאָוויאָוו, פּרעסניאַקאָוו, קוויאַטקאָווסקי, מלאָדעצקי, זשעליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ, קיבאַלטשיטש, ט. מיכאַילאָוו, ריסאַקאָוו, סוכאַנאָוו, שטראָמבערג, ראָגאַטשאָוו, אוליאַנאָוו, גענעראַלאָוו, אָסיפּאַנאָוו, אַנדרעיושקין און שעווירעוו, און אין שליסלבורג — מישקין און מינאַקאָוו.

אים איבערגעגעבן די פּראָקלאַמאַציע, וואָס מ'האָט ביי אים גע־פונען.

נאָר צווישן די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דרום־רוסלאַנד און זיינען דערנאָך צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט, איז אויך נישט געווען קיין איינער, וועלכן מ'וואָלט געקאָנט פאַרגלייכן לויטן טאַ־לאַנט, איניציאַטיוו־גייסט און ווירקונג מיט די קריסטן, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסגעטיילט, ווי: וואַל. אָסינסקי, פּאָפּקאָ, וואָלאָ־שינקאָ, אַנטאָנאָוו, בר. איוויטשעוויטש, ליזאָגוב און אַנד.

אין דער דאָזיגער צייט, וואָס איך באַשרייב דאָ, פלעגט נישט נאָר דער געריכטס־אַקט באַשטימען די מאָס פון דער פאַרברעכע־רישקייט און וויכטיגקייט פון דעם געגעבענעם פּאָליטיש־אָנגע־קלאָגטן, — נאָר אויך דער מקום פון אָפּקומען די שטראָף פלעגט באַווייזן אויף דער באַציהונג צו אים פון דער מאַכט. מיר וועלן אַ קוק טון, דעריבער, וואוהין פלעגט מען פאַרשיקן די יידישע קאַטאָרזשניקעס.

אין דער מיט פון די זיבעציגער יאָרן פלעגט מען די מער וויכטיגע פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס אָפּשיקן אין די אַזוי גערופענע „צענטראַלע־קאַטאָרזשנע טורמעס" פון כאַרקאָווער גובערניע — אין דער באָריסאָגלעבסקער און טשוגויעווער, — וואו ס'איז גע־שאַפן געוואָרן פאַר זיי אַן אומגעהייער גרויזאַמער, שטרענג איינ־זאַמער רעזשים, וואָס איז שאַרף געשילדערט אין דער בראָשור „לעבעדיג באַגראָבן", און וועלכע האָט אין איר צייט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. צווישן די עטליכע צעהנדליגער *) פון אָט די „לעבעדיג באַגראָבענע" איז נישט געווען קיין איין ייד נישט.

---

*) אַהין, אויף וויפיל איך געדענק, זיינען פאַרשיקט געווען די „דאָלגושינצעס", דערנאָך די פאַרמשפּטע לויטן פּראָצעס פון „דיאַקאָוו־סיריאַקאָוו" — דאָנעצקי, באָגאָלובאָוו—יעמעליאַנאָוו, און די געמשפּטע לויטן „פּראָצעס פון די 50": דזשאַבאָדאַרי, זדאַנאָ־וויטש, ציציאַנאַ, און פון „די 193": מישקין, קאָוואַליק, וואָינאָ־ראַלסקי, ראָגאַטשאָוו, מוראַווסקי, און אויך די חברים פונם טויט־באַשטראָפטן קאָוואַלסקי — וויטאָשעווסקי, סוויטיטש און אַנד.

נאָך דעם, אין יאָר 1880, אָנהויבנדיג פון מירסקין, האָט מען די באַזונדערס געפערליכע טעראָריסטן גענומען האַלטן אין דעם שרעקליכן אַלעקסעיעווער ראַוועלין, וואו פון די פאַרמשפּטע האָט זיך פון יאָר 1872 געפונען נאָר איין נעטשאַיעוו. שפּעטער, — ביז דער צייט, ווען ס'איז איבערגעבויט געוואָרן די שליסלבורגער פעסטונג, וואָס איז נישט ווייניגער באַרימט, — האָט מען, אָנהויבנדיג פונם „פּראָצעס פון די 16 און כמעט אַלע פאַרמשפּטע לויטן פריהער דערמאָנטן „פּראָצעס פון די 20", געהאַלטן אין דער טרובעצקאָיער פעסטונג, וואָס האָט טיילווייז אויסגעפילט די ראָלע פון אַ קאַטאָרזשנער טורמע פאַר די פּאָליטישע. צווישן די יעניגע, וואָס האָבן געליטן אין דער דאָזיגער פעסטונג פון אַ שרעקליכן רעזשים, זיינען געווען דריי יידן: זונדעלעוויטש, צוקערמאַן און אַראָנטשיק.

נאָך דעם, ווי מ'האָט איבערגעפירט אין דער אָפּגערעמאָנטירטער שליסלבורגער פעסטונג די וויכטיגסטע טעראָריסטן, האָבן אין איר ביזן XX יאָרה. געשמאַכט קרוב צו 50 מענשן. די גרעסטע צאָל פון זיי איז געשטאָרבן און אַ סך זיינען אַראָפּ פון זינען. דער זעלבער גורל האָט געטראָפן אויך: אַראָנטשיקן, סאַוו. זלאַטאָפּאָלסקי, געללים*) און סאָפיאַ גינזבורג, וואָס האָבן זיך געפונען צווישן זיי. סאָפיאַ גינזבורג איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד. פון די פינף יידן איז גאַנץ געבליבן נאָר איינער — אָרזשיך, וואָס האָט אָנגעגעבן אַ בקשה וועגן באַגנעדיגן און איז דעריבער אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף סאַכאַלין. דאָרט איז ער

---

*) אַן אומגליקליכער יונגער זעצער, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר אַ גאָרנישט צו טויט-שטראָף דורך דעם מיליטערישן קרייזגעריכט אין אדעס פריה-יאָר 1880 (לויטן פּראָצעס פון מינאַקאָוו-וולאַסטאָפּולאָ), און וועלכע איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף לעבנסלאַנגער קאַטאָרגע. ער איז דערנאָך געבראַכט געוואָרן אויף קאַראַ, און פון דאָרט, איבער אַ מיספאַרשטייעניש, אַוועקגעשיקט געוואָרן אין יאָר 1882 אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער און דערנאָך אין דער שליסלבורגער פעסטונג, וואו ער איז אינגיכן געשטאָרבן.

געוועזן דער איינציגער ייד צווישן די פֿילע פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס, וואָס האָט אָפּגעקומען די שטראָף אויף אָט דעם וויסטן אינזל.

די הויפּט-צענטרען אָבער פֿון דעם רוב ווייניגער געפֿערליכע פּערזאָנען, נאָך דער מיינונג פֿון דער מאַכט, וואָס זיינען געוואָרן פֿאַרמשפּט לויט פּאָליטישע פּראָצעסן אויף קאַטאָרגע, זיינען געווען, ווי באַוואוסט, פֿון אָנהויב זעכציגער ביז סוף ניינציגער יאָרן, די קאַטאָרזשנע טורמעס פֿאַר מענער און פֿרויען אויף קאַראַ (נערטשינסקער קרייז). דאָרט זיינען פֿאַר אָט דעם גאַנץ גרויסן פּעריאָד איבערגעווען 217 „מלוכהשע“, ריכטיגער — פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס; אין דעם זיינען געווען 23 יידן (15 מענער און 8 פֿרויען) *).

דאָס אַליין, וואָס איך האָב פֿריהער מיטגעטיילט וועגן די יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין רוסלאַנד, קומט אויס צו זאָגן אויך וועגן די פּערזאָנען, וואָס זיינען אין יענער עפּאָכע — אין די זיבעציגער און אַכטציגער יאָרן — געווען אין דער עמיגראַציע: דאָרט זיינען זיי אויך געווען לערך נישט פֿיל און, ווי מיר וועלן ווייטער זעהן, האָבן זיי אויך געשפּילט נאָר אַ צווייטע ראָלע.

---

*) אָט זיינען זייערע נעמען: א. ביבערגאַל, געללים, געקער, דייטש, דריי, דאָבּרוסקין, זיידנער, לעוו זלאַטאָפּאָלסקי, זונדעלעוויטש, קאָן, לעווענטאַל, לוריע, מאיער, פֿאַני מאָרייניס, גראָסמאַן-פּריבילעוואַ, ראָווענסקי, פֿרידענסאָן, סאָפֿיאַ שעכטער און צוקערמאַן. שפּעטער, שוין אין די ניינציגער יאָרן, זיינען געבראַכט געוואָרן אין דער קאַרער פֿרויען-טורמע פֿון ווילויוסק נאָך פֿיר פֿרויען, וואָס זיינען פֿאַרמשפּט געוואָרן אין יאָר 1889 אין יאַקוטסק פֿאַרן באַרימטן באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, וואָס די אַדמיניסטראַטיוו-פֿאַרשיקטע האָבן אַרויסגעוויזן ביים פֿאַרשיקן זיי קיין סר. קאָלימסק. זייערע נעמען זיינען: באָלאָטינאַ, ווערא גאַסאָך (גאָץ), יעווג. גורעוויטש און פּערלי. לויט דעם זעלבן שרעקליכן פּראָצעס זיינען איבערגעפֿירט געוואָרן פֿון ווילויוסק, אָבער נישט אויף קאַראַ, נאָר אין דער אַקאַטירעווסקער טורמע: גאָץ, מינאָר און אַנד., און לויטן פּראָצעס פֿון סאָפֿיאַ גינזבורג—פֿרייפֿעלד.

נאָך אַלעם דעם, וואָס איך האָב דאָ איבערגעגעבן, האַלט איך פאַר נישט איבעריג און נישט אומאינטערעסאַנט צו טיילן זיך מיט מיינע ידיעות און איינדריקן וועגן די סאַמע גרעסטע יידן פון מיין דור, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג פון XIX יאָרה. מיר איז אויסגעקומען די־רעקט צו קענען כמעט אַלע גרעסטע יידן, וואָס האָבן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס זיך באַטייליגט אינם פאָליטישן קאַמף, וועלכער איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אינם לעצטן פערטל פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. איך דענק, אַז דאָס לעבן און די טעטיגקייט פון אָט די מענשן וועט דינען פאַר אַ פאַסיגער אילוסטראַציע צו די געדאַנקען, וואָס איך האָב פריהער דאָ אַרויסגעזאָגט.

קאַפּיטל ט

די ערשטע קרבנות פון די רעגירונגס רדיפות

לאַזאַר גאָלדענבערג

אין אָנהויב פון זיין ממשלה האָט אַלעקסאַנדער II זיך אַרויסגעוויזן, ווי באַוואוסט, פאַר אַ גרויסן ליבעראַל, מיט וואָס ער האָט צוגעצויגן צו זיך די אַלגעמיינע סימפּאַטיעס. זיין אַרויפקום אויפן טראָן האָט ער געפייערט, שענקענדיג פולע אַמניסטיע פאַר אַלע דעקאַבריסטן, וואָס זיינען געבליבן לעבן און האָבן געשמאַכט אין סיביר אין משך פון גאַנצע דרייסיג יאָר. ער האָט אָפּגעשאַפט די באַגרעניצונג־צאָל מיט דריי־הונדערט פאַר די סטודענטן אין אוניווערסיטעטן, וואָס זיין גרויזאַמער פאָטער האָט איינגעפירט, און האָט, בכלל, אַרויסגעוויזן לייטזעליגקייט און גערעכטיגקייט צו דער לערן־יוגנט. אַזוי, האָט ער באַפוילן אין די פאַלן פון צוזאַמענשטויסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן די סטודענטן און פּאָליציי אין די ערשטע יאָרן פון זיין ממשלה, דורכפירן די שטרענגסטע אויספאָרשונג און נאָך דעם, ווי ער האָט זי באַקומען, האָט ער אָנערקענט פאַר שולדיג נישט די יוגנט, ווי דאָס פלעגט תמיד טרעפן פאַר זיין פאָטער, נאָר די פּאָליציי א. ד. ג.

נאָר מיר ווייסן שוין, אַז די אומפּאַרטייאישקייט און, בכלל, די הומאַניטאַרע באַציהונג צו זיינע אונטערטאַנען האָט נישט לאַנג געדויערט ביי דעם שוואַכן לויטן כאַראַקטער צאַר, וואָס פלעגט זיך גרינג אונטערגעבן דער ווירקונג פון זיינע טעמפּ־קעפּיגע בעלי־יועצים. ווי באַוואוסט, האָט זיך שוין אין סאַמע אָנהויב פון די זעכציגער יאָרן אַ שאָט געטאָן אַ גאַנצע רייה שרעקליכע רדיפות,

דער עיקר אויף דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט צו העלפן דעם צאַר אין זיינע, דאַכט זיך, אויפריכטיגע שטרעבונגען צו פירן דאָס לאַנד אויפן וועג פון פּראָגרעס.

אַזוי, האָט זומער 1861 דאָס בילדונגס־מיניסטעריום אַרויס־געגעבן נייע אוניווערסיטעט תקנות, וואָס האָבן נישט דערלויבט די סטודענטן צו גרינדן קיין קאַסעס פון קעגנזייטיגער הילף, גאָרקיכן, ביבליאָטעקן וכדומה. אין דער הויפּטשטאָט, און דערנאָך אויך אין אַנדערע אוניווערסיטעט־שטעט, האָבן זיך אָנגעהויבן דעריבער אומרוהען צווישן דער לערן־יוגנט, מיט וועלכער מ׳האָט זיך אָפּ־גערעכנט אויפן גרויזאַמסטן אופן. די פּאָליציי, וואָס האָט שוין לאַנג געטראָגן שנאה אויף די סטודענטן, און וואָס איר באַרוף איז בכלל געווען צו „איינשטילן“ זיי, האָט געאַרבעט מיט שווערדן און שאַשקעס א. ד. ג.; ס׳זיינען געווען פאַרוואונדעטע; מ׳האָט געמאַכט א סך אַרעסטן און אויסגעשלאָסן פיל יונגע לייט, וואָס זיינען ווייניג וואָס שולדיג געווען און צופעליג געקומען אויף די אויגן פון די „איינשטילער“.

אין דער גרויסער צאָל געליטענע בעת די דאָזיגע באַרימטע אומרוהען זיינען אַריינגעפאַלן אויך זעקס יידן. אין וואָס, אייגענט־ליך, איז געווען זייער שולד, לויט דער מיינונג פון דער שטרענגער, נאָר אומגערעכטער „נאַטשאַלסטוואָ“, איז מיר אין פּרטים נישט באַוואוסט. נאָר אויבנאויפיג קאָן מען זאָגן, אַז זייערע „פאַר־ברעכנס“ זיינען געווען נישט גרויס, ווייל גיך נאָך דעם איז זיי דערלויבט געוואָרן אָנקומען אין אוניווערסיטעט, וואו זיי האָבן געענדיגט דאָס שטודיום און זיינען געוואָרן פרידליכע בירגער *).

*) אָט זיינען די נעמען פון די דאָזיגע סטודענטן: זעלענסקי, שמולעוויטש, קאַצען, פּאָרטוגאַלאָוו, בעקמאַן און ראָזען. פון זיי האָט אַ גרויסע פּאָפּולערישקייט צווישן דער פּראָגרעסיווער יידישער יוגנט פון די זיבעציגער יאָרן באַקומען פּאָרטוגאַלאָוו (וואָס איז געוואָרן דאָקטאָר אין סאַמאַרע) מיט זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט געדרוקט אין די בעסטע זשורנאַלן: ער איז געווען אַ באַשיצער פון די אַרבעטענדע מאַסן, און מיר האָבן, דעריבער, געשטעלט זיך פאַר אַ ציל צו גיין, מיט דער צייט, אין זיינע דרכים.

מיר איז אויך נישט באַוואוסט, צי האָבן זיך באַטייליגט, חוץ די דאָזיגע סטודענטן, נאָך אַנדערע פּערזאָנען פון דער יידישער יוגנט אין די „סטודענטישע אומרוהען", וואָס זיינען פאָרגעקומען אין איינעגע העכערע לערן־אַנשטאַלטן אין די זעכציגער יאָרן. איך ווייס נאָר וועגן אָנטייל פון איין יידן אין די גרויסע „אומרוהען", וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין יאָר 1869 איינצייטיג אין אַ סך העכערע לערן־אַנשטאַלטן פון ביידע הויפּטשטעט. דאָס איז געווען לאַזאַר גאָלדענבערג. אויף וויפיל מיר איז באַוואוסט, איז ער אויך געווען איינער פון די ערשטע יידן, וואָס האָט דערנאָך זיך באַטייליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די ווייטער־דיגע יאָרצעהנדלינגען. דעריבער וועל איך אָנהויבן פון אים מיינע זכרונות און זיך אָפּשטעלן אויף אים אַ ביסל מער, כדי צו באַ־ווייזן, וואָסערע אומשטאַנדן און סיבות נעמליך האָבן געווירקט אויף אָט דעם יידישן בחור, וואָס איז דאַנקבאַר געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, דעם צאַר פאַר זיין „גוטסקייט", ער זאָל זיך צונויפלעבן מיטן געדאַנק וועגן די כלערליי יסורים, וועלכע שטייען אים פאָר, און זיך ווידמען דער באַפרייאונג פון די אומ־גליקליכע מאַסן. אין יאָר 1912 האָב איך זיך געווענדעט צו ל. גאָלדענבערגן — ער האָט דעמאָלט געלעבט אין ענגלאַנד — מיט דער בקשה מיטצוטיילן מיר ביאָגראַפישע ידיעות וועגן זיך. ער האָט דאָס גערן געטאָן, און צוגעשיקט מיר אַ גאַנץ היפשן כתב־יד, פון וועלכן איך וועל דאָ ברענגען די סאַמע וויכטיגסטע אויסצוגן.

א. לערן־יאָרן

לאַזאַר גאָלדענבערג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1846 אין אַ קליין שטעטל פּאָפּלאָווסק, כערסאָנער גובערניע. זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, איז געשטאָרבן, ווען לאַזאַר איז אַלט געווען אינגאַנצן צוויי יאָר, און די מוטער האָט גיך נאָך דעם חתונה געהאַט דאָס צווייטע מאָל פאַר איינעם אַ קויפמאַן, מיט וועלכן זי האָט געהאַט נאָך אַ זון, וואָס איז שפּעטער

געוואָרן אַן אָנגעזעהענער געלערנטער און פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

צו פיר יאָר האָט לאַזאַר אָנגעהויבן גיין אין חדר. „איינס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון פון אָט דעם פעריאָד", — דערציילט ער אין זיין ביאָגראַפיע, — „אַז דער מלמד איז געווען אַן אמתער קאַט, אַ מערדער: ער האָט אונז שרעקליך געשלאָגן, אומברחמנותדיג, און פרייטאָג, ווען ער פלעגט אונז אָפּלאָזן ביז זונטאָג אַהיים, האָט ער אונז באַזונדערס פלייסיג געשמיסן, כדי די שמיץ זאָלן, אַזוי צו זאָגן, נאָך „קלעקן" אונז אויף שבת און מיר זאָלן אין דערהיים ניט שטיפן".

דערנאָך, אַז דאָס ייִנגל איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר, זיינען זיינע אָרימע עלטערן, מיט אַ שווער האַרץ, גענויט געווען אָפּצוגעבן אים אין אַ „גויאישער" קאַזיאָנער שול, וואו די קריסטליכע לערערס האָבן, ווי גאָלדענבערג דערציילט, „אונז אויך אומברחמנותדיג געשלאָגן". פון דאָרטן איז לאַזאַר אָנגעקומען אין אַן אַדעסער גימנאַזיע. באַזונדערס גוט האָט ער דאָרט געלערנט מאַטעמאַטיק, צו וועלכער ער האָט געהאַט אַ גרויסע נויגונג, די רוסישע שפּראַך האָט ער שוואַך געקענט, בכלל אָבער האָט ער זיך געלערנט ניט שלעכט. דער שטיפפאָטער מיט דער מוטער האָט באַשלאָסן, איבער פאַרשיידענע סיבות, איבערצופירן אים אין אַ קאָמערץ-שול, וואָס האָט זיך נישט לאַנג פאַר דעם דאָרט געעפנט, און האָבן דאָס געטאָן. נאָר לאַזאַרן האָט געצויגן צו מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, ער האָט געוואָלט אָנקומען אין אוניווערסיטעט, און נישט זיך פאַרנעמען מיט קאָמערציע, ווייל ער האָט שוין געהאַט זיך באַקענט מיט אייניגע ווערק פון אונזערע פּראָגרעסיווע שרייבער, פּאָעטן, בעלעטריסטן און פּובליציסטן — מיט נעקראַסאָוון, טורגענעוו, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי און פּיסאַרעוו.

„איך געדענק", — דערציילט ער, — „אַז „רודין" האָט מיך באַצויבערט דערמיט, וואָס ער שטאַרבט אויף די באַריקאַדעס בעת דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848".

געוואָרפֿן די קאָמערץ־שול, האָט גאָלדענבערג אָנגעהויבן זיך גרייטן צום ענדגילטיגן עקזאַמען, וועלכן ער האָט, נאָך אַ יאָר פֿון פֿאַרשטאַרקטן שטודיום, אויסגעהאַלטן אַלס עקסטערן און איז אָנגעקומען אין יאָר 1865 אויפֿן פֿיזיש־מאַטעמאַטישן פֿאַקולטעט פֿונם כאַרקאָווער אוניווערסיטעט.

זייענדיג נאָך אין דער קאָמערץ־שול, איז אים אויסגעקומען צו הערן פֿון אַ חבר אַ פּאָליאַק טרויעריגע געשיכטעס וועגן דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד, וועלכער איז דאַן פֿאָרגעקומען, און דאָס האָט דערוועקט אין אים אַ לעבעדיגע סימפּאַטיע צו דעם פֿאָלק, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אונטערגעדריקט.

„די רעפֿאָרמעס פֿון אַלעקסאַנדער II“, — דערציילט גאָלדענבערג, — „האָבן געהאַט פֿאַר אונז, יידן, אַ גרויסן באַטייט; מיר זיינען דערפֿאַר אים שטאַרק דאַנקבאַר געווען, און איך, אַ זיבעצעניאָריגער בחור, האָב נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי האָט דער דאָזיגער „גוטער קיסר“ געקאָנט דערלויבן זיינע גענעראַלן און באַאַמטע צו פּייניגן די אומגליקליכע פּאָליאַקן, בעת ער האָט אונז געגעבן די „פֿרייהייט“. מיר האָבן, ווירקליך, זיך געפֿיהלט, נאָך זיין אַרויפֿקום אויפֿן טראָן, פֿריי — דער אַנטיסעמיטיזם, האָט זיך געדאַכט, איז אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן געוואָרן.“

לאַזאַרן האָט זיך זעהר שווער געלעבט ביים שטיפֿפֿאָטער אין הויז: „ער האָט געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ בחור, וואָס טויג אויף גאָרנישט ניט, און איך האָב געליטן פֿון אים כלערליי באַליידיגונגען און דערנידערונגען“, — האָט גאָלדענבערג געשריבן אויף דער עלטער אין זיינע זכרונות.

אַנדערש, דעריבער, האָט ער זיך דערפֿיהלט, ווען ער האָט זיך געפֿונען אין דער חברישער סביבה אין אוניווערסיטעט. שוין אויפֿן ערשטן קורס, האָט ער, צוזאַמען מיט עטליכע סטודענטן, געגרינדעט אַ קרייזל פֿון זעלבסאַנטוויקלונג, וואו זיי האָבן אינאיינעם געלייענט די פּראָגרעסיווע זשורנאַלן — „סאָווועמעניק“ און „רוסקאָיע סלאָוואָ“ — און באַטראַכט די פֿראַגן, וואָס פֿלעגן

בײַ זײ אױפֿגעקומען דערבײַ. אין דעם דאָזיגן קרײַזל זײַנען אַרײַנ=
געגאַנגען אױך יונגע מײדלאַך.

דאָך, האָט דאָס לעבן אין כאַרקאָװ נישט באַפֿרידיגט אָט דעם
טעמפּעראַמענטפֿולן בחור, װאָס האָט געפֿיהלט אין זיך אַ באַרוף צו
אַ ברײטערער טעטיגקײט: אים האָט געצױגן אין דער הױפּט=
שטאָט, אין סאַמע ברען פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכן לעבן. גיך
נאָך דעם איז ער אָנגעקומען אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, װאו
ער איז געװען כמעט דער ערשטער פֿון סטודענטן=יידן. נאָך דעם
װי ער האָט גלענצענד אױסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, האָט מען
אים אָנגענומען אױפֿן דריטן קורס און אױך געגעבן אַ סטיפּענדיע.
ער האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ גוטן סטודענט און חבר, װאָס איז
גרײט צו העלפֿן יעדן, הן מיט דערקלערן שװערע ספּעציעלע
פֿראַגעס, אַזױ אױך מיט העלפֿן מאַטעריעל, אױף װיפֿיל ער איז
בכוח געװען בײַ זײַן 20=רובלדיגער חודש=סטיפּענדיע. לערנענ=
דיג זיך זעהר פֿלײסיג אין אינסטיטוט, האָט ער, דאָך, נישט אױפֿ=
געהערט צו לײענען אונזער פּראָגרעסיװע פּרעסע און, „געװײנט=
ליך", — װי ער דערצײלט, — „בין איך לױט די אָנשױאונגען,
קלײדונג און מאַנירן געװען אַן אמתער ניהיליסט".

ס'איז דאַן געװען אַ גאַנץ שװערע צײַט, — נאָך קאַראַקאָ=
זאָװס אַטענטאַט אױפֿן צאַר און די באַװאוסטע מערדערײען פֿון
מוראַװיאָװ דעם תליון, װעגן װאָס כ'האָב שױן מיטגעטײלט פֿרי=
הער. די יוגנט האָט דעמאָלט נישט געגרינדעט קײן שום אומ=
לעגאַלע קרײזלאַך, נישט געמאַכט קײן געהײמע פֿאַרזאַמלונגען
וכדומה, און אױב זײ זײַנען ערגיץ=װאו יאָ פֿאָרגעקומען, איז אַ נײַ
אָנגעפֿאָרענעם מענשן זעהר שװער געװען אַהינצו צו קומען.
נאָר אין יאָר 1868 האָט גאָלדענבערגן זיך אײַנגעגעבן צו באַקענען
אױף אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון נאַטורפֿאָרשער מיט עטליכע סטודענטן
פֿון אוניװערסיטעט, און אָט, אײנמאָל, האָבן זײ אים פֿאָרגעלעגט
צו קומען אױף אַ „געהײמער פֿאַרזאַמלונג".

„דאָס איז געװען די ערשטע געהײמע פֿאַרזאַמלונג, אױף
װעלכער איך בין געװען", — דערצײלט גאָלדענבערג אין זײַן ביאָ=

גראַפּיע. — „חוץ די סטודענטן, זיינען דאָרט געווען אויך איינינע יונגע שרייבער. איינער פון זיי, — מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דער באַרימטער פּיסאַרעוו, — האָט איבערגעלייענט זיינס אַן אַרטיקל, וואָס דער צענזאָר האָט נישט דורכגעלאָזט, אַ צווייטער — אַ פאַבל, וואָס האָט געשילדערט די מיסברויכנס פון דער רעגירונג און די ליידן פונם אַרבעטנדן פאָלק. לויט יענער צייט איז אָט דאָס שוין געווען אַ גרויסער „פּאָליטישער פאַרברעך", פאַר וואָס מ׳האָט געקאָנט אָפּזיצן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, און פון דאָרטן פאַרשיקט ווערן קיין סיביר."

נאָך דעם האָט גאָלדענבערג אָנגעהויבן באַזוכן נאָך אַזעלכע געהיימע פאַרזאַמלונגען, וואו יונגע לייט האָבן באַטראַכט די לאַגע פון פאָלק און די מיטלען ווי אַזוי צו פאַרגרינגערן זיין שווערן גורל. אין יענער צייט איז ערשינען אין אַן איבערזעצונג אויף רוסיש דער ערשטער באַנד פון לאַסאַלס שריפטן, און אויך איינינע ביכער וועגן קאָאָפּעראַציע.

„דאָס אַלץ", — האָט מיר געשריבן גאָלדענבערג, — „האָט געהאַט אויף אונז, לערן־יוגנט, אַ גרויסן איינפלוס: מ׳האָט אָנגעהויבן גרינדן פאַרשיידענע וואַרשטאַטן, — פאַרשטייט זיך, קאָאָפּעראַטיוו, — וואו מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע".

לויט גאָלדענבערגס איניציאַטיוו איז, אגב, איינגעאָרדענט געוואָרן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות אַ כעמישע לאַבאָראַטאָריע פאַר מענשן, וואָס האָבן געענדיגט דעם קורס אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, כדי זיי זאָלן קאָנען אָפּאַרבעטן אין איר נישט ווייניגער פון אַ האַלב יאָר ביז אָנקום אויף אַ פּריוואַטער פאַבריק. דאָרט האָבן אויך געקאָנט באַקומען אַ באַשעפטיגונג אינזשענערן־טעכנאָלאָגן, וואָס האָבן פאַרלוירן די שטעלעס פאַר זייער פּאָליטישער „אומכשרקייט".

די סטודענטן־טעכנאָלאָגן האָבן אויך באַשלאָסן איינצואָרדענען ביים אינסטיטוט אַ גאַרקיך, צוליב וואָס ס׳איז פון זייער אייגענער סביבה אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט. דער ענין איז אַוועק

גאַנץ גוט. נאָר גיך נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן צווישן די סטודענטן די באַוואוסטע אומרוהען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו נעטשאַיעווס אַגיטאַציע. כמעט אין אַלע העכערע לערן־אַנשטאַלטן פון ביידע הויפּטשטעט זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ס׳פלעגט אָפט קומען נעטשאַיעוו, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ פרייען צוהערער פון פעטערבורגער אוניווערסיטעט. דער ציל פון זיין אַגיטאַציע איז, ווי באַוואוסט, געווען צו אַרויסרופן צווישן דער לערן־יוגנט פון די העכערע לערן־אַנשטאַלטן גרויסע אומרוהען, נאָך וועלכע, ווי ער האָט געוואוסט, וועט פאָרקומען אַ שטרענגער משפּט איבער די סטודענטן, און דערנאָך וועלן די געליטענע ווערן אָנהענגער פון זיין פאַרטראַכטן פּלאַן. זיין פּלאַן איז באַשטאַנען אין שאַפן אַ ברייטע געהיימע אָרגאַניזאַציע, כדי צו ענדערן אויפן רעוואָלוציאָנערן אופן די מאוסע אָרדענונג, וועלכע עקסיסטירט אין רוסלאַנד. אָט וואָס גאָלדענבערג דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות:

„נעטשאַיעוו האָט אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען געהאַלטן פייערדיגע רעדעס און אַריינגעטראָגן פאַרשיידענע אַנטשלאָסענע פאָרשלאָגן. אַזוי, האָט ער איינמאָל פאָרגעלעגט, אַז מיר זאָלן אַלע גיין צום „הויף־פּלאַץ“ און פאָדערן, מ׳זאָל אונז צולאָזן צום צאַר, אָדער ער זאָל צו אונז אַרויסגיין, און ווען אַלעקסאַנדער II וועט זיך באַווייזן, אים מעלדן וועגן דער נויטיגקייט אָפּצונעמען די ערד ביי די גוטס־באַזיצערס און אָפּגעבן זיי די פּויערים. דערביי האָט נעטשאַיעוו אַרויסגענומען פון טאַש אַ פּאַפּיר און פאָרגעלעגט אונז זיך אונטערשרייבן אונטער אים. איך בין מיט אַזעלכע רייד און פאָרשלאָגן זיינע נישט מסכּים געווען, נאָר צווישן די סטודענטן האָבן זיך געפונען נישט ווייניג אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אויף זיין זייט. נאָך דער דאָזיגער פאַרזאַמלונג איז נעטשאַיעוו ערגעץ נעלם געוואָרן, און די דעמאָנסטראַציע פאַרן „ווינטער־פּאַלאַץ“ איז נישט פאָרגעקומען“.

אָבער דערווייל זיינען די אומרוהען אַליין מער געוואַקסן: איינס נאָכן אַנדערן האָבן די העכערע לערן־אַנשטאַלטן געשטעלט

דער „נאַטשאַלסטוואָ“ פאַרשיידענע פאָדערונגען. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. גאָלדענבערג האָט אינגאַנצן נישט געהאַלטן פון אָט די אומרוהען, רעכענענדיג זיי פאַר קינסטליך אַרויסגערופענע און אויפגעבלאָזענע; דאָך האָבן אויך אים זיך אויסגעוויזן די דאָזיגע אומרוהען פאַרניצליך, אָבער נישט דערמיט, וואָס די סטודענטן וועלן דערגרייכן גרעסערע אַקאַדעמישע רעכט, נאָר צוליב די אינטערעסן פון פראָפאַגאַנדע. בעת אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, האָט אַ סטודענט געזאָגט, „אַז מ׳דאַרף זיין גרייט צו קרבנות“, האָט גאָלדענבערג געענטפערט: „ניין, מיר וועלן נישט ברענגען קיין קרבנות, נאָר אויפן חשבון פון דער מלוכה וועלן מיר פאַרשפרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד די סאָציאַליסטישע אידעען, וואָס מיר פראָפאַגאַנדירן איצט נאָר אין אונזער קליין קרייזל“.

זיינע נביאות זיינען אינגאַנצן מקויים געוואָרן: די גרויסע אומרוהען האָבן זיך פאַרענדיגט מיט אויסשליסן אַ סך סטודענטן, מיט אַרעסטן און אַדמיניסטראַטיוון אַרויסשיקן. זועלנדיג אויסמיידן דערוויל דעם אַרעסט, האָט גאָלדענבערג אויפגעהערט גיין צו זיך אַהיים, נאָר אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט פלעגט ער קומען, כדי צו באַטייליגן זיך אין די פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן דאָרט פאָרקומען. אָבער איינמאָל איז אַריינגעקומען פאָליציי אין קאָרידאָר פון אינסטיטוט, האָט פאַרנומען די אַריין- און אַרויסגאַנגען, און איבערגעשריבן אַלע פאַרזאַמלטע.

נאָך דעם זיינען די אומרוהען ביסלאַכווייז שטילער געוואָרן, און שפעטער איז געקומען אַ צאַרישער באַפעל וועגן אויסשליסן זיבן סטודענטן, צווישן וועלכע ס׳איז אויך געווען גאָלדענבערג. ער האָט געוואוסט, וואָס עס דראָהט אים, דאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים, וואו ס׳האָט אים אָפגעוואַרט אַ פאָליציימאַן, וואָס האָט אים אָפגעפירט אין צירקל. פון דאָרטן האָט מען אים געבראַכט צו פירן אין דער שרעקליכער „דריטער אָפטיילונג“, וואו

מ׳האָט אים געמאָלדן, אַז מ׳וועט אים אויפן אַדמיניסטראַטיוון אופן אַרויסשיקן אין טאַמבאָווער גובערניע.

אין באַגלייטונג פון צוויי זשאַנדאַרמען האָט מען גאָלדענבערגן אַוועקגעפירט מיט אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן קיין טאַמבאָוו, פון וואַנען מ׳האָט אים מיטן עטאַפּ, — וואָס האָט געדויערט גאַנצע 27 מעת־לעת בײַ העכסט שווערע באַדינגונגען, — געבראַכט אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל טעמניקאָוו, נאָר דערמיט האָבן זײַנע מאַטערנישן נאָך ווײַט זיך נישט פאַרענדיקט.

ב. דאָס לעבן אין פאַרשיקונג און דער אַנטלויף פון דאָרטן

אויף דער ערשטער צײַט האָט גאָלדענבערגן זיך אײַנגעגעבן צו אײַנאָרדענען זיך, בכלל, נישט שלעכט: נעבן טעמניקאָוו איז געווען אַ טעפּיך־פאַבריק פון פירשט יעלגאָוויטשעוו, וואו ער האָט אינגיכן באַקומען אַ באַשעפטיגונג מיט געהאַלט פון 25 רובל אַ חודש. דאָס איז לויט יענע צײַטן געווען גאַנץ גענוג פאַר אַ בחור. נאָר אין פיר חדשים אַרום האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די דאָזיגע שטעלע איבער דעם זעהר גראָבן באַגיין זיך פונם פאַבריק־באַלעבאָס מיט די אַרבעטער. גיך נאָך דעם איז פון פעטערבורג אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג איבערפירן גאָלדענבערגן פון אָט דעם לערך ניט שלעכטן אָרט אויפן ווײַטן צפון אין אָלאָנעצקער גובערניע.

ס׳האָבן פונדאָסניי זיך אָנגעהויבן לאַנגע מאַטערנישן אונטער דער וואַך פון סאָלדאַטן, פאָליציי־לײַט און זשאַנדאַרמען פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, מיט לאַנגן אײַנשטיין אויפן וועג אין טורמעס, פאָליצייאישע צירקלען און עטאַפּ־שטיבלאַך, מיט אַלע אומפאַרמײַדליכע דערבײַ „גוטע זאַכן“ פאַר אַרעסטאַנטן. און נאָר אין עטליכע חדשים אַרום פון שווערער נסיעה האָט מען גאָלדענבערגן געבראַכט קיין פעטראָזאַוואָדסק, — די הויפּט־שטאָט פון אָלאָנעצקער גובערניע, — וואו מ׳האָט אים איבערגעלאָזט.

די ערשטע צייט האָט זיך אים אויך דאָרט איינגעגעבן זיך איינאָרדענען ניט שלעכט: ער האָט באַקומען אַ שטעלע פון אַ בעמיקער אויף דער מלוכהשער קאַנאַנען־פאַבריק, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט גענעראַל פעלקנער, אַ לייטישער און נישט קיין נאַרישער מענש. ער האָט גאַנץ ריכטיג אָפּגעשאַצט גאָלדענ־בערגס קענטעניש אין כעמיע, און האָט אים געצאָלט גוטע שכירות — פון 30 ביז 50 רובל אַ חודש — און, בכלל, זיך גוט באַצויגן צום ערשטן פאַרשיקטן יידן, „אַ מלוכה־פאַרברעכער", מיט וועמען ס׳איז אים אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען. אָבער נישט אַזוי האָט זיך באַצויגן די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע צו גאָלדענבערגס פרידליכער און ניצליכער, דאַכט זיך, באַשעפטיגונג. אפילו די פּראָטעקציע פונם גענעראַל האָט אים נישט געקאָנט העלפן: אינגאַנצן אין דריי וואָכן אַרום האָט דער פּאַרוואַלטער פון דער פאַבריק באַקומען אַ פאַרשריפט פונם גובערנאַטאָר און זשאַנ־דאַרמען־פּאָלקאָווניק אָפּצוזאָגן גאָלדענבערגן אַלס „זעהר געפער־ליכן מענשן". דער גענעראַל האָט נישט געוואָלט זיך אונטער־געבן אַזאַ פאָדערונג, ווייל ער האָט געהאַלטן, פאַרקערט, אַז דעם אָנגעשטעלטן זיינעם פאַר זעהר אַ פרידליכן און אויך זעהר אַ ניצליכן מענשן פאַר דער פאַבריק; נאָר די דערמאָנטע צאַרישע קנעכט האָבן אים געמאָלדן, אַז דערפון וועט נאָר ערגער זיין פאַר זיין פּראָטעזשע, דעם פאַרשקיטן, ווייל זיי וועלן אים אַרעסטירן, אויב ער וועט ווייטער פאַרבלייבן אויף דער פאַבריק, און דער־נאָך וועלן זיי אים פאַרשיקן נאָך ווייטער אויף צפון אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, וואו זיין לאַגע וועט זיין אַ סך טרויעריגער, ווי אין פּעטראָזאַוואָדסק. אָבער אַזאַ פּערספּעקטיוו, האָט דער גוטער און גערעכטיקער פאַרוואַלטער פון פאַבריק שוין גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן.

„ער האָט מיר געגעבן, דאַכט זיך, 50 רובל, און איך בין אַוועק־געגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ", — דערציילט גאָלדענבערג אין זיינע זכרונות.

אָבער, לעבן פון עפּעס האָט מען דאָך געדאַרפט, און אָט האָט

גאָלדענבערג איניִכן געפֿונען אַן אַנדער באַשעפֿטיגונג: ער איז זיך צונויפֿגעגאַנגען מיט אַן אויסגעדינטן סאָלדאַט, וואָס האָט געלעבט מיט אים אויף איין הויף און געהאַט אַ קליינעם וואַרשטאַט, וואו ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט לייטן בלעכן געשיר, סאַמאָוואַרן וכדומה. גאָלדענבערג האָט גענומען אים העלפֿן.

„כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אָט דעם גומוטיגן שכּור, און מוז זאָגן, אַז געלעבט האָב איך ביי אים, ווי גאָט אין אַדעס“, — דערציילט גאָלדענבערג.

ער איז געוואָרן „די רעכטע האַנט פֿון זיין באַלעבאָס“, דערצו נאָך האָט ער באַקומען די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט פּראָסטע אַרבעטער-מענשן, וואָס פֿלעגן ברענגען צום פֿאַרריכטן זייערע זאַכן.

אין פּעטראָזאַוואָדסק האָבן זיך געפֿונען, חוץ גאָלדענבערגן, נאָך דריי פּאָליטישע פֿאַרשיקטע—קריסטן. מיט צוויי פֿון זיי איז ער זיך נאָהענט צונויפֿגעגאַנגען און באַטראַכט מיט זיי פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגן. אין דער צייט איז אין קאַרגאָפּאָלער אויעזד געווען אַ הונגער, און די אַדמיניסטראַציע האָט דאָרט דאָך אויפֿגעמאָנט די שטייערן פֿון דער הונגערנדער באַפֿעלקערונג, פֿאַרקויפֿנדיג בחצי-חנם זייער אָרימען פֿאַרמעגן. דעמאָלט האָט גאָלדענבערג מיט זיינע חברים אָנגעהויבן איינרעדן די פּויערים, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון צאָלן שטייערן. זייער אַגיטאַציע האָט זיך איינגעגעבן, און אין איינִיגע דערפֿער האָבן די פּויערים אויפֿגעהערט צו צאָלן. נאָר די מאַכט האָט איבערגעכאַפּט אַ בריוו פֿון אָט די פֿאַרשיקטע אַגיטאַטאָרן, זיי אַרעסטירט דערפֿאַר און איבערגעגעבן צום געריכט „פֿאַר העצן די פּויערים קעגן דער מאַכט“. דאָך וויפֿיל מ׳האָט די פּויערים ניט געשמיסן, האָט נישט געהאָלפֿן, מ׳האָט געמוזט זיי פֿאַרלענגערן דעם טערמין פֿון אַריינטראָגן די שטייערן. די פֿאַרשיקטע האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ האַלב יאָר אין טורמע, און דערנאָך זיי פֿריִגעשפּראָכן איבער דעם מאַנגל אין גענוגענדע באַווייזן.

גאָלדענבערגס אויפהאַלטן זיך מיט זיינע חברים אין דער פעטראָזאַוואָדסקער טורמע איז צונויפגעפאַלן מיט דער פאַריזער קאָמונע פון יאָר 1871, וועלכע האָט, ווי באַוואוסט, גלייך ווי דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, געהאַט אַן אומגעהייער גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין פעטערבורג און אין אַנדערע אוניווערסיטעט־שטעט האָבן אָנגעהויבן אויפקומען מער־וועניקער באַדייטענדע געהיימע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל פאַרשפרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן דער לערן־יוגנט, און אויך צווישן די אַרבעטענדע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. נאָר די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס, — אין קעגנזאַץ צו די מיטלען, וואָס נעטשאַיעוו פלעגט אָנגעמען, — האָבן זיך סומך געווען אויף די געפיהלן פון פאַרטרויאונג, אויפריכטיגקייט און ברידערליכער ליבע, און נישט אויף אָפּנאַרעריי און מיסטיפיקאַציע. די איינפלוסרייכסטע פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען די „טשאַיקאָווצעס“ און „דאָלגושינצעס“. נאָך דער באַפרייאונג פון דער טורמע האָט גאָלדענבערגן זיך איינגעגעבן דורך אַ מאַשיניסט פון אַ דאַמפער, וואָס איז אומגעפאָרן צווישן פעטערבורג און פעטראָזאַוואָדסק, איינשטעלן אַ געהיימע פאַרבינדונג דורך בריוו מיט איינעע מיטגלידער פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס.

און דערווייל איז זיין לעבן אין פעטראָזאַוואָדסק געוואָרן אַלץ שווערער. און אָן שום אויסזיכטן: די אַרבעט מיטן „גוטמוטיגן שכור“ האָט אים, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט באַפרידיגן, און טון עפעס חוץ איר, נאָך דער באַפרייאונג פון טורמע, האָט ער נישט געהאַט קיין מעגליכקייט, ווייל די פאָליציי האָט נאָכגעשפירט יעדן טראָט זיינעם און פון זיינע חברים. חוץ דעם, שמועסנדיג מיט אַרבעטער, וועלכע פלעגן אַריינקומען אין וואַרשטאַט, האָט גאָלדענבערג אָנגעהויבן באַמערקן די שווערקייט פון זיין לאַגע, אַלס פראָפּאַגאַנדיסט, צוליב דעם, וואָס ס'האָבן דעמאָלט אויסגעפעלט אינגאַנצן וויפיל ס'ניט איז פאָפולערע פאַרשטענדליכע בראָשורן פאַרן פאָלק. ער האָט זיך געווענדעט נאָך

אַזולכע ווערק צו זיינע פּעטערבורגער חבֿרים, נאָר יענע האָבן געענטפֿערט, אַז זיי פֿאַרמאָגן זיי אויך נישט. דעמאָלט האָט גאָלדענבערג באַשלאָסן מיטצואווירקן דעם ערשיינען פֿון אַזולכע בראָשורן. כּדי צו פֿאַרווירקליכן דעם דאָזיגן געדאַנק האָט ער געמוזט אַנטלויפֿן פֿון פּעטראָזאַוואָדסק קיין אויסלאַנד און דאָרט דרוקן פּאָפּולערע בראָשורן, וואו ס'זאָלן דורכגעפֿירט ווערן סאָציאַליסטישע אידעען. אויף דעם דאָזיגן פּלאַן האָבן פֿולקום איינגעשטימט די „דאָלגושינצעס“, וואָס האָבן אים צוגעשיקט דורך דעם דערמאָנטן מאַשיניסט די נויטיגע זאַכן צוליבן אַנטלויפֿן, — אַ קאָסטיום, געלט א. ד. ג. דער מאַשיניסט האָט אים באַהאַלטן אויפֿן דאַמפּער אונטערן קעסל און געבראַכט אים קיין פּעטערבורג, וואו ער האָט אַ שטיק צייט זיך אויסגעבאַהאַלטן ביי אַ „מיטפֿיהלנדן“ אָפֿיציר.

ג. דאָס לעבן און טעטיגקייט אין דער עמיגראַציע

אָפּגעוועזן אַ קורצע צייט אין דער הויפּטשטאָט, איז גאָלדענבערג, פֿאַרשטייט זיך, אַריבער אומלעגאַל די גרעניץ און אַוועקגעפֿאָרן קיין ציוריך, וואו ס'איז אין יענער צייט געווען דער צענטער פֿון דער פּאָליטישער עמיגראַציע. דאָרט האָבן געלעבט דעמאָלט די באַרימטע רוסישע סאָציאַליסטן — לאַוראָוו, סמירנאָוו, סאַזשין און אַנד. דאָרטן האָט זיך אויך אין דער זעלבער צייט קאָנצענטרירט אַ מאַסע רוסישע לערן־יוגנט, ווייל דער ציוריכער אוניווערסיטעט און פּאָליטעכניקום האָבן צום ערשטן מאָל, פֿון אַלע אייראָפּעאישע העכערע לערן־אַנשטאַלטן, געגעבן אַ צוטריט אויך פֿרויען. אַהין האָבן, דעריבער, זיך אַ לאָז געטאָן יונגע מיידלאַך פֿון די סאַמע ווייטסטע עקן פֿון רוסלאַנד, כּדי צו שטודירן די נאַטורוויסנשאַפֿטן, מאַטעמאַטיק, מעדיצין וכדומה. אין משך פֿון עטליכע יאָר איז זעלטן ווען געווען צו באַגעגענען אין רוסלאַנד אַ פּראָגרעסיווע יונגע פֿרוי, וואָס זאָל ניט שטרעבן צו אַוועקלאָזן

זיך אין אַט דער ווייטער קליינער שטאַט פון דער שווייץ־רעפּובליק, כדי צו שטודירן דאָרט די העכערע וויסנשאַפטן. צווישן די דאָזיגע ערשטע רוסישע סטודענטינס זיינען אויך געווען עטליכע יידישע מיידלאַך. נאָר וועגן דעם וועל איך איבערגעבן שפּעטער, און איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו גאָלדענבערגן.

אויף וויפיל מיר איז באַוואוסט, איז ער געווען איינער פון די ערשטע יידן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד. אמת, דאָרט האָט נאָך פון דער מיט זעכציגער יאָרן געוואוינט דער ייד־עמיגראַנט ניקאָלאַי אוטין, וואָס איז אין זיין צייט געווען שטאַרק פּאָפּולער, אַלס אָנהענגער פון קאַרל מאַרקס און שאַרפער קעגנער פון באַקונינען. נאָר ער האָט געענדיגט זיין אויסלענדערישע טעטיגקייט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעגעבן דעם צאַר אַ בקשה וועגן באַגנעדיגן, און, אַדאַנק די באַמיהענישן פון פּאָליאַקאָוון, האָט מען אים דערלויבט זיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד. נאָך דעם איז ער אינגאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער גאָלדענבערג, אַנטלויפנדיג פון זיין פאַרשיק־אָרט, האָט פאַרברענט נאָך זיך, ווי מ'זאָגט, אַלע שיפן. שוין אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקום קיין ציוריך איז אויף אים פּלוצים געפאַלן אַ שרעקליכער חשד, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך פאַרביטערונג.

ווי באַוואוסט, איז נעטשאַיעוו, נאָך דעם מאָרד פונם אומשולדיגן סטודענט איוואַנאָוו, אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. מורא האָבנדיג, אַז מ'וועט אים פון דאָרטן אַרויסגעבן רוסלאַנד, אַלס אַ מענש, וואָס איז באַגאַנגען אַ קרימינעלן פאַרברעך, האָט ער געוואוינט אין דער שווייץ אונטער אַ פרעמדן נאָמען, הגם אַ סך עמיגראַנטן האָבן גוט געוואוסט ווער ער איז באמת. פּלוצים האָט די אָרטיגע פּאָליציי אַרעסטירט נעטשאַיעוון אין פיר טעג אַרום נאָך גאָלדענבערגס קומען קיין ציוריך. און אַזוי ווי גאָלדענבערג האָט אים געקענט אין פּעטערבורג און זיך באַצויגן אומפריינטליך צו זיין טעטיגקייט, איז ביי אייניגע מענשן געפאַלן אַ חשד, אַז דאָס האָט ער אָנגעוויזן דער פּאָליציי, וואו מ'קאָן נעמליך טרעפן

און אַרעסטירן נעטשאַיעוון. דער דאָזיגער קלאַנג האָט זיך שנעל פאַרשפרייט צווישן דער רוסישער קאָלאָניע.

ס'איז גרינג זיך פאָרצושטעלן, וואָס דער ערליכער גאָלדענבערג, וועלכער איז שטאַרק איבערגעגעבן געווען די אינטערעסן פון די אַרבעטענדע מאַסן, האָט איבערגעלעבט דאַן, בעת ער איז ווירקליך ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען אין דער עמיגראַציע. צום גליק, איז צווישן די רוסן געווען זיינער אַן אַלטער חבר פון רוסלאַנד, אַ געוועזענער מיטגליד פון דער נעטשאַיעווער אָרגאַניזאַציע—ז. ראַלין, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג צווישן די רוסישע אָנהענגער פון באַקונינען. אַדאַנק אים און נאָך צוויי רוסן, וואָס האָבן געקענט גאָלדענבערגן פון דער היים, איז זיין רעפוטאַציע און ערליכער נאָמען באַשיצט געוואָרן.

אינגיכן נאָך דעם איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז נעטשאַיעוון האָט אויסגעגעבן אַ פאָליאַק סטעמפקאָווסקי, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פונם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. די עמיגראַנטן האָבן געמאַכט אַן אינטערנאַציאָנאַלן משפט איבער אָט דעם פאַררעטער: ס'זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 18 געשוואוירענע ריכטער, נאָר דער דאָזיגער נידעריגער מענש האָט זיך געווענדעט צום פאַרוואַלטער פון דער ציוריכער פאָליציי, „ער זאָל באַשיצן זיין לעבן פון דער געפאַר, וואָס האָט אים, כלומרשט, געדראָט“. דער געריכט האָט אונטער די אויגן און איינשטימיג אָנערקענט אים פאַר אַ שפיאָן, וואָס האָט אויסגעגעבן נעטשאַיעוון, און האָט דאָס פאַרעפנטליכט אין די אָרטיגע צייטונגען מיט די חתימות פון אַלע געשוואוירענע ריכטער. נאָך דעם, איז, לויטן געזעץ פון ציוריכער קאַנטאָן, סטעמפקאָווסקי פון דאָרטן אַרויסגעטריבן געוואָרן.

איינצייטיג מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די רוסישע עמיגראַנטן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע מיטן צוועק צו באַפרייען נעטשאַיעוון, אַלס פאָליטישן עמיגראַנט, און מ'זאָל נישט דערלאָזן אַרויסגעבן אים דער רוסישער רעגירונג. גאָלדענבערג האָט גע=

נומען דעם סאַמע ענערגישסטן אָנטייל אין דער דאָזיגער קאָמפּאַניע. אַזוי האָט ער אויף אַ גרויסן מיטינג, אויף וועלכן ס'איז געווען נישט ווייניגער פון אַכט הונדערט מענשן, געהאַלטן אַ הייסע רעדע אויף דייטש קעגן אַרויסגעבן נעטשאַיעוון.

אויפן אַנדערן טאָג האָט אים איינגעלאַדן צו זיך דער פּאָליציי־מיניסטער, און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין וואוינרעכט־שיין, ווי מ'האָט געפאָדערט אין ציוריך, האָט ער אים געהייסן זיך פאַרנעמען פון דאָרט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אים אַרעסטירט אויף דער גאַס און מיט צוויי פּאָליסמענער אַרויסגעפירט מחוץ ציוריכער קאַנטאָן. אַזוי אַרום, האָט אונזער אַגיטאַטאָר פאַר פרייהייט און רעכט אפילו אין דער דעמאָקראַטישער שווייץ־רעפּובליק נישט אויסגעמיידט קיין אַרעסט און אַרויסשיקונג אונטער דער וואַך פון פּאָליציי. דאָס האָט אים, געוויינטליך, נישט געקאָנט פאַרשאַפן קיין פאַרגעניגן, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס ציוריך איז צו יענער צייט געווען די אַרענע פון פּאָליטישן קאַמף צווישן די רוסן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט.

די אָנפירער פון דער רוסישער יוגנט זיינען דעמאָלט געווען, ווי באַוואוסט, באַקונין און לאַוראָוו, וואָס זיינען זיך צעגאַנגען וועגן דעם, ווי אַזוי מ'דאַרף אַרבעטן, כדי אין רוסלאַנד זאָל גיכער פאָרקומען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. דעריבער האָט די ציוריכער קאָלאָניע זיך צעטיילט אויף צוויי פיינטליכע מחנות, — אויף „באַקוניסטן" און „לאַווריסטן", וואָס האָבן געפירט צווישן זיך אַ פאַרצווייפלטן קאַמף. צווישן די אָנהענגער פון איינער, און אַזוי אויך פון דער אַנדערער פּאַרטיי האָבן זיך געפונען בחורים און מיידלאַך, וואָס זיינען שפּעטער שטאַרק באַוואוסט געוואָרן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווי — ווערא פיגנער, באַרדינאַ, און אויך יידישע פרויען, ווי בעטי קאַמינסקאַיאַ און אַנאַ ראָזנפעלד, וועגן וועלכע איך וועל דערציילן ווייטער.

די רוסן האָבן אפילו געקויפט אויף אויסצאָלן אַ הויז, וואו פילע האָבן געלעבט אויף חברישע קאָמונאַלע יסודות. דאָרטן איז אויך געווען אַן אַלגעמיינער לייען־זאַל, וואו ס'זיינען פאָר־

געקומען דעבאַטן, וואו מ׳האָט געלייענט לעקציעס וכדומה. אין ציוריך האָט אויך יעדער פראַקציע געהאַט איר דרוקעריי, וואו ס׳האָבן זיך געדרוקט סאָציאַליסטישע ווערק, וואָס פלעגן אויף אַ קאָנטראַבאַנדן-אופן געבראַכט ווערן קיין רוסלאַנד. מיט איין וואָרט, דאָס לעבן האָט דאָרט געברויזט. און נאָר גאָלדענבערג, ווי מיר ווייסן שוין, האָט געמוזט, אינגיכן נאָך זיין אָנקום, זיך דערווייטערן פון דעם אַלעם.

ער האָט זיך באַזעצט אין גענף, וואוהין ס׳איז שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, איבערגעפירט געוואָרן פון ציוריך די דרוקעריי, וואָס האָט געהערט די „טשאַיקאָווצעס“. אין דער דאָזיגער דרוקעריי האָט גאָלדענבערג אָנגעהויבן אַרבעטן, כדי צו פאַר-ווירקליכן דעם פּלאַן, צוליב וועלכן ער איז געקומען קיין אויס-לאַנד. טיילווייז פלעגט ער אַליין אויסזוכן דעם געהעריגן מאַ-טעריאַל אויף צו דרוקן פּאָפּולערע בראָשורן, טיילווייז האָבן די „טשאַיקאָווצעס“ צוגעשיקט אים כתב-ידן פון רוסלאַנד, און, אַזוי אַרום, האָט ער אין אַ קורצער צייט אַרויסגעגעבן אַ גענוגענדע צאָל אַגיטאַציאָנס-ליטעראַטור. די דאָזיגע בראָשורן זיינען געווען אין רוסלאַנד זעהר פאַרשפּרייט אַלס וויכטיגער הילפסמיטל אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליסטישע אידעען צווישן דעם פאָלק און דער יוגנט. פון די דאָזיגע בראָשורן איז כדאי צו דערמאָנען די בעסטע און סאַמע פאַרשפּרייטסטע אין יענער צייט: „אַ מעשה וועגן פיר ברידער“, וואָס איר מחבר איז געווען דער באַרימטער אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלו-ציאָנערער באַוועגונג לעוו טיכאָמיראָוו.

ד. די פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן

אין דער זעלבער צייט האָבן אויך די „באַקוניסטן“ געדרוקט אין זייער דרוקעריי פאַרשיידענע אַנאַרכיסטישע ווערק, און לאַווראָוו מיט זיינע אָנהענגער האָט רעדאַקטירט דעם גרויסן אומפּעריאָדישן זשורנאַל „ווּפּעריאָד“ („פאָראויס“), וואָס איז

זעהר פּאָפּולער געװען אין יענער צייט, און אין יאָר 1875 האָט ער אַרױסגעגעבן נאָך אַ צװייװאָכנטליכע צייטונג אונטער דעם זעלבן נאָמען.

אַזױ אַרום, זעהען מיר, אַז אין די זיבעציגער יאָרן איז די אויסלענדערשע טעטיגקייט פון אונזערע עמיגראַנטן געװען זעהר גרױס, און, דער עיקר, האָט זי געהאַט אַ גרױסן איינפלוס אויף דער אַנטװיקלונג פון דער רוסישער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג אינם לאַנד. אין דער דאָזיגער ניצליכער אַרבעט איז געװען אויך אַ גוטער טייל, װאָס לאַזאַר גאָלדענבערג האָט אַריינגעטראָגן, הגם ער אַליין איז נישט געװען קיין פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַט.

נאָר דערפאַר איז זיין ראָלע נאָך מער חשובער, װייל, זיינענ־דיג, װי מיר האָבן געזעהן, אַ גאַנץ געבילדעטער מענש, האָט ער נישט נאָר זיך נישט געמאוסט מיט קיין, אַזױ גערופענער, שװאַרצער אַרבעט, נאָר, פאַרקערט, האָט זי תמיד גערן געטאָן.

גאָלדענבערג איז געװען אַ זעצער, האָט קאָרעגירט, בראָשירט, מיט איין װאָרט, האָט געטאָן אַלץ, װאָס איז נויטיג געװען און אָן װאָס ס'קאָן דאָס בעסטע ליטעראַרישע װערק נישט ערשיינען. אָפּגעאַרבעט האָט ער אַזױ עטליכע יאָר אין גענף, בלייבנדיג אין דער דרוקעריי פון די „טשאַיקאָװצעס“.

דערװייל זיינען די מיטגלידער פון דער דאָזיגער פאַרשפּרייט־כטער אָרגאַניזאַציע, מיט קליינע אויסנאַמען, אַרעסטירט געװאָרן אין רוסלאַנד און אַריינגעזעצט געװאָרן אין טורמעס אין אין דער פּעטראָפּאַװלאָװסקער פעסטונג. נאָר װינטער 1875 האָט זיך אומגעקערט פון זיין אַדמיניסטראַטיװן פאַרשיקונג איינער פון די ענערגישסטע, טעטיגע און קלוגע מיטגלידער פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, מאַרק נאַטאַנסאָן, װעמען איך האָב שױן דערמאָנט.

אין יאָר 1876 איז ער אַװעקגעפאָרן צוליב פּאַרטיי־ענינים קיין אויסלאַנד, און בדרך אגב, האָט ער באַשלאָסן צו פאַראייניגן די דרוקעריי פון די „טשאַיקאָװצעס“ מיט דער יעניגער, װאָס איז געװען אין לאָנדאָן און װאו ס'האָט זיך געדרוקט דער זשורנאַל „װפּעריאָד“. ער האָט פּאָרגעלעגט גאָלדענבערגן איבערפאָרן

אַהין, אויף וואָס דער לעצטער איז מסכּים געווען, און צוזאַמען מיט דער דרוקעריי האָט ער זיך איינגיכן איבערגעצויגן אין דער הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד.

דאָרטן האָט דער קרייז פון גאָלדענבערגס טעטיגקייט זיך באַדייטענד פאַרברייטערט: ער איז נישט נאָר געווען זעצער, קאָרעקטאָר וכדומה, נאָר שוין אויך מיטגליד פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, חברות, מיטינגען א. ד. ג. אין זיין אַוטאָביאָגראַפיע דערציילט ער:

„בעת איך בין געווען אין לאָנדאָן האָט זיך געגרינדעט די אינטערנאַציאָנאַלע ליגע, וואו ענגעלס איז געווען דער דייטשער סעקרעטאַר, ליסאַגרע — דער פראַנצויזישער, און איך ווי ס'פּאַסט פאַר אַ יידן — דער סלאַווישער, הגם דאָרט האָט זיך באַטייליגט דער באַרימטער גענעראַל פון דער פאַריזער קאָמונע — ווראָבלעווסקי און די מערהייט פון דער סלאַווישער סעקציע זיינען געווען פּאָליאַקן. נאָר דער לעצטער איז צו מיר צוגעשטאַנען, און איך האָב גענומען אויף זיך די אַרבעט פון סעקרעטאַר“.

וואָס ס'איז באַזונדערס אינטערעסאַנט און וויכטיג, צוליב דער גרויסער פאַרשפּרייטונגען איצט פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם אויף דער יידישער שפּראַך, איז דאָס, וואָס גאָלדענבערג, צוזאַמען מיטן באַוואוסטן ליבערמאַנען, איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו פירן די פּראָפּאַגאַנדע פון די סאָציאַליסטישע אידעען צווישן די יידישע אַרבעטנדע מאַסן אויף זייער מוטער־שפּראַך. ביז דאַן און אַ סך יאָרן נאָך דעם האָט די יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט, וואָס האָט געאַרבעט אין רוסלאַנד, אינגאַנצן נישט געהאַלטן פאַר נויטיג צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן יידן, און ווער רעדט, אויף דער יידישער שפּראַך פאַר אונז האָבן, אין תּוך, לחלוטין נישט עקסיסטירט קיין אַרבעטער־יידן. מיר האָבן געקוקט אויף זיי מיט אויגן פון רוסיפיקאַטאָרן: דער ייד האָט געמוזט זיך אינגאַנצן אַסימילירן מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג, פּונקט אַזוי ווי דאָס איז שוין געשעהן

אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד. אַלס אָנהענגער פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, האָבן מיר, בכלל, אָפּגעלייקנט די פּראָפּאַגאַנדע אויף די שפּראַכן פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין רוסלאַנד, און באַזונדערס אויף דער יידישער שפּראַך, ווייל דעם „זשאַרגאָן" האָבן מיר גאָרנישט געהאַלטן פאַר קיין שפּראַך, און פילע פון אונז, — דערין אויך איך, — האָבן אים גאָר נישט געקאָנט. פאַר אונז האָט עקסיסטירט נאָר די אומגליקליכע, אָרימע אַרבעטענדע מאַסע, וואָס האָט פאַרשטאַנען און גערעדט אויף דער הערשענדער רוסישער שפּראַך, דערצו נאָך האָט די דאָזיגע מאַסע זיך פאַרנומען, דער עיקר, מיט ערד־אַרבעט, און טיילווייז נאָר געאַרבעט אין פאַבריקן. בעלי־מלאכות האָבן מיר געהאַלטן שיער ניט פאַר עקספּלואַטאַטאָרן.

אַזוי ווי די מערהייט פון די יידישע אַרבעטענדע מאַסן זיינען געווען בעלי־מלאכות און אין דער זעלבער צייט האָט זיי נישט אויסגעמאַכט אַמאָל אויך צו פאַרנעמען זיך מיט קליינהאַנדל, זיינען מיר גרייט געווען צו האַלטן זיי אַלע פאַר „געשעפט־מאַכערס". דעריבער האָט זיך אונז אויסגעוויזן די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם צווישן זיי, און דערצו נאָך אויף „זשאַרגאָן", אויב נישט שעדליך, איז, לכל הפּחות, אַלס אומניצליכע פאַר־שווענדונג פון צייט און כּוחות.

נישט אַזוי האָט זיך באַצויגן צו דער דאָזיגער פראַגע ליבער־מאַן. איינער פון זיינע ערשטע נאָכקומער איז געווען לאַזאַר גאָלדענבערג. זיי האָבן געגרינדעט אין לאָנדאָן, פריהיאָר 1876, אַ „יידיש סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד" פון יידן בעלי־מלאכות *). ווי באַוואוסט, האָט דער דאָזיגער פאַרבאַנד זיך געשטעלט אַלס ציל צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליזם צווישן די יידן אומעטום, וואו זיי געפינען זיך, און אָרגאַניזירן זיי צום קאַמף קעגן זייערע עקס־פּלואַטאַטאָרן. חוץ דעם, איז דער צוועק פון אָט דעם פאַר־

*) אין דעם דאָזיגן פאַרבאַנד זיינען אַריינגעגאַנגען, אַלס גרינדער, חוץ ליבערמאַנען און גאָלדענבערגן: פינף שניידערס, איין טישלער, איין פּודלמאַכער, דער באַרימטער אַרבעטער הירש סאַפּער און איין היטלמאַכער.

באַנד געווען צו „פאַראייניגען זיך אין אַ ברודער-בונד מיט די אַרבעטער-געזעלשאַפטן פון אַנדערע פעלקער“.

צום ערשטן עפנטליכן מיטינג האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף אויף דער יידישער שפּראַך, וואָס איז געווען דאָס ערשטע פאַרווערטע ווערק, מיט וועלכן די יידן-סאָציאַליסטן פון רוסלאַנד האָבן זיך געווענדעט צו יידן. כ׳וועל ברענגען, דעריבער, עטליכע שורות פון אָט דעם היסטאָרישן דאָקומענט.

„ווי שווער ס׳איז ניט דאָס לעבן פון אַ ל ע אַרבעטער, נאָר נאָך שווערער איז דאָס יידישע“, — ווערט געזאָגט אין אָט דעם אויפרוף. — „דער ייד איז גענויט צו אַרבעטן און באַקומען אַ קלענערן לוין, ווי די קריסטן. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען נישט פאַראייניגט... די אַרבעטער, וואָס זיינען פאַראייניגט אין איין אָרגאַניזאַציע, דערלאָזן נישט, אַז די פאַבריקאַנטן און מייסטערס זאָלן זיי דריקן. נאָר ביי אונז, יידישע אַרבעטער, איז נישטאָ קיין אחדות... דאָס ברענגט אונז שאָדן און, חוץ דעם, רופט עס אַרויס אַ שנאה צו אונז מצד די ענגלישע אַרבעטער, וואָס באַשולדיגן אונז, אַז מיר ברענגען זיי אויך שאָדן דערמיט, וואָס, אַרבעטענדיג מער, גייען מיר איין דאָך אויף אַ קלענערן לוין פאַר אונזער אַרבעט*).

אַלס פאָרזיצער פון אָט דעם מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 18 אַווגוסט 1876, אויף וועלכן ס׳זיינען געווען לאַווראָוו און אויך אַנדערע אָנגעזעהענע סאָציאַליסטן-קריסטן, איז געווען לאַזאַר גאָלדענבערג.

ער האָט געעפנט דעם מיטינג מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט, צווישן אַנדערן, געזאָגט, אַז דער ציל פון די סאָציאַליסטן איז — די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס פון דער הערשונג פונם קאַפּיטאַל, און אַז דער „יידישער סאָציאַליסטישער

*) דער דאָזיגער אויסצוג איז געבראַכט ביי ל. דייטשן אין רוסישער איבערזעצונג. דאָ איז דער טעקסט ווידער פון רוסיש איבערגעזעצט אויף יידיש. ע. ק.

פאַרבאַנד״ שטרעבט צו דערקלערן די יידישע אַרבעטער, אויף וואָס פאַר אַן אופן זיי קאָנען פאַרבעסערן זייער לאַגע.

אַלס רעזולטאַט פון דעם דאָזיגן מיטינג איז געווען דאָס, וואָס 80 יידישע אַרבעטער האָבן זיך פאַרשריבן פאַר מיטגלידער פון דעם נייעם פאַרבאַנד.

איך האָב נישט קיין מעגליכקייט אַריינצוגיין דאָ אין פּרטים פון גאָלדענבערגס טעטיגקייט אַלס איינעם פון די איניציאַטאָרן פון אָט דעם פאַרבאַנד. איך וועל נאָר דערמאָנען, אַז ער האָט נישט איינמאָל געלייענט פאָרטראָגן אויף זיינע זיצונגען („וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער שווייץ״, „וועגן ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין גענף״, „וועגן די חלוקי־דעות צווישן די מאדזיניאַנצעס״ און אַנדערע פּאַרטייען א. א. וו.).

נאָר דער „פאַרבאַנד״ האָט נישט לאַנג עקסיסטירט, ווייל די יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן געלעבט אין לאָנדאָנער ווייטשעפּל, זיינען געווען נאָר נישט קיין פּאַסנדע סביבה פאַר אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד. חוץ דעם זיינען דעמאָלט נאָך נישט רייף געוואָרן די באַדינגונגען, אַז אַלע זאָלן געווען פאַרשטיין די נויטווענדיגקייט צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן דער יידישער מאַסע. נאָר דער ערשטער יידישער „פאַראיין פון מאַנטלמאַכערס״ („Union Mantelmakers“) — וואָס גאָלדענבערג און ליבערמאַן האָבן געגרינדעט, עקסיסטירט נאָך ביז איצט.

ה. דאָס וואַנדערן איבער דער וועלט

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער צייט אין רוסלאַנד, האָט אָנגענומען אַ פּיינטליכע ריכטונג בנוגע דעם „לאַווריזם״: באַקונינס אידעען האָבן געזיגט. די מפּלה פון „לאַווריזם״ האָט געהאַט אַ גרויסן באַטייט פאַר גאָלדענבערגס ווייטערדיגן גורל. פריה־יאָר 1877 איז ערשינען דער לעצטער נומער „ווּפּעריאָד״ און נאָך דעם האָט זיך דער דאָזיגער זשורנאַל איינגאַנצן אָפּגעשטעלט. גאָלדענבערג איז געבליבן אין זעהר אַ

שווערער מאָראַלישער און מאַטעריעלער לאַגע. דאָס, וואָס ער האָט נאָך אין זיין פאַרשיק=אָרט געהאַלטן פאַר זעהר וויכטיג — דרוקן פאַרשטענדליכע בראָשורן פאַר די אַרבעטענדע מאַסן, — האָבן די באַקוניסטן, וואָס האָבן גובר געווען אין רוסלאַנד, נישט נאָר נישט אָנערקענט פאַר נויטיג, נאָר, פאַרקערט, געהאַלטן דאָס איינגאַנצן פאַר אומניצליך. און בכלל האָבן די באַקוניסטן — די „פאָלקיסטן=בונטאַרעס“ — אין רוסלאַנד, נישט געלעגט קיין שום ווערט אויף ליטעראַטור.

נישט געפינענדיג פאַר זיך אין לאָנדאָן קיין אַרבעט, וואָס זאָל אים זיין צום האַרצן און אין היסכּם מיט זיינע איבערצייגונגען, און ליידנדיג, חוץ דעם, פון שטאַרקער מאַטעריעלער נויט, איז גאָלדענבערג אַריבערגעפאָרן אויפן קאָנטינענט. פון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן זיין נע=ונד זיין איבער דער וועלט און זוכענישן פון אַרבעט. ער האָט געוואַנדערט פון איין עק מערב=אייראָפּע אין דעם אַנדערן, פון אייראָפּע קיין אַמעריקע און צוריק. צום באַדויערן קאָן איך דאָ נישט איבערגעבן באריכות דאָס אַליך, וואָס גאָלדענבערגן איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן אין משך פון זיין כּמעט צוואַנציגיאָריגן ציגיינערשן לעבן.

גאָלדענבערג איז געווען אַן אַרבעטער אויף אַ פאַרבעריי=פאַבריק נעבן פאַריז, באַקומענדיג זיבן סו אַ שעה פאַר שווערע און דויערהאַפטע אַרבעט; ער איז געווען אַ לאַבאָראַנט אויף אַן עלעקטרישער פאַבריק; האָט פאַרוואַלטעט מיט דער עלעקטרישער באַלייכטונג אין ביוראָ און אין די וואַרשטאַטן פון דער צייטונג „Times“ אין לאָנדאָן. דערנאָך איז ער ווידער אַוועקגעפאָרן קיין פאַריז, וואו ער איז אין משך פון אַ לאַנגער צייט געווען אָן אַרבעט און נאָך דעם באַקומען אַן אַרבעט, איבערצוזעצן אַ בוך וועגן עלעקטרע. שטענדיג און אומעטום האָט גאָלדענבערג נישט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט דער אַרבעטער=באַוועגונג, סאָציאַליסטישער פראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרנומען, אויף וויפיל דאָס איז געווען אין זיינע כּוחות. אַזוי, זייענדיג אין פאַריז אין יאָר 1880, איז אים ווידער אויסגעקומען,

ווי אין יאָר 1872 אין ציוריך, צו באַטייליגן זיך אין דער אַגי־טאַציע װעגן דעם אַרעסט פונם באַרימטן לעװ האַרטמאַן, װאָס האָט אויפגעריסן דעם צאַרישן צוג אין מאָסקװע (אין נאָװעמבער 1879): די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים געװאָלט אַרויסגעבן רוסלאַנד, װאו ה׳סאָט אים גערדראָהט טויט־שטראָף. דאָס מאָל האָט די אַגיטאַציע פון גאָלדענבערגן און אַנדערע רוסישע עמיגראַנטן גע־האַט פולן ערפאָלג: די פראַנצויזן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצו־געבן אָט דעם צאַרן־מערדער. נאָר, כּדי צו לינדערן דעם פּעס פון אַלעקסאַנדער II, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אַרויסגעשיקט אויסער די גרעניצן פון דער רעפּובליק גאָלדענבערגן, לאַװראָװן און נאָך עטליכע רוסישע עמיגראַנטן.

גאָלדענבערג האָט זיך אַװעקגעלאָזט אין דער שװייץ, פון דאָרט קיין רומעניע, װאו ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע רוסישע עמיגראַנטן, װאָס האָבן דאָרט געװאוינט, געגרינדעט דעם ערשטן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. זיי האָבן איינגעאָרדענט אַ דרוקעריי, אין װעלכער גאָלדענבערג האָט אויסגעזעצט די ערשטע סאָציאַ־ליסטישע בראָשורן אויף דער פרעמדער פאַר אים רומענישער שפראַך. נאָר נישט לאַנג איז אים אויסגעקומען דאָרטן צו אַרבעטן: דעם 18־טן מערץ 1881, אויף אַ מיטינג צוליבן יאָרטאָג פון דער פּאַריזער קאָמונע און אַלעקסאַנדער II טויט, האָט מען אַרעס־טירט גאָלדענבערג און נאָך עטליכע מענשן. אָפּגעהאַלטן עטליכע חדשים אין טורמע, האָט מען אים דערנאָך אינאיינעם מיט אַנדערע אָפּגעשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כּדי אָפּפירן זיי פון דאָרט װייטער און אַרויסגעבן רוסלאַנד. נאָר גאָלדענבערגן און נאָך דריי אַרעסטירטע האָט זיך איינגעגעבן צ ואויפזעצן זיך אויף אַ דאַמפ־שיפל און קומען אויף דעם קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פון דאָרטן איז ער אויף אַן ענגלישער פראַכטשיף אַװעקגעפאָרן קיין ראָ־טערדאַם און דערנאָך װידער קיין לאָנדאָן. אָפּגעלעבט אין לאָנדאָן — אַ צייט אָן אַרבעט, און אַמאָל געפינענדיג אַרבעט — פיר יאָר, האָט גאָלדענבערג באַשלאָסן צו אויספּרואװן דאָס גליק אין אַמעריקע און אין יאַנואַר 1885 איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

ווידער שווערע מיה אַלס פּשוטער אַרבעטער אויף עדיסאָנס פֿאַבריק, ווידער פֿעריאָדן אָן פּרנסה אָדער מיט צופֿעליגע הכנסות פֿון שטונדן, אַגענטור ביים פֿאַרקויפֿן שרייב־מאַשינעס א. ד. ג. נאָר אויך דאָ, ווי אין אייראָפּע, האָט גאָלדענבערג נישט אויפֿגעהערט צו דינען דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די סאָציאַליסטישע אידעען: ער האָט געלייענט לעקציעס — אויף רוסיש און ענגליש — וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, רעדאַקטירט אין משך פֿון פֿיר יאָר אַן אַמעריקאַנישע אויסגאַבע „Free Russia‘, וואָס האָט געהאַט גרויסן ערפֿאָלג, האָט איבערגעזעצט אייניגע דערציילונגען פֿון ל. טאָלסטאָי א. א. וו. נאָר פֿאַר זיין גרעסטער אַרבעט אין ניו־יאָרק האַלט גאָלדענבערג די גרינדונג דאָ, אינאיינעם מיט אַנדערע חברים, פֿון דער „רוסישער ליגע קעגן דעם טראַקטאַט צו אַרויסגעבן רוסלאַנד אירע פּאָליטישע פֿאַרברעכערס“. דער באַרימטער געאָרג קענאַן האָט געהאָלפֿן גאָלדענבערגן און זיינע חברים צו גרינדן די זעלבע ענגלישע קאָמיטעטן אויך אין אַנדערע שטעט און, מ׳קאָן באמת זאָגן, אַז אויב די פּאָליטישע עמיגראַנטן האָבן שפּעטער רוהיג געלעבט אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן, נישט מורא האָבנדיג, אַז מ׳וועט זיי אַרויסגעבן דעם רוסישן תּליון, האָבן זיי דאָס טיילוויז געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אויך לאַזאַר גאָלדענבערגן.

מיט דעם אַלעם, וואָס איז דאָ אויסגערעכנט, האָט זיך נאָך נישט באַגרעניצט זיין טעטיגקייט אין ניו־יאָרק. חוץ, אַזוי צו זאָגן, אידעאישער הילף פֿאַר אַליין און אַלעמען, האָט גאָלדענבערג, וואוינענדיג אין צפֿון־אַמעריקע, זיך נאָך געמיהט צו שאַפֿן מאַטעריעלע שטיצע פֿאַר די יעניגע, וואָס האָבן זיך אין איר גענויטיגט. מיט דער הילף פֿון „Free Russia“ האָט זיך אים איינגעגעבן צונויפֿקלייבן עטליכע הונדערט דאָלאַר פֿאַר די הונגערנדע פּויערים אין רוסלאַנד אין יאָר 1891, און אויך — פֿאַר די פֿאַרשיקטע און אַרעסטירטע. ער האָט מיטגעהאָלפֿן אויך צו גרינדן ביבליאָטעקן, קלובן א. א. וו.

דאָס לעבן אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן האָט איבערגעלאָזט אין

גאָלדענבערגס זכרון דעם בעסטן איינדרוק. אָט וואָס ער האָט מיר געשריבן וועגן דעם:

„די ניו־יאָרקער חברים האָבן מיר געמאַכט אַן אָפּשייד־באַנקעט, וועלכן איך וועל געדענקען ביזן סוף פון מיין לעבן, אַלס איינעם פון די גליקליכסטע מאָמענטן אין אים. דעם זייגער, וואָס זיי האָבן מיר געשענקט, טראָג איך עד היום און האַלט אים פאַר דער טייערסטער מתנה פאַר מיר".

אוועקגעפאָרן איז גאָלדענבערג פון דאָרטן אין יאָר 1895, צוליב דער איינלאַדונג, וואָס ער האָט באַקומען פון לאָנדאָן פון זיינע אַלטע חברים — טשאַיקאָווסקי, סטעפּניאַק, וואָלכאָווסקאָי און אַנד., — ווייל זיי האָבן דאָרט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, וואָס זיי האָבן אָנגערופן „דער פאָנד פון דער פרייער רוסישער פּרעסע". גאָלדענבערגן האָבן זיי פאָרגעלעגט צו פאַרוואַלטן מיט אַלע טעכנישע און פינאַנסיעלע ענינים פון דעם דאָזיגן אַנשטאַלט, און ער האָט מיט זיין שטענדיגער ענערגיע און אומדערמידליכקייט זיך גענומען פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון אָט דער נייער אונטער־נעמונג.

דאָס איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער אַנשטאַלט, וואָס זיין הויפּט־ציל איז באַשטאַנען אין ליטעראַרישן קאַמף מיטן מיאוסן רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד. דער פאָנד האָט אַרויסגעגעבן אַלערליי ביכער, בראָשורן, פלוג־בלעטלאַך. צווישן אַנדערע האָט ער אַרויסגעגעבן סטעפּניאַקס „אומלעגאַלע רוס־לאַנד", בורצעווס „פאַר הונדערט יאָר", דעם קיעווער אַדוואָקאַט קופּערניקס „רוסישע קאָנסטיטוציע" וכדומה. נאָר שוין אין דעם ערשטער יאָר טעטיגקייט פון אָט דעם „פאָנד" האָט זיך געטראָפן אַ העכסט טרויעריגע געשעהעניש פאַר אַלע זיינע מיט־גלידער בכלל און פאַר גאָלדענבערג בפרט.

דער פאָנד האָט אַרויסגעלאָזט „פלוגבלעטלאַך". אָנשטאָט זיי האָט קופּערניק, וואָס איז געקומען צו פאָרן קיין לאָנדאָן, פאָר־געלעגט אַרויסצוגעבן אַ רעגולערער צייטונג — „זעמסקי סאָבאָר". צוליב דער דאָזיגער אונטערנעמונג איז ער גרייט געווען צו געבן

מאַטעריעלע מיטלען, און אויך נעמען אַליין אין איר ליטעראַרישן אָנטייל. נאָר אויף איינער אַ זיצונג, אויף וועלכער ס'האָט געדאַרפט באַטראַכט ווערן די פּראָגראַם פון אָט דער צייטונג, וואָס סטעפּניאַק האָט אויסגעאַרבעט, — סטעפּניאַק איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר, — האָבן די פאַרזאַמלטע זיך פּלוצים דערוואוסט, אַז אויף קופּערניקן, בעת ער איז געגאַנגען פון דער היים אויף אָט דער פאַרזאַמלונג איבער די באַן־רעלסן, איז אָנגעלאָפן אַ צוג און האָט אים דערהרגעט.

די טעטיגקייט פונם „פאָנד פון דער פרייער רוסישער פּרעסע", וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן סיי אין אויסלאַנד, סיי אויך אין רוסלאַנד אַ גרויסע צאָל פאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק, האָט זיך פאַרענדיגט נאָר אין יאָר 1905, נאָך דער אַמניסטיע אין רוסלאַנד, ווען ס'זיינען אָנגעקומען די אַזוי גערופענע „פרייהייטס־טעג" און די כוליגאַנעס האָבן מיט דער הילף פון פּאָליציי, קאַזאַקן און סאָלדאַטן פריי פאַרגאָסן בלוט פון יידן און אינטעליגענטן איבערן גאַנצן לאַנד...

נאָך פיר און דרייסיג יאָרן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען זינט גאָלדענבערגס אָפּפאָר פון רוסלאַנד, דערלעבנדיג סוף כל סוף דאָרט די „קאָנסטיטוציע", וואָס אין איר דערגרייכונג איז געווען אויך אַ חלק פון זיינע אָנשטרענגונגען און ליידן, האָט זיך אויך דער דאָזיגער „אייביגער וואַנדערער" אַוועקגעלאָזט צוריק אין זיין וויטער „היים", וועלכע איז פאַר דער מערהייט פון די אַרבעטענדע — און באַזונדערס פאַר די יידן, — געווען אַן אָרט פון אַלערליי שרעקן.

ער איז אָנגעקומען קיין פּעטערבורג בעת די זיצונגען פון דער ערשטער מלוכה־דומע. איז געגאַנגען אויף פאַרזאַמלונגען, זיך געטראָפן מיט אַלטע חברים, זיך צוגעקוקט, באַאָבאַכטעט. אַלץ איז געווען פאַר אים ניי און איינצייטיג אַלט אין אָט דער שטאָט, וואו ער האָט אַמאָל געלערנט, געאַרבעט, פּראָפּאַגאַנדירט, געזעסן אין טורמעס און זיך אויסבאַהאַלטן.

זיין ברודער, אַ רייכער סוחר, מיט וועמען גאָלדענבערג האָט זיך שוין נישט געזעהן קיין פערציג יאָר, האָט אים איינגערעדט צו באַזעצן זיך בּאַ אים אין אדעס. דאָרט אָבער האָט געווילדעוועט די „שוואַרצע מאה“, און לעבנדיג אַ לאַנגע צייט אין אויסלאַנד, האָט גאָלדענבערג שוין פאַרגעסן, אַז ער געהערט צו אַן אומגליקליכן גערודפטן פאָלק. דעריבער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פונם ברודערס פאָרשלאָג און זיך אומגעקערט קיין ענגלאַנד.

איצט וועל איך דערמאָנען וועגן אונזער באַקאנטשאַפט. באַגעגנט האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל אין גענף אין יאָר 1880, וואוהין ער איז געקומען צו פאָרן נאָך דעם, ווי מ׳האָט אים אַרויסגעשיקט פון פאַריז. ביי אונז האָבן זיך באַלד איינגעשטעלט גוטע חברישע באַציהונגען. גאָלדענבערג האָט געהאַט זעהר אַ גוטן, וויכן כאַראַקטער,—אַ באַשיידענער, אָהן דער קלענסטער זעלבסטליבע, האָט ליב געהאַט מענשן, תמיד געווען גוט געשטימט.

איינגיכן נאָך זיין אָפּפאָר האָט מיך דער גורל אויף לאַנג צעשיידט מיט אַלע חברים. אַנטלויפנדיג אָבער אין יאָר 1901 פון סיביר, האָב איך, נאָכן קומען האַרבסט־צייט קיין לאָנדאָן, דעם ערשטן פון אַלע דאָרטיגע חברים אָפּגעזוכט אים. פאַר די פאַרגאַנגענע 20 יאָר האָט גאָלדענבערג ווייניג זיך געענדערט אין אינטעלעקטועלן זינען; נישט קוקנדיג אויף זיינע 55 יאָר און כמעט 35־יאָריגער אַרבעט לטובת דער באַפרייאונג פון פראָלעטאַריאַט, איז ער געבליבן אַלץ דער זעלבער מוטיגער, געטרייער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע.

גאָלדענבערג האָט אָפּגעלעבט נאָך 15 יאָר, נישט אַרויספאָרנדיג פון ענגלאַנד, און אינגאַנצן עטליכע חדשים נישט דערלעבט ביז דער פעברואַר־רעוואָלוציע: ער איז געשטאָרבן סוף נאָוועמבער 1916.

קאַפּיטל י

סאָלאָמאָן טשודנאָווסקי

די פאַמיליע טשודנאָווסקי איז אינגאַנצן נישט באַוואוסט דעם נייעם דור. מיך, למשל, האָבן אייניגע אפילו געפרעגט:

„איז דען טשודנאָווסקי אַ ייד?"

און טשודנאָווסקי איז אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרן געווען זעהר פּאָפּולער אין דרום-רוסלאַנד. ער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן. ער האָט אויך זיין חלק אַריינגעטראָגן אין קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט, און האָט נישט ווייניג איבערגעטראָגן ליידן און פּיין. סאָציאַליסטן דאַרפן קענען זייערע ערשטער קעמפער און מאַרטירער, וואָס צו זיי האָט געוויס געהערט אויך טשודנאָווסקי.

א. אָפּשטאַם און דערציהונג

אַ זון פון אַ כּערסאָנער נישט רייכן יידן, איז ס. טשודנאָווסקי געבוירן געוואָרן אין אָנהויב פון די פופציקער יאָרן פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. נאָך זיינענדיג אַ ייגנל, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע פעהיגקייטן און וויסנסדורשט, און האָט דעריבער זיך געלערנט אין גימנאַזיע אויסגעצייכנט. זעהר פריה האָט ער ליב באַקומען צו לייענען, און, זיינענדיג נאָך אין גימנאַזיע, האָט ער דורכגעלייענט אַלע בעסטע רוסישע שרייבער.

ווי די מערהייט פון דער דעמאָלטיגער פּראָגרעסיווער יוגנט אין רוסלאַנד, איז אויך טשודנאָווסקי געווען אַ גרויסער חסיד פון פּיסאַרעוון; ער איז אַנטציקט געווען פון דעם דאָזיגן מוטיגן

פרעדיגער פון נאַטורוויסנשאַפטן און דעם אַפּאָסטאָל פון „ני־היליזם". טשודנאָווסקי דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן טויט פון פּיסאַרעוון, וועלכער איז צופעליג דערטרונקען געוואָרן, — האָט ער געוויינט און לאַנג נישט געקאָנט זיך צוגעוועהנען צו אָט דער אבידה, — „ווי ס'וואָלט געווען מיינער אַ נאָהענטער קרוב", — שרייבט ער.

טשודנאָווסקי האָט תמיד געשטרעבט אויפצוהויבן אויף דעם אַנטוויקלונגס־גראַד פון זיינע חברים. אַזוי האָט ער געגרינדעט צווישן זיינע חברים־גימנאַזיסטן אַ קרייזל פון זעלבסטאַנטוויקלונג, וואו זיי האָבן געלייענט פּראָגרעסיווע ווערק און געפירט וועגן זיי דעבאַטן.

אַן ענליך קרייזל איז שפּעטער אויך געגרינדעט געוואָרן פאַר מיידלאַך. דאָס איז געווען דער ערשטער בילדונגס־אַנשטאַלט אין כערסאָן, וואו פרויען האָבן געהאַט גלייכע רעכט אויף אַנט־וויקלונג מיט די מענער. דערמיט איז, אַזוי צו זאָגן, אַוועק־געלעגט געוואָרן אַן אָנהויב פאַר דער עמאַנסיפּאַציע פון פרויען אין כערסאָן. אין גיכן נאָך דעם, אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרן, זיינען צוויי יידישע מיידלאַך אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן קיין שווייץ צו שטודירן מעדיצין.

ווען מיר וועלן זיך איבערטראַגן אין געדאַנק מיט אַ פופציג יאָר צוריק אין אַזאַ פאַרוואָרפן אָרט, ווי ס'איז דעמאָלט געווען כערסאָן, וואָס ליגט אָן אַ זייט פון אינדוסטריעלע צענטרען, וועלן מיר פאַרשטיין, ס'אַראַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָגרעסיווע שטרעבונגען צווישן דעם בעסערן טייל פון דער אָרטיגער יוגנט איז געווען דאָרט ס. טשודנאָווסקי. מיר איז אויס־געקומען צו הערן, אַז שפּעטער האָבן אַ סך פון זיינע חברים און חברות אָנערקענט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר זייער אַנט־וויקלונג און געווען דערפאַר אים זעהר דאַנקבאַר.

זעהר פריה געענדיגט די גימנאַזיע, האָט טשודנאָווסקי זיך אַוועקגעלאָזט אין יאָר 1868 קיין פּעטערבורג, וואו ער איז אָנגע־קומען אין דער מעדיקאָ־כירורגישער אַקאַדעמיע. די ערשטע

צייט האָט ער זיך פֿאַרנומען גאַנץ פֿלייסיג מיט שטודירן מעדיצין; נאָר אין אַ יאָר אַרום (1869) זיינען אין אַ סך העכערע לערנאַנשטאַלטן אויפֿן באָדן פֿון פֿאָדערן אייגענע אַקאַדעמישע פֿרייהייטן (רעכט פֿון גרינדן קאַסעס, גאָרקיכן, ביבליאָטעקן וכדומה) פֿאָרגעקומען גרויסע סטודענטישע אומרוהען, אין וועלכע נעטשאַיעוו ווי איך האָב שוין פֿריהער מיטגעטיילט, האָט זיך געסטאַרעט אַריינצובלאָזן אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט. טשודנאָווסקי האָט, פּונקט ווי גאָלדענבערג, נישט מיטגעפֿיהלט די שטרעבונגען פֿון נעטשאַיעוון און זיינע אָנהענגער, ווייל ער האָט מיט רעכט מורא געהאַט, אַז די סטודענטן וועלן דינען נאָר אַלס מאַטעריאַל פֿון פֿאַרשוועררונגס־צילן ביי אָט דעם אַגיטאַטאָר, וועלכער האָט זיך, ווי באַוואוסט, פֿאַר גאָרנישט נישט אָפּגעשטעלט. קומענדיג אויף פֿאַרזאַמלונגען, פֿלעגט טשודנאָווסקי זיך אַרויסזאָגן קעגן די פֿאָרשלאָגן פֿון די לינקע — די „נעטשאַיעווצעס“, — און דערפֿאַר האָט ער געשמט צווישן די חברים אַלס „מעסיגער“, „פֿרידליכער“, „לעגאַליסט“. נאָר אין די אויגן פֿון דער אַלצווויסנדער „נאַטשאַלסטוואָ“ האָט ער גראָד פֿיגורירט אין דער צאָל פֿון די „געפֿערליכע אונטערהעצער“. אים, צוזאַמען מיט נאָך עטליכע חברים, האָט מען אויסגעשלאָסן פֿון דער אַקאַדעמיע און אָפּגעשיקט צוריק קיין כערסאָן אונטער פּאָליציי־אויפֿזיכט.

ב. ווידער אין דער היים

טשודנאָווסקין האָט מען געפֿירט אַלס „וויכטיגן פּאָליטישן פֿאַרברעכער“ אין באַגלייטונג פֿון צוויי זשאַנדאַרמען. אויפֿן וועג איז זיי אויסגעקומען איבערצונעכטיגן אין קיעוו, — דעמאָלט איז נאָך נישט געווען פֿון דאָרט קיין אייזנבאַן־וועג אויף דרום. מ׳האָט אים געבראַכט גלייך צום גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אים זעהר ליבנסווירדיג אויפֿגענומען, מכבד געווען מיט אַ גוטער וועטשערע און פֿאָרגעלעגט פֿאַרבלייבן נעכטיגן ביי אים. „מיט וואָס דאַרף מען דערקלערן די דאָזיגע העפֿליכקייט ? “ — האָט טשודנאָווסקי זיך געפֿרעגט. די זאַך האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן. ווען

ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין פֿאַרלאַנג צו גיין איבערנעכטיגן אין אַ האָטעל, וואו ער וואָלט זיך געפֿילט רוהיגער, איז דער גובערנאַטאָר געווען קעגן דעם און געזאָגט אים אויפֿריכטיג:

— „זעהט איר, ביי אונז איז צווישן די סטודענטן רוהיג, און איר, אָט, קאָנט זיך באַגעגענענדיג מיט זיי, אַרויסרופֿן אויך דאָ אומרוהען“.

נאָר טשודנאָווסקי האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך מיט קיינעם פֿון די אָרטיגע סטודענטן נישט זען ביינאַכט, און געגעבן דעם גובערנאַטאָר דאָס וואָרט. דאָך האָט דער גובערנאַטאָר זיך דערמיט נישט באַנוגנט און מסכים געווען אָפּצולאָזן אים שלאָפֿן אין אַ האָטעל נאָר מיט דעם תּנאַי, אַז אין זיין צימער זאָל אויך זיין אַ פּאָליציימאַן. אָט פֿאַר אַזאַ שרעקליכן אַגיטאַטאָר האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר געהאַלטן דעם זון פֿון אַ נישט־רייכן כערסאָנער יידן!

טשודנאָווסקי איז אָבער נישט אין יענער צייט און אויך נישט שפּעטער נישט געווען קיין אַגיטאַטאָר, און ווער רעדט נאָך אַ געפֿערליכער. ער האָט, געוויינטליך, געלייענט דעמאָלט פּאָפּולערע סאָציאַליסטישע ווערק, נאָר, ווי איך האָב שוין פֿריהער איבערגעגעבן, איז ער נישט נוטה געווען צו עקסטרעמע קאַמפֿמעטאָדן. די רוסישע רעגירונג האָט אַליין מיט איר אומגערעכטקייט און מיסברויכן גענויט אָט דעם פֿרידליכן בחור, ווי אויך אַ סך אַנדערע יונגע לייט, צו שטעלן זיך אין די רייהען פֿון אירע פֿאַרביסענסטע שונאים. אָט ווי טשודנאָווסקי באַשרייבט אַליין דעם איבערבראָך, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אים, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין אייגענער שטאָט.

„דער אוממיטלבאַרער צוזאַמענשטויס מיט דער ווירקליכקייט בעת די סטודענטישע „אומרוהען“, דאָס גראָבע אַריינמישן זיך פֿון דער פּאָליציי אין דעם ריין אַקאַדעמישן אינצידענט, דער גרויזאַמער, דעספּאָטישער פּאָליציי־טעראָר קעגן די אָנטיילנעמער פֿון אָט די „אומרוהען“, האָבן מיך גענויט טיף און ערנסט צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דער אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט אין

ריסלאַנד". „און ערשט דאַן, — זאָגט ער, — בין איך געוואָרן אַן איבערגעצייגטער און אמתער שונא פון דער דאָזיגער אָרדענונג".

אָבער אויך נאָך דעם האָט טשודנאָווסקי זיך גאָרנישט געקליבן צו אָנווענדן וואָסערע ס'ניט איז שרעקליכע מיטלען אויף צו צעשטערן די אָרדענונג, וואָס ער האָט אַזוי פיינט געקראָגן. ער האָט נאָר געוואָלט מיטן וועג פון פראָפּאַגאַנדע עפענען די אויגן מענשן אויף דעם ווילקיר, וואָס האָט אומעטום געהערשט. לויט זיין איבערצייגונג האָט „יעדער ברעקעלע באַוואוסטזיין (אפילו דאָס מינדסטע) געהאַט אַ ממשותדיגן ווערט אין דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון די געשעהענישן". און פאַר אָט די אומשעדליכע מיינונגען, פאַר זיין פרידליכער טעטיגקייט לטובת די נאָהענטע מיטמענשן האָט טשודנאָווסקי באַצאָלט מיט אַ סך יאָרן פון כּל־ערליי ליידן און פּיין...

נישט וועלנדיג פאַרשאַפן קיין יסורים זיין פאָטער צוליב זיין געפינען זיך אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, האָט ער באַשלאָסן וואוינען באַזונדער, ווייל „פאַר זיין אַלטן פאָטער איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט געווען קיין שרעקליכערע זאַך, ווי פּאָליציי". מיטלען צום לעבן האָט ער געקאָנט באַקומען נאָר דורך געבן „אוראָקן." די גימנאַזיסטישע „נאַטשאַלסטוואָ" האָט אָבער אים, אַלס „שרעקליכן פּאָליטישן פאַרברעכער", געשטערט אין דעם אויף כּלערליי אופנים, — געשריבן אויף אים מסירות א. א. וו. „די מאַמעס", — דערציילט ער, — „האָבן אויך אָנגענומען זייערע מיטלען, אַז דער דאָזיגער געפערליכער רעוואָלוציאָנער זאָל נישט מאַכן קיין טייל פון זייערע קינדער. צונויפקלייבנדיג אַלע משפחה־מענשן, באַזונדערס די גימנאַזיסטן, פלעגן זיי זיי דערקלערן, אַז ס'וואַרט אויף זיי אומפאַרמיידליך אַזאַ גורל, ווי אויף טשודנאָווסקין, אויב זיי וועלן נישט פאָלגן און נישט הערן די עלטערע".

וועגן דער סיבה, פאַרוואָס מ'האָט אים אַרויסגעשיקט פון פעטערבורג צוריק אַהיים, זיינען איבער דער שטאָט אַרומגעגאַנגען

פאַרשיידענע קלאַנגען; מען האָט, למשל, געזאָגט, אַז „ער האָט געבונטעוועט קענן קיסר, כּדי אַליין צו פאַרנעמען זיין אָרט“.

אַ פאַרוואָרפן פּראָווינציעל ווינקל איז דעמאָלט געווען כער־סאָן: ביי אַ באַפעלקערונג פון פערציג טויזנט איינוואוינער האָט זי נישט פאַרמאָגט אפילו קיין ביבליאָטעק, און, פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז דאָרט אויך נישט געווען קיין שום געזעלשאַפטליך לעבן.

נישט קוקנדיג אויף די התראות פון די עלטערן און פון דער לערן־„נאַטשאַלסטוואָ“, — ריכטיגער, אַדאַנק די דאָזיגע התראות, — האָט זיך די יוגנט שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט טשודנאָווסקין. אָנשטאָט שרעק, האָט ער אַרויסגערופן אין איר אַ גוטע באַציהונג און סימפּאַטיע צו זיך און צו זיין לאַגע.

טשודנאָווסקיס לעבן אין דער אייגענער שטאָט, אַלס אַדמי־ניסטראַטיוו־פאַרשיקטער, איז נישט דורכגעגאַנגען אומזיסט פאַר איינצע איינוואוינער פון כערסאָן. אָט וואָס ער דערציילט אַליין וועגן דעם אין זיינע „זכרונות“:

„איך האָב אָרגאַניזירט מיט דער הילף פון עטליכע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס אַ פּאָר קרייזלאַך פאַר זעלבסטבילדונג“. — אין זיי זיינען אַריינגעגאַנגען, חוץ שילער פון די עלטער קלאַסן, אויך זייטיגע מענשן. „איינצע מיטגלידער פון אָט די קרייזלאַך זיינען אין 5—6 יאָר אַרום געשטאַנען אין צענטר פון אונזער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, למשל, די „נאַראָדאָוואָלצעס“ לאַנגנאַס, פּראַנזשאָלי און אַנד. וואָס האָבן שפּעטער זיך קונה שם געווען, און די יעניגע, וואָס זיינען נישט צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, זיינען אויך געוואָרן אָנגעזעהענע געזעל־שאַפטליכע טוער“.

דאָך, האָט דאָס דאָזיגע, הגם גאַנץ פּרוכטבאַרע לעבן אין כערסאָן, נישט באַפרידיגט טשודנאָווסקין, און ער האָט אָנגעהויבן זיך משתדל זיין וועגן אַ דערלויבעניש צו איבערפאָרן קיין אדעס אויף אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט. און נאָר כּמעט אין צוויי יאָר אַרום, נאָך זיין זיצן פאַרשפּאַרט אין כערסאָן, האָט מען אים פריה־יאָר 1871 דערלויבט סוף כּל סוף צו פאַרלאָזן די שטאָט.

ג. אידייען און טעטיקייט

גלייך ווי אַלע רוסישע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, האָט טשודנאָווסקי, באַשליסנדיג צו ווידמען זיך דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער מאַסן, געהאַט אין זינען אַ ל ע פעלקער, וואָס האָבן געליטן אין רוסלאַנד, און נישט דאָס פאָלק, צו וועלכן ער האָט געהערט. נישט אים, און אויך קיינעם נישט פון אונז, יידן, וואָס האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין רוסלאַנד, איז נישט אַרויסגעקומען אויפן געדאַנק, אַז יעדער דאַרף אַרבעטן צווישן זיין פאָלק און פירן די פּראָפּאַגאַנדע אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער דאָס פאָלק רעדט. ווי איך האָב שוין פריהער איבערגעגעבן, האָט זיך אונז פאָרגעשטעלט די באַפעלקערונג פון רוסלאַנד אַלס איין גרויסע מאַסע, וואָס איז שטאַרק צונויפגעבונדן צווישן זיך מיט דער אייניגקייט פון שווערער מיה, אומגעהייערער נויט און פאַרשיידענע ליידן און יסורים. די דאָזיגע פינסטערע, אַנאַלפאַבעטישע מאַסע, — זאָל דאָס זיין רוסן, פּאָליאַקן, לעטן א. א. וו., — וועלן פאַרשטיין, האָבן מיר געמיינט, אונזערע צילן, אונזער פרעדיגן גערעכטיגקייט און גליק, אויב מיר וועלן דאָס זיי איבערגעבן אויף דער אַלעמען פאַרשטענדליכער פּראָסטער שפּראַך, וואָס הערשט אין לאַנד. דערצו, — פלעגן מיר זאָגן, — זיינען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג גרויסרוסן, קליינרוסן און ווייסרוסן, פאַר וועמען ס'איז צוגענגליך די אַלגעמיין-אָנגענומענע שפּראַך. מיר האָבן, דעריבער, נישט געהאַלטן דעמאָלט פאַר נויטיג צו שאַפן אַ ליטעראַטור אויף די שפּראַכן פון די פאַרשיידענע פעלקער, וואָס האָבן געלעבט אין רוסלאַנד.

חוץ דעם, ווייל די גרעסטע מערהייט פון דער לאַנד-באַפעלקערונג איז, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי איצט, געווען דערצו נאָר פויערים-ערדאַרבעטער, האָבן מיר געהאַלטן פאַר נויטיג צו ווידמען כמעט אונזערע גאַנצע כוחות דער דאָזיגער סביבה. אויף בעלי-מלאכות און, באַזונדערס, אויף פאַבריק-אַרבעטער, צוליב זייער באַגרעניצטער צאָל, האָבן מיר דאַן נישט געלעגט קיין גרויסן

ווערט, האַלטענדיג זיי פאַר נוצליך נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל פון די דאָזיגע אַרבעטענדע שיכטן האָבן געקאָנט אַרויסקומען באַוואוסטזיניגע און טעטיגע סאָציאַליסטן, וועלכע פלעגן, גלייך ווי מיר, אינטעליגענטן, מסכים זיין דערנאָך צו גיין „אין פאָלק“. פון דעם איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאַן נישט געהאַלטן די רוסישע אַרבעטער אַלס זעלבשטענדיגן קלאַס: מיר האָבן בלויז גערעכנט, אַז זיי שטייען נעהענטער צו די פויערים, ווי מיר, און דעריבער קאָנען זיי גרינגער און גיכער זיך צונויפגיין מיט זיי און איינפלאַנצן ליבע און צוטרוי צו זיך.

דעריבער האָט אויך יעדער פון אונז, אינטעליגענטן, געפּראובט, איידער ער פלעגט זיך לאָזן גיין „אין פאָלק“, זיינע כוחות, אַזוי צו זאָגן, אויף דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער.

טשודנאָווסקי האָט אויך אָנגעהויבן צווישן זיי זיין סאָציאַליס־טישע טעטיגקייט. נאָר ער האָט נישט געשטרעבט צו אַריינ־דרינגען אין דער סביבה פון יידישע בעלי־מלאכות און אַרבעטער, וואָס זיינען שוין אויך נישט ווייניג געווען אין אדעס. אָט דאָס קאָן זיך אויסווייזן זעהר מאָדנע און אומקאָנסעקווענט, ווייל ער איז געווען אומגעוויינליך שטאַרק אויפגערעגט פון דעם פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1871 אין אדעס, און בפרט דערמיט, וואָס איינינע האָבן אים פאַרענטפערט מיט „יידישער עקספּלואַטאַציע“. חוץ די אויבן־אָנגעוויזענע מיינונגען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט צווישן אַלע רוסישע סאָציאַליסטן, איז אַלס סיבה פון אָט דער סתירה — מ׳דאַרף אין דעם מודה זיין, — געווען ביי אונז אַ טעות־פאַרשטעלונג, אַז יידן זיינען, כלומרשט, נישט מסוגל אויפצונעמען און איבערצוקאָכן סאָציאַליסטישע גע־דאַנקען צוליב זייער גאַנצן עבר און הוה, אַלס ניט לאַנדווירט־שאַפטליך פאָלק. פאַבריק־אַרבעטער זיינען דעמאָלט צווישן יידן, — לכל הפחות,—אויף דרום, — כמעט אינגאַנצן נישט געווען, און יידן בעלי־מלאכות האָבן אין די אויגן פון פילע פון אונז ווייניג מיט וואָס זיך אונטערגעשיידט פון קליינע פאַבריקאַנטלאַך און הענדלער. לויט אונזער מיינונג, איז, אויב זיי זיינען נאָך נישט געוואָרן,

וואָלטן זיי בײַ אַ גינסטיגן פֿאַל נישט געווען קענען צו ווערן „עקספּלואַטאַטאָרן". דעריבער האָט מען גערדאַפט שטרעבן צו פֿאַרניכטן די אָרדענונג, וואָס איר יסוד איז אין עקספּלואַ־טאַציע פֿון די אַרבעטענדע מאַסן דורך יחידים, כּדי צוזאַמען דער־מיט זאָלן שוין מוזן במילא אונטערגיין אַלערליי פֿאַרמיטלער, צווישן זיי אויך יידן. דער געדאַנק צו פֿירן די פּראָפּאַגאַנדע פֿון סאָציאַליזם צווישן דער פֿינסטערער יידישער מאַסע, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין מיטן די זיבעציגער יאָרן דורך ליבערמאַנען און גאָלדענבערגן און עטוואָס שפּעטער דורך דראַגאָמאַנאָוון, האָט אַרויסגערופֿן בײַ אונז פֿאַרוואונדערונג, אויב נישט אויך אַ סאַרקאַסטישן שמייכל.

אינגיכן נאָך זיין קומען קיין אדעס איז טשודנאָווסקי אַריינגע־טראָטן אין דער אָרטיגער פֿיליאַלער אָפּטיילונג פֿון די „טשאַי־קאָווצעס", וואָס איז ענליך געווען צו די זעלבע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן, ווי איך האָב שוין דערציילט, עקסיסטירט אויך אין אַנדערע דרום־שטעט. איינצייטיג מיט אים זיינען אין באַשטאַנד פֿון אדעסער קרייזל „טשאַיקאָווצעס" אַריינגעגאַנגען זשעליאַבאָוו, וואָלכאָווסקאָי און אַנדערע, וואָס זיינען דערנאָך שטאַרק באַרימט געוואָרן בײַ אונז.

לויט דעם גאַנצן בוי פֿון זיין אינטעלעקט און כאַראַקטער, לויט זיינע נייגונגען און טעמפּעראַמענט, האָט טשודנאָווסקי געקאָנט מיטפֿילן בלויז פֿרידליכער פּראָפּאַגאַנדע פֿון אידייען, און נישט קיין רופֿן צו אַן אויפֿשטאַנד. אַזוי איז אויך געווען זיין טעטיגקייט פֿון יענער צייט אָן, זינט ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט. טשוד־נאָווסקי איז דעריבער געווען אַ הייסער אָנהענגער פֿון לאַווראָוון און, ווי מיר וועלן זעהן, איז ער געבליבן געטריי די דאָזיגע אידעען ביזן סוף פֿון זיינע טעג.

ד. דער אַרעסט, געפֿענגעניש און משפּט

שוין אויך פֿון פֿריהער אַ געגנער באַלעזענער און געבילדעטער, האָט טשודנאָווסקי, ווערנדיג אַ „לאַווריסט", נאָך מער געשטרעבט

צו באַרייכערן דעם קרייז פון זיינע קענטענישן, כּדי צו קאָנען זיך נעמען „באַוואָפנט מיט וויסן“ פאַר דער פראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם. אומעטום, וואו ס'איז נאָר געווען אַ מעגליכקייט דערצו, האָט ער פאַרטיידיגט די גערעכטקייט פון די „לאַוורייסטישע“ אידעען און געפירט אַ הייסע פאָלעמיק מיט זיינע קעגנער — די „באַקוניסטן“. דעריבער האָט דער „לאַווריזם“, אַדאַנק טיילווייז אויך זיין ענערגיע, איבערגעוואויגן צווישן די אדעסער סאָציאַליסטן, בעת אין אַנדערע שטעט, באַזונדערס אין קיעוו, האָבן געהערשט די „באַקוניסטן“. נאָר טשודנאָווסקין איז נישט לאַנג אויסגעקומען צו אַרבעטן לטובת זיינע באַליבטע אידייען: אין יאַנואַר 1874 איז ער אַרעסטירט געוואָרן, ווען ער האָט געפּרואווט באַקומען אויף דער פּאָסט אַ פּעקל סאָציאַליסטישע ווערק, וואָס זיינען ערשינען אין אויסלאַנד. דער קאָנטראַבאַנדיסט, מיט וועמען ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס געהיימער אַגענט, און דעריבער אומיסטן אַזוי צוגעגרייט דעם ענין, אַז מ'זאָל טשודנאָווסקין כאַפּן „אויפן אָרט פון פאַרברעך“ מיט אַ באַווייז אין די הענט. דערין איז באַשטאַנען זיין גאַנצער פאַרברעך. נישט קוקנדיג אויף אַלע באַמיהונגען פון די פּראָקוראָרן און זשאַנדאַרמען, האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען קיין שום אַנדערע שולד זיינע. און דאָך איז טשודנאָווסקין אויסגעקומען צו פאַרברענגען כמעט גאַנצע פיר יאָר אין פאָרגעפענקעניש, שמאַכטענדיג אין איינצעלקאַמערן איבער טורמעס און אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, און וואַרטענדיג אויף אַ משפּט פאַר אַזאַ שרעקליכן פאַרברעך, וואָס ער איז באַגאַנגען.

אין פאַרשיידענע ערטער פון דעם אומבאַגרעניצטן לאַנד זיינען אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען אונטערזוכונגען און אַרעסטן צווישן דער יוגנט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע און גיין „אין פאָלק“. דאָס איז געווען דער באַוואוסטער חורבן פון יאָר 1874 אין דער געשיכטע פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט אין רעזולטאַט געבראַכט צום אַרעסט פון טויזנטער יונגע לייט און מיידלאַך, וועלכע מ'האָט איינגעזעצט אין טורמעס

און אין דער פּעטראָפּאַװלאָװסקער פֿעסטונג. די זשאַנדאַרמען מיט די פּראָקוראָרן האָבן זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו פֿאַראייניקן די דאָזיקע אַלע אַרעסטירטע אין איין גראַנדיעזן פּראָצעס. אויפֿן גרונד פֿון נישטיקע חשדים, דער עיקר, אויפֿן סמך פֿון נישט ריכטיקן עדות־זאָגן פֿון אַרעסטירטע, װאָס האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות צום ענין און געשטרעבט זיך ריינוואַשן, און נאָך מער, באַניצנדיק זיך מיט מסירות פֿון רענעגאַטן און שפּיאָנען, האָבן די צאַרישע קנעכט זיך געמיהט פֿאָרצושטעלן די זאַך אַזוי, אַז זיי האָט זיך כּלומרשט איינגעגעבן צו אַנטדעקן זעהר אַ גרויסע פֿאַרשװערונג, װאָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנצע זעקס און דרייסיק גובערניעס. כּדי צו באַפֿעסטיקן אָט די דאָזיקע אויסטראַכטעניש, האָט מען געלאָזט שמאַכטן אַ סך אינגאַנצן אומשולדיקע יונגע לייט און מיידלאַך צו דריי־פֿיר און מער יאָרן, אָפֿט אין עקלהאַפֿטעסטע באַדינגונגען און אין די שרעקלעכסטע געפֿענקענישן. ס'איז דעריבער קיין חידוש ניט, װאָס די גרעסטע צאָל קרבנות פֿון דעם דאָזיקן ווילדן זשאַנדאַרמען־פּראָװו זיינען געשטאָרבן אין געפֿענקעניש אָדער באַגאַנגען זעלבסמאָרד, אַראָפּ פֿון זינען און פֿאַרשלאַפּט געוואָרן אויף ניט־היילבאַרע קראַנקהייטן. כּמעט ביי אַלע אַרעסטירטע, װאָס האָבן מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויפֿן משפּט, איז דער נערוועזער צושטאַנד דערגאַנגען צו אַן אומגעהייערער אָנשטרענגונג, װאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי יעדן צופֿאַל.

נאָך סוף כּל סוף האָט זיך אין האַרבסט 1877 אָנגעהויבן דער משפּט פֿאַרן באַזונדערן סענאַט־באַשטאַנד. מיר װעלן זיך לאַנג ניט אָפּשטעלן אויף די צאָלרייכע שווערע אינצידענטן און צוזאַמענשטויסן צווישן די סענאַטאָרן און די אָנגעקלאָגטע, װאָס די פּאַרטייִיקער האָבן אונטערגעהאַלטן. די סענאַטאָרן האָבן געבראָכן די עלעמענטאַרסטע רעכט און די אינטערעסן פֿון די אָנגעקלאָגטע. אינם געריכטס־זאַל האָבן זיך אָפּגעשפּילט די אָפּשטויסנדסטע סצענעס פֿון הריגות און אַװעקפֿירן איבערגוואַלד פּראָטעסטאַנטן. ס'האָבן זיך געהערט היסטערישע אויסגעשרייען, געוויינען א. ד. ג.

און דאָך, נישט קוקנדיק אויף דער פֿאַרביסענער שנאה, וואָס די הערן סענאַטאָרן האָבן געטראָגן אויף די אָנגעקלאָגטע, זײַנען אַפֿילו זיי געניט געווען סוף כּל סוף, נאָך עטליכע חדשים, וואָס די גערעכטס-זיצונגען האָבן זיך געצויגן, אײַנגאַנצן צו באַפֿרײַען 90 מענטשן. פֿאַר דעם רוב פֿון די איבעריקע האָבן זיי אָנערקענט, אַז צײַט, וואָס זיי זײַנען אָפּגעזעסן אין פֿאַרגעפֿענקעניש, האָט פֿיל איבערגעוואויגן דעם שטראָף-טערמין, וועלכער איז זיי געקומען. די עיקר-שולדיקע האָבן זיי פֿאַרמשפּט צו קאַטאָרגע און פֿאַרשיקונג קיין סיביר, נאָר אויך ווענן דער דאָזיגער קאַטעגאָריע האָבן די ריכטער באַשלאָסן זיך משתּדל זײַן בײַם צאַר צו פֿאַרבײַטן די פֿאַרמשפּטע די שטראָף מיט אַ סך אַ קלענערער. נאָר דער צאַר, נישט קוקנדיק אויף דעם מנהג, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿון לאַנג און אַדאַנק וועלכן ער פֿלעגט תּמיד באַפֿרידיגן אַזעלכע בקשות פֿון געריכט, האָט אין געגעבענעם פֿאַל אין דעם אָפּגעזאָגט.

צווישן די פּראָטעסטאַנטן אויפֿן משפּט, וואָס צו זייער קאַמף האָט מיט שטאַרקער אָנשטרענגונג זיך צוגעקוקט דאָס גאַנצע פּראָגרעסיווע רוסלאַנד, איז געווען אויך טשודנאָווסקי. ער איז געווען אויך צווישן די יעניגע, וואָס דער „גוטער קיסר" האָט נישט געוואָלט פֿאַרגרינגערן זייער גורל. חוץ דעם, וואַרטענדיק אין די קאַזעמאַטן פֿון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג מיט די איבעריגע פֿאַרמשפּטע אויף דעם אָפּשיקן קיין סיביר, האָט טשודנאָווסקי זיך באַטייליגט אין דער באַרימטער אין יענער צײַט „צוואה", וואָס איז דערנאָך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם אויסלענדישן זשורנאַל „אָבשטשינאַ" („קהילה") און וואָס האָט בײַ אַ סך מענטשן אַרויסגערופֿן פֿאַרוואונדערונג און אַנטציקונג. אין דעם דאָזיגן היסטאָרישן דאָקומענט, וואָס איז אונטערגעשריבן דורך די נישט-באַגנעדיגטע „פֿאַרברעכער קעגן דעם צאַר", האָבן די פֿאַרמשפּטע זיך געווענדעט צו דער יוגנט, וואָס איז געבליבן אויף דער פֿרײַ, מיט אַן אויפֿרוף, זי זאָל ענערגיש פֿירן ווײַטער דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט און וואוילשטאַנד פֿון די אַרבעטענדע מאַסן,

וועלכן די ערשטע פּיאָנערן האָבן אָנגעהויבן, ביז זיי וועלן דערגרייכן דעם פולן נצחון.

מצד מענשן, וואָס האָבן זיך אינגאַנצן געפונען אין די שאַרפע נעגל פון דער גרויזאַמער ממשלה, איז אַזאַ קאַטעגאָרישע פאַראורטיילונג פון אירע טאַטן און אַזאַ אויפרוף, געווענדעט צו דער יוגנט, געווען זעהר אַ דרייסטער און מוטיגער אַקט.

סוף 1878, נאָך פינפטהאַלבן יאָר פון זיצן אין טורמעס און אין פעסטונג, האָט מען אַוועקגעשיקט טשודנאָווסקין אין אַ שטעטל יאַלוטאָראָווסק, טאָבאָלסקער גובערניע. צוליב דעם, וואָס ס'איז אינגאַנצן אוממעגליך געווען צו געפינען וואָסער ס'ניט איז פרנסה אין אָט דעם דערפל, — בעיקר דערפאַר, ווייל די מערהייט פון די אייגוואויגער האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט ערדאַרבעט, איז טשודנאָווסקין אויסגעקומען צו באַנוגענען זיך מיט דער גישטיגער „קאַזיאָנער" שטיצע פון עטליכע רובל אַ חודש. נאָר, חוץ אַלע דאגות, האָט ער נאָך געדאַרפט אויסהאַלטן נישט ווייניג אומאָנגענעמליכקייטן פונם אָרטיגן „סאַטראַפ" — אַן אַסעסאָר, וואָס פלעגט זיך טשעפּן צו אים פאַר אַזעלכע „פאַרברעכנס", ווי גיין „אויסערן תחום פון שטאָט" אין פעלד אַריין וכדומה.

נאָר אויך מיט דער דאָזיגער רעלאַטיווער „פרייהייט", נאָך פיל פאַרבראַכטע יאָר אין געפענקעניש, האָט טשודנאָווסקי זיך באַנוצט נישט אויף לאַנג: היות ווי די מאַכט האָט איבערגעכאַפּט אַ בריוו, אין וועלכן ס'איז מיטגעטיילט געוואָרן וועגן אַן אַנטלויף, וואָס איינגע פאַרשיקטע האָבן פאַרטראַכט צו מאַכן פון אַנדערע סיבירער מקומות, איז ער ווידער אַרעסטירט און אַריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע. מ'האָט אים באַשולדיגט אין גרינדן אַ „געהיימע געזעלשאַפט, וואָס שטרעבט צו העלפן אַנטלויפן פאַרשיקטע פון סיביר". און נאָר נאָך כמעט צוויי יאָר נע-ונד-זיין איבער פאַרשיידענע שרעקליכע געפענקענישן, איז טשודנאָווסקי, ענדליך, פאַרשיקט געוואָרן ווייט אויף צפון-סיביר.

פון זיינע זכרונות, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט אין „מינוווישיע גאדי" („פאַרגאַנגענע יאָרן") און אַנדערע אויסגאַבעס, איז צו

זעהן, אַז, צוליב זיין אומאָפּהענגיגן כאַראַקטער, פלעגן ביי אים אָפט פּאָרקומען צוזאַמענשטויסן מיט דער מאַכט און, פאַרשטייט זיך, איבער קליינינקייטן. אַזוי, האָט ער, איינמאָל, אום פּאַסכאַ (פסח), אַלס ענטפער אויף אַ ווענדונג פון אַ באַקאַנטן צו אים מיט די ווערטער: „כריסטאָס וואָסקרעסע" („קריסטוס האָט אויפגע־לעבט"), געזאָגט: „אומזיסט האָט ער דאָס געטאָן, — איר וועט אים ווידער קרייצן"; דערביי איז געשטאַנען דער „קאַפּיטאַן־איס־פּראַווניק" בכבודו ובעצמו, און ס'איז שיער נישט פאָרגעקומען קיין סקאַנדאַל, וואָס האָט זיך פאַר טשודנאָווסקין, אַלס יידן, געקאָנט ענדיגן זעהר טרויעריג.

ווי אַזוי פאַרשיידענע „נאַטשאַלסטוואָ" האָט זיך געטשעפּעט צו אים, און ווי ס'איז דעריבער שווער געווען זיין לעבן אין סיביר, קאָן מען אייגזעהן פון דעם, אַז ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, ווי ער איז זיך אַליין מודה, צו באַגיין זעלבסמאָרד.

ה. אונזער באַגעגעניש. דער אומקער אַהיים

אין אַן אַרעסטאַנטן־כאַלאַט מיט צוויי געלע טייז (לאַטעס) אויפן רוקן, געשמידט אין קייטן, מיט אַ האַלב אָפּגעגאָלטן קאָפּ, בין איך זומער 1885 געקומען מיט אַ פּאַרטיע אין דער שטאָט טאָמסק. איינער פון די ערשטע אָרטיגע פּאָליטישע פאַרשיקטע, וואָס האָט אונז באַגעגנט, איז געווען ס. טשודנאָווסקי. ביז דאַן האָב איך אים נאָך נישט געקענט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך זיבן יאָר גע־ונד־זיין איבער פאַרשיידענע סיבירער מקומות און טורמעס, האָט אים דער אָרטיגער גובערנאַטאָר, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ליבעראַל, דערלויבט, מחמת זיין אויגן־שלאַפקייט, צו פאַרבלייבן אין דער דאָזיגער שטאָט.

אין משך פון אַ וואָך, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין טאָמסקער עטאַפּ־טורמע, האָט טשודנאָווסקי, אַלס מיינער אַ „קרוב", מיך באַזוכט כמעט יעדן טאָג. ער האָט זיך געמיהט קומען צו הילף אונזער גאַנצער פּאָליטישער פּאַרטיע מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

נישט קוקנדיג אויף די כמעט צוועלף יאָר, וואָס ער האָט דעמאָלט שוין פאַרבראַכט אין טורמעס און פאַרשיקונג, האָט ער אויסגעזעהן גאַנץ פריש. און איז געווען פול גלויבן און ענערגיע. אַזאַ איז ער, ווי מיר איז באַוואוסט, פאַרבליבן אויך שפּעטער.

וויפיל ס'איז נאָר געווען אין זיינע כוחות, האָט ער, זייענדיג אין סיביר, געהאַלטן אויך אין פאַרשפּרייטן די פרידליכע אידעען, וואָס ער האָט זיך אויסגעאַרבעט נאָך אין זיין פריהער יוגנט, און וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען אַ צונויפמישונג פון אוטאָ־פּיסטישע, אַנאַרכיסטישע און פאָלקס־סאָציאַליסטישע אידייען.

טשודנאָווסקי האָט זיך שטאַרק באַטייליגט אין דער אָרטיגער פּראָגרעסיווער פּרעסע, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן, דער עיקר, אויף די פּאָליטיש־פאַרשיקטע. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך מיטגעאַרבעט אין די זשורנאַלן פון ביידע הויפּטשטעט, דרוקנדיג דאָרט אַרטיקלען וועגן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון סיביר, וועלכע ער האָט שטודירט מיטן גרעסטן ערנסט. ער האָט זיך אויך באַטייליגט אין איינינע וויסנשאַפטליכע אויס־פאָרשונגען פון די ווייטע און פאַרוואָרפענסטע מקומות.

זיין לאַנג לעבן אַלס פאַרשיקטער אין סיביר איז דעריבער נישט דורכגעגאַנגען אומזיסט נישט פאַר אים, נישט פאַר דער אָרטיגער באַפעלקערונג. באַזונדערס שטאַרק האָט ער געווירקט אויף דער יוגנט.

ווי יעדער ענערגישער, שטאַרקער און טעטיגער מענש, פלעגט טשודנאָווסקי אומעטום, וואוהין ס'פלעגט אים פאַרטראָגן זיין גורל, געפינען פאַר זיך אינטערעסאַנטע און ניצליכע אַרבעט, — דאָ אַלס פּובליציסט, לערער, פאָרשער, דאָרט אַלס געזעל־שאַפטליכער טוער. נישט וועניג רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען שפּעטער פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער ווייטער סיביר, האָבן גע־האַט צו פאַרדאַנקען זייער אַנטוויקלונג, צווישן אַנדערע, אויך ס. טשודנאָווסקין.

מיט דער צייט זיינען די באַדינגונגען פון זיין לעבן אין סיביר געוואָרן אַליין גרינגער, און ביים קלענסטן ווילן וואָלט ער אויך,

ווי אייניגע אַנדערע, וואָס זיינען פאַרשיקט געוואָרן אַהער לויטן זעלבן פּראָצעס, — ווי וואָלכאָווסקאָי און לאַזאַרעוו, — געקאָנט גרינג אַנטלויפן פון דער האַרטער, דעמאָלט כמעט אומבאַוואַכטער סיביר. נאָר ער האָט דאָס נישט געוואָלט טון, ווייל, לויט זיין כאַראַקטער, איז ער נישט פעהיג געווען נישט צו אומלעגאַלער טע־טיגקייט, נישט צו עמיגראַציע. ער האָט דעריבער באַשלאָסן געדולדיג צו וואַרטן, ביז ס'וועט אויסגיין דער טערמין פון זיין געצוואונגענעם לעבן אין סיביר, און מ'וועט אים ערלויבן זיך אומקערן אַהיים. אַ סך צייט, נאָך אונזער באַגעגעניש מיט אים, איז אים נאָך אויסגעקומען, דעריבער, צו פאַרברענגען אין סיביר, און נאָר אין אָנהויב פון די ניינציגער יאָרן, אַדאַנק די „אַמנים־טיעס" אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קרוינונג און חתונה פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, האָט טשודנאָווסקי באַקומען, סוף כל סוף, די מעג־ליכקייט צו אומקערן זיך אין זיין אייגענער שטאָט.

אַזוי אַרום, האָט טשודנאָווסקי פאַרבראַכט העכער צוואַנציג יאָר, דעם בעסטן טייל פון זיין לעבן, זיין גאַנצע יוגנט אין סיבי־רער טורמעס, אין תוך נאָר פאַר דעם איינעם פּרואוו צו פאַרשפּרייטן די פרידליכע לערע פונם לאַנגווייליגסטן עקלעק־טיקער פּ. ל. לאַוראָוו. ווי מיר האָבן שוין געזעהן, האָט ער געווירקט אויף אַנדערע נישט נאָר מיט דער הילף פון געדרוקטער און מינדליכער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אויך מיט אוממיטלבאַרן, פּער־זענליכן ביישפּיל, מיט זיין באַשיידענעם אַרט לעבן, אויסגעהאַלטנ־קייט און שטאַנדהאַפטיגקייט פון זיינע העכסט־אידעאַליסטישע, הומאַניטאַרע אָנשויאונגען, וואָס ער האָט זיך אויסגעאַרבעט אין דער יוגנט — וועגן גוטס, ערליכקייט, ברידערשאַפט און גע־רעכטיגקייט.

ווי אַ סך אַנדערע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון יענער באַרימטער עפּאָכע, האָט טשודנאָווסקי געשטרעבט דערצו, אַז זיין וואָרט זאָל נישט זיין אין קיין סתירה מיט זיין טאַט: מיט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער זיך גערן געטיילט מיט אַנדערע, גע־קומען צו הילף וכדומה.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף זיין לעבן, וואָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל שוועריגקייטן, געגויט אַזוי פֿיל איבערצולײַדן פֿאַר זיין פֿאַרלאַנג צו דינען דער באַפֿרייאונג פֿון די אומגליקליכע אַרבעטענדע מאַסן. פֿאַרקערט, ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס לעבן איז געווען צו אים, לערך, נאָך זעהר גנעדיג: אין פֿאַרגלייך מיט אַ סך אַנדערע האָט ער זיך נאָך „גרינג אַרויסגעדרעהט“, — ווי מ'פֿלעגט דעמאָלט זאָגן.

און ווירקליך, וויפֿיל צעהנדליגגער אָדער הונדערטער, נישט ווייניגער, אויב נישט מער פֿעהיגע מענשן, האָבן אַ סך ערגער באַצאָלט פֿאַר זייער טעטיגקייט פֿון אים! וויפֿיל פֿון זיי זיינען אומגעקומען אין טורמעס, אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג און אין סיביר!

און טשודנאָווסקי איז נישט נאָר אַרויס נאָך פּריש און געזונט פֿון דעם דאָזיגן שווערן לעבן, ער האָט אויך געהאַט דאָס גליק צו דערלעבן יענעם מאָמענט, וואָס אַ סך פֿון זיינע חברים, וועלכע זיינען פֿריהצייטיג אומגעקומען, האָבן נאָר געחלומט וועגן דעם. ער איז געווען אַן עדות, ווי ס'איז טיילווייז פֿאַרווירקליכט געוואָרן יענע באַרימטע „צוואה“, וואָס ער האָט צונויפֿגעשטעלט מיט זיינע חברים אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג זומער 1878 נאָכן פּראָצעס פֿון די 193. אָנשטאָט די פֿריהערדיגע פֿרידליכע קעמפֿער־עקלעקטיקער, — די „לאַווריסטן“ און „באַקוניסטן“, — זיינען אויף דער וואַקסענדער אַרויסגעטראָטן נייע פּאַרטיידיגער פֿון די אינטערעסן פֿון די אומגליקליכע, וואָס זיינען געווען באַוואָפֿנט מיט אַ מער באַגלויבטן און שאַרפֿן געווער, ווי ביי די פֿאָרשטייער פֿון די זיבעציגער יאָרן, — מיט די אידעען פֿונם וויסנשאַפֿטליכן סאָציאַליזם, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן פּראָקלאַמירט.

ווי באַוואוסט, האָט די אָנהענגער פֿון די דאָזיגע באַרימטע לערער זיך איינגעגעבן צו לעגן אַ יסוד פֿאַר אַ ברייטער אַרבעטערבאַוועגונג אין רוסלאַנד, צו שאַפֿן די ר. ס.־ד. א.־פּ.

גלייך ווי די גרעסטע צאָל טוער פון די זיבעציגער יאָרן, איז טשודנאָווסקי נישט צוגעשטאַנען צו אונזער סאָציאַל־דע־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. זיינע סימפּאַטיעס, ווי אויך פון פיל אַנדערע פון זיינע צייט־חברים, האָבן געהערט צו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. הגם ער איז געווען אַ גאַנץ געבילדעטער מענש, אָבער אַדאַנק זיין וועלט־אָנשויאונג, וואָס ער האָט זיך אויסגעאַרבעט נאָך אין דער יוגנט, ווי אויך צוליב זיין עבר, טראַדיציעס א. א. וו., האָט ער, זיינענדיג באַקענט נאָר אויבער־פלעכליך, — ווי אַנדערע פאָלקס־סאָציאַליסטן, — מיט דער לערע פון מאַרקס און ענגעלס, נישט געקאָנט זי ריכטיג פאַרשטיין און באַנעמען. ער האָט געגלויבט אין דער גרעסערער ווירקונג פון מאָראַלישע, עטישע סטימולן. דעריבער, איז אים, אַלס אַלטן אָנהענגער פון פרידליכן קאַמף פאַר גלייכהייט און גליק פון אַלע מענשן אָן אונטערשייד, געווען אומגעהייער שווער בייצוואוינען, אויף דער עלטער, גלייך מיט גרויסע מאַניפעסטאַציעס, דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן, וואָס די אַרבעטער־מאַסן האָבן אָנגעפירט אין שפּעט־יאָר 1905, איינצייטיג אויך די סצענעס פון שרעקליכע און אומבאַשרייבליכע גוואַלדטאַטן, וואָס די פינסטערע צעלאָזטע באַנדעס האָבן אין פיל ערטער אנגעווענדעט קעגן זיינע אומגליקליכע ברידער. ער האָט גע־האַלטן דערצו, אַז אין די דאָזיגע העסליכע אַקטן, וואָס האָבן אים אינגאַנצן דערשיטערט, איז אויך פאַרגעקומען אַ „פּראָ־גרעס“: מיט 35 יאָר צוריק האָבן אין אַדעס די זעלבע פינ־סטערע מאַסן נאָר געראַובט דאָס נישטיגע פאַרמעגן פון דער יידישער אָרימקייט, און איצט, אין די טעג, ווען ס'זיינען פּראָ־קלאַמירט געוואָרן די „פּאָליטישע פרייהייטן“, האָבן זיי אויס־געשניטן בייכער ביי שוואַנגערע פרויען, אַרויסגעוואָרפן זויג־קינדער פון די פענסטער, אָפּגעזענגט פּיס ביי זקנים און געקלאַפּט צוועקעס אין יידישע קעפּ...

אונטער אַזעלכע איינדרוקן האָט דער פיהלבאַרער טשודנאָווסקי, וואָס פלעגט זיך אָפּרופן אויף יעדער אומגליק און זיין גאַנץ

לעבן אָפּגעגעבן די אונטערדריקטע, פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן אין אַדעס, פאַרנעמענדיג זיך ביז זיין טויט מיט ליטעראַרישער אַרבעט. טשודנאָווסקי האָט איבערגעלאָזט גאַנץ אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן די זיבעציגער יאָרן. ער איז געשטאָרבן שפּעט־יאָר 1912, אין דער עלטער פון זעכציג יאָר.

ביי דער גאַנצער פאַרשיידנקייט פון אונזערע אָנשויאונגען מיט זיינע, דאַרפן מיר דאָך, לשם האמת, אָנערקענען, אַז אָט דער פאָרשטייער פון די זיבעציגער יאָרן, ווי אויך אַנדערע פון זיין דור, האָט פולקום פאַרדינט מ׳זאָל אָן אים געדענקען, ווייל זיין מיה און קרבנות זיינען נישט פאַרפאַלן געוואָרן אומזיסט. זיי האָבן אויסגעלערנט די קעמפער, וואָס זיינען געקומען נאָך אים, צו שטיין פעסט און אנטשלאָסן אויף זייערע פּאָסטענס אין דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די אונטערגעדריקטע מאַסן. טשודנאָווסקי און זיינע חברים זיינען געווען איינע פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן דורכצולעגן אַ וועג, און דאָס איז, ווי באַוואוסט, באַזונדערס שווער.

נאָר ס׳וואָלט געווען אַ גרויסע גוזמא צו פאַררעכענען אים צו די סאַמע גרעסטע טוער פון יענער עפּאָכע. מ׳קאָן אויך נישט זאָגן, אַז ער האָט באַזונדערס שטאַרק באַצאָלט פאַר זיין טעטיגקייט. דאָך, לשם גערעכטיגקייט, דאַרף מען אָנערקענען, אַז אין דעם גרויסן שטראָם פון טרערן און בלוט, וואָס האָט זיך געפאָדערט, כדי מ׳זאָל אַרונטערררייסן די אָפּגעלעבטע דעספּאָטישע אָרדענונג, זיינען אויך געווען גרויסע טראָפּנס פון טשודנאָווסקי, גאָלדענבערג און זייערע חברים.

קאַפּיטל יא

די איבעריגע יידן אין דעם גרויסן פּראָצעס

א. מאָיסעי ראַבינאָוויטש

טשודנאָווסקי, ווי מיר האָבן געזעהן, איז געווען צווישן די יידן איינער פון די סאַמע באַדייטענדסטע אָנטיילנעמער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער ערשטער העלפט פון די זיבעציגער יאָרן. ער איז טאַקע אויך געווען איינער פון די פינף יידן, וואָס זיינען געווען צוגעצויגן צום פּראָצעס פון „די 193". נאָך אים איז דער סאַמע אָנגעזעהענער צווישן די יידן געווען מאָיסעי ראַבינאָוויטש, אַ סטודענט פון דער מיליטער-מעדיצינישער אַקאַדעמיע, וואָס האָט געאַרבעט אין דער זעלבער צייט מיט אים. נאָר בעת טשודנאָווסקי איז אַרויסגעטראָטן אַלס שאַרפער „לאַווריסט"", איז דער לעצטער, פאַרקערט, צוגע-שטאַנען צו באַקונינס אָנהענגער.

אַ זון פון אַ פאַרמעגליכן סוחר, האָט ראַבינאָוויטש זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטן. ער איז אַלט געווען איינגאַנצן זיבעצעהן יאָר, ווען ער האָט שוין געשפּילט אַ גאַנץ אָנגעזעהענע ראָלע צווישן די עלטערע פון אים „באַ-קוניסטן". ער האָט פאַרמאָגט גרויסע אַגיטאַטאָרישע פעהיג-קייטן און אַ וואונדערליכע ענערגיע. ער פלעגט אַרומיאָגן זיך פון איין עק רוסלאַנד אין דעם אַנדערן, אומעטום אַגיטירנדיג און רופנדיג צו טעטיגקייט. אַדאַנק זיין אומגעהייערער ענער-גיע, דער לערך גרויסער אַנטוויקלונג און אינטעלעקטועלע פע-היגקייטן, האָט מען זיך מיט אים גערעכנט, פּונק אַזוי, ווי מיט

אַ דערוואַקסענעם און ערנסטן מענשן, און איין צייט איז זיין נאָמען געווען זעהר פּאָפּולער אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט. מ'פּלעגט זיך אויף אים אינגאַנצן פאַרלאָזן, באַקענען אים מיט די סאַמע קאָנספּיראַטיווע געפערליכע פּלענער און אונטערנעמונגען, זייענדיג פולקום באַוואָרנט, אַז דער דאָזיגער דרייסטער יונגערמאַן וועט אונטער די שווערסטע ענויים נישט אַרויסגעבן די סודות. די רעזולטאַטן אָבער האָבן דאָס נישט באַשטעטיגט.

ראַבינאָוויטש האָט געהערט צו אַ קרייזל „באַקוניסטן“, וואָס זייערע קעגנער האָבן זיי געגעבן אַן אָפּשפּאָטענדן נאָמען „בליצנלאָזערס“, ד. ה. צעטראָגענע לייט, וואָס שטעלן זיך אַלס ציל צו מאַכן אומזיניגע אויפשטאַנדן און בונטן. אינדעראמתן האָט דאָס דאָזיגע קרייזל, צו וועלכן ס'האָבן געהערט, חוץ דעם יונגן ראַבינאָוויטש, אויך גאַניץ סאָלידע רעוואָלוציאָנערן, זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן באַקונינס אידעען, צוליב וואָס זיי האָבן אָרגאַניזירט אין אויסלאַנד דאָס אויסגעבן זיינע ווערק און דאָס איבערפירן זיי אויף אַ קאָנטראַבאַנדאַ־אופן קיין רוסלאַנד. אין די דאָזיגע אונטערנעמונגען פלעגט ראַבינאָוויטש אַרויסווייזן זיין אומערמידליכע ענערגיע, ערפינדונגסגייסט און דרייסטקייט. אָבער טאַקע ביי דער דאָזיגער אַרבעט איז ער איינגיכן אַרעסטירט און איינגעזעצט געוואָרן אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג.

מיט זיין הייסן טעמפּעראַמענט, בעת ער איז געוועהנט געווען שטענדיג צו זיין באַשעפטיגט און נישט זיצן אויף איין אָרט, איז אים באַזונדערס שווער געווען איבערצוטראָגן דעם האַרטן רעזשים אין אַן איינצל קאַמער פון דער פעסטונג. זיינע נערוון זיינען גיך אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דער מוח האָט אָנגעהויבן אָנגעשטרענגט אַרבעטן, ס'האָבן אים אָנגעהויבן באַהערשן האַלוצינאַציעס. אָט דער בחור, כמעט נאָך אַ ייִנגל, האָט געפילט, אַז ער וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן אין טורמע, אַז ער קאָן פּסיכיש קראַנק ווערן, און ער האָט באַשלאָסן אום

יעדן פרייז אַרויסרייסן זיך אויף דער פריי. איין פלאַן נאָכן אַנדערן האָבן זיך געביטן אין צעררודערטן מוח; ענדליך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפן געדאַנק צו פאַרפירן, אָפּנאַרן זיינע אויספאָרש־ריכטער, — די זשאַנדאַרמען און פּראָקוראָרן. ער האָט באַשלאָסן זיך פאַרשטעלן פאַר אַ בעל־תשובה אין זיין גאַנצן עבר, — אין זיינע אידעען און טאַטן, — און איז גרייט געווען דערציילן אַליץ, וואָס ער ווייסט, כדי מ'זאָל אים באַ־פרייען פון דער פעסטונג. אינדעראמתן האָט ער נאָר גע־וואָלט זיי דערציילן בלויז דאָס, וואָס זיי האָבן אָן אים שוין אַזוי אויך געוואוסט.

מיט דעם דאָזיגן צוועק האָט ער אָנגענעבן די אויספאָרש־ריכטער אַ מעלדונג, אין וועלכער ער האָט צוגעזאָגט נישט נאָר מיטטיילן אַליץ, וואָס ער ווייסט, נאָר, אויב זיי וועלן אים באַ־פרייען, איבערגעבן זיי אויך, אַדאַנק זיין פּאָפּולערישקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער סביבה, אַליץ, וואָס ער וועט זיך דערוויסן אויף דער פריי. מיט דעם דאָזיגן אומווערטיגן שריט האָט דער אומ־גליקליכער יונג געמיינט אַרויסראַטעווען פאַר דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג אַזאַ טיכטיגן מענשן, ווי ער, ראַבינאָוויטש, איז געווען. ער איז זיכער געווען, אַז ער אַנטשיידעט זיך אויף אַזאַ נידריגן שריט נים צוליב קליינמוטיגקייט, נאָר אין די אינטערעסן פון דעם כלל, — פון דער רעוואָלוציע.

זעלבספאַרשטענדליך, אַז אַט דעם נאַאיוון יונג האָט זיך נישט איינגעגעבן אָפּצונאַרן די אויסגעפּרוּווטע זשאַנדאַרמען. דורך קונציגע פראַגעס און דורך דער צוזאָג אים צו באַפרייען האָבן זיי אַרויסגעפּרעסט פון אים בפועל ממש אַליץ, וואָס אים איז באַוואוסט געווען, און דערנאָך, געוויינטליך, האָבן זיי אים ווי־טער געהאַלטן אין טורמע, פאַרגרינגערנדיג נאָר אַ ביסל זיין רעזשים.

דער קלאַנג, אַז ראַבינאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן אַלע חברים, האָט אַרויסגערופן ביי די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געווען אויף דער פריי, אַ שטאַרקע אויפרעגונג און צאָרן קעגן אים.

איך געדענק, אַז איינציגע, — אמת, נאָר איינציגע, זיינען דערנאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן פאַראַלגעמיינען אָט דעם טרויעריגן פאַקט, האַלטענדיג, אַז כלומרשט יידן בכלל קאָן מען נישט פאַרטרויען, און איבער זייער קליינמוטיגקייט און אומפּעהיגקייט איבערצוטראָגן די יסורים פון אַ געפענקעניש, קאָנען זיי פאַרראַטן אַלץ און אַלעמען. מיר, אַ נישט דערוואַקסענעם בחור נאָך דעמאָלט, איז געווען אויך אומגעהייער שווער צו הערן אַזעלכע שרעקליכע רייד, און איך האָב אַריינגעלעגט וויפיל איך האָב געקאָנט קללות אין ראַבינאָוויטשן, דערפאַר, וואָס ער האָט קאָמפּראָמיטירט די יידן אַלס סאָציאַליסטן.

אַלס איינציגער רעזולטאַט פון ראַבינאָוויטשעס אַרויסגעבן איז געווען דאָס, וואָס מ׳האָט אַ ביסל פאַרגרינגערט פאַר אים דעם טורמע־רעזשים: די כיטרע אויספאָרש־ריכטער, וואָס האָבן פאַרשטאַנען זיין צושטאַנד, איז וויכטיג געווען צו דערהאַלטן אָט דעם בעל־תשובה ביזן משפט, כדי צו דערווייזן די שולד פון די פּערזאָנען, וואָס ער האָט פאַרמסרט. נאָר דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. בעת ראַבינאָוויטש האָט זיך באַגעגנט מיט די איבעריגע אַרעסטירטע לויטן פּראָצעס „פון דער פּראָפּאַגאַנדע אין 36 גובערניעס“, האָט ער זיך מודה געווען פאַר זיי אין זיין פאַרברעך און אָפנהאַרציג דערציילט זיי איבער וועלכע סיבות ער איז דערגאַנגען דערצו. די חברים, וואָס האָבן געזעהן זיין דערשלאָגענעם צושטאַנד, האָבן גענומען אין אַכט זיין יונגן עלטער און אים מוחל געווען זיין חטא, און ער האָט מבטיח געווען זיך אָפּצוזאָגן אויפן משפט פון אַלע זיינע באַווייזן, וואָס ער האָט אָנגעגעבן אַלס עדות.

און, ווירקליך, בעתן פּראָצעס האָט ראַבינאָוויטש זיך געהאַלטן דרייסט, גענומען זעהר אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע פּראָטעסטן, וועגן וועלכע איך האָב פריהער דערמאָנט, און זיך אָפּגעזאָגט פון זיין עדות־זאָגן, וואָס ער האָט געגעבן אויף דער פאַר־אויספאָרשונג. מ׳האָט אים פאַרמשפּט צו פאַרשיקונג אין די וויטע מקומות פון סיביר.

זיין אָפּנעשוואַכטער אָרגאַניזם האָט אָבער נישט געקאָנט אי־בערטראָגן די אַלע אומבאַשרייבלעכע מאָראַלישע לײדן, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויף זיין גורל. אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון אירקוטסקער גובערניע, וואוהין מ׳האָט אים פאַרשיקט, איז ער, אונטערן דרוק פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן, אַראָפּ פון זינען און איז אינגיכן נאָך דעם געשטאָרבן אין עלטער פון 20 יאָר מיט עפּעס. אַזוי פריה איז אומגעקומען דער באַגאַבטער סטער, קאָן זיין, פון דער נאַטור ייד־באַקוניסט, אַן אומגליקלי־כער קרבן פון די שרעקליכע פּאָליטישע באַדינגונגען אין רוס־לאַנד...

ב. יוליוס טעטעלמאַן

איך האָב נישט געקענט קיין איין רעוואָלוציאָנער, צו וואָסער פּאַרטיי ער זאָל נישט געהערן, וואָס זאָל זיך נישט געווען אָפּרופן מיט גרויס ליב וועגן טעטעלמאַנען, פאַרשטייט זיך, אויב ער האָט אים געקענט פּערזענליך. ביי מיר זיינען איבערגעבליבן וועגן אים די בעסטע זכרונות. חוץ זיינע פּערזענליכע אייגנשאַפטן, האָבן אויף דעם, מסתמא, געווירקט טיילווייז די אומשטענדן און סביבה, אין וועלכע ס׳איז פאָרגעקומען אונזער באַגעגעניש.

אין מיינע זכרונות „פאַר פופציג יאָר" האָב איך גאַנץ אויס־פירליך איבערגעגעבן, אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע איך האָב זיך געפונען, ווען, דערפיהלט פאַר זיך די אומפאַרמיידליכקייט צו איבערגיין „אין דער מחנה, וואָס קומט אום פאַר דער גרויסער זאַך פון ליבע", האָב איך מיט אומגעדולד זיך געטראָגן פון דער פּראָווינץ קיין קיעוו. דאָרטן האָב איך געהאָפט צו טרעפן אַקסעל־ראָדן און זיינע חברים, וואָס זיינען, ווי איך האָב געוואוסט, שוין לאַנג פאַר דעם געוואָרן רעוואָלוציאָנערן.

איך האָב לכתחילה זיך אַליין געמאָלט דאָס בילד פון אונזער באַגעגעניש אַלס אידעען־חברים. נאָר, צום אומגליק, האָב איך, קומענדיג, זיך דערוואוסט וועגן דעם חורבן, וואָס איז נישט לאַנג פאַר דעם פאָרגעקומען אין קיעוו און אין דער זעלבער צייט אויך

אין פיל אַנדערע ערטער, — אין 36 גובערניעס, ווי איך האָב שוין פריהער מיטגעטיילט. די שטאָט איז געווען אויסגערייניגט בפועל ממש. אייניגע האָט מען אַרעסטירט, די אַנדערע זיינען אַנטלאָפן, וואוהין מ'האָט נאָר געקאָנט, כדי צו באַהאַלטן זיך פון די געניטע „שפּיקעס“, און די איבעריגע האָבן זיך אַזוי אויסגעבאַהאַלטן, אַז ס'איז זיי שווער געווען צו געפינען.

דאָס אַלעס, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט אין קיעוו, האָט אין משך פון אַ צייט געהאַלטן מיך אין אַ פאַרצווייפלונג. און פּלוצים, איננאַנצן אומגעריכט, האָב איך באַגעגנט ביי איינעם אַ באַקאַנטן דעם סטודענט טעטעלמאַנען; אין אַ געוויסן פּרט איז ער געווען פאַר מיר, רעדנדיג אין הויכן סטיל, „די איינציגע רעטונג“. נאָר פריהער וועל איך אין עטליכע ווערטער אויסמאָלן זיין אויסזעהן.

דאָס איז געווען אַ דאַרער, שוואַכער בלאָנדין, אָהן טיפּיש־יידישע געזיכטס שטריכן; ער פלעגט אויפן ערשטן קוק מאַכן אַ נאַגיץ אנגענעמען איינדרוק. ער איז אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציג־איינאונצוואַנציג. ס'האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן נישט זיין אויסשליסליכער אינטעלעקט, נישט די אַנטוויקלונג, נישט זיין באַלעזזקייט. ער האָט אפילו פאַרמאָגט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אַרויסגערופן אפילו נישט קיין גאַניץ ערנסטע באַציהונג צו אים, פאַרוואָס ס'האָט זיך געוואָלט אים אָנרירן, זאָגן עפּעס אַ ווערטל וועגן אים, מאַכן אַ שפּאַס. אין וואָס נעמליך איז באַשטאַנען אָט דאָס „עפּעס“, קאָן איך זיך נישט דערמאָנען: פון יענער צייט אָן איז דאָך שוין דורכגעגאַנגען כמעט פופציג יאָר. נאָר פאַר מיינע אויגן שטייט נאָך אַליך, ווי אַ לעבעדיגער, ווי ס'וואָלט ערשט געווען נאָר נישט לאַנג, אָט דער וואוילער און סימפּאַטישער בחור.

לויטן כאַראַקטער, געוואוינהייטן און גענג איז טעטעלמאַן געווען כמעט אַ פולער קעגנזאַץ צו מאָיסעי ראַבינאָוויטש. דער לעצטער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז געווען, אָן שום ספק, אַ סך רייכער אין טאַלאַנט פון דער נאַטור. נאָר ער האָט שטאַרק

איבערגעשאַצט זיין ווערט, זיך אַרומגעטראָגן מיט זיך, האָט צופיל ליב געהאַט כּבוד, און דעריבער איז ער גרייט געווען, ווי מיר האָבן געזעהן, אויך אויף אַ געמיינעם שריט, כּדי זיך אַרויסצוראַטעווען.

צווישן אַלע ציוויליזירטע, — קאָן זיין, אויך נישט-ציוויליזירטע, — פעלקער בכלל, און צווישן יידן, ווי מיר דאַכט זיך, בפרט, זיינען פאַראַן צוויי קעגנזעצליכע טיפּן: איינע, וואָס האָבן ליב כּבוד, און די אַנדערע — ענוות. מענשן, וואָס געהערן צו דער ערשטער קאַטעגאָריע, שטעלן זיך פאַר גאָרנישט ניט אָפּ, כּדי צו דערגרייכן זייער ציל. זיי זיינען פעהיג צו טרעטן מיט די פיס די יעניגע, וואָס טרעפן זיך זיי אויפן וועג און וואָס זיינען, ווי זיי ווייזט זיך אויס, אַ מניעה פאַר דער פאַרווירקליכונג פון זייערע צילן. די דאָזיגע צילן קאָנען זעהר אָפט אינגאַנצן נישט זיין צונויפגעבונדן מיט זייערע פּערזענליכע אינטערעסן, נאָר, דווקא פאַרקערט, מיט די אינטערעסן פון אַנדערע, אַמאָל אויך פון אַ גאַנץ פאָלק און אַפילו פון דער גאַנצער מענשהייט. אָבער אָפט ווערן מיט אַזעלכע הויכע צילן פאַרמאַסקירט דווקא פּערזענליכע אינטערעסן: ס'טרעפט אויך, — און אָפטער פון אַלץ, — אַז ס'באַגעגענען זיך ביידע מאָטיוון אינאיינעם, איינצייטיג.

איך דענק, אַז פון אָט דער, פאַרשטענדליך, נישט פולער קוואַליפיקאַציע מיינער פונם „כּבוד-זוכער“ איז שוין קלאָר, וועמען איך בין געניינגט אָנצורופן מיטן נאָמען „עניו“. איך האָב דאָ אין זינען דעם מענשן, וואָס פאַרמאָגט דיאַמעטראַל-קעגנזעצליכע נייגונגען, — נישט נאָר נישט רוקן זיך פאָראויס, נאָר, פאַרקערט, ווי מעגליך, בלייבן אין שאָטן, אָפּטרעטן דעם וועג פאַר אַנדערע, פאַרגעסן וועגן אייגענע אינטערעסן, לעבן צוליב אַנדערע א. א. וו. זעלבספאַרשטענדליך, אַז נישט אָפט קאָן מען באַגעגענען אַזעלכע אינגאַנצן פאַרענדיגטע, אַבסאָלוטע טיפּן, — מענשן פאַרמאָגן מייסטן די און די אַנדערע שטריכן איינצייטיג, וואו ס'וועגט איבער מער-ווייניגער אָדער דער „כּבוד-זוכער“ אָדער דער „עניו“. איך שטיי נישט שטאַרק אויף מיינע עפּיטעטן; כ'האָב אָנגע-

שרייבן די ערשטע, וואָס זיינען מיר געקומען אויפֿן געדאַנק. כּדי מער צו דערקלערן די דאָזיגע צעטיילונג מיינע פֿון מענטשן, וועל איך זאָגן, אַז אינם ערשטן טיפּ דאַרף מען אַריינרעכענען פּעטער I, נאַפּאָלעאָנען, ביסמאַרקן, לאַסאַלן, און צו דעם צווייטן — סאַוואָנאַראָלע, שפּינאָזען, טשערנישעווסקין, ווערא זאַסוליטש און פֿיל אַנדערע.

צו דעם דאָזיגן טיפּ האָט אויך געהערט טעטעלמאַן: ער האָט געלעבט צוליב אַנדערע, פֿאַרגעסנדיק אינגאַנצן וועגן זיינע אייגענע נייטן. צוליב דעם, וואָס דאָס איז געווען שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק, קאָן איך איצט נישט זאָגן פּינקטלעך, ווי אָפֿט ס'איז אים אויסגעקומען נישט צו דערשלאָפֿן און נישט־דערעסן, ווייל ער האָט קיין צייט נישט געהאַט. תּמיד איז ער געווען איבערן קאָפּ פֿאַרטאָן אין דאגות וועגן זיינע חברים.

ווי איך האָב שוין איבערגעגעבן אין די זכרונות „פֿאַר פֿופֿציג יאָר“, האָט אין האַרבסט פֿון יאָר 1874 געהערשט אין קיעוו אַ מוראדיגע פּאַניק. די ווייניגע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון אַרעסטן, האָבן זיך געוואָרפֿן אויף אַלע זייטן, זוכנדיק אומגעפֿערליכע ערטער און מיטלען אויף אַרויסצופֿאָרן, אין וואָס פֿילע פֿלעגן זיי אָפּזאָגן פֿון מורא וועגן. נאָר טעטעלמאַן, וואָס איז אינגיכן נאָך דעם אָנגעקומען, האָט אַרויסגעוויזן אַן אומגעוועהנליכן ערפֿינדונגס־גייסט, מוט און ענערגיע אין דעם דאָזיגן פּרט.

ער האָט אויסגעזוכט צימערן אויף אויסצובאַהאַלטן די „אומלעגאַלע“, געקראָגן מיטלען, פּעסער און פֿאַרבינדונגען פֿאַר די מענטשן, וואָס האָבן באַשלאָסן אויף שטענדיג, צי אויף אַ צייט אַרויסצופֿאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט איינגעאָרדנעט „וועטשערינקעס“ (אָוונטן), קאָנצערטן, לאָטערייעס אויף אויסגעטראַכטע, פֿאַרשטייט זיך, „לעגאַלע“ צוועקן; האָט געדאגהט וועגן די אַרעסטירטע, באַזאָרגענדיג זיי מיט פּראָדוקטן, ביכער, זאַכן וכדומה. דערביי האָט ער אינגאַנצן נישט געטראַכט וועגן דער סכּנה אַריינצופֿאַלן אַליין אין דעם גורל פֿון אַלע אַרעסטירטע.

אַזאַ אינטענסיווע טעטיגקייט האָט נישט געקאָנט בלייבן אומבאַמערקט פאַר די אויגן פון די אַלצוויסנדע זשאַנדאַרמען. און ווינטער פון דעם זעלבן יאָר איז טעטעלמאַן טאַקע אַרעסטירט און אַריינגעזעצט געוואָרן אינאיינעם מיט די הונדערטער מענשן, וואָס האָבן געדאַרפט וואַרטן עטליכע יאָר אויף זייער משפט. דער שוואַכער, אָפגעצערטער אָרגאַניזם פון דעם דאָזיגן אומגעוועהנליך אַלטרואיסטישן בחור האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם שווערן טורמע־רעזשים. ער איז פאַרשלאַפט געוואָרן אויף לונגען־קרענק און בעת דעם משפט איבער זיינע 193 חברים איז ער געשטאָרבן, אינגאַנצן אין עלטער פון 23—24 יאָר. אַזוי האָט די אומברחמנותדיגע רוסישע ווירקליכקייט, ווי מיר וועלן ווייטער נאָך אַמאָל זעהן, אומגעבראַכט איינעם נאָכן אַנדערן די זעלטענסטע לויט דעם נשמה־אינהאַלט יונגע לייט, נישט איבערלאָזנדיג וועגן זיי קיין שפור אפילו אין זכרון פון דורות...

ג. איסאַק פאַוולאָווסקי

מאוס, געמיין האָט געענדיגט זיין גוט־אָנגעהויבענע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט אַן אַנדערער, אויך אַ געוועזענער סטודענט פון דער מיליטעריש־מעדיצינישער אַקאַדעמיע, איסאַק פאַוולאָווסקי.

אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרן האָט ער געשפילט אַן אָנגעזעהענע ראָלע צווישן דער קליינער צאָל מיטגלידער פון אַ קרייזל, וואָס האָט זיך געפונען אין ראָסטאָוו. אַרעסטירט צוזאַמען מיט פילע אַנדערע לויטן „פראָצעס פון דער פראָפּאַגאַנדע אין 36 גובערניעס", האָט פאַוולאָווסקי זיך געהאַלטן אין משך פון זיין לאַנגן זיין אין די טורמעס און אויפן משפט — זעהר גוט. נישט קיין נאַרישער פון דער נאַטור, אַ גאַנץ פעהיגער און באַלעזטער, האָט ער אַרויסגערופן אַכטונג צו זיך צווישן זיינע חברים.

לויטן פראָצעס איז פאַוולאָווסקי פריי־געשפראָכן געוואָרן, פון וואָס ס'איז קלאָר, אַז אין קיין באַזונדערס „פאַרברעכערישע מעשים" האָט מען אים נישט חושד געווען. דאָך האָט מען אים, חוץ דעם, וואָס ער האָט פאַרבראַכט כמעט 4 יאָר אין פאַרגע־

פּענקעניש אָן אַ שולד, אַרויסגעשיקט נאָכן משפּט אויפֿן אַדמיניסטראַטיוון אופֿן קיין צפֿון, פֿון וואַנען ער איז אינגיכן נאָך דעם אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד.

ס'האָט זיך געטראָפֿן אַזוי, אַז מיר זיינען מיט אים געפֿאָרן אַהין אין איין צוג, נאָר צוליב קאָנספּיראַציע האָב איך ביי אונזער באַגעגעניש זיך אָנגערופֿן מיט אַן אויסגעטראַכטער פֿאַמיליע און זיך אָנגעגעבן פֿאַר אַ סטודענט, וואָס איז אויך אַנטלאָפֿן פֿון צפֿון־רוסלאַנד, נאָך דעם, ווי מ'האָט אים אַרויסגעשיקט אַהין פֿון קיעוו בעת די גרויסע אומרוהען, וועלכע זיינען פֿאָרגעקומען פֿריה־יאָר 1878 אין דאָרטיגן אוניווערסיטעט. צוליב אָט דער קליינער מיסטיפֿיקאַציע מיינער האָט פּאַוולאָווסקי אויפֿן וועג, בעת מיר האָבן אינאיינעם געגנבֿעט די גרעניץ, — מיט דער הילף פֿונם באַוואוסטן א. זונדעלעוויטש, — זיך געהאַלטן גרויס, אַלס מענש, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַ באַדייטענדן „רעוואָלוציאָנערן סטאַזש“, און געקוקט אויף מיר פֿון אויבן אַראָפּ, ווי אויף אַ יונגן מאַן, וועלכער האָט זיך נאָך גאָר נישט קאָמפּראָמעטירט אין פּאָליטישער הינזיכט, — איך בין געווען אויף צוויי־דריי יאָר יינגער פֿון אים. איבער דער דאָזיגער באַציהונג זיינער צו מיר איז, אגב, פֿאָרגעקומען מיט אים אַ קליינער קוריאָז, וואָס איז אַביסל כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אָט דעם מענשן.

נאָך דעם, ווי מיר זיינען איבערגעגאַנגען די גרעניץ, האָט זונדעלעוויטש אונז אַריינגעזעצט אין אַ צוג און געגעבן אַן אַדרעס פֿון אַ גרופּע סטודענטן־יידן, געקומענע פֿון רוסלאַנד, וואָס האָבן געוואוינט אין איין דירה אין בערלין. צווישן זיי האָב איך געטראָפֿן מיינעם אַ חבר פֿון קיעוו, וועלכן איך האָב באַוויזן אָנצוזאָגן, אַז ער זאָל נישט אויסזאָגן פּאַוולאָווסקין מיין אמתע פֿאַמיליע, נאָר ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט ער פֿון זיינע קאָלעגעס דאָס נישט באַהאַלטן.

בעתן מיטאָג האָבן די יונגע לייט אָנגעהויבן זיך צעפֿרעגן ביי אונז וועגן די לעצטע נייס, וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך פֿון רוסלאַנד. ענטפֿערס אויף זייערע פֿראַגעס האָט געגעבן אויסשליס־

ליך פּאַוולאָווסקי, אַלס מענש „מיט אַ סטאַזש“. איין מאָל נאָר האָב איך געפּראַוואָוועט אַרײַנצוטראָגן אַן אויסבעסערונג, אָבער פּאַוולאָווסקי האָט אויפֿן אָרט שאַרף איבערגעהאַקט מײַנע רייד. עמיצער פֿון אָט די בערלינער סטודענטן האָט געבעטן דערציילן „ווי אַזוי ס'זײַנען אַנטלאָפֿן נישט לאַנג פֿאַר דעם פֿון קיעווער טורמע סטעפּאַנאָוויטש, באָכאַנאָווסקי און דייטש“.

מיט אַ זיכערן טאָן, וואָס דערלאָזט נישט קיין שום דערווידערונגען, האָט פּאַוולאָווסקי אָנגעהויבן אויספֿירליך דערציילן וועגן אָט דעם אַנטלויף, וואָס האָט אין יענער צײַט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. ווען ער האָט אָבער איבערגעגעבן אייניקע זאַכן נישט ריכטיק, האָב איך „אַלס קיעווער“ זיך דערלויבט אַרײַנצוטראָגן עפּעס אַן אויסבעסערונג. ס'איז כּדאַי געווען צו זעהן, מיט וואָס פֿאַר אַ קוק, אויסגעמישט מיט פֿאָרוואורף און פֿאַראַכטונג, ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן און אַ זאָג געטאָן: „מיר איז, פֿאַרשטייט זיך, דאָס בעסער באַקאַנט פֿון די אוממיטלבאַרע אָנטיילנעמער גופֿא“.

אין אַזאַ באַווײַז האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט צווייפֿלען. דערנאָך בין איך נאָך עפּעס אַרויס אין אַ צווייטן צימער, וואוהין ס'איז אײַנגיכן אַרײַנגעגאַנגען אויך מײַן קיעווער חבר און האָט מיט אַ געלעכטער מיר דערציילט, אַז נאָך מײַן אַרויסגיין האָט פּאַוולאָווסקי געזאָגט: „דייטש אַליין האָט מיר דערציילט וועגן זײַן אַנטלויפֿן“, און דאָ דערלויבט זיך עפּעס אַ סטודענטל אים צו רעדן אַנטקעגן. מיר האָבן אַלע שיער נישט געפּלאַצט פֿון געלעכטער, ווען מיר האָבן דאָס דערהערט, — האָט פֿאַרענדיקט מײַן לאַנדסמאַן.

ווען, נאָכן קומען קיין גענף, האָט פּאַוולאָווסקי זיך דערוואוסט מײַן פֿאַמיליע, האָט ער זיך געפֿילט נישט איבעריק גוט. שפּעטער איז ער איבערגעפֿאָרן קיין פּאַריז, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אויף זעהר פֿיל יאָרן. באַגאַבט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, מיט נישט קיין שלעכטע פֿעהיגקייטן, דערין אויך מיט ליטעראַרישע, און זייענדיק פֿון דער נאַטור אַ דורכגעטריבענער פֿאַרשוין, האָט פּאַוולאָווסקי, נישט אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע,

זיך גוט איינגעאָרדענט אין פּאַריז: פאַר אים, „אַלס באַוואוסטן רעוואָלוציאָנער“, וואָס איז אָפּגעזעסן עטליכע יאָר אין פאַרשיידענע טורמעס, האָט זיך באַטייליגט אין אַ גרויסן פּראָצעס און געלאָפן פון סיביר, זיינען געווען אָפן אַלע טירן, מען האָט אים אויפגענומען אויך ביי אי. ס. טורגעניעוון. דורך אים האָט ער זיך באַקענט מיט די דעמאָלטיגע בעסטע פראַנצויזישע בעלעטריסטן, ווי זאָלאַ, דאָדע און אַנד. געפינענדיג זיך אין אַזאַ געזעלשאַפט, האָט פּאַוולאָווסקי באַשלאָסן אויספּרואוון זיינע כּוחות אויפן ליטעראַרישן געביט. ער האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג פונם לעבן פון די רוסישע ניהיליסטן און זי איז אַזוי געפעלן געוואָרן דעם אַוטאָר פון די „עלטערן און קינדער“, אַז יענער האָט זי אַליין אַוועקגעשיקט אין „וועסטניק יעווראָפּי“ מיט אַ גוטן אָפּרוף וועגן איר. אויף וויפיל איך קאָן זיך דערמאָנען, איז די דערציילונג דאָרטן געדרוקט געוועז, נאָר דאַכט זיך, אַז זי איז דורכגעגאַנגען דאָרט אינגאַנצן אומבאַמערקט.

נאָך דעם איז פּאַוולאָווסקי איבערגעגאַנגען אויפן אַמפּלואַ פון פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון די „נאָוואָסטי“ („נייעס“); נאָר, ווען ער האָט זיך צעקריגט איבער האָנאָראַר מיטן רעדאַקטאָר, מיטן באַוואוסטן נאָטאָוויטש, האָט ער פאָרגעלעגט זיין מיטאַרבעטערשאַפט דער „נאָוואָיע ורעמיאַ“ („נייע צייט“). אונטער דעם פּסעוודאָנים אי. יאַקאָוולעוו האָט ער דאָרט זיך געדרוקט אַרום פערציג יאָר, — האַרט ביז די דאָזיגע מענשן־פיינטליכע צייטונג איז פאַרמאַכט געוואָרן.

זייענדיג אַליין אַ ייד, — דערביי האָט ער פאַרמאָגט אַלע נעגאַטיווע, אומסימפּאַטישע שטריכן פון אונזער פאָלק, — האָט פּאַוולאָווסקי, ווערנדיג אַן אַנטיסעמיט, ווי מ'זאָגט, „געריסן און געביסן“: ער האָט געשריבן זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין דעם נידעריגסטן גייסט פון „נאָוואָיע ורעמיאַ“, באַפּעפערנדיג זיי מיט די אויסגעליבטע סואוואָרינס ווערטלאַך און צונעמענישן און איבערפילנדיג זיי מיט שקרים און בלבולים אויף אַל דאָס ערליכע, גוטע און גערעכטיגע, — אויף דעם, אין וואָס ער האָט אַליין נאָך גאָר

נישט לאַנג געגלויבט און פאַרוואָס ער האָט באַצאָלט מיט עטליכע יאָרן פון זיין לעבן.

לוינט זיך דען אָפּשטעלן אויף דער וויטערדיגער קאַריערע פון אָט דעם גאַנץ פעהיגן, נאָר זעהר קליינליכן הער? ווי באַוואוסט, האָט ער איינציטיג מיט זיין חבר לויטן פּראָצעס, לעוו טיכאָמיראָוו, זיך מודה געווען אין אַלץ, פאַלנדיג צו די פיס פון אַלעקסאַנדער III. די עמיגראַנטן האָבן איבערגעריסן מיט אים יעדע באַציהונג.

ד. אַראָנזאָן און עדעלשטיין

די מענשן, וואָס איך האָב פריהער דערמאָנט, האָבן, נישט קוקנדיג אויף דער אומבאַדייטנקייט פון די „פאַרברעכנס", וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, דאָך באַוואוסטזיניג געהערט צום סאָציאַליסטישן לאַגער. נאָר, חוץ זיי, זיינען אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק געווען לויטן פּראָצעס פון די 193 נאָך צוויי יידן, פון וועלכע איינער האָט גאָר ווייניג, און דער אַנדערער גאָר נישט געהערט צו סאָציאַליסטן.

סאָלאָמאָן אַראָנזאָן, אַ סטודענט פון דער מיליטעריש־כי־רורגישער אַקאַדעמיע, האָט, פאָרנדיג זומער 1874 אויף קאַניקולעס קיין סאַמאַרע, מסכים געווען מיטנעמען מיט זיך צוויי פּעקלאַך ביכער, וואָס חברים האָבן אים מיטגעגעבן אויפן וואָקזאַל, כדי, אַז ער וועט קומען אין דער שטאָט, זאָל ער דאָרטן זיי איבער־געבן אַ באַשטימטער פּערזאָן. צו זיין אומגליק האָט מען בעת אַן אונטערזוך ביי זיינעם אַ באַקאַנטן צוגענומען זיינעם אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט, בדרך אגב, געשריבן: „איך פאָר אין די אַקאַ־דעמיע ענדיגן דעם קורס; דערנאָך וועל איך אָנקומען אויף אַ שטעלע, וועל צונויפקלייבן 3000 ר. און דעמאָלט וועל איך זיך נעמען פאַר דער אַרבעט". אָט דער בריוו, אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוויי פּעקלאַך ביכער, וואָס מ'האָט ביי אים געפונען, ווייל ער האָט נאָך נישט באַוויזן זיי איבערצוגעבן לויטן אַדרעס, האָבן געדינט פאַר די זשאַנדאַרמען און פּראָקוראָרן אַלס גענוגנדער גרונד, כדי צו אָנקלאָגן אים אין אָנגעהעריגקייט צו אַ „געהיימער

געזעלשאַפֿט, וואָס שטרעבט אונטערצוברענגען די עקסיסטירנדע אָרדענונג אין דער נאָהענטער צוקונפֿט".

אָפּגעזעסן, דעריבער, מער פֿון דריי יאָר אין פֿאַרשיידענע טורמעס, איז אַראָנזאָן אַוועקגעשטעלט געוואָרן פֿאַרן משפּט פֿון אַ באַזונדערן סענאַט־באַשטאַנד, וועלכער האָט אים אָנערקענט פֿאַר שולדיג און די „שווערע פֿאַרברעכנס", וואָס מ'האָט אים צוגעשריבן, נאָר פֿאַררעכנט אים אין דער שטראָף די צייט, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין פֿאָרגעפֿענקעניש. ווי פֿיל אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זיינען אויך צופֿעליג צוגעשפּילעט געוואָרן צו דעם דאָזיגן פּראָצעס און בכלל צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון די זיבעציגער יאָרן, איז אויך אַראָנזאָן דערנאָך פֿאַרשוואונדן געוואָרן, — זיין נאָמען איז מיר אין ערגעץ מער נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען.

*

נאָך אַ מער צופֿעליגער מיטגליד פֿון דער „געהיימער געזעלשאַפֿט", וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבערן שטח פֿון 36 גובערניעס, איז געווען מאָיסעי עדעלשטיין. אַ קאָנטראַבאַנדיסט לויט פּראָפֿעסיע, האָט ער, געוויינטליך, נאָר פֿאַר געלט זיך פֿאַרנומען מיט איבערפֿירן איבער דער גרעניץ פֿאַרווערטע ליטעראַטור. נאָך דעם, ווי ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין אַ גרעניץ־שטעטל, האָט ער פֿאַרבראַכט העכער צוויי יאָר אין פֿאָרגעפֿענקעניש, אויך לויט דער באַשולדיגונג אין געהערן צו אַ געהיימער געזעלשאַפֿט, וואָס ער האָט קיין מינדסטע פֿאָרשטעלונג נישט געהאַט וועגן איר עקסיסטעניץ און באַטייט. דער דאָזיגער אומגליקליכער מענש האָט זיך שטאַרק דערשראָקן סיי פֿאַר דער טורמע, סיי אויך פֿאַר די דראָהונגען פֿון די אויספֿאָרש־ריכטער, וואָס האָבן אים געזאָגט, אַז מ'וועט אים פֿאַרשיקן אויף קאַטאָרגע. דער אומגליקליכער מאָיסעי האָט שרעקליך געליטן אין די איינצל־קאַמערעס. אָנגעטוענדיג יעדן טאָג אויף זיך דעם טלית, האָט ער זיך געווענדעט צו גאָט מיט אַ הייסער תּפֿלה רחמנות צו האָבן אויף אים און אויף זיין גרויסער משפּחה, וואָס איר לאַגע האָט אים באַזונדערס

געערגערט. איך געשטעלט, סוף כּל סוף, פֿאַר די סענאַטאָרן, האָט ער מיט אַ שטים, וואָס איז פֿול געווען מיט אומבאַשרייבלעכע לײַדן געזאָגט צו זיי: „איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט אַפֿילו זיך פֿאָרשטעלן, אַז ס׳זאָלן זײַן אַזעלכע שרעקלעכע ביכער". דאָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַזאַ אויפֿריכטיגן און אמתן טאָן, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט נישט גלייבן אים. ער האָט צוגעזאָגט מער זיך נישט פֿאַרנעמען מיט אַזאַ פֿאַרברעכערישער טעטיקייט.

נעמענדיק אין אַכט, אַז ער האָט אויפֿריכטיק חרטה, האָט דער געריכט פֿאַרמשפּט אָט דעם אומגליקלעכן מענטשן, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן, ווי אַ יון אין סוכּה, נאָכן אָפּנעמען בײַ אים אַלע באַזונדערע רעכט, צו $3\frac{1}{2}$ יאָר אַרעסטאַנטן־ראָטעס.

*

חוץ די זעקס פּערזאָן, וואָס איך האָב איבערגערעכנט, זײַנען לויט דעם דאָזיקן פּראָצעס צוגעצויגן געווען נאָך זיבן ייִדן, וואָס זײַנען נעלם געוואָרן, נאָר וועגן זיי וועל איך דערציילן ווײַטער. אַזוי אַרום, זײַנען אויף עטלעכע הונדערט, — אויב נישט אויף טויזנט, — אַרעסטירטע לויטן „פּראָצעס פֿון פּראָפּאַגאַנדע אין דער אימפּעריע" געווען אינגאַנצן דרײַצען ייִדן. דערצו איז צווישן די באַשולדיקטע נישט געווען קיין איינער נישט, וועלכן מ׳וואָלט געקאָנט אַוועקשטעלן אין איין ריי מיט קאָוואַליקן, וואָינאַראַלסקין, ראָגאַטשאָוון, מישקינען און אַנדערע גרויסע אָנטיילנעמער פֿון אָט דעם גראַנדיעזן פּראָצעס, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם ווײַטערדיקן גאַנג פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

קאַפּיטל יב

די יידישע פרויען־יוגנט

הגם דער „פּראָצעס פון די 193“ איז כראָנאָלאָגיש שפּעטער פאָרגעקומען פון דעם „מאָסקווער“ (און אויך, ווי באַוואוסט, פונם „פּראָצעס וועגן דער דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פּלאַץ“), דאָך זיינען די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין אים, אַרויסגעטראָטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע פריהער, איידער די אָנטיילנעמער פון די לעצטע צוויי פּראָצעסן. דעריבער האָב איך טאַקע אָנגעהויבן פון די אָנגעקלאָגטע לויטן „פּראָצעס וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע אין 36 גובערניעס“. און איצט וועלן מיר איבערגיין צום „מאָסקווער“ אָדער „פּראָצעס פון די 50“, וואָס איז פאָרגעקומען זומער 1877 יאָר.

איך וועל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף אַלע באַזונדערהייטן פון אָט דעם פּראָצעס, וואָס טיילן אים אויס פונם „פּראָצעס פון די 193“. איך וועל נאָר אָנווייזן אויף דעם, אַז אין אים האָבן זיך באַטייליגט, ווי באַוואוסט, אַ סך פרויען. דערביי זיינען די באַשולדיגטע געגאַנגען פּראָפּאַגאַנדירן נישט צווישן די פּויערים אין דערפער, נאָר צווישן די אַרבעטער אויף פאַבריקן. חוץ דעם, בעת צווישן די אָנגעקלאָגטע לויטן „פּראָצעס פון די 193“ איז נישט געווען קיין איין יידישע פרוי, זיינען אויפן „פּראָצעס פון די 50“, פאַרקערט, אינגאַנצן נישט געווען קיין יידן־מענער. אין „פּראָצעס וועגן פּראָפּאַגאַנדע אין 36 גובערניעס“ האָבן אויך זיך באַטייליגט איינִיגע יונגע יידישע מיידלאַך, נאָר אַזוי ווי מ׳האָט זיי נישט געפונען, און זיי זיינען, פאָלגליך, נישט געווען אויף דער באַ־

שולדיגונגס־באַנק, האָב איך זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף זיי אין די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך, און אָפּגעלעגט דאָס ביז אַנדערע מאָמענטן. אין דער צאָל פון די אָנגעקלאָגטע לויטן „פּראָצעס פון די 50“ זיינען געווען צוויי יידישע פרויען.

א. בעטי קאַמינסקאַיאַ

אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגליכן סוחר פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל, האָט בעטי, וואָס האָט אין דער קינדהייט פאַרלוירן איר מוטער, געהאַט אין דער משפחה אומבאַגרעניצטע פרייהייט. בעת זי האָט זיך געשפּילט אויף דער גאַס מיט קינדער, האָט דאָס קליינע מיידעלע זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט דער נויט און אָרימקייט, וואָס האָט אומעטום געהערשט. דאָס האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף איר פיהלבאַרער נאַטור. דערנאָך האָט מען בעטין, וואָס האָט זיך גרינג אויסגעלערנט לייענען רוסיש, נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די ביכער. צוגלייך מיט פּוסטע ראָמאַנען, האָט זי דורכגעלייענט אויך אַלע רוסישע קלאַסיקער, וואָס האָט אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט דאָס מיידל: פון אַ שפּילעווידיגער, לעבעדיגער און זאָרגלאָזער, איז בעטי צו פריה געוואָרן ערנסט, פאַרטראַכט, פאַרטיפט אין זיך.

די אַרומיגע האָבן שטאַרק ליב געהאַט די שטילע, צאַרטע בעטי, וואָס איז געווען צו אַלע גוט און אויפמערקזאַם; דער פאָטער האָט זי ליב געהאַט ממש ביז פאַרגעסנהייט. זעהענדיג איר ליידנשאַפט צו ביכער, האָט ער, גלייך ווי די איבעריגע קרובים, געהאַלטן זי שיער נישט פאַר קיין זשעני און אויסגעפילט אַלע אירע פאַרלאַנגען. אַן אַנדער קינד וואָלט אַזאַ באַציהונג פון נאָהענטע געקאָנט קאַליע מאַכן, נאָר נישט אַזאַ איז געווען בעטיס כאַראַקטער: זי האָט זיך אויסגעטיילט מיט אויסשליסליכע פעהיגקייטן און ווייסנסדאָרשט און געהאַלטן, אַז אויך אַלע אַנדערע קאָנען גרינג דערגרייכן די אייגענע רעזולטאַטן, וואָס זי האָט דערגרייכט. דעריבער איז בעטי גאָר נישט גרויס געווען ביי זיך.

נישט קוקנדיג אויף דער ליבע פון די אייגענע און אויף דעם, וואָס זי פלעגט אויספירן בײַ זיי אַליין, האָט בעטי זיך דאָך גע־פיהלט איינזאַם אין איר אייגענער משפחה און פלעגט זיך מיט קיי־נעם נישט טיילן מיט די געדאַנקען און זאָרגן, וואָס זיינען טיף באַהאַלטן געווען אין איר נשמה. זייענדיק באַקענט פון קינדהייט אָן מיט דער נויט און אָרימקייט, וואָס האָט אומעטום געהערשט, — דאָס האָט אין אַ באַדייטנדער מאָס נאָך פאַרבּרייטערט און דערקלערט איר דאָס לייענען די ווערק פון די גרויסע רוסישע שריי־בער, — האָט דאָס יונגע מיידל פריה אָנגעהויבּן זיך ברעכן דעם קאָפּ ווי אַזוי צו אַנטשיידן די שווערע פאַרוויקלטע פראַגע, — ווי אַזוי צו העלפן און פאַרגרינגערן דעם גורל פון די אומגליקליכע, פאַראָרימטע מאַסן? כּדי צו באַקומען אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע, וואָס האָט אַרומגענומען איר גאַנצן וועזן, האָט בעטי באַ־שלאָסן אַוועקפאָרן קיין ציוריך און דאָרט אַריינטרעטן אין אַן אוניווערסיטעט. אויסגעשטאַנען נישט קיין קליינעם קאַמף מיטן פאָטער, וואָס האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן זיין טייערע טאָכטער אין אַזאַ ווייט און פרעמד לאַנד, האָט קאַמינסקאַיאַ, וואָס איז אינ־גאַנצן אַלט געווען 18 יאָר, דאָך אירס געפּועלט.

אין דער צייט האָבּן דאָס רוב מיידלאַך, וואָס זיינען זיך אָנ־געפאָרן פון אַלע עקן רוסלאַנד קיין ציוריך, איינגיכן פאַרוואָרפן דאָס לערנען אין אוניווערסיטעט און פּאָליטעכניקום און גענומען שטודירן די סאָציאַלע פּראָבּלעמעס. בעטי קאַמינסקאַיאַ איז גע־וואָרן איינע פון די סאַמע הייסטע פּראָזעליטינס און, נאָך אַ קור־צער צייט, האָט זי זיך אומגעקערט מיט נאָך עטליכע חברטאָרינס (שפּעט־יאָר 1874) צוריק קיין רוסלאַנד, כּדי צו אַרבּעטן און קעמפן לטובת דעם גליק פון די אָרימע מאַסן.

מיט אַ פאַלשן פּאַס פון אַ סאָלדאַטקע מאַריאַ קראַסנאָוואַ איז די איידעלע בעטי אָנגעקומען אַלס אַרבּעטאָרין אויף אַ שמאַטע־פאַבּריק, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פאָרשטאָט פון מאָסקווע. כּדי ניט צו פאַרשפּעטיגן צו דער אַרבּעט, איז איר אויסגעקומען אין רעגן און פראָסט, שלעכט אָנגעטאָן, לויפן פון איין עק פון דער

גרויסער שטאָט ביז צום אַנדערן פּ״ר אַזייגער פּאַרטאָג. וויפיל שרעק און ציטערניש איז אויסגעקומען צו פיהלן בעת די דאָזיגע נסיעות דער שוואַכער מיידל, האָט געוואוסט נאָר זי אַליין, און נאָך אייניגע אַזעלכע אידעאַליסטינס, ווי זי, — אירע פריינט, אויך געוועזענע ציוריכער סטודענטינס.

אויף דער פאַבריק פלעגט קאַמינסקאַיאַן אויסקומען צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען אַרבעטן ביז שפּעט בייַנאַכט אין אַ שרעקלי־כער סביבה: אויף אַ פייכטער, שמוציגער פּאָדלאָגע פלעגן זיי צונויפנייהען שטיקלאַך פון פאַרשיידענע שמאַטעס. די לופט איז פול געווען מיט שטויב פון אָט די שמאַטעס; דער שטויב איז געקראָכן אין נאָז, אין די אויערן און האָט אויסגעגעסן די אויגן; קיין ווענטילאַציע, חוץ דער טיר, איז נישט געווען. און פאַר אַזאַ אַרבעט, וואָס פלעגט דויערן צו 16 שעה אין מעת־לעת, האָבן די פרויען באַקומען נאָר צו 4 ר. 50 ק. אַ חודש ביי אייגענע קעסט.

געוואוינט האָבן די אַרבעטאָרינס אין קאַזאַרמעס, ד. ה. אין אַ קעלער מיט אַ שטיינערנער פּאָדלאָגע, וואָס איז נאַס געווען פון שמוץ־וואַסער און כלערליי אומריינקייט, מיט קליינע פענסטער־לאַך, וועלכע פלעגן אום ווינטער פאַרדעקט ווערן מיט שניי. אין דער לענג פון די ווענט זיינען געמאַכט געווען צווייגאָרנדיגע נאַ־רעס, אויף וועלכע ס'זיינען געשלאָפן, לייב צו לייב, צו 20 פרויען. אַלס בעטגעוואַנט האָט זיי געדינט אַ רעדנים, און פאַר קאָלדרעס — זייערע פאַרשמוציגטע אויבערשטע קליידער. דער געשטאַנק און די פאַרשטיקטע לופט איז אין אָט די „שלאָפצימערס“ געווען נישט איבערצוטראָגן; אינזעקטן פון כלערליי מינים האָבן זיך גע־פרוכפערט דאָרט אין די מאַסן. קאָכן האָבן די אַרבעטאָרינס נישט געהאַט וואו, און אויך נישט פון וואָס, פלעגן זיי זיך באַניין, דעריבער, נאָר מיט איין שוואַרצן ברויט בלויז מיט קוואַס און או־גערקעס.

אָט דעם גאַנצן שרעקליכן קאַטאָרגע־רעזשים האָט די צאַרטע בעטי גענומען אויף זיך פרייוויליג: טיילנדיג דעם שווערן גורל

פון דער רוסישער פאַבריק־אַרבעטאָרערין, האָט דאָס דאָזיגע ייִדישע מיידל געוואָלט דערקלערן אירע אומגליקליכע חברטאָ־רינס די סיבות פון זייער קאַטאָרגע־אַרבעט, און אויך אָנווייזן זיי אַן אויסוועג פון זייער לאַגע.

כּדי צו ווערן נאָך נעהענטער צו די אַרבעטאָרינס, האָט בעטי, אין אַ צייט אַרום, זיך אויך באַזעצט אין דער קאַזאַרמע. נאָר דאָרט, נישט קוקנדיג וואָס זי פלעגט שטאַרק מיד ווערן פאַרן טאָג, האָט זי איבער דער שטיקנדער לופט, אינזעקטן און כראָפּן פון די חברטאָרינס נישט געקאָנט לאַנג אַנטשלאָפן ווערן; און ווען זי פלעגט סוף כּל סוף אנטדרימלט ווערן שפּעט ביינאַכט, פלעגט מען זי און אַנדערע קומען וועקן, זיי זאָלן אויפשטיין צו דער אַרבעט. נישט געוואַשן, ווי ס׳געהער צו זיין, אָן טיי און הייס געקעכטס, פלעגט בעטי איילן אַן אויסגעמאַטערטע אויף דער פאַבריק. די שווערקייט פון איר אַרבעט האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס איר, ווי אויך אַנדערע, איז אויסגעקומען צו שלעפּן אויף זיך גרויסע פּעק מיט שמאַטעס פון 1½—2 פּוד אויף די טרעפּ און איבערן הויף. בעטי, וואָס איז געווען אַ קליינינקע און אַ דאַרע און ענליך אויף אַ קינד, האָט זיך געבויגן אונטער דער דאָזיגער שווערער משא, איינהאַלטנדיג זיך קוים אויף די גליטשיגע טרעפּ, כּדי נישט אַראָפּצוקייקלען זיך פון זיי. טרערן פון פאַרביטערונג פאַר איר שוואַכקייט פלעגן זיך איר שטעלן אויף אירע גוטע, פאַרקלערטע אויגן. נישט איין מאָל האָט די דאָזיגע העלדין־מאַרטירערין פאַרשאָלטן איר שוואַכקייט, וואָס האָט איר געשטערט אויסטראָגן די דאָזיגע אומגעהייער־שווערע אַרבעט, ווי דאָס פלעגט זיך איינגעבן די געזונטע קריסטליכע אַרבעטאָרערינס.

נאָר אויך נאָך אַזאַ, וואָלט זיך געדאַכט, אומענדליך־שווע־רער לאַגע איז דער אָרימער מיידל אויסגעקומען צו אַריינפאַלן נאָך אין אַן ערגערער: פון דער שמאַטע־פאַבריק האָט זי געדאַרפט איבערגיין אויף אַ גרויסער געוואַנט־פאַבריק, אויף

וועלכער ס'האָבן געאַרבעט עטליכע טויזנט אַרבעטער פון בײדע געשלעכטער און פאַרשײדענעם עלטער. די באַדינ־גונגען פון אַרבעט זײנען דאָ געווען נאָך שווערער: איר איז אויסגעקומען בײ דער סאַמע אָנגעשטרענגסטער אינטענסיווער אַרבעט צו אָפּשטײן אויף די פיס צו 14 שעה נאָכאַנאַנד. די מידקײט פלעגט דערגײן צו אַזאַ גראַד, אַז אונטער אַן אויסרייד פון נויט פלעגט זי אַוועקגײן אין אָפּטרעט, כדי דאָרט צו כאַפּן אַ דרימל עטליכע מינוט אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע, וואָס פלעגט זײן פאַרגאָסן מיט אומרײנקײטן...

אויף אָט דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק האָט די שוואַכינקע קאַמינסקאַיאַ געמוזט אויך שלעפּן אויף אירע דאַרע פּלײצעס שווערפּודיגע פּעק מיט געוואַנט, און אונטער זײער משא פלעגט זי זיך אויסבויגן אין דרײען. די באַדינ־גונגען פון דער אַרבעט זײנען נאָך שרעקליך געווען דערמיט, וואָס יעדע וואָך פלעגן זיך די אַרבעטער בײטן פון בײטאָ־גיגע אויף בײנאַכטיגע און פאַרקערט; דעריבער פלעגט קאַ־מינסקאַיאַ, וואָס איז נישט געוועהנט געווען צו שלאָפן בײ־טאָג, פאַלן פון די פיס פון מידקײט, אַרבעטנדיג אין משך פון גאַנצע נעכט.

נאָר חוץ דעם האָבן די פרויען נאָכן ענדיגן די אַרבעט געמוזט נאָך ראַמען די וואַרשטאַטן און קאַזאַרמעס, וואו זײ פלעגן שלאָפן, וואַשן די פּאָדלאָגעס, טראָגן האָלץ און וואַסער פאַר די מײסטערס און אנגעשטעלטע, שווענקען אויפן טײכל זײערע וועש א. א. וו. בעטיס הענט פלעגן געשוואָלן ווערן פון נעץ און קעלט, די הויט האָט געפּלאַצט, די אויגן פלעגן ווערן מוטנע, און אין די אויערן איז געשטאַנען אַן אומאויפהער־ליכער גערויש פונם קנאַקן פון די מאַשינעס...

און דאָס אַלץ האָט געדולדיג איבערגעטראָגן די יונגע פּראָ־פּאַגאַנדיסטין, וואָס איז שוואַך געווען פיזיש, נאָר שטאַרק גײסטיג און באַפליגלט מיט דער אידעע וועגן דער נויטיג־קײט צו אַרבעטן לטובת דער מענשהײט. זי פלעגט נישט נאָר

זיך ניט קלאָגן אויף איר שווערער קאַטאָרזשנע אַרבעט, נאָר אָפט נאָך העלפן אַנדערע, זייענדיג די ערשטע, ווען די אָדער יענע אַרבעטאָרין פּלעגט זיך אָפּזאָגן פון דעם חוב, וואָס האָט זיך פון איר געפאָדערט.

* * *

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט בעטי קאַמינסקאַיאַ געפירט די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם. ס'איז ניט שווער צו פאָרשטעלן זיך, אויף וויפיל שווער ס'איז געווען פאַר איר די דאָזיגע אויפגאַבע. נאָר נישט נאָר די אוממעגליכע באַדינגונגען פון אַרבעט אויף די פאַבריקן האָבן פאַרשווערט די דאָזיגע מיסיע אירע, — אַליין די אַרבעטאָרינס, צווישן וועלכע ס'האָט געלעבט דאָס דאָזיגע עקזאַלטירטע מיידל, האָבן אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס געשטערט איר ציל. די פאַרגרעבטע, דערצו אויך אַנאַלפאַבעטישע אַרבעטאָרערינס, וואָס פלעגן אויסגעצערט ווערן פון דער שווערער אַרבעט, האָבן געטרוימט נאָר וועגן אָפּרוה און וועגן די צוגענגליכע פאַר זיי פאַרוויילונגען מיט מאַנסבלען אין די פרייע יומטוב-טעג. פאַראינטערעסירן זיי מיט סאָציאַליסטישע אידעען איז געווען אַן אומגעהייער שווערע אויפגאַבע. נאָר קאַמינסקאַיאַ האָט דאָך אָנגעשטרענגט אַלע כוחות, כדי צו ווירקן אויף אירע חברטאָרינס און, אויב זי פלעגט זעהן נאָר אומבאַדייטנדע רעזולטאַטן פון איר פּראָפּאַגאַנדע, פלעגט זי באַשולדיגן אין דעם נאָר זיך אַליין, איר שוואַכע צוגעגרייטקייט און שוואַכע קרעפטן.

נישט באַגרעניצנדיג זיך מיט פרויען, פלעגט בעטי זיך מיהען צו ווירקן מיט איר וואָרט אויך אויף די מענער. נאָר אין דעם פּרט פלעגט זי זיך אָנשטויסן, חוץ אַלע אויבנדערמאָנטע שוועריגקייטן, אויך נאָך אויף אַנדערע.

אויף די רוסישע פאַבריקן פלעגן שטרענג אָבגעטיילט ווערן די אַרבעטער פון די אַרבעטאָרערינס, זיי פלעגן וואוינען אין

באַזונדערע קאַזאַרמעס און אַרבעטן אין באַזונדערע וואַרשטאַטן, אַזוי, אַז נאָר פאַרבייגייענדיג פלעגט זיך איינגעבן צו באַגעגענען זיך איינס מיטן אַנדערן און זיך איבערוואַרפן מיט עטליכע, דער עיקר געמיינע ווערטלאַך. די נישט געהייראַטע אַרבעטאָרינס פלעגן זיך שאַפן געליבטע, און נאָך די פאַרהייראַטע אַרבעטער פלעגן שאַרף נאָכשפּירן זייערע ווייבער, כדי זיי זאָלן זיך נישט פאַרליבן אין אַנדערע פרויען.

אויף דער ערשטער צייט האָבן איינינגע אַרבעטער אויך געפרואווט מכבד זיין אין שענק אונזער קליינע פראָפאַגאַנדיסטין. נאָר זיי האָבן באַגעגנט פון איר זייט אַן ענערגישן ווידערשטאַנד: אַלע זייערע פרואוון צו פאַרברענגען מיט איר זיינען געבליבן אומזיסט, און דאָס האָט נישט וועניג געוואונדערט סיי די אַרבעטער, סיי די אַרבעטאָרינס.

דאָך האָט זיך בעטין איינגעגעבן צו פירן איר פראָפאַגאַנדע אויך צווישן די מאַנסבלעין. צוליב דעם האָט זי אויסגענוצט יעדע רגע, יעדע געלעגנהייט. אָנכאַפנדיג זיך פאַרן ערשטן צופאַל, וואָס פלעגט זיך טרעפן, פלעגט קאַמינסקאַיאַ מיט היץ און ליידנשאַפט אָנהויבן דערקלערן און קנעלן מיט די אַרבעטער וועגן זייערע באַדינגונגען פון לעבן און אַרבעט, דערציילנדיג זיי וועגן דעם לעבן פון זייערע חברים אין אַנדערע לענדער. זי פלעגט אַזוי פאַרכאַפט ווערן פון איר פראָפאַגאַנדע, האָט גערעדט מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, אַז זי פלעגט אַרויסרופן אַן אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס ביי אירע צוהערער. אויב דאָס פאַבריק-פייפל, וואָס פלעגט רופן אויף דער אַרבעט, האָט געצוואונגען בעטין צו ענדיגן איר רעדע, פלעגן די אַרבעטער זי בעטן, אַז זי זאָל נאָך דער אַרבעט ווייטער מיט זיי פירן דעם שמועס. די קענטענישן פון דער דאָזיגער יונגער אַרבעטאָרין, דער „פויערטע", ווי זי האָט זיך גערעכנט לויטן פאַס, האָבן געוואונדערט די אַרבעטער, וואָס האָבן באַשלאָסן, אַז זי איז אַ סעקטאַנטין: אַנדעריש האָבן אין יענע צייטן די רוסישע אַרבעטער זיך נישט געקאָנט דער-

קלערן די אַנטוויקלונג פון אַט דער פּראָפּאַגאַנדיסטין, וואָס האָט אויסגעזעהן נאָך זעהר יונג. אירע פייערדיגע רעדעס האָבן אָפּט אַרויסגערופן טרערן אויף די אויגן פון אירע צוהערער. און קיינער פון די אַרבעטער האָט נישט חושד געווען אין בעטי קאַמינסקאַיאַ איר יידישע אָפּשטאַמונג.

דאָך האָט דער יונגער פּראָפּאַגאַנדיסטין נישט גרינג זיך איינגעגעבן צו באַקומען אָנהענגער אויך צווישן אירע אויפמערק־זאַמע צוהערער. אָפּט פלעגט זי באַמערקן, אַז נאָך דעם ווי זיי פלעגן זיך באַציהען מיט פולן מיטגעפיהל צו אירע רעדעס, פלעגן זיי בלייבן אינגאַנצן גלייכגילטיג צו אירע ווערטער, וואָס האָט זיך דערקלערט מיט זייער מידקייט און ווילן צו אָפּרוהען זיך. דעמאָלט פלעגט די אָרימע בעטי קומען שיער ניט צו פאַרצווייפלונג; זי פלעגט זיך באַגיסן מיט טרערן, ווערן אומע־טיג און נעמען איר ניט־ערפאָלג שטאַרק צום האַרצן. אָבער סוף כל סוף האָט איר דאָך זיך איינגעגעבן צו גרינדן אַ קליין קרייזל פון די אויפגעקלערטע אַרבעטער.

ס'איז אוממעגליך צו באַשרייבן די פרייד, וואָס האָט דע־מאָלט אַרומגענומען קאַמינסקאַיאַן. זי האָט מיט אַנטציקונג דערציילט וועגן דעם אירע פריינט די פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיגט מיטן זעלבן ענין, ווי זי, אין מאָסקווע. בעטי האָט זיך געהאַלטן פאַר גליקליך און צוליב אַזאַ ער־פאָלג האָט זי זיך אינגאַנצן ניט גערעכנט מיט די אומגעהייער שווערע באַדינגונגען און נויט, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן אויף די פאַבריקן און וועלכע איך האָב באַשריבן פריהער.

נאָר איר גליק האָט נישט לאַנג געדויערט: פריה־יאָר 1875 איז זי און אויך אַלע אירע פריינט, וואָס האָבן געאַרבעט אין מאָסקווע, אַרעסטירט געוואָרן. פון זיי האָט מען דערנאָך צו־גויפגעשטעלט דעם פּראָצעס, וואָס איז באַוואוסט מיטן נאָמען „פּראָצעס פון די 50“, אין וועלכן ס'זיינען געווען דער עיקר אַזעלכע יונגע ענטוזיאַסטישע מיידלאַך, ווי בעטי קאַמינסקאַיאַ; דאָס זיינען געווען געוועזענע ציוריכער סטודענטינס — די שוועס־

טער פינגער, ליובאָטאָוויטש, סובאָטין און אַנד. אינאײנעם מיט זײ איז געמשפּט געוואָרן אויך העסיע העלפמאַן, נאָר װעגן איר װעל איך נאָך דערצײלן באַזונדער. איצט װעל איך ענדיגן װעגן קאַמינסקאַיאַן.

דאָס זײן אין טורמע און דער אַרעסט פון אירע פרײנט, װעלכע בעטי האָט ליב געהאַט מער, װי אירע אײגענע, האָט געמאַכט אַזאַ אײנדרוק אויף דער פיהלבאַרער נאַטור פון קאַמינסקאַיאַ, אַז איר האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז פאַרלוירן, אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען די זאַך, װאָס איז איר אַזױ טײער געװען. שױן אויפן צװײטן חודש פון איר זיצן אין אַן אײנצלקאַמער אין טורמע, איז דאָס דאָזיגע באַגאַבטע מײדל אַראָפּ פון זינען. ס'איז זי באַפאַלן אַ שטילע מעלאַנכאָליע, זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עסן און געלעגן גאַנצע טעג אויף דער פאָדלאָגע. נישט קוקנדיג אויף די קלאָרע סימנים פון משוגעת, האָט מען דאָך געהאַלטן דאָס אָרימע מײדל אין דער אײנצלקאַמער, און נאָר אין אַ סך חדשים אַרום האָט מען זי איבערגעפירט אין אַ טורמע־שפּיטאָל. די באַדינגונגען זײנען דאָרט געװען שרעקליכע, — ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די װאַרטערינס האָבן געשלאָגן די אומגליקליכע חולאים.

נאָך אומענדליכע השתדלותן האָט בעטיס פאָטער זיך אײנגעגעבן, סוף כּל סוף, צו אײנבעטן די גרױזאַמע זשאַנדאַרמען מ'זאָל אים אָפּגעבן זײן געליבט קינד אויף ערבות. אויף דער פרײ האָט בעטי אָנגעהױבן גיך קומען צו זיך. זי האָט אפילו זיך אָנגעהױבן װידער קלײבן צו „גײן אין פאָלק", צוליב װאָס זי איז אָנגעקומען אין פּעטעבורג אין אַ שוך־װאַרשטאַט, כּדי צו אויסלערנען זיך די דאָזיגע מלאכה.

אין דער צײט האָט זיך איר אײנגעגעבן צו באַקענען זיך מיטן באַשולדיגונגס־אַקט פונם „פּראָצעס פון די 50", װאָס האָט זיך געגרײט, און דאָס װאָס זי האָט זיך פונם אַקט דערװאוסט, האָט אין דער גרעסטער מאָס זי דערשיטערט: איר

האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע אירע פֿרײַנט, וואָס זי האָט זײ אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, זײַנען אויף אײביק פֿאַרפֿאַלן. אונטער דער ווירקונג פֿון אָט דעם געדאַנק האָט זי אַזוי פֿיל געליטן, זיך געפּלאָגט און געוויינט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אַרום איר, האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן איר פּײַן.

האָפֿנדיק זי צו באַרויִקן, האָט מען איר אײַנגערעדט אַוועקפֿאָרן צום טאַטן קיין מעליטאָפּאָל. נאָר דאָרט איז איר נישט געוואָרן גרינגער. פֿאַרקערט, ערשט דאָרטן איז פֿאָרגעקומען דער לעצטער אַקט פֿון איר קורצן לעבן, וואָס איז פֿול געווען מיט מסירת נפֿש און שרעקלעכע לײַדן.

איבערגעצײַגט זיך פֿונם באַשולדיקונגס־אַקט, אַז מ׳וועט זי נישט צוציִען צום פּראָצעס, — דאָס האָט, פֿאַרשטענדלעך, זיך דערקלערט מיט איר פּסיכישער קרענק, — האָט בעטי באַשלאָסן אַוועקפֿאָרן קיין פּעטערבורג, כּדי צו מעלדן דאָרט דעם פּראָקוראָר , אַז זי איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן און, אַז, זי קאָן דעריבער צוגערעכנט ווערן צו די איבעריקע אָנגעקלאָגטע. נאָר דער פֿאָטער איז אַנטשלאָסן אַרויסגעטראָטן קעגן איר פּלאַן. און זי האָט אום יעדן פּרײַז געוואָלט געמשפּט ווערן מיט אַלע אירע פֿרײַנט. מורא האָבנדיק, אַז זי וועט פֿאָרנעמען עפּעס אַ געפֿערלעכן שריט, האָבן די נאָענטע אײַנגעאָרדנט אַ שטרענגן אויפֿזעה נאָך איר. נאָר דאָס האָט זיך זײ נישט אײַנגעגעבן: נישט זעענדיק פֿאַר זיך קיין אויסוועג און האַלטנדיק אַלץ פֿאַרפֿאַלן, האָט בעטי זיך געסמט. נאָך אַ גסיסה, וואָס האָט געדויערט דרײַ טעג, בעת וועלכע זי האָט גערופֿן אַ מאָל אײנע, אַ מאָל די אַנדערע פֿון אירע חבֿרטעס לויטן פּראָצעס, איז דאָס דאָזיקע וואונדערבאַרע און טיף־אומגליקלעכע מײדל געשטאָרבן.

בעטי קאַמינסקאַיאַ, וואָס איז איבערגעגעבן געווען מיט מסירת נפֿש דער זאַך, וועלכער זי האָט געדינט, איז גרייט געווען מיט אַלץ זיך מקריבֿ צו זײַן און איז שטאַרק צוגעבונדן

געווען צו אירע חברים. מיט די אַלע איינגשאַפטן און וואונ־דערבאַרער גוטסקייט האָט זי געהערט צו דעם וועלבן טיפּ מענטשן, ווי יולי טעטעלמאַן. נאָר צווישן אַזעלכע באַדייטנדע פיגורן, ווי אירע חברטעס — סאָפיאַ באַרדין, לידיאַ פיגנער, די סובאָטינס און אַנד. האָט זי זיך מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט. דערצו נאָך, האָט זי איבער איר באַשיידנקייט און שעמעוודיג־קייט נישט געקאָנט שפּילן קיין ערשטע ראָלע אין איר קרייזל. דאָך האָבן אַזעלכע מענטשן, ווי קאַמינסקאַיאַ און טעטעלמאַן, אַדאַנק זייער אַלטרואיזם און אויך זייער ליידן פּולקום פאַר־דינט, אַז זייערע נעמען זאָלן נישט פאַרמעסט זיין די קומענדיגע דורות. און דאָך זיינען אָט די מאַרטירער געבליבן אומבאַ־וואוסט אפילו פאַר אַ סך מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט אונזער רעוואָלוציאָנערן עבר, אין דער צייט, ווען די דאָזיגע באַשיידענע מענטשן זיינען געווען די אמתע העלדן, — די גע־שיכטע האָט זיי ניט געגעבן קיין געלעגנהייט אַרויסצו־ווייזן זייער רייכן נשמה־אייגנס אין גרויסע ערשיינונגען, ביי אוי־סערגעוועהנליכע מאָמענטן און פאַר די ברייטע מאַסן.

2. יידישע פרויען־דעמאָנסטראַנטינס

אין די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך האָב איך נישט איין מאָל דערמאָנט וועגן דעם, ווי אַזוי די מאַכט האָט זיך גרויזאַם אָפּ־גערעכנט מיט די, אין תוך נאָך יונגע לייט און מיידלאַך, וואָס זיינען געווען זעהר פרידליך און האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל פון זייער לעבן צו דערהויבן דורך פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע דעם פינסטערן און הונגעריגן רוסישן אַרבעטאָרער צו סאָציאַלי־סטישע אידעען. ווי באַוואוסט, זיינען מיר דעמאָלט אַלע גע־ווען גרויסע אוטאָפּיסטן, פאַנטאַזיאָרן: אונז האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר דורך פּראָפּאַגאַנדע בלויז, מיט שענע רייד, קאָן מען איבערמאַכן מענטשן, — פון גרויזאַמע איינגעליבטע אין זיך מאַכן באַשיידענע מענטשן, וועלף פאַרוואַנדלען אין שעפּסן. פון צייט צו צייט האָט מיך, אמת, אַרומגענומען אַ ספק: ס'האָבן

זיך מיר דערמאָנט בילדער פון דער קינדהייט און יוגנט, ווען איך בין געווען אַן עדות פון שרעקליכע אוממענשליכע מערדערייען פון גראָבע חיהשע בריאות איבער שוואַכע מענער, פרויען, און קינדער. „ווען מיר דען קאָנען דורך שענע רייד איינצוימען די דאָזיגע חיות?" — האָב איך פאַרגעבן מיינע חברים אַ סקעפטישע פראַגע, אויף וואָס איך האָב פון איינינגע באַקומען א פאָזיטיוון ענטפער.

אָבער, ווי ס'זאָל נישט זיין, חזר איך איבער, די שטימונג פון אונזער סאָציאַליסטישער יוגנט אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרן איז געווען אינגאַנצן נישט געפערליך פאַר די יסודות פון ראָמאַנאָווס „נחלה". נישט אַזוי, ווי באַוואוסט האָט געקוקט די רעגירונג אויף דער פאַרשפרייטונג פון די פרידליכע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען אין לאַנד, — זי האָט געלאָזט פוילן אין טורמעס, אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון סיביר טויזנטער טאַלאַנטפולסטע און אין דער זעלבער צייט פרידליכע יונגע לייט.

דער מאָסקווער „פראָצעס פון די 50", באַריכטן וועגן וועלכן ס'האָבן זיך אין קורצן געדרוקט אין „פראַוויטעלסטווענּי וועסטניק" („רעגירונגס-ידיעות"), האָבן געעפנט די אויגן אַ סך מענשן, וואָס האָבן גאָרנישט מיטגעפיהלט די „סאָציאַליסטישע חלומות": די יונגע לייט, וואָס זיינען אַוועקגעזעצט געוואָרן אויף דער באַשולדיגונגס-באַנק, זיינען געווען אומפראַקטיש, אָן ערפאַרונג, נאָר באַגייסטערט מיט אַ ליידנשאַפטליכן ווילן צו מאַכן אַלע גליקליך, פאַרוואַנדלען אַלע אין הייליגע, און זיי האָבן נישט געקאָנט אַרויסרופן קיין אַנדער איינדרוק, ווי פאַרוואונדערונג, אויסגעמישט מיט התפעלות.

„און מיט אַזעלכע נאַיווע ענטוזיאַסטן, מענשן נישט פון דער וועלט, באַגייט מען זיך ערגער ווי מיט רויבער און מערדער!" — פלעגן מיט אויפרעגונג אויסרופן א סך פרידליכע בירגער לייענענדיג די רעדעס פון סאָפיאַ באַרדין, פיאָטר אַלעקסעיעוו און אַנד.

דער צאָרן פון דער פּראָגרעסיווער יוגנט האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט, כּדי צו אַרויסווייזן זיך. אַלס אַזאַ געלעגנהייט האָט געדינט, ווי באַוואוסט, נאָך פאַר אַ יאָר פאַרן „פּראָצעס פון די 50“ אין פּעטערבורג דער טויט פונם סטודענט טשערנישאָוו, וועלכן מ׳האָט כּמעט פאַרפּייניגט אויף טויט אין טורמע. די קרובים זיינע האָט זיך איינגעגעבן צו פועלן אַ גענאָד — אַ דערלויבעניש פאַר דעם דאָזיגן אומגליקליכן בחור צו שטאַרבן אויף דער פריי. פון זיין לויה האָט די יוגנט איינגעאָרדנט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע. די פּראָצעסיע מיט דער טרונע, אָן רעליגיעזע צערעמאָניעס, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער פאָרגעפענקעניש־טורם און ביי דער באַרימטער „געביידע ביים קייטן־בריק“ (פון דער „דריטער אָפּטיילונג“). דערביי האָט מען געהאַלטן רעדעס, אין וועלכע ס׳איז פאַראורטיילט געוואָרן די מלוכה־אָרדענונג, וואָס ברענגט אום די בעסטע מענשן אין לאַנד. די נייקייט פון דער דאָזיגער דעמאָנסטראַציע האָט צעמישט די פּאָליציי. אָנשטויסנדיג זיך שפּעטער אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט זי זיך אַריינגעמישט. נאָר מיט גרויס מיה האָט זיך איר איינגעגעבן אָפּריכטן די אומגעוועהנליכע פאַר יענער צייט לויה אויפן געהעריגן בית־עולם.

די דאָזיגע מאַניפעסטאַציע האָט אַרויסגערופן אַ סך קלאַנגען. דער פּראָגרעסיווער טייל פון דער געזעלשאַפט האָט, געוויינטליך, זיך געפרעהט: ס׳איז כאָטש אויף אַזאַ אופן אויסגעדריקט געוואָרן אָפן די אויפרעגונג קעגן דער שרעקליכער אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. די רעגירונג אָבער, איז, פאַרקערט, זעהר שטאַרק אויפגעבראַכט געוועזן אויף דער פּאָליציי פאַר איר נאָכלאָזיגקייט. ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג צו באַגראָבן אויף ווייטער בסוד די אומשולדיגע קרבנות פון די גרויזאַמקייטן, וואָס האָבן זיך פּראַקטיקירט. דאָס האָט, געוויינטליך, נישט אָפּגעשטעלט דעם ווילן פון דער פּראָגרעסיווער יוגנט צו אַרויסטראָגן אויף דער גאַס

איר פראָטעסט, ווייל קיין אַנדערע מיטלען אויף צו אויסדריקן אָט דעם פראָטעסט זיינען דעמאָלט נישט געווען. צו דער לערניונגט זיינען דאַן אינגיכן צוגעשטאַנען אויך אייניגע אויפגעקלערטע אַרבעטער, וואָס האָבן אויך געוואָלט אויסדריקן זייער מיטגעפיהל צו די פערזאָנען, וואָס זיינען זיך אַזוי פיל מקריב פאַר דער פראָפּאַגאַנדע פון זייערע אידעען, און אויך זייער צאָרן קעגן די גרויזאַמע רעגירונגס-אַקטן.

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן לאַנג אויף דער דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פּלאַץ (6-טן דעצעמבער 1876), וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די דאָזיגע קלאַנגען, שטימונגען און געפיהלן, וואו ס'איז צום ערשטן מאָל צעוויקלט געוואָרן די רויטע פאָן מיטן דעוויז „זעמליאַ אי וואָליאַ“ („ערד און פרייהייט“) און וואו פּלעכאַנאָוו האָט געהאַלטן אין תוך אַ גאַנץ פרידליכע רעדע*). איך וועל נאָר דערמאָנען, ווי שרעקליך חיהש האָט זיך די פּאָליציי אָפּגערעכנט מיט די אומבאַוואָפנטע דעמאָנסטראַנטן. צוזאַמען מיט די דוואָרניקעס און שפּיקעס האָבן די ווילדע פּאָליציי-לייט געשלאָגן מכות רצח די יונגע לייט, וועלכע זיי האָבן צופעליג באַגעגנט אויף דעם נעווסקי נאָך דער דעמאָנסטראַציע, און וואָס האָבן אפילו אין איר זיך נישט באַטייליגט. דערנאָך האָט מען די דאָזיגע צעפּייניגטע מענשן אַוועקגעשלעפּט אין צירקל, וואו מ'האָט זיי ווידער געשלאָגן צום טויט, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען זיי איבערגעגעבן אויף גיך צום געריכט, וואָס איז שנעל צונויפגעשטעלט געוואָרן, און אנגעקלאָגט אין איינאָרדענען אַ פאַרשווערונג מיטן ציל צו אונטערברענגען די עקסיסטירנדע אָרדענונג.

אין דער צאָל אָנטיילנעמער פון דער דאָזיגער „שרעקליכער פאַרשווערונג“, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס

---

*) די יעניגע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט די פּרטים פון דער דאָזיגער געשעהעניש רעקאָמענדיר איך צו לייענען פּלעכאַנאָווס ביכל: „דער רוסישער אַרבעטער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג“.

אַ קליין הייפל יוגנט האָט זיך צונויפגעקליבן אויסהערן אַ רעדע, וועלכע האָט קריטיקירט די ערגסטע אַקטן פון דער רע־ גירונג, און דערביי איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַ רויטע פאָן, זיינען געווען פיר יידן. איך האָב זיי אַלע געקענט, און דע־ ריבער וועל איך זיך טיילן מיט מיינע איינדרוקן וועגן זיי.

די פאַר נאָוואַקאָווסקי

אין סאַמע אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרן האָב איך באַ־ געגנט אין קיעוו אַ גאַנץ יונגן יידן פון דעם טיפ ישיבה־ בחורים, וועגן וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט פריהער. לויטן אויסזעהן איז ער אַלט געווען אַ יאָר 20—21; רוסיש האָט ער גערעדט נישט ריכטיג, נאָר איז געווען גאַנץ באַלעזט און האָט, דאַכט זיך, געגרייט זיך, אַלס עקסטערן, אין אוניווערסיטעט. זיין פאַמיליע איז געווען נאָוואַקאָווסקי.

אַ לאַנגער און אַ דאַרער, מיט אַ בלייך און אויסגעצויגן פנים, וואָס איז באַוואַקסן געווען ביי די זייטן מיט אַ קליין שוואַרץ און שיטער בערדל, — האָט נאָוואַקאָווסקי ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון „אַ מענשן נישט פון דער וועלט". ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אים אינטערעסירט ווייניג אָדער אינגאַנצן נישט אַל דאָס קליינ־ ליכע, פאַרגענגליכע, וואָס קומט פאָר אויף אונזער ערד, — אין דעם דאָזיגן „עמק הבכה", וואו ס'ווערט טאָג־טעגליך אָפגע־ טאָן אַ מאַסע אומגערעכטע זאַכן און ס'ווערן פאַרגאָסן שטראָ־ מען בלוט און טרערן. אינדעראמתן איז געווען נישט גאָר אַזוי: נאָוואַקאָווסקי האָט געהאַט אַ העכסט פיהלבאַר האַרץ, וואָס האָט זיך אויף אַליץ אָפגערופן, און וואָס האָט געקלאַפט אין אוניסאָן מיט די הערצער פון אַלע ליידנדע און מיט דער גאַנצער דע־ מאָלטיגער פראָגרעסיווער יוגנט.

דאָס לעבן, האָט זיך געדאַכט, האָט צו אים אַ שמייכל גע־ טאָן: אַן אָרימער עקסטערן, וואָס האָט אָפט נישט געוואוסט, קאָן זיין, וואוהין דעם קאָפ אָנצושפאַרן, האָט זיך באַגעגנט מיט

אַן אינטעליגענט־סימפּאַטיש מיידל, וועלכע ער האָט ליב געקראָגן און זי אים. אירע גאַנץ פאַרמעגליכע עלטערן האָבן מסכּים געווען זי זאָל חתונה האָבן פאַר דעם יונגן געבילדעטן יידן און געגעבן איר צוויי צי דריי, — איך וויים נישט פּינקטליך, — טויזנט רובל נדן.

דער אידעאַל, וועגן וועלכן נאָוואַקאָווסקי, ערשט נישט לאַנג אַ ישיבה־בּחור האָט זיך נישט דערלויבט אפילו צו חלומען, איז מקויים געוואָרן אין דער ווירקליכקייט: ער האָט באַקומען די מעגליכקייט אין משך פון עטליכע יאָר, אָן שום דאגות פּרנסה, צו אָפּגעבן זיך זיינע גייסטיגע באַדערפעניש, אַריינטון זיך איבערן קאָפּ אין דעם אָנבּרעגיגן אוקיונוס פון אידעען, קענטענישן און וויסנשאַפט.

נאָר וואו איז דאָס בעסער פון אַליץ צו פאַרווירקליכן אין רוסלאַנד? פאַרשטייט זיך, אַז אין דער הויפּטשטאָט, אין פּעטערבורג, וואו ס׳זיינען קאָנצענטרירט אַלע העכערע לערן־אַנשטאַלטן, וואו ס׳ערשיינען די בעסטע פּרעסע־אָרגאַנען, וואו ס׳זיינען פאַראַן א סך פאַרשיידענע געזעלשאַפטן וכדומה. נאָר די דאָזיגע גוטע שטרעבונגען פונם יידן זיינען אין די אויגן פון דער רוסישער רעגירונג, ווי באַוואוסט, נישט געווען נאָך קיין גענוגנדער גרונד, מ׳זאָל אים דערלויבן צו זיין אין דער הויפּטשטאָט: צוליב דעם האָט זיך געפאָדערט אַ „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“ (וואוינרעכט) אויסער דעם יידישן תחום. נאָוואַקאָווסקי האָט באַקומען פון איינער אַ האַנטווערקער־אופּראַווע (פאַרוואַלטונג) אַ צייגניש, אַז ער קען די שוסטער־מלאכה.

מיר איז נישט באַוואוסט, צי האָט ער באמת זיך אויסגעלערנט די דאָזיגע מלאכה אָדער באַקומען פאַר געלט די נויטיגע צייגניש. נאָר ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט נאָוואַקאָווסקי נישט לאַנג פאַר דער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט אויסגעבראָכן אויף דעם קאַזאַנער פּלאַץ, זיך באַזעצט, אַלס שוסטער, אין איינעם פון די ווייטע סטודענטישע קוואַרטאַלן פון פּעטערבורג. דאָרט, אינאיינעם מיט דער פרוי, האָט ער גע־

דונגען אַ מעבּלירטן צימער ; נעבּן, אין אַן אַנדער צימער, האָט זיך בּאַזעצט זיין ווייבּס בּרודער — דער סטודענט גוראָוויטש, אין דעם דריטן צימער האָט געוואוינט זיין בּאַקאַנטע פּעליציאַ שעפּטעל, וועגן וועלכער איך וועל דערציילן אויספירליך ווייטער.

איצט האָט, דאַכט זיך, נאָוואַקאָווסקי בּאַקומען אַ מעגליכקייט צו לעבּן אַ בּאַוואוסטזיניג, אינטערעסאַנט לעבּן, נישט נאָר איינגראָבּנדיג זיך אין וויסנשאַפט, נאָר נאָכשפּירנדיג אויך נאָכן דופּק פון דעם בּעסטן טייל פון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט. „טרוימען, טרוימען”. ווי גוט איז צו טרוימען, נאָר ווי שווער קומט אויס, ווען דער האַרטער גורל צעשמעטערט זיי אָן רחמנות.

* * *

אין גאַנצן עטליכע וואָכן זיינען דורכגעגאַנגען זינט דעם טאָג פון נאָוואַקאָווסקיס קומען קיין פּעטערבּורג, ווי מ'האָט אים צוזאַמען מיט זיין פרוי, אין דער צאָל פון אַנדערע אנטיילנעמער אין דער דעמאָנסטראַציע, אַרעסטירט אויף דעם קאַזאַנער פּלאַץ. דאָ מוז איך זאָגן עטליכע ווערטער וועגן דעם, ווי ער האָט זיך געהאַלטן אויף דער פּאָראויספאָרשונג, און דערנאָך אויפן משפּט, ווייל בּשעתו האָט מען דערפאַר צו אים תּענות געהאַט.

לויט די מיטטיילונגען פון מענשן פון זיין דור איז בּאַוואוסט, אַז די אָנטיילנעמער פון דער דאָזיגער דעמאָנסטראַציע האָבּן נישט פּאָראויסגעזעהן, אַז די רעגירונג זאָל זיך אַזוי גרויזאַם בּאַציהען צו זיי, ווי דאָס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן. חוץ דעם, איז דאָס געווען דער ערשטער פּראָצעס פאַר אַזאַ מין פּאָליטישן אַרויסטריט. די אָנטיילנעמער פון דער דעמאָנסטראַציע זיינען, אין דער מערהייט, געווען ווייניג אָדער אינגאַנצן נישט צונויפגעבּונדן צווישן זיך ; און לסוף האָט די פּאָליציי גאָרנישט געהאַט קיין יורידישע בּאַווייזן קעגן דער מערהייט פון די אַרעסטירטע.

אָט די דאָזיגע און נאָך איינינע זאַכן זיינען געווען די סיבּות, פּאַרוואָס די מערהייט פון די אָנגעקלאָגטע לויטן פּראָצעס, אין

קענגזאַץ צו די אָנגעקלאָגטע לויט אַנדערע פּאָליטישע ענינים פון יענער צייט, האָבן נישט אָנערקענט גלייך און אָפן: „יאָ, מיר זיינען געווען אויף דעם קאַזאַנער פּלאַץ, געהערט, און זיינען מסכּים מיט דער רעדע", נאָר, פאַרקערט, נישט קוקנדיג אויף די באַווייזן, האָבן זיי געטענהט, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אַהין „צופעליג", אָדער זיינען אינגאַנצן נישט געווען אינם הייפל דעמאָנסטראַנטן, און נאָר געגאַנגען פאַרביי דעם אָרט. צו זייער צאָל האָט אויך געהערט נאָוואַקאָווסקי.

נאָך מער: פון אַלע זיינע באַווייזן האָט געטראָגן מיט אַזאַ געקינסטעלטקייט, געמאַכטקייט, אַז, ווען איך האָב זיי געלייענט אינם געריכטס-באַריכט, איז מיר געוואָרן, איך בין זיך מודה, נישט היימליך: מ'האָט געזעהן, אַז אַ מענש קריכט פון דער הויט אַרויס, כּדי צו ריינוואַשן זיך. ווען ער איז געווען אין טורמע, האָט ער אפילו צוליב דעם געפּרוּווט סימולירן פון זיך אַ משוגענעם.

דאָס אַלץ, געוויינטליך, איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אויב מיר וועלן זיך דערמאָנען, אויף וויפיל פאַר אים האָט זיך געדאַרפט אויסווייזן שרעקליך די פּערספּעקטיוו פאַרשיקט צו ווערן פּלוצים קיין סיביר, אָדער אויף קאַטאָרגע, פאַר אַ נישטיגן שפּאַציר אויפן קאַזאַנער פּלאַץ. דאָס, וואָס זיינע פּלענער, וועלכע ער האָט אַזוי טייער געהאַלטן, ווערן מיט-אַמאָל פאַרפאַלן, האָט, נאַטירליך, געקאָנט ברענגען צו פאַרצווייפלונג אויך אַ שטאַרקערן מענשן, איידער, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, ס'איז געווען חיים נאָוואַקאָווסקי.

דער פּראָקוראָר האָט אויפן משפּט זיך באַנוצט, פאַרשטייט זיך, מיט אַלע חשדים, וואָס זיינען געווען קעגן נאָוואַקאָווסקין און האָט זיך געמיהט צו דערווייזן, אַז נאָוואַקאָווסקיס ענטפערן זיינען „נישט אויפריכטיג", „פאַלש", און די נערוון-צערודערונג איז קינסטליך. ס'האָט זיך באַקומען אַן אומאָנגענעמער, שווערער איינדרוק.

די דאָזיגע אַלע פעלשונגען האָבן אָבער גאָרנישט ניט גע־האָלפן דעם אומגליקליכן: מ'האָט אים דאָך פאַרמשפּט צו פאַרשיקונג קיין סיביר און אָפּגענומען ביי אים אַלע ציווילע רעכט.

ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי האָט געדאַרפט ווירקן אויף אים אָט דער שווערער אורטייל. אָנשטאָט צו שטודירן וויסנשאַפטן און פאַרנעמען זיך מיט טעטיגקייט לטובת דער געזעלשאַפט, וואָס, האָט זיך געדאַכט, איז געווען אַזוי נאָהענט צו דער פאַרווירקליכונג, — איז פאָרגעשטאַנען צו לעבן ערגעץ פאַרוואָרפן אין סיביר, אָן מענשן, ווייט נישט נאָר פון דער פראָגרעסיווער, נאָר בכלל פון יעדער געזעלשאַפט. פון אַזאַ קלאַפּ האָט מען, ווירקליך, געקאָנט באַקומען אַ נערוון־צע־רודערונג און פאַרלירן דעם מוט. צו נאָוואַקאָווסקיס גליק, איז זיין ליבנדע יונגע פרוי, וואָס איז עפּעס באַפרייט געוואָרן פון פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר באַזוכן מיט אים דעם קאַזאַנער פלאַץ, פרייוויליג אַוועק מיט אים קיין סיביר. דערמיט האָט זי, געוויינטליך, אין אַ גרויסער מאָס פאַרגרינגערט זיין שווערן גורל: זי האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ גאַנץ שטאַרקן, אנטשלאָ־סענעם כאַראַקטער, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אין דער ווירק־ליכקייט. מיט אַזאַ ווייב אַ פריינט, אן אידעען־חבר, האָט נאָוואַ־קאָווסקין זיך שוין ניט געדאַרפט אויסווייזן אַזוי אומדערטרעגליך און הילפלאָז דאָס שווערע לעבן אין מזרח־סיביר.

* * *

אונז איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך ביי גאַנץ אָריגי־נעלע באַדינגונגען. זומער 1885, גייענדיג אויף קאַטאָרגע קיין קאַראַ (איבער באַיקאַלער געגנטן), האָב איך אויף עפּעס אַן עטאַפּ, נאָהענט צו אירקוטסק, פּלוצים געפונען דאָרט, צו מיין גרויס וואונדער און אויך פרייד, מיינע אַלטע באַקאַנטע — חיים נאָוואַקאָווסקין מיט דער פרוי, וועלכע כ'האָב שוין נישט געזעהן מער פון עלף יאָר. פאַר דעם דאָזיגן לאַנגן פּע־

ריאַד זיינען פאָרגעקומען אַ סך ענדערונגען, סיי אין נאָוואָ-קאָווסקים, סיי אין מיין לעבן. נאָר פון דער אויסנווענינסטער זייט האָט נאָוואקאָווסקי אויסגעזעהן איגנאַנצן ווי פריהער.

— ווי קומט איר אהער? — האָב איך זיך געוואונדערט נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך באַגריסט.

— מ׳פאַרשיקט מיך ווייטער, — האָט ער געענטפערט מיט אַ טרויעריג שמייכל.

— וואָס הייסט? איר זיינט דאָך שוין כמעט צעהן יאָר אין סיביר?

— יאָ, איך בין אַפילו אונטערגעפאַלן אונטערן מאַניפעסט לכבוד דער קאָראָנאַציע פון יאָר 1883, און בין שוין געווען איבערגעפירט אין מערב-סיביר, וואו ס׳איז באַדייטנד בעסער, איידער אין מזרח, נאָר ס׳איז אַזוי אויסגעקומען, און אָט, ווי איר זעהט, גייען מיר ווידער אויף מזרח.

— וואָס-זשע האָט געטראָפן? — האָב איך אים געפרעגט נישט פאַרשטייענדיג.

— איצט גיי איך שוין פרייוויליג נאָך מיין פרוי, — דאָס האָט מען זי פאַרמשפּט צו פאַרשיקונג.

— הייסט עס, אַז איר דערצאָלט זיך מיט איר דערפאַר, וואָס דאָס ערשטע מאָל איז זי געגאַנגען נאָך אייך?

— ניין, זי איז איצט אויך איבער מיר פאַרמשפּט געוואָרן, — האָט ער געזאָגט מיט טרויער.

פאַר מיר איז קלאָר געווען, אַז ביי די נאָוואקאָוו-סקים איז פאָרגעקומען עפּעס אַן אומפאַרשטענדליכע און שווערע געשיכטע, וועגן וועלכער איך דאַרף זיך דערוויל ביי אים נישט דערפרעגן, ווייל ס׳איז קענטיג געווען, אַז ס׳איז אים נישט אָנ-גענעם צו רעדן וועגן איר אין דער אָנוועזנהייט פון נייע חברים, וואָס זיינען געקומען מיט מיר און וועלכע ער האָט גע-זעהן צום ערשטן מאָל. ווען מיר זיינען אָבער, אין אַ צייט

אַרום, געבליבן מיט אים אַליין, האָט ער גאַנץ אויפריכטיג און אויספירליך דערציילט מיר די פאָלגנדע טרויעריגע געשעהעניש.

* * *

אין יענער שטאָט, וואוהין נאָוואַקאָווסקי מיט זיין פרוי זיינען פארשיקט געוואָרן לויטן מאַניפעסט, — איך האָב פאַרגעסן אין וועלכער שטאָט, — האָבן זיך געפונען נאָך עטליכע פאָליטישע פאַרשיקטע, און די לעבנס־תנאים זיינען דאָרט געווען בעסער, ווי אין דעם פריהערדיגן אָרט, אין מזרח־סיביר. נאָך מאַטער־נישן אין משך פון 7—8 יאָר איבער פאַרשיידענע טורמעס, עטאַפּן און סיבירער פאַרוואָרפענע ווינקלען, האָבן די נאָוואַ־קאָווסקים, ענדליך, פריי אָפגעאָטעמט. נאָר, ליידער, האָט אויך דאָס דאָזיגע רעלאַטיווע „גליק", וואָס האָט זיי אַ שמייכל גע־טאָן, געדויערט נישט לאַנג.

איינמאָל איז אַ חבר — אַ פאַרשיקטער אַוועקגעגאַנגען נאָך עפּעס צום איספּראַווניק אין קאַנצעלאַריע, נאָר ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן דערקלערן, אין וואָס ס'איז באַשטאַנען זיין ענין, האָט דער לעצטער אָנגעהויבן שרייען אויף אים, און האָט אים אָנ־גערופן „זשיד".

— איך בין גאָר נישט קיין ייד, — האָט צו אים געזאָגט דער געקומענער, — נאָר אַ קריסט, — און ער האָט אָנגערופן זיין פאַמיליע; אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דאָס געווען דער איצט שוין טויטער לעאָניד בולאַנאָוו.

זייט מוחל: איך האָב אייך אָנגענומען פאַר נאָוואַקאָווסקין, — האָט געזאָגט דער איספּראַווניק.

ווען בולאַנאָוו האָט זיך אומגעקערט צו די חברים און דער־ציילט זיי וועגן דעם אינצידענט, האָט זיך צווישן די פאַרשיקטע אויפגעהויבן אַ שטורעם; ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רייד און וכּוחים וועגן דעם, אַז מ'טאָר נישט איבערלאָזן אַזאַ באַליידיגונג, הגם דער איספּראַווניק האָט דאָס געטאָן הינטער די אויגן קעגן איינעם פון זיי. אייניגע האָבן געהאַלטן נאָך מער פאַר נויטיג צו אָנ־

לערנען דעם איספראַווניק, , ווייל פֿריהער האָט די אַדמיניסטראַציע זיך נישט דערלויבט צו אַרויסווייזן קיין שנאה צו די יידישע פּאָליטיש-פֿאַרשיקטע. נאָר נאָך די בֿאַוואוסטע פּאָגראָמען פון יאָר 1881, האָט די כוואַליע פֿון אַנטיסעמיטיזם, ווייזט אויס, זיך צוגעקייקלט אויך צו סיבֿיר.

די פֿאַרשיקטע חברים פֿון נאָוואַקאָווסקין האָבן לאַנג זיך געאַמפּערט און גערעדט וועגן דעם, ווי דאָס פּלעגט אָפּט פֿאָרקומען צווישן אונז, ווער און ווי אַזוי דאַרף ענטפֿערן דעם איספראַווניק, אַז ער זאָל אויף ווייטער וויסן, ווי געפֿערליך ס'איז צו בֿאַליידיגן אַ פּאָליטישן. אין דער צייט, ווען אייניגע האָבן געהאַלטן, אַז בֿולאַנאָוו דאַרף גיין צו אים און אַזוי אָדער אַנדערש אים אָנווייזן אויף דער מאוסקייט פֿון זיין אויסדרוק בֿנוגע נאָוואַקאָווסקין, האָבן אַנדערע, פֿאַרקערט, געהאַלטן פֿאַר נויטיג, אַז די גאַנצע קאָלאָניע פֿון פֿאַרשיקטע זאָל זיך ווענדן צו אים מיט אַ קאָלעקטיוון פּראָטעסט. ס'האָבן זיך געפֿונען צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז איבער אַזאַ אומבֿאַדייטענדן פֿאַל, ווי בֿאַליידיגן הינטער די אויגן, און חוץ דעם מצד אַזאַ עם-הארצותדיגן „בֿורבֿאָן”, אַ גאָגאָל-טיפּ, ווי דער איספראַווניק, לוינט זיך נישט צו ריזיקירן מיט די לערך נישטקשהדיגע לעבנס-תנאים פֿון די פֿאַרשיקטע אין אָט דער שטאָט.

ס'איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ פֿאַרזאַמלונג נאָך אַ פֿאַרזאַמלונג, און נאָוואַקאָווסקיס חברים זיינען נישט געקומען צו קיין בֿאַשלוס: דער עולם איז ביסלאַכווייז קילער געוואָרן, און דער אינצידענט וואָלט, מסתמא, פֿאַרגעסן געוואָרן. די פֿאָר נאָוואַקאָווסקי האָט דאָס זעהר שטאַרק פֿאַרבֿיטערט און פֿאַרדראָסן. די בֿאַליידיגונג פֿונם איספראַווניק האָט זיך גאָר נאָהענט צום האַרצן גענומען די פֿרוי נאָוואַקאָווסקי. זעהענדיג, אַז די אומענדליכע דעבֿאַטן פֿון די חברים ענדיגן זיך מיט גאָרנישט, האָט זי בֿאַשלאָסן צו טון אַליין, נישט זאָגנדיג וועגן דעם לחלוטין קיינעם נישט, אפֿילו נישט איר מאַן.

בעת דער אַרבעט, ווען דער איספּראַווניק מיט זיינע גע־הילפן און שרייבערס האָט זיך געפונען אין קאַנצעלאַריע, איז פרוי נאָוואַקאָווסקי געקומען אַהין. דערזעהענדיג זי, האָט דער איספּראַווניק, צו ווען ס׳זיינען שוין דערגאַנגען, ווייזט אויס, די קלאַנגען וועגן דער אומצופרידנקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די פאַרשיקטע, זעהר העפליך זיך געווענדעט צו איר און פאַר־געלעגט זיך זעצן. נאָר די געקומענע האָט, דערנעהענטערנדיג זיך צו אים, מיטן גאַנצן כּוח אָפּגעשטעקט אים אַ פּאַטש, זאָגנדיג דערביי:

— אָט דאָס האָט איר אייך פאַר „זשיד"...

ס׳איז איבעריג צו דערציילן באריכות, וואָס פאַר אַ טומל ס׳האָט אַרויסגערופן די דאָזיגע טאַט פון פרוי נאָוואַקאָווסקי, סיי אין קאַנצעלאַריע, סיי צווישן די פאַרשיקטע און סיבירער תּושבים, פאַר וועלכע דער איספּראַווניק איז אין יענע צייטן געווען עטוואָס קלענער פונם צאַר.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז פרוי נאָוואַקאָווסקי האָט מען אויפן אָרט אַרעסטירט, זי איבערגעגעבן צום געריכט און אָנגעקלאָגט פאַר באַליידיגן אַ „באַאַמטן ביים אויספילן זיינע אַמטליכע פליכטן". זי איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרשיקונג קיין מזרח־סיביר מיט אָפּנעמען ביי איר אַלע ציווילע רעכט.

די חברים פון די נאָוואַקאָווסקיס האָבן דערפיהלט אַ גרויסן בזיון: זיי האָבן נישט געקאָנט נישט אָנערקענען, אַז נאָר איבער זייער אָפּציהען און אומאַנטשלאָסנקייט איז פרוי נאָוואַ־קאָווסקי געקומען צו אַזאַ טאַט, פאַרוואָס זי האָט אַזוי שווער געדאַרפט באַצאָלן, אין דער צייט, ווען זיי זאָלן געווען פאַר־נעמען אינאיינעם עפּעס אַן אַקט קעגן דעם איספּראַווניק, וואָלט מען זיי דאָך נישט געקאָנט אַזוי באַשטראָפן.

נישט איבעריג גוט האָט זיך געפיהלט אויך דער מאַן אַליין, וואָס האָט דערלאָזט, איבער זיין שוואַכן כאַראַקטער, אַז פאַר דער באַליידיגונג, וואָס מ׳האָט אים געמאַכט, זאָל נקמה נעמען

זיין פרוי. אין דער דאָזיגער געשיכטע, ווי אויך אין דעם ענין פון אָנטיילנעמען אין דער קאַזאַנער דעמאָנסטראַציע, האָט נאָוואַקאָווסקי ווידער אַרויסגעוויזן, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין געפיהל פון זעלבסווערדע און האָט מורא פאַר שווערע פאָלגן פאַר זיך. רעדנדיג מיט מיר, האָט ער נישט באַהאַלטן זיין אומצופרידנקייט מיט די חברים פאַר זייער אומאַנטשלאָסנקייט. נאָר זיך האָט ער אויך נישט געקאָנט פאַרענטפערן. מיר איז אומאָנגענעם און שווער געווען צו קוקן אויף אים.

נאָר אַנדערע געפיהלן פונם ערשטן בליק האָט אַרויסגערופן אין מיר, און, איך מיין, אויך אין אַנדערע פרוי נאָוואַקאָווסקי. מיט אַן אָפן, אויסדריקליך געזיכט און קלאָרע אויגן, האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ רוהיגער, אויפריכטיגער און גלייכצייטיג אַנטשלאָסענער פרוי. בעת אַ שמועס פלעגט זי זיך אויפרעגן און דאָס סימפּאַטישע, קלוגע און ענערגישע געזיכט אירס פלעגט זיך פאַררויטלען, ס'איז אָנגענעם געווען דעמאָלט צו קוקן אויף איר. זי איז געווען אַ פולער קאָנטראַסט צו איר שוואַכן מאַן. נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס זי האָט געהאַט אויף די הענט אַ זויג-קינד, וואָס זי האָט געבוירן, בעת זי איז שוין געווען אין טורמע, האָט זי פלינק און געניט געטאָן אַליין, וואָס איז נויטיג געווען פאַר איר פאַמיליע. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט די אומגעהייער שווערע באַדינגונגען פון דער נסיעה מיטן עטאַפּ אפילו פאַר געזונטע מענשן, וואָס האָבן נישט חתונה געהאַט, וועלן מיר פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ווילנסכוח און אויסשטאַנדקראַפט האָט זי געדאַרפט פאַרמאָגן, כּדי איבערצוטראָגן מוטיג און באַשיידן אַלע שוועריגקייטן און מאַטערנישן.

אין אַ שמועס מיט מיר האָט פרוי נאָוואַקאָווסקי, אין קעגנזאַץ צו איר מאַן, זיך נישט געקלאָגט נישט אויף אירע חברים, נישט נאָך מער אויף אים. זי האָט אויך אין דער קלענסטער מאָס נישט באַדויערט, וואָס זי איז זיך באַגאַנגען אַזוי מיטן איספראַווניק:

— איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט, איך האָב געמוזט אַזוי טון, — האָט זי צו מיר געזאָגט. — איך האָב נקמה גע־נומען נישט נאָר פאַרן מאַן, נאָר אויך פאַר אַנדערע.

זי איז געווען גערעכט: דער קלאַנג וועגן איר „פּאַטש" האָט, געוויינטלעך, זיך פאַרשפּרייט גיך איבער דער גאַנצער ברייטער סיביר, און, נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד האָט זיך דעמאָלט איינגעשטעלט אַ שרעקלעכע צייט פון אַנטיסעמיטיזם, איז דאָרט, אין דער רעכטלאָזער געגנט פון קאַטאָרגע און פאַרשיקונג, וואו יעדער קליינער באַאַמטער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אומבאַגרעניצטן הערשער, אויף וויפיל איך קאָן זיך איצט דערמאָנען, קיינעם פון די פּילצאָליגע פּאָלי־טיש־פאַרשיקטע יידן שוין נישט אויסגעקומען צו הערן פון זיי קיין באַליידיגונגען. דאָס האָט פרוי נאָוואַקאָווסקי געקויפט פאַר אונז פאַר דעם פּרייז פון פּיליאָריגער פאַרשיקונג אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקלען פון אירקוטסקער גובערניע. נאָר דערמיט, אָבער, האָבן זיך נישט געענדיגט נישט אירע, נישט איר מאַנס מאַטערנישן.

* * *

ווי באַוואוסט, האָט זיך אין די אַכציגער יאָרן, נאָך דעם מאָרד פון צאַר אַלעקסאַנדער II, אָנגעהויבן אין רוסלאַנד די שטאַרק־סטע רעאַקציע, וואָס האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזן אויפן גורל פון די יידן. ווי איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, זיינען איינגעפירט געוואָרן פּילצאָליגע באַגרעניצונגען אין די רעכט פון יידן, וואָס זיינען אַזוי אויך געווען קליין; אין יענער צייט האָט מען אויך אָנגעהויבן פון פאַרשיידענע ערטער פון רוסלאַנד אַרויסשיקן מאַסנוויז די יידישע יוגנט אויפן אַדמיניסטראַ־טיוון אופן אין די וויטסטע און אומבאַוואוסטע ערטער פון יאַקוטסקער געגנט. די באַדינגונגען פון איבערפירן אַהין מענטשן, וואָס האָט געדויערט אַ סך חדשים און אויך דאָס לעבן אין די יאַקוטסקער אולוסן זיינען געווען אַזוי שרעקליך,

אַז איין פּאַרטיע פון פאַרשיקטע האָט, ווינטער 1889, באַ־ שלאָסן נישט צו פאָרן פרייוויליג פון דער שטאָט יאַקוטסק קיין סרעדניעקאָלימסק, ביז מ'וועט נישט צוזאָגן קיין אייניגע אין תּוך נישטיגע פאַרגרינגערונגען. די נאַטשאַלסטוואָ האָט נישט נאָכגעגעבן. דאַן האָבן די פּאָליטישע זיך פאַרשפּאַרט אין אַ געווּיסער שטוב. דאָס הויז האָט מען אָבער אַרומגערינגעלט מיט זעלנער, וועלכע האָבן דאָס דורכגעלעכערט מיט קוילן. אין סך־הכּל זיינען עטליכע מענשן (נאָטקין, שור, ס. גורעוויטש, פּיק און אַנד.) דערהרגעט געוואָרן; פיל זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן; די איבעריגע האָט מען איבערגעגעבן צו אַ קריגס־געריכט, וואָס האָט אייניגע פאַרמשפּט צו טויט־שטראָף (קאָגאַן־בערנשטיין, זאָטאָוון, האוסמאַנען), די איבעריגע צו קאַטאָרגע (גאָץ, מי־ נאָרן, אַ. גורעוויטש און אַנד.).

די דאָזיגע שרעקליכע אומגעהערטע שחיטה האָט אַרויס־ גערופן אַן אויסברוך פון אַלגעמיינער אויפרעגונג און צאָרן אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, און פון אומעטום האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פּראָטעסטן אויפן אַדרעס פון דער גרוי־ זאַמער רוסישער רעגירונג. נישט געקאָנט שווייגן, געוויינטליך, האָבן אויך די פאַרשיקטע, וואָס זיינען צעוואָרפן געווען אין פאַרשיידענע געפערליכע ערטער פון דער גרעניצלאָזער סיביר. אין דער צאָל פון די דאָזיגע פּראָטעסטאַנטן זיינען געווען אויך די נאָוואַקאָווסקיס, דערביי האָט די איניציאַטיוו געווים געהערט דער פרוי. זיי האָבן באַצאָלט דערפאַר מיט נייער פאַרשיקונג נאָך אין אַ ווייטערן געפערליכן פאַרוואָרפענעם אָרט פון דער יאַקוטסקער געגנט.

וואָס איז געוואָרן מיט זיי שפּעטער, און צי לעבן זיי נאָך, איז מיר לחלוטין נישט באַוואוסט. נאָר ביזן יאָר 1901, וואָס איך בין נאָך געווען אין סיביר, זיינען זיי נאָך דאָרט פאַרבליבן.

אַזוי האָט דער גורל באַשטראָפט נאָוואַקאָווסקין און זיין פרוי פאַר אַ צופעליגן אָנטייל אין דער ערשטער רוסישער פּאָלי־ טישער דעמאָנסטראַציע: דאָס לעבן פון דער דאָזיגער פּאָר איז

דורכגעגאַנגען איבער טורמעס אין סיביר, הגם פּאַקטיש האָבן זיי גאָר זיך נישט באַטייליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אפילו אויף דער קאַזאַנער דעמאָנסטראַציע זיינען זיי געווען נאָר צוליב נייגיריגקייט.

פּעליציאַ שעפּטעל

צווישן די „אַקטיווע״ אָנטיילנעמערינס פון דער דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פּלאַץ האָט זיך געפונען אַ יונגינק ייִדיש מיידל, פּעליציאַ שעפּטעל, וועלכע איך האָב גאַנץ גוט געקענט: מיר האָבן זיך באַקענט פונקט צוויי יאָר פאַר דער דאָזיגער דעמאָנסטראַציע אין איר אייגענער שטאָט, אין זשיטאָמיר. שוין אין דעם ערשטן אָוונט פון מיין קומען אַהין אַלס „דעלעגאַט״ פונם קיעווער קרייזל פון פּעסענקאָ, מיט דער וויכטיגער מיסיע צו קלייבן אָנהענגער*), האָב איך דערזעהן צווישן עטליכע בחורים, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן צוליב דער דאָזיגער געלעגנהייט אין דער שטוב פון מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ סטודענט, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פּעטערבורג, אַ יונגינקע, שענע גימנאַזיסטין מיט געקרייזלטע האָר פון גינגאָלדענער פאַרב.

דער ציל פון מיין קומען קיין זשיטאָמיר איז געווען צו אָנמערקן פון דער אָרטיגער יוגנט מענשן, וואָס טויגן אַמבעסטן צוליב דעם עניין פון אָנהויבן זיך גרייטן צו גיין „אין פאָלק״. אין דער צאָל פון באַזונדערס עקזאַלטירטע פּערזאָנען, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט תיכּף צו אָפּזאָגן זיך פון זייער געזעלשאַפטליכער לאַגע, קאַריערע, פאַרלאָזן דעם לערנאַנשטאַלט, זיך צעשיידן מיט די עלטערן א. א. וו. — איז געווען אָט די מילדע בלאָנדינע פון אַ יאָר 16—17; הגם ס׳איז איר אינגאַנצן געבליבן עטליכע חדשים צו ענדיגן די גימנאַזיע.

---

*) זעה „За полвека״ פאַרלאַג „Грани״ בערלין: „ווי אַזוי מיר זיינען געגאַנגען אין פאָלק״.

איז זי דאָך גרייט געווען תיכּף צו וואַרפן דאָס לערנען און די היים, כּדי מיט־אַמאָל צושטיין צום „ענין“, צו דער „רעוואָלוציע“, וועלכע „וואַרט ניט“, פאַרשטענדליך, ווייל „יעדער דורכגעלאָזטער טאָג איז, געוויינטליך, אַן אָנווער, וואָס מ'קאָן עס ניט אָפּשאַצן און ס'איז אַ פאַרברעך דאָס אָפּלעגן, בעת ס'האַנדעלט זיך וועגן פאַרווירקליכן וואָס גיכער דעם וואויל און גליק פון די אומגליקליכע מאַסן“.

פון פריוואַטע שמועסן מיט דער שעגינקער פעליציאַ האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זי איז געווען אַ בת־יחידה ביי זעהר אַ רייכן אָרטיגן סוחר, וואָס האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. פאַר אירע עלטערן, דעריבער, וואָלט דאָס צושטיין פון זייער געליבטע מיידעלע צו דעם געפערליכן ענין געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. נאָר פעליציאַ האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר אָט דעם וויכטיגן געדאַנק, פונקט אַזוי, ווי איך, מיר אַלע, וואָס האָבן איבערגעלעבט ענליכע משפחה־טראַגעדיעס *).

דאָך, ניט קוקנדיג אויך אויף מיין זעהר יונגן עלטער און גוטער באַציהונג, וואָס דאָס דאָזיגע לעבעדיגע און סימפּאַטישע מיידעלע האָט אַרויסגערופן אין מיר, האָב איך דאָך ניט נאָכגעגעבן איר ווילן, ווי ס'וואָלט געטאָן יעדער אַנדערער יונגער „דעלעגאַט“ אויף מיין אָרט; פאַרקערט, איך האָב אָנגעהויבן צו ברענגען איר פאַרשיידענע באַווייזן און געדאַנקען, פאַרוואָס זי דאַרף פריהער ענדיגן די גימנאַזיע, דערנאָך פאָרן קיין פּעטערבורג אויף די העכערע קורסן און ערשט שפּעטער, ווען זי וועט אויספּרואוון פאַרשיידענע ראָלעס, זאָל זי זיך איינגאַנצן אָפּגעבן דעם ענין צו דינען דעם פאָלק, ווייל ס'איז כּלומרשט אַ שווערע און געפערליכע אויפגאַבע.

אַזעלכע „גוטע סברות“, מצד אַ ניינצעהן־יאָריגן בחור, וואָס האָט אגב, אַליין ניט אַרויסגעוויזן אַזעלכע מעלות טובות, קאָן איך איצט דערקלערן נאָר מיט דער אינסטינקטיווער שרעק, אַז אַזאַ

*) זעה דאָס זעלבע בוך מיינס: „За полвека“

סימפּאַטיש מיידל זאָל פּריהצייטיג נישט אומקומען: קאָן זיין, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל האָבן אויף מיר געווירקט די ידיעות וועגן אַ סך יונגע לייט, וואָס זיינען אומגעקומען אין טור־מעס איבער די ענויים פון די זשאַנדאַרמען. אין מיר האָט די סימפּאַטישע פּעליציאַ אַרויסגערופן פונם ערשטן בליק נאָר אַ געפיל פון אַ ברודער צו אַ קלענערער שוועסטער.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, נאָר דאָס ענטוזיאַסטישע, התפּעלותדיגע מיידעלע, וואָס האָט געברענט מיט דער שטרעבונג תיכּף צו־שטיין צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נישט קוקנדיג אויף מיינע, אַרגומענטן, וואָס האָבן זיך מיר געדוכט אַזוי איבערצייגענד, איז זי דאָך געבליבן ביי אירס.

— וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, נאָר איך וועל אַוועקגיין פון די אייגענע „אין פאָלק“. אויב איר ווילט מיך נישט צו־נעמען אין אייער קרייזל, — איז נאָך ערגער: מיר וועט אויסקומען צו העלפן זיך אַליין און זיך באַגיין אָן די עצות פון דערפאַרענע חברים, — האָט זי געזאָגט מיט אַ אַנטשלאָ־סענעם טאָן.

זעהעדיג אַזאַ עקשנות און איינגעשפּאַרטקייט מצד אָט דעם יונגן מיידל, האָב איך צום שלום זי געבעטן אויסוואַרטן, לכל הפּחות, ביז ס׳וועט זיך באַקומען אַן ענטפער פון אונזער גאַנצן קרייזל, ווייל איך, אַלס באַפולמעכטיגטער, האָב נאָר געקאָנט אָנמערקן קאַנדידאַטן, אָבער נישט געהאַט קיין רעכט אַליין, אויף מיין אחריות, אַריינגעמען זיי אין דער צאָל מיטגלידער. אויף אָט דעם פאָרשלאָג מיינעם איז פּעליציאַ מסכּים געווען, און מיר האָבן זיך צעשיידט מיט איר, ווי פריינט.

*

הגם פון יענער צייט אָן איז שוין דורכגעגאַנגען כּמעט פופ־ציג יאָר, דאָך געדענק איך נאָך אויך איצט גוט די שטימונג, מיט וועלכער איך האָב זיך אומגעקערט קיין זשיטאָמיר.

אַ העכסט אָנגענעמען איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר די סימפּאַטישע יוגנט, וואָס פלעגט זיך צונויפקלייבן ביי דעם

דערמאָנטן סטודענט, און צווישן וועלכער פּאָליציי האָט זיך אויס־געצייכנט אָן שום ספק.

„וואָס וועט פון איר אַרויסקומען? ווי און מיט וואָס וועט זי ענדיגן? וואָס פאַר אַ גורל וואַרט אויף איר?" אָט דאָס זיינען געווען די פראַגן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפן צוריקוועג קיין קיעוו, באַמיהענדיג זיך צו טרעפן דעם גורל, וואָס איז איר באַשערט.

די חברים, וואָס זיינען געבליבן צופרידן מיט מיין אויספירן די וויכטיגע מיסיע, וואָס מ׳האָט אויף מיר אַרויפגעלעגט, האָבן באַשלאָסן, אַז, אין אַ צייט אַרום וועל איך מוזן ווידער צופאָרן אַהין דאָס צווייטע מאָל, כדי צוציהען אין אונזער קרייזל איינינגע פון די פערזאָנען, וואָס איך האָב דאָרט אָנגעמערקט.

ווען איך בין ווידער געקומען קיין זשיטאָמיר, אָנהויב פריהיאָר 1875, האָב איך איבערגעגעבן פּאָליציען די מיינונג פון די מיטגלידער פון אונזער קרייזל, אַז זי דאַרף נישט פאַרלאָזן ערב די עקזאַמענס די גימנאַזיע און צערייסן די באַציהונגען מיט אירע אַרומיגע, ווייל ביי איר קאָן נישט קלעקן קיין כוחות איבערטראָגן די ליידן און מאַטערנישן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. ווי בעת מיין ערשטן קומען, האָב איך ווידער ביי איר געפאָדערט, אַז נאָך דעם, ווי זי וועט ענדיגן די גימנאַזיע — דערצו איז שוין געבליבן אינגאַנצן צוויי־דריי חדשים, — זאָל זי אַוועקפאָרן קיין פּעטערבורג, אויף וואָס זי האָט, מיט אַ געדריקט האַרץ, מסכים געווען.

דערנאָך זיינען דורכגעגאַנגען כמעט צוויי יאָר. פאַר דער דאָזיגער צייט האָב איך גאָרנישט געהערט וועגן פּאָליציען, ווייל כ׳האָב נישט באַגעגנט קיינעם פון די זשיטאָמירער. און אָט אין אָנהויב דעצעמבער 1876 האָב איך פון די צייטונגען זיך דערוואוסט, אַז בעת דער דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פּלאַץ האָט זי אויפגעהויבן אַ רויטע פאָן מיט דער אויפשריפט „זיעמליאַ

אי וואָליאַ". דערנאָך האָב איך געלייענט וועגן דעם פּראָ־צעס, אויף וועלכן מ'האָט זי, אינאיינעם מיט אַנדערע אַרעסטירטע, געמשפּט פאַר „העצן צו אַ מרידה".

דאָס איז געווען איינער פון די סאַמע ערגסטע, אפילו אין רוסלאַנד, פּאָליטישע פּראָצעסן: די מאַניפעסטאַציע לכבוד טשערנישעווסקין, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליגט עטליכע צעהנדליגג בחורים און מיידלאַך, האָבן די זשאַנדאַרמען פאַר־וואַנדעלט אין אַ „בונט", כמעט אין אַ רעוואָלוציע. נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס, ווי איך האָב שוין מיטגעטיילט, די אַרע־סטירטע זיינען שרעקליך צעמזיקט געוואָרן אויף דעם וועג און אין די פּאָליציי־צירקלען, האָט ביי דער רעגירונג דאָך געקלעקט פרעכהייט פאַרצושטעלן די דאָזיגע, דאָס רוב נישט־דערוואַק־סענע יונגע לייט, אַלס שרעקליכע און געפערליכסטע „בונטאַרעס".

אַליך, — אָנהויבנדיג פון די עדות, וואָס זיינען געווען פּאָ־ליציי־לייט, דוואָרניקעס און שפּיקעס, ביז די ריכטער,— איז געווען איין גרויסער סקאַנדאַל אין דעם דאָזיגן פּראָצעס. געענדיגט האָט ער זיך אזוי, ווי ס'האָט לכתחילה געוואָלט די אַלמעכטיגע „דריטע אָפּטיילונג": דאָס רוב פאַרכאַפּטע מענשן, פון וועלכע פילע זיינען געווען צופעליג אויפן פּלאַץ, האָט מען פאַרמשפּט צו פיליאָריגער קאַטאָרגע־אַרבעט און צו פאַרשיקונג קיין סי־ביר. אַלס נישט־דערוואַקסענע איז שעפּטעל געווען אין דער צווייטער קאַטעגאָריע: מ'האָט זי פאַרמשפּט צו פאַרשיקונג מיט אָפּנעמען ביי אירע אַלע שטאַנד־רעכט און זי געבראַכט אין איינעם פון די סאַמע צפונדיגסטע און סאַמע שרעקליכסטע פאַר־וואָרפענע ווינקלען פון סיביר — אין דער אַזוי גערופענער „שטאָט בעריאָזאָוו", וואָס איז באַשטאַנען דעמאָלט פון עט־ליכע צעהנדליגג אָרימע הייזלאַך, וועלכע זיינען באַוואוינט געווען פון סאַמאָיעדן און טונגוסן, און פון דער זעלבער צאָל שטיבלאַך מיט האַלב־פאַרווילדעטע רוסן. ווי ס'האָט זיך געלעבט אין אַזאַ געפערליכן אָרט אַן אַכטצעהניאָריג מיידל — איז אוממעג־ליך זיך פאָרצושטעלן.

ווידער זיינען דורכגעגאַנגען עטליכע יאָר, אין משך פון וועלכע מיר איז גאָרנישט ניט אויסגעקומען צו הערן וועגן פע־ליציען. איך בין זיכער געווען, אַז זי איז שוין אויף אייביג באַגראָבן אין די סיבירער שנייען. נאָר אינגאַנצן אומגעוואַרט, האָב איך, אין זעקס יאָר אַרום, באַקומען אַ פרעהליכע ידיעה, אַז שעפטל האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון בעריאָזאָוו און דערשלעפּן זיך בשלום קיין ציוריך.

איך האָב דאַן געלעבט, אַלס עמיגראַנט, אין גענף, און דע־ריבער, באַנוצנדיג זיך מיט אַ געלעגנהייט, וואָס האָט זיך גע־מאַכט, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ציוריך, כדי צו זעהן זיך מיט מיין אַלטער סימפּאַטישער באַקענטער.

דאָס איז געווען ערב ניי־יאָר 1883, אַ יאָר, וועלכן איך צוליב אַ סך פּרטים, — אויך אויסער דער דאָזיגער באַגעגעניש, — געדענק זעהר גוט. שווער איבערצוגעבן יענעם דריקנד־שווערן איינדרוק, וואָס האָט געמאַכט אויף מיר די באַגעגעניש מיט שעפּטעל: איך בין געזעסן, לאַנג איינקוקנדיג זיך אין איר גע־זיכט, און האָב פון צייט צו צייט געפרעגט:

— דאָס זיינט איר, פעליציאַ?

— יאָ, איך, — האָט מיר געענטפערט אינגאַנצן אַן אומ־באַקאַנטע שטים.

— נאָר וואָס האָט זיך מיט אייך געטראָפן? איך דערקען אייך נישט, — נישט די געזיכטס־שטריכן און נישט די אינ־טאָנאַציע.

— איר קאָנט דערפון זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי מיר האָט זיך געלעבט פון יענער צייט, זינט מיר האָבן זיך מיט אייך געזעהן, בפרט פאַר די לעצטע זעקס יאָר אין בעריאָזאָוו, — האָט זי געענטפערט מיט טיפן טרויער אין דער שטים.

אויסער דער פאַרב פון די גינגאָלדענע האָר, וואָס זיינען אָבער שטאַרק שיטער געוואָרן, האָט זיך אַליך ביז נישט צו דערקענען איבערגעביטן ביי דער דאָזיגער גאָר יונגער פרוי: די אויגן זיינען פאַרלאָשן געוואָרן, דאָס געזיכט האָט געהאַט אַ

שוואַכן, אָפּגעוועלקטן אויסדרוק, פּונקט ווי זי וואָלט נישט לאַנג געווען אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קרענק. גאָרנישט איז נישט געווען ענליך אויף דעם רירעוודיגן, לעבעדיגן מיידל, וואָס איז פול געווען מיט זודיגער ענערגיע און שטרעבונגען, און וועלכע איך האָב געקענט מיט 8—9 יאָר צוריק: איך האָב געזעהן פאַר זיך אַ האַלבצעבראָכענע און נישט לויט די יאָרן פעסימיסטיש געשטימטע פרוי. ס'איז אוממעגליך געווען צו גלויבן, אַז איננאַנצן מיט 6—7 יאָר צוריק, בעתן פראָצעס, האָט די דאָזיגע , איצט אַלט-אויסזעהענדיגע פרוי געווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט איר שענעם אויסזעהן און מאַנירן. קיינער וואָלט ניט געקאָנט זאָגן, אַז איר איז איצט איננאַנצן 24 יאָר.

מיך האָט זי באַגעגנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, נאָר איינגעהאַלטן, און אָן דער מינדסטער לעבהאַפטיגקייט. מ'האָט זיך צערעדט. ביסלאַכווייז, אָן שום לעבן האָט זי דערציילט עפּעס וועגן דעם איבערגעלעבטן אין בעריאָזאָוו. מחמת ס'זיינען שוין דורכגעגאַנגען אַ סך יאָרן — קאָן איך איצט נישט אויפשטעלן אַל דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון איר נעמליך, און נישט פון אַנדערע פאַרשיקטע אין דעם דאָזיגן פאַרוואָרפענעם ווינקל. זי האָט דערמאָנט וועגן מאָראַלישע, און אויך וועגן פיזישע ליידן, וואָס איר איז אויסגעקומען דאָרט איבערצוטראָגן אין משך פון אַ סך יאָרן פון איר בעסטער יוגנט-צייט. פון צייט צו צייט פלעגט דאָס דאָזיגע לעבן ברענגען זי צו פולער פאַרצווייפלונג. זי האָט געפיהלט, אַז זי זינקט פאַמעליך אין אַ פינסטערן תהום, אַז זי שטאַרבט אָפּ צוביסלאַך. נאָך אַ ביסל, און זי וואָלט, געוויינטליך, אומגעקומען, נאָר אַ גליקליכער צופאַל האָט זי אָפּגעראַטעוועט: אין דעם זעלבן בעריאָזאָוו איז פאַרשיקט געוואָרן איינער פון די פאַרמשפּטע לוטן „פראָצעס פון די 50“, וועמענס פאַמיליע איך געדענק איצט נישט, נאָר אין צייטליך האָט ער זיך גערופן בולגין — אַ האַלבער אינטעליגענט און האַלבער אַרבעטער. בעתן דאָזיגן

באַרימטן פּראָצעס האָט ער, געדענקט זיך, זיך געפירט ווייט נישט ווי קיין העלד און, דאַכט זיך, אַז עמיצן פון די חברים האָט ער קאַליע געמאַכט. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס ער האָט קיין שטערן פון הימל נישט געכאַפּט און געמאַכט נישט קיין איבעריג גוטן איינדרוק מיט זיין זעלבסבאַגלויבטן, אַ ביסל צופיל צעלאָזטן און באַרימערישן טאָן. זיין אויסזעהן איז אויך נישט געווען איבעריג אינטערעסאַנט: אַ בלאָנדער, מיט פּראָסטע גזיכטס־שטריכן אָן אַן אויסדרוק, האָט ער געהאַט אַן אויסזעהן פון נישט קיין אָפּגעהעבלעוועטן, אומאַנטוויקלטן פּריקאַשטשיק.

„און דאָס איז פּעליציעס מאַן“, — האָב איך געטראַכט, הערנדיג בולטנס לאַנגאָנגעדינגע רעדערייען, אין וועלכע דאָס פירוואָרט „איך“ האָט זיך אָן אַן אויפהער איבערגעחזרט.

— יאָ, ער האָט מיך געראַטעוועט, — האָט דערביי גערעדט פּעליציאַ, און אויף איר טרויעריג גזיכט פלעגט זיך צעגיסן אַ שמייכל אויב נישט פון דאַנקבאַרקייט, איז פון שטאָלצקייט, וואָס דער גורל האָט איר צוגעשיקט אַ מאַן פון אַזאַ הויכן ווערט.

— ער האָט נישט נאָר נישט געלאָזט מיך אינגאַנצן אומקומען אין בעריאָזאָוו, נאָר אַדאַנק זיין אויסשליסליכער און גוואַלטיגער ענערגיע, איינגעשפּאַרטקייט און געשיקטקייט, בין איך, ווי איר זעהט, ווידער אויף דער פריי.

אָנגענומען די גוטע אָפּרופן פון זיין פרוי, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים און וואָס ער האָט פולקום פאַרדינט, האָט בולגין אָנגעהויבן באַריכות דערציילן, ווי ער האָט פאַרטראַכט, און ווי ער האָט דערנאָך פאַרווירקליכט דעם בשותפותן אַנטלויף פון בעריאָזאָוו מיט פּעליציען, וואָס פאַר אַ גוואַלטיגע שטערונגען אים איז אויסגעקומען דערביי צו באַזייטיגן, פון וואָס פאַר אַ געפאַרן זיך אַרויסדרעהען א. א. וו. ס'איז אויסגעקומען, געוויינטליך, אַזוי, אַז ער פאַרמאָגט ווירקליך די כאַראַקטער־איינגנשאַפטן, וואָס זיין פרוי האָט אויסגערעכנט, און, ווען ער

זאָל נישט געווען זיין, וואָלט שעפּטעל, מסתּמא, אומגעקומען אין בעריאָזאָוו.

פריה אַריינגעפאַלן אין די אומגעהייער שווערע באַדינגונגען פון סיבּירער פאַרשיקונג, ווען איר כאַראַקטער האָט זיך אינגאַנצן נאָך נישט אויסגעפאָרמט, האָט פעליציע אינגיכן זיך אונטערגעגעבן זייער דרוק. אין בולגינען האָט זי אָבער געפונען דאָס, וואָס איר האָט אויסגעפעלט. זייענדיג באַדייטענד העכער פון אים לויטן אינטעלעקט און אַנטוויקלונג, איז זי געווים שוואַכער געווען פון אים אין ווילנסקראַפט, און האָט זיך דערפאַר אינגאַנצן אים אונטערגעגעבן. ס'איז מאָדנע געווען צו זעהן, אַז די דאָזיגע נאָך גאָר נישט לאַנג התפעלותדיגע נאַטור, וואָס האָט זיך געריסן פאָרויס צו העלדישע טאַטן און גערופן אַנדערע איר נאָכטאָן, פלעגט בלייבן ווי אין שאָטן פאַר דעם פאַרבּלאָזן און באַרימערישן פאַרשוין, אויף וועלכן זי האָט געקוקט נישט נאָר מיט צערטליכקייט, נאָר, קענטיג, אויך אפילו מורא געהאַט פאַר אים. אַזוי, למשל, ווען, בעת זיינע רעדערייען, האָט זי אויך געפרואווט אַריינשטעלן אַ וואָרט, פלעגט ער אַמאָל גאַנץ גראָב זי איבּעררייסן, אויסרופנדיג: „וואָרט צו, איך רעד דאָך!" פעליציע פלעגט געהאָרכזאַם אַנטשווייגן ווערן און, בכלל, פאַרן מאַן אָפּטרעטן אין שאָטן.

שווער געווען צו זעהן אַזאַ שוואַכמוטיגקייט פון איר זייט. נישט ווילנדיג פלעגט אַרויפקומען אויפן געדאַנק: „ניין, דאָס איז נישט יענס מיידל, וואָס איז פול געווען מיט לעבן, קראַפט און ענטוזיאַזם, און וועלכע איך האָב געקענט מיט אַכט יאָר צוריק".

די בולגינס האָבן זיך באַזעצט אין ציוריך. ער האָט אויך דאָרט אַרויסגעוויזן זיין פעסטן כאַראַקטער: אינגיכן האָט ער אויף אַזוי פיל זיך אויסגעלערנט די דייטשע שפּראַך, וואָס איז אים אינגאַנצן פרעמד געווען, אַז ער האָט געקאָנט אָנקומען

אַלס צוהערער אין אַ פּאָליטעכניקום (אין ווינטערטור); ער האָט, קענטיג, פּאַרמאָגט טעכנישע פעהיגקייטן.

דאָס לעבן אויף דער פריי, אין אַן אָנגענעמער סביבה, צווישן אינטערעסאַנטע און סימפּאַטישע חברים, צו וועלכע ס׳האָט געהערט די משפחה פון פּאַוועל אַקסעלראָד, האָט גע־ווירקט אין גוטן זינען אויף פעליציען: זי האָט אָנגעהויבן ווי אויפוואַכן און ווידער אויפלעבן. און ווען, אין אַ צייט אַרום, איז ביי איר געבוירן געוואָרן אַ קינד, האָט זי זיך אינגאַנצן צעבליהט, איז יינגער געוואָרן און ס׳האָבן זיך צו איר אומ־געקערט טיילווייז איר פריהערדיגע גראַציע און שענקייט. אין דער ערשטער צייט נאָך איר קומען קיין ציוריך איז זי געווען ווי אינגאַנצן גלייכגילטיג צו יעדער געזעלשאַפטליכער אַרבעט. נאָר ווען אין אַ יאָר אַרום איז געגרינדעט געוואָרן אונזער גרופּע „אָסוואָבאָזשדיעניע טרודאַ“ (אַרבעטס־באַפרייאונג), האָט פע־ליציאַ זיך אויך אַביסל פאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיגער נייער שטרעמונג, און אינגיכן נאָך דעם איז זי אַריינגעטראָטן אַלס מיטגליד אינם אָרטיגן קרייזל, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו קומען צו הילף מיט אַלעם מעגליכן אונזער ריכטונג.

אָנפאָרנדיג פון צייט צו צייט וועגן די ענינים פון אונזער נייער גרופּע קיין ציוריך, פלעג איך זי באַגעגענען אויף פאַר־זאַמלונגען, און אויך ביי אַקסעלראָדן און מיט צופרידנקייט באַ־מערקן, אַז זי פּראָגרעסירט אַלץ מער.

ביי אונז האָבן זיך איינגעשטעלט גוטע, חברישע באַצי־הונגען. דערנאָך האָט זיך אַזוי געטראָפן, אַז פרוי בול־גין זאָל שפּילן אַ געוויסע ראָלע אין מיין אַרעסט אין פרייבורג. די יעניגע, וואָס האָבן געלייענט מיין בוך „16 יאָר אין סיביר“, וועלן זיך דערמאָנען, מסתמא, וועגן דעם. נאָר צוליב דעם, וואָס דאָס דאָזיגע בוך איז שוין איצט געוואָרן אַ ביבליאָגראַ־פישע זעלטנקייט ביי אונז, וועל איך איבערגעבן דאָ אין עט־

ליבע ווערטער וועגן דער דאָזיגער וויכטיגער געשעהעניש אין מיין לעבן.

אָנהויב פריהיאָר 1884 בין איך אַוועקגעפאָרן מיט בולגינס פאַס וועגן די ענינים פון דער גרופע „אַרבעטס-באַפרייאונג“ קיין פרייבורג (באַדען) און תיכף נאָכן קומען אַהין בין איך איבער אַ צופאַל אַרעסטירט געוואָרן. מורא האָבנדיג אַרויסגעגעבן צו ווערן דער רוסישער רעגירונג, האָב איך געטענהט, אַז איך בין ווירקליך בולגין הגם, דער דאָזיגער פאַס איז געווען אַ פאַלשער, ד. ה. געמאַכט אויף אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, וועגן וואָס מ'האָט פון רוסלאַנד מיטגעטיילט דער דייטשער רעגירונג. ביז איך בין געווען אין דער פרייבורגער טורמע, האָב איך געפירט אַ קאָרעספאָנדענץ מיט פעליציען, אַלס איר „געזעצליכער מאַן“ און אַזוי אַרום צוגעגרייט אַן אַנטלויף אויף דעם פאַל, אויב דייטשלאַנד וועט באַשליסן מיך אַרויסגעבן דער רוסישער רעגירונג. נאָר ווי באַוואוסט, האָבן אַלע באַמיהענישן פון מיינע פריינט, וואָס זיינען געווען אין דער שווייץ, צו העלפן מיר זיך באַפרייען פון טורמע אַזוי אָדער אַנדערש, — אין וואָס פעליציע, איך חזר איבער, האָט אַלס „מיין פרוי“, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, — זיך אויסגעלאָזט מיט נאָרנישט: מ'האָט מיך דאָך אָפגעשיקט קיין פעטערבורג. נאָר אויך דאָרטן, אין משך פון אַ צייט, האָב איך געהאַלטן אין איבערשרייבן זיך, מיט דער דערלויבעניש פון די גערייכטס-אויספאָרשער, מיט פעליציען, ווייל זי האָט זיך גערעכנט פאַר מיין פרוי. מיינע בריוו האָט זי, געוויינטליך, איבערגעגעבן צו פריינט און פלעגט מיר ענטפערן פאַר זיי, וואָס האָט, פאַרשטענדליך, אין אַ גרויסער מאָס פאַרגרינגערט די שווערקייט פון מיין פלוצימדיגן צעשיידן זיך מיט זיי, און אויך מיין הערוויטערונג פון די ענינים פון דער גרופע „אַרבעטס-באַפרייאונג“.

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט אין דער שווייץ אין יאָר 1901, נאָכן אַנטלויף פון סיביר, האָב איך שוין פרוי בולגין נישט

געטראָפן: זי איז לאַנג פאַר דעם איבערגעפאָרן מיטן מאַן און די קינדער קיין בולגאַריע. וואו זי איז איצט, ווייס איך נישט. נאָר דאָס געשטאַלט פון דער יונגער פעליציאַ שעפטעל איז פאַרבליבן אויך ביז איצט ביי מיר, אַלס אָנגענעמער זכרון פון דער יוגנט־צייט.

קאַפּיטל יג

אַלעקסאַנדר ביבערגאַל

דאָס רוב מענשן, וואָס זיינען צוגעצויגן געווען לויטן פּראָצעס פון דער ערשטער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע, האָבן זיך געמיהט צו דערקלערן זייער אָנוועזנהייט דער 6־טן דעצעמבער 1876 אויפן קאַזאַנער פּלאַץ מיט אַ צופעליגקייט. נישט אַזוי האָט זיך געהאַלטן אויפן פּראָצעס דער סטודענט פון דריטן קורס פון דער מיליטעריש־מעדיציניש׳ער אַקאַדעמיע אַלעק־סאַנדער ביבערגאַל. ער איז געווען איינער פון די ווייניגע אָנ־געקלאָגטע לויט דעם דאָזיגן פּראָצעס, וואָס האָט זיך נישט גערדערהט אויף אַלע זייטן, נישט געפּלייסט זיך קלענער צו מאַכן זיין שולד, וואָס, ווי מיר האָבן געזעהן, נאָוואַקאָווסקי האָט יאָ געטאָן. ביבערגאַל האָט דערצו נאָך זיך געהאַלטן גאַנץ דרייסט און געזאָגט די ריכטער־סענאַטאָרן דעם אמת אין די אויגן. אַזאַ אומאָפּהענגיגע האַלטונג און פירונג פון זיין צייט איז זעהר נישט געפעלן געוואָרן די לעצטע: דערמיט דאַרף מען דערקלערן אויך דעם גרויזאַמען אורטייל, וואָס זיי האָבן אים אַרויסגעטראָגן.

דער פּראָקוראָר האָט, געוויינטליך, פאַרשטאַנען, אַז דאָס געפינען זיך בלויז אויפן קאַזאַנער פּלאַץ האָט נאָך נישט גע־הייסן קיין שווערן פאַרברעך. דעריבער האָט ער זיך באַמיהט פאַרצושטעלן אַלס שווערן פאַרברעך דאָס צוהערן פּלעכאַנאָווס רעדע, וועלכע איז געווען „פיינטליך דער רעגירונג“. נאָר אַזוי ווי נישט נאָר ער אַליין, נאָר אויך די פּאָליציי־באַאַמטע האָבן

די דאָזיגע רעדע נישט געהערט, האָט דער געריכט געקאָנט אורטיילן וועגן איר „פאַרברעכערישן" כאַראַקטער נאָר אויפן סמך פון די באַווייזן פון די עדות, וואָס אַ טייל פון זיי האָט מען, קענטיק, פריהער אויסגעלערנט, ווי אזוי זיי זאָלן אויפן פראָ־צעס עדות זאָגן. און דאָך, אָט ווי אַזוי די דאָזיגע עדות האָבן איבערגעגעבן די דאָזיגע „שרעקליכע רעדע", וואָס פאַר איין אויסהערן פון וועלכער ביבערגאַל און נאָך דריי קריסטן זיינען אַוועק אויף קאַטאָרגע.

„אויף וויפיל איך געדענק, — האָט באַוויזן איין עדות, — האָט זיך גערעדט וועגן פאָלק, וועגן מענשן, וואָס האָבן געליטן פאַרן פאָלק, ס'איז דערמאָנט געוואָרן טשערנישעווסקים נאָמען און אַנדערע; מ'האָט געזאָגט, אַז מ'נעמט צו ביים פאָלק די לעצטע בהמה און הון; דערביי איז געווען אַ שרעקליכע אויפרעגונג צווישן המון, מ'האָט אָנגעהויבן שרייען „אורא", מ'האָט אויפגעהויבן עפעס רויטס, דאַכט זיך אַ פלאַג (פאָן) מיט עפעס אַן אויפשריפט".

אויף דעם זעלבן אופן האָבן אויך אַנדערע געשילדערט פלעכאַנאָווס רעדע, מער ווייניגער אינטעליגענטע עדות. אַנדערש האָבן זיך פאָרגעשטעלט דעם ענין די כוליגאַנעס, וואָס האָבן געהאָלפן דער פאָליציי צו שלאָגן און אַרעסטירן די דע־מאָנסטראַנטן.

„די פאָליציי האָט דערזעהן, אַז „זיעמליאַ אי וואָליאַ" („ערד און פרייהייט"), — האָט באַוויזן איין עדות, — דאָס הייסט דאָך שוין עפעס. וואָס ווייסן מיר ? די פאָליציי האָט אונז געזאָגט, אַז ס'איז אַ בונט (מרידה). דערנאָך זעהען מיר אַליין : מ'האָט אָנגעהויבן די פאָליציי שלאָגן, זעהט מען דאָך שוין, אַז מע בונטעוועט זיך, זעהען מיר אַ פלאַג (פאָן) — הייסט עס, ס'איז ניט אַלץ בשלום".

אויפן סמך פון אַ זעלכע באַווייזן נעמליך פון „אויפ־ריכטיגע" מענשן, זיינען עטליכע יונגע לייט אַוועק אויף קאַ־טאָרגע און קיין סיביר.

וואָס איז נוגע דער באַשולדיגונג פון די דעמאָנסטראַנטן אין דעם, אַז זיי האָבן כּלומרשט אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי, איז, ווי אויפן פּראָצעס איז פעסט דערוויזן געוואָרן דורך די אָנגעקלאָגטע, זיינען ניט זיי אָנגעפאַלן אויף די פּאָליציי, נאָר די פּאָליציי האָט אינאיינעם מיט די פרייוויליגע, די כוליגאַנעס, געשלאָגן זיי אויפן גרויזאַמסטן אופן.

ביבערגאַל האָט אויפן פּראָצעס גאַנץ ריכטיג אָנגעוויזן די „הויכגעשטעלטע ריכטער", אַז דער פאַרברעך, אין וועלכן מ׳באַשולדיגט אים, איז אַ נישטיגער, קליינליכער, און דאָס האָט נישט געקאָנט געפעלן ווערן די סענאַטאָרן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פונם צאַר.

און ווירקליך, אין דעם באַשולדיגונגס-אַקט, וואָס איז פאָרגעלעגט געוואָרן ביבערגאַלן און אַנדערע אָנגעקלאָגטע מיט אים מענטשן, איז די באַשולדיגונג אַזוי פאָרמולירט געוואָרן: „אַזאַ און אַזאַ דאַטום זיינען די באַשולדיגטע, נאָך דעם ווי ס׳איז געענדיגט געוואָרן דאָס גאָט-דינסט אין קאַזאַנער סאָבאָר (קלויסטער), וואו זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן צוליב די ידיעות, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן זיי, אַז אין דעם דאָזיגן טאָג גרייט מען זיך אויסצודריקן פיינטליכע מיינונגען קעגן דער רעגירונג, אַרויסגעגאַנגען מיט אַנדערע פּערזאָנען, וועלכע מ׳האָט נישט געפונען, אויפן פּלאַץ. זיי האָבן געשאַפן פון זיך אַ המון, האָבן צוגעהערט די רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן צווישן זיי, און וואָס איז געווענדעט געווען קעגן דער מלוכה-אָרדענונג, וועלכע איז איינגעשטעלט דורך די געזעצן, האָבן אויסגעדריקט זייער מיטגעפיהל מיט אָט דער רעדע דורך גרויסע אויסגעשרייען און באַווייזן און אויפגעהויבן אַ רויטע פאָן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אויסרוף „זיעמליאַ אי וואָליאַ", און דערנאָך האָבן זיי זיך אין אַ מאַסע אַוועקגעלאָזט איבערן פּלאַץ"... חוץ דעם, האָבן זיי „אַרויסגעוויזן אַ בפירושן ווידערשטאַנד דער פּאָליציייאישער מאַכט און דערביי זיך באַניצט

מיט גוואַלדטאַט״. אָט דאָס איז דער גאַנצער פאַרברעך, וואָס דאָס דעריכט האָט אַליין פעסטגעשטעלט.

אויף דער געריכטס־אויספאָרשונג האָט ביבערגאַל מיטגע־טיילט פאָלגענדעס: „איך וויל דערקלערן, ווי אַזוי דער ענין איז באַשטאַנען, איך וויל לחלוטין נישט צו פאַרענטפערן זיך, נאָר זאָג דאָס אַלס עדות. איך בין געווען אין סאָבאָר. איך וועל נישט רעדן וועגן דעם, ווי אַזוי איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אין קאַזאַנער סאָבאָר דאַרף פאָרקומען אַ פאַניכידע (הספד). נאָך דעם ווי דאָס גאָט־דינסט האָט זיך געענדיגט, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגיין איינציגווייז. איך האָב נישט געוואוסט, אַז ס׳וועט געהאַלטן ווערן אַ רעדע, און האָב זיך געקליבן אַוועקגיין. נאָר כ׳האָב געהערט אַ שטים: „גאָספאָדאַ, קערט זיך אום״. כ׳האָב זיך אומגעקערט און האָב געהערט די רעדע. אין דער צייט זיינען ביים סאָבאָר געשטאַנען אַ גאָראָדאָוואָי און נאַדזיראַטעל: זיי האָבן ווי געוואַרט, אַז עפּעס זאָל פאָר־קומען, וואָס איז דערנאָך טאַקע געשעהן, כדי צו כאַפּן און שלאָגן. צייט האָבן זיי געהאַט גענוג, אום צו פאָראויסזעהן דאָס געשעהעניש, ווייל די רעדע האָט געדויערט גענוג צייט, נאָר קיינער האָט דאָס נישט געטאָן. איך מעלד דאָ אָפן, אַז אַ סך פון אונז זיינען זיך שוין געווען צעגאַנגען, ווייל מ׳האָט נישט געוואוסט, אַז ס׳וועט זיין אַ רעדע. זי איז געהאַלטן געוואָרן, אַלס פאַרלאַנג פון איינעם, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס פילע קומען אום, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געהאַלטן קיין פיינטליכע רעדע קעגן דער רעגירונג. אויס־געהערט די רעדע, האָב איך זיך געלאָזט גיין אַהיים, זיך אויס־געקערעוועט און דערזעהן די פאָן. אין דער דאָזיגער צייט האָבן זיך דערהערט פייפערייען: ס׳זיינען געקומען צו לויפן גאָראָדאָוואָיעס און האָבן אָנגעהויבן כאַפּן און שלאָגן. איך האָב זיך נישט געשלאָגן, נאָר אויב ס׳וואָלט מיך עמיץ אָנגע־רירט, וואָלט איך ניט פאַרשוויגן. מיך האָבן געהאַלטן אַ דוואָר־ניק און אַ גאָראָדאָוואָי.״ אויף דער פראַגע פונם פאָרזיצער

פון געריכט: „ווי אזוי זשע האט מען עס אייך גלאט אזוי פארהאלטן?", — האט ביבערגאל געענטפערט: — „זעהט איר, ביי מיר איז אן אפגעטראגענער מאנטל, און לויטן אויס־זעהן בין איך ענליך א ביסל אויף א סטודענט". „נאר בלויז דערפאר?" — האט געפרעגט דער פארזיצער. „איך בין זי־כער, — האט געזאגט ביבערגאל, — אז ווען מ'וואלט באפוילן דער פאליציי, וואלט זי פארנומען אלע סטודענטן אויף דער גאס". איר קאנט נישט וויסן, וואס די פאליציי וואלט געטאן!" — האט אויסגערופן בייז דער פארזיצער.

אזוי האט זיך געהאלטן פארן געריכט פון די סענאטארן דער ארימער סטודענט דער ייד, וואס איז געגאנגען אין אן אפ־געטראגענעם מאנטל. חוץ דעם, וואס ביבערגאל, ווי מיר האבן געזעהן, האט זיך געהאלטן דרייסט, האט ער זיך נאך אפגעזאגט פון א פארטיידיגער, וואס דער געריכט האט אים באשטימט. ער האט זיך אליין פארטיידיגט און דאס האבן די ריכטער אויך געהאלטן פאר א „צו גרויס וואגן", — פאר א פראטעסט פון זיין זייט.

אין זיין באשולדיגונגס־רעדע האט דער פראקוראר זיך גע־מיהט פארצושטעלן ביבערגאלן אלס מענש, וואס האט „זעהר שלעכט געווירקט" אויף דער יוגנט און ארבעטער, און דע־ריבער געפאדערט פאר אים, פאר זיין כלומרשטן „רופן" דאס פאלק צו א בונט, די העכסטע מאס פון שטראף, ד. ה. פאר־שיקונג אויף קאטארגע־ארבעט אויף 15 יאר.

פונדעסטוועגן — ווי ס'האט גאנץ ריכטיג אנגעוויזן אין זיין פארטיידיגונגס־רעדע פון צוויי אנגעקלאגטע לויט דעם דאזיגן פראצעס דער בארימטער געשוואוירענער אדוואקאט באראדאווסקי, — איז אין דעם אלעם, וואס ס'איז פארגעקומען אויף דעם קאזאנער פלאץ, נישט נאר נישט געווען קיין רוף צו קיין אויפ־שטאנד, נאר ס'איז בכלל נישט געווען קיין שום פארברעך. „וואס פאר א פארברעך — האט ער געפרעגט, — איז אין דעם, וואס אין דער רעדע, וועלכע איז געהאלטן געווען, איז

געזאָגט געווען, אַז די בעסטע מענשן ווערן פֿאַרשיקט, אַז דער פֿריץ פֿאַרקויפֿט די לעצטע בהמה ביים פּויער... איז דען פֿאַראַן עפּעס אַ פֿאַרברעך אין דעם, אַז אַ מענש וויל מאַכן אַ פּאַניכידע (הספּד)?.. מ׳זאָגט, אַז ס׳איז דאָרט געווען אַ פֿאָן „זיעמליאַ אי וואָליאַ". און די פֿאַרברעכערישקייט זעהט מען נעמליך אין די דאָזיגע ווערטער... נאָר וואָס־זשע פֿאַר אַ פֿאַרברעך איז דאָ אין דעם?... דער געזעץ פֿון 19 פֿעברואַר*) איז דורכגעדרונגען פּונקט מיט דעם זעלבן פּרינציפּ"... א. א. וו.

נאָך אָט דער גלענצענדער אַפּלייקענונג — טריט נאָך טריט — פֿון אַלע פּוסטע און נישטיגע באַשולדיגונגען, וואָס די פּאָליציי, צוזאַמען מיטן פּראָקוראָר, האָבן אַרויסגעוואָרפֿן אויף עטליכע יונגע לייט, איז איבערגעבליבן נישט קיין סך צו זאָגן, ווען ס׳איז אָנגעקומען זיין צייט צו רעדן. צוליב דער קורצקייט פֿון זיין רעדע, וועל איך זי ברענגען דאָ כמעט אינגאַנצן.

„די גאַנצע באַשולדיגונג קעגן מיר איז געבויט אויף די יעניגע באַווייזן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אויפֿן פּראָצעס. פֿון זיי ווייסט איר, אַז דעם 6־טן דעצעמבער בין איך געווען אויפֿן פּלאַץ און האָב געזעהן די דאָזיגע שרעקליכע רויטע פֿאָן... האָב איך אָבער באַגאַנגען עפּעס אַ פֿאַרברעך? אויב אָפּגעבן כּבוד דעם אָנדענק פֿון חברים, — און צווישן יענע מענשן, נאָך וועלכע מ׳האָט געוואָלט מאַכן אַ הספּד, זיינען פֿילע געווען מיינע חברים, געזעסן אויף איין שול־באַנק צוזאַמען מיט מיר, — אויב דאָס איז אַ פֿאַרברעך, איז דעמאָלט פֿאַרשטענדליך, אַז איך בין שולדיג. דערנאָך האָב איך געזעהן אַ פֿאָן און געהערט אַ רעדע. נאָר צי דען, אַז מ׳האָט אויגן איז מעגליך נישט צו זעהן, און אַז מ׳פֿאַרמאָגט אויערן, נישט צו הערן? וואָס איז נוגע דעם ווידערשטאַנד דער פּאָליציי, האָט

*) וועגן באַפֿרייען די פּויערים פֿון לייב־קנעכטשאַפֿט אין רוסלאַנד, אַרויסגעגעבן פֿון אַלעקסאַנדער II. איבערז.

אפילו דער פראָקוראָר אַליין אין זיין באַשולדיגונגס-רעדע נישט געפונען פאַר מעגליך איבערצוחזרן דאָס אויפן געריכט".

ניש קוקנדיג אָבער אויף דעם, וואָס אַזוי אַרום איז די שווערע באַשולדיגונג, וואָס איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף ביבערגאַלן „אין העצן צו אַ בונט" אינגאַנצן פון אים אומגעוואָרפן געוואָרן, האָבן די „גערעכטיגע ריכטער" דאָך פאַרמשפּט אים צו פופצעהן יאָר קאַטאָרגע-אַרבעט אין די סיבירער קוילנגריבער, ד. ה. פונקט צו אַזאַ שטראָף, ווען ער וואָלט געהרגעט עטליכע מענשן. און דאָס אַלץ — פאַר באַזוכן דעם סאָבאָר און אויסהערן אַ אומשולדיגע רעדע! היות אָבער ווי די איבעריגע אָנגעקלאָגטע, וואָס זיינען שולדיג געווען אין די זעלבע „שווערע פאַרברעכנס", זיינען פאַרמשפּט געווען נאָר צו פאַרשיקונג קיין סיביר און צו אַנדערע נאָך קלענערע שטראָפן, בלייבט איבער צו רעכענען, אַז ביבערגאַל האָט נאָר מיט זיין דרייסטער האַלטונג אויפן פראָצעס זיך פאַרדינט אָט דעם אומגעהערט האַרטן אורטייל אפילו פאַר דעמאָלטיגן רוסלאַנד.

אין ביבערגאַלס פאַרגאַנגענהייט איז לחלוטין גאָרנישט ניט געווען אַזעלכעס, צו וואָס די באַוואוסטע מיט זייער פליים רוסישע זשאַנדאַרמען וואָלטן זיך געקאָנט צוטשעפען. זייערע גרעסטע נאָכשפירענישן און אונטערזוכענישן האָבן געקאָנט נאָר פעסטשטעלן, אַז ביבערגאַל איז געווען אַ זון פון אַ קליינבירגער פון דער שטאָט יאַלטאַ. נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיגט די גימנאַזיע אין קערטש, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג, וואו ער איז אָנגעקומען אין דער מיליטער-מעדיצינישער אַקאַדעמיע. דאָרטן האָט ביבערגאַל זעהר פלייסיג געלערנט, האָט רעגולער באַזוכט די לעקציעס און איז איבערגעגאַנגען פון איין קורס אויפן אַנדערן. בעתן אַרעסט אויפן קאַזאַנער פלאַץ איז ער שוין געווען אויפן דריטן קורס און האָט, קענטיג, געשטרעבט צו מעדיצינישער קאַריערע. נאָר כמעט ווי יעדערער פראָגרעסיווער סטודענט דעמאָלט, האָט ער ליב געהאַט באַזוכן די

אָדער אַנדערע סכאָדקע (אומלעגאַלע סטודענטישע פֿאַרזאַמלונג), איבערלייענען אַ פֿאַרבאָטן בלעטל, אויסהערן אַ רעדע. גיין „אין פֿאָלק" האָט ער דאָך זיך נישט געקליבן און מיט פּראָפּאַגאַנדע זיך ערנסט נישט פֿאַרנומען. טיילווייז, קאָן זיין, האָט זיך דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס, שיער נישט אויפֿן ערשטן קורס נאָך, האָט ער זיך פֿאַרליבט אין אַ יונג אינטעליגענטיש מיידל אַ קריסטין, מיט וועלכער ער האָט באַשלאָסן אויף אייביג צו פֿאַראייניגן זיין לעבן. דעריבער, ווייזט אויס, איז ער נישט געוואָרן, ווי אַנדערע, קיין אַקטיווער טוער, האָט נישט אונטערגעצונדן הינטער זיך קיין בריקן, נאָר געשטרעבט צו באַקומען אַ דיפּלאָם פֿון אַ דאָקטאָר, כּדי חתונה צו האָבן מיט זיין געליבט מיידל, וואָס האָט געוואוינט אין זיין היים־שטאָט. ער איז אָבער געווען אַ רוהיגער, ערליכער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אויף אַלץ אָפּגערופֿן. דעריבער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך געגרייט, האָט ער אין איר זיך באַטייליגט און אַריינגעפֿאַלן אין קאַטאָרגע, ווען ער איז אַלט געווען אינגאַנצן 22 יאָר און בעת אין דער נאָהענטער צוקונפֿט איז אים פֿאָרגעשטאַנען אַ שטיל און גליקליך לעבן מיט דער געליבטער פֿרוי.

אַן אַנדערן יונגן מאַן וואָלט אַזאַ שרעקליכער און אינגאַנצן אומגעוואַרטעטער איבערקער געקאָנט ברענגען צו פֿאַרצווייפֿלונג, אַרויסרופֿן אַן אַפּאַטיע. מיט ביבערגאַלן איז דאָס נישט פֿאָרגעקומען, ער האָט ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ מאַנסבל, איבערגעטראָגן אַלע פּחדים און שרעקן, וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט זיין פּיליאָריגן לעבן אויף קאַטאָרגע און דערנאָך אין פֿאַרשיקונג.

זיין געליבט מיידל האָט געוואָלט מיטפֿאָרן מיט אים, כּדי צו פֿאַרגרינגערן אים זיין שווערן גורל. מיט דעם דאָזיגן גוטן שריט האָט זי, געוויינטליך, אים געהאָלפֿן פֿיל איבערצוטראָגן דעם אומגליק, וואָס איז פּלוצים אַראָפּגעפֿאַלן אויף זיין קאָפּ. נאָר, פֿון דער אַנדער זייט, האָט דאָס באַוואוסטזיין, אַז זיין

כּלה קומט אויס צו ליידן איבער אים פון כּלערליי אומאָנגענעמליכקייטן און שווועריגקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן לעבן אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקלען פון סיביר, נישט געקאָנט נישט שווער מאַכן זיין געמיט. באַזונדערס איז אי אים, אי איר שווער געווען, ביז ער האָט, אָפּקומענדיג דעם לאַנגן טערמין אויף קאַטאָרגע, זיך געפונען אין טורמע, און איר איז אויסגעקומען צו לעבן אַליין אין דער נאָהענט אין אַן אָרימען שטיבעלע, אין אַן אָרט, וואָס איז פול געווען מיט געפערליכע פאַרשוינען פון געוועזענע קרימינעלע פאַרברעכער, וואָס זיינען אָפּגעזעסן זייער טערמין אויף קאַטאָרגע. נאָר יענע צוויי טעג אין וואָך, ווען ביבערגאַלן איז ערלויבט געווען צו זעהן זיך מיט איר, פלעגן זיי טיילווייז באַפרידיגן פאַר דער איבעריגער צייט, אין וועלכער זיי פלעגן איבערטראָגן כּלערליי ליידן און פיין.

שווער און פאַמעליך האָט זיך געצויגן אַ יאָר נאָך אַ יאָר, — דערמיט איז אַוועקגעגאַנגען די גאַנצע יוגנט, די בעסטע צייט פון לעבן. ביבערגאַל און זיין פרוי האָבן געדולדיג געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן קאָנען, ענדליך, זיך צונויפגיין, לעבן אינאיינעם. נאָר דאָס דאָזיגע גליק זייערס איז אָנגעקומען פריהער, ווי זיי האָבן גערעכנט: דער מאַניפעסט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַלעקסאַנדער III קאָראָנאַציע, האָט אין אַ באַזונדערס גרויסער מאָס פאַרגרינגערט דעם גורל פון די מענשן, וואָס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן לויטן פּראָצעס וועגן דער דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פלאַץ. דאָס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדליך, ווייל אפילו די רעגירונגס־פאָרשטייער האָבן אַליין אין גיכן נאָך דעם אָנערקענט, אַז דער געריכט האָט שוין צופיל גרויזאַם זיך אָפּגערעכנט מיט די מענשן, וואָס די פּאָליציי האָט זיי גאַנץ צופעליג געפאַקט. אַדאַנק דעם דאָזיגן „צאַרישן גענאָד" איז ביבערגאַל אָפּגעווען אויף קאַטאָרגע נישט 15, נאָר „אינגאַנצן בלויז זיבן יאָר", און אין יאָר 1884 האָט מען אים פאַרמשפּט אויף פאַרשיקונג אין איבערבאַיקאַלער געגנט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ער און זיין פֿרוי האָבן זיך דערפֿיהלט גליקליך, ווייל פֿון איצט אָן, נאָך כּמעט צעהן יאָר וואַרטן, האָבן זיי, סוף כּל סוף באַקומען די מעגליכקייט צו לעבן אינאיינעם.

זיי האָבן געהאַט קינדער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער קאַמף פֿאַרן לעבן. אין דער זאָרג וועגן דערנערן און דערציהען די משפּחה האָט זעהר אַ סך געהאָלפֿן די שוואַכינקע, דאַרע, נאָר זעהר אַקטיווע און ענערגישע פֿרוי ביבערגאַל. אַדאַנק אירע קענטענישן אין פֿרעמדע שפּראַכן און מוזיק, האָט זי נישט נאָר געלערנט אירע אייגענע דריי קינדער, נאָר אויך געגעבן לעקציעס אַנדערע קינדער. אין די פֿאַרוואָרפֿענע ווינקלען פֿון מזרח=סיביר, וואוהין דער גורל האָט זי פֿאַרטראָגן מיטן מאַן, איז אויף די דאָזיגע קענטענישן אירע געווען אַן אָנפֿרעג ביי פֿאַרשיידענע אָנגעשטעלטע און ביי דער אָרטיגער אַריסטאָקראַטיע — ביי גלחים, וואָלאָסט=באַאַמטע און סוחרים.

נאָר ביבערגאַל אַליין איז אויך קיינמאָל נישט געזעסן צונויפֿגעלעגט די הענט. אַן ענערגישער און פֿעהיגער צו יעדער פּראַקטישער באַשעפֿטיגונג, פֿלעגט ער כּמעט תּמיד געפֿינען פּרנסה. מיט וואָס האָט ער נאָר זיך נישט פֿאַרנומען פֿאַר די לאַנגע יאָרן פֿון זיין לעבן אין פֿאַרשיקונג! ער האָט געאַרבעט אויף די פּילצאָליגע גאָלדגרובן אין יענע מקומות, איז געווען אַ ביוראָ=אָנגעשטעלטער, בוכפֿירער, לערער, קאָרעספּאָנדענט א. א. וו.

די יאָרן זיינען געגאַנגען. די קינדער האָט מען געדאַרפֿט אַריינברענגען אין לער=אַנשטאַלטן. נאָך א סך יאָרן פֿון אָפּזיין אין וועניג באַפֿעלקערטע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקלען און אין דער טאַיגאַ, האָט ביבערגאַל מיט זיין משפּחה סוף כּל סוף באַקומען די מעגליכקייט צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט בלאַגאָוועשטשענסק אַמורער געגנט.

ווען איך בין ווינטער 1885 אָנגעקומען אויף קאַטאָרגע, האָב איך שוין דאָרטן נישט געטראָפן ביבערגאַלן. צוערשט האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט כמעט אין פופצעהן יאָר אַרום, ווען נאָך פאַרשיידענע אַרומוואַנדלעניש, בין איך אויך אין יאָר 1899 אָנגעקומען אין דער שטאָט בלאַגאָוויעשטשענסק.

ביבערגאַל איז דעמאָלט אַלט געווען פינף און פערציג יאָר. נאָר ער האָט אויסגעזעהן אינגאַנצן אַ מוטיגער, שטאַרקער און ענערגישער מענש, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין שווערן לעבנס־קאַמף. הגם ער איז שוין דעמאָלט אָפגעווען עטוואָס ווייניקער פון פינף און צוואַנציג יאָר אין טורמעס און אין דער האַרטער סיביר, ווייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, האָט ער דאָך געהאַט אַ לעבעדיגן אינטערעס פאַר דעם, וואָס ס'האָט זיך דאָרט געטאָן. פאַרביי אים זיינען דורכגעגאַנגען פילצאָליגע פאַזיסן פון דער דאָזיגער באַוועגונג, וועגן וועלכע ס'זיינען דערגאַנגען צו אים נאָר בלויז מעשיות פון איינציגע אָנטיילנעמער אין זיי, וואָס האָבן זיך באַגעגנט מיט אים אויף קאַטאָרגע און אין פאַרשיקונג.

אַזוי אַרום, איז פאַר ביבערגאַלן דורכגעגאַנגען דער בעסטער פעריאָד, סיי פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, סיי אויך פון זיין אייגענעם לעבן, אין שווערע באַדינגונגען און אין האַרטן קאַמף פאַר דערנערונג און דערציהונג פון זיינע קינדער. נאָר, איך חזר איבער, אויף מיר האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פרעהליכן, אינטערעסאַנטן מיטשמועסער, וואָס האָט געהאַט מיט וואָס זיך צו טיילן פון זיין פיליאָריג לעבן אין דער סיבירער טאַיגאַ.

אין דער צייט פון אונזער בשותפותן לעבן אין בלאַגאָוויעשטשענסק איז ביבערגאַל געווען אַן אַגענט פון אַ טראַנספאָרט־קאָנטאָר „נאַדיעזשדאַ“, וואָס אינאיינעם מיט די הכנסות פון זיין פרוי פאַר לעקציעס האָט זיי געגעבן די מעגליכקייט צו לעבן אָן נויט.

זיין עלטערע טאָכטער יעקאַטערינאַ איז נאָכן ענדיגן די גימנאַזיע אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג אויף די העכערע קורסן, און

די קלענערע מיטן זון זיינעם זיינען געווען אין די לעצטע קלאַסן פון גימנאַזיע.

אַדאַנק זייער אינטעליגענטישקייט און אויך צוליב זייער הכנסת אורחים פלעגט די משפחה ביבערגאַל צוציהען צו זיך אונז אַלע אומוויליגע איינוואוינער פון סיביר. מיר האָבן גערן זיך צו־נויפגעקליבן ביי זיי, וואו מיר פלעגן פירן אומענדליכע שמועסן וועגן דעם עבר, הוה און עתיד פון רוסלאַנד און אַלע לענדער און פעלקער; אָדער מיר פלעגן הערן דאָס ניט שלעכטע שפילן פיאַנאָ פון זיין פרוי אָדער זון; איינינע פלעגן אין דער זעלבער צייט שפילן אין שאָך. נישט באַנוגענענדיג זיך מיט דעם דאָזיגן צייט־פאַרברענגען, האָבן מיר, פּאָליטיש־פאַרשיקטע, אָנגעהויבן אַרויס־געבן אַ פּראָגרעסיווע צייטונג „פּריאַמורסקי קראַי" („פּריאַמורער געגנט"), וואָס איז דערלויבט געווען פון דער מאַכט און איז ער־שינען אונטער דער צענזור. ביבערגאַל האָט זיך אויך אין איר באַטייליגט. זיינע אַרטיקלען וועגן דעם לעבן אין די גאָלדגרובן זיינען געווען אינטערעסאַנט און האָבן טיילוויז געטראָגן אַ גאַנץ קינסטלערישן כאַראַקטער.

ביבערגאַל איז בכלל געווען אַ פאַרשיידנזייטיגער מענש. די גרויזאַמע רוסישע פּאָליטישע באַדינגונגען האָבן געווים דער־שטיקט אין אים זיינע באַגאַבונגען.

איין זעהר שרעקליכע געשעהעניש האָט מיר געגעבן די מעג־ליכקייט אַ ביסל נעהענטער צו דערקענען ביבערגאַלס סימפּאַטישן כאַראַקטער. מ'זאָגט, אַז מענשן דערקענען זיך אַמבעסטן בעת אַן אומגליק. אויף ביבערגאַלן האָט זיך דאָס אינגאַנצן באַשטעטיגט.

זומער 1900 האָבן די זין פון דער הימל־אימפּעריע (די כי־נעזער), וואָס האָבן געלעבט אויפן כינעזישן ברעג פון דעם טייך אַמור אַנטקעגן בלאַגאָווישטשענסק, אַרויסגעוויזן העכסט פיינט־ליכע געפיהלן צו די רוסן: דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם באַוואוסטן באָקסער־אויפשטאַנד קעגן די אייראָפּעער. אויף אונז, פרידליכע איינוואוינער פון בלאַגאָווישטשענסק, האָבן זיך פונם כינעזישן ברעג אַ שאָט געטאָן באָמבעס און גראַנאַטעס, וואָס

פלענן פלאַצן אויף די גאַסן, און אויך טרעפן אין די הייזער, טראָגנ־דיג מיט זיך טויט און צעשטערונג און אַרויסרופנדיג שרפות...

ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַן אומגעהייערע פאַניק ס'האָט געדאַרפט אַרויסרופן אין בלאַגאָוויעשטשענסק די דאָזיגע באָמבאַרדירונג. פילע פון די, וואָס האָבן געלעבט אפילו אין די ווייטסטע קוואַרטאַלן, וואוהין ס'פלעגן זעלטן ווען אַריינ־פאַלן די באָמבעס, האָבן פון שרעק זיך אויסגעבאַהאַלטן אין קע־לערס אָדער, צונויפנעמענדיג אויף גיך די אַממערסטן ווערטפולע זאַכן, האָבן זיי פאַרלאָזט די שטאָט.

ביבערגאַלס דירה איז געשטאַנען אויפן ברעג טייך, פונקט אַנטקעגן די אויפגעשטאַנענע באָקסערן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער קעגנאיבערדיגער זייט פון טייך אַמור. זיין לעבן איז געווען אין דער שטאַרקסטער געפאַר, נאָר ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלוירן דעם מוט. אַרויסגעשיקט דאָס ווייב מיט די קינדער אין פאָרשטאָט, איז ביבערגאַל געבליבן אַליין אין דער דירה, ניט קוקנדיג אויף דער בקשה פון אונז, זיינע חברים, וואָס האָבן אים געבעטן זי צו פאַרלאָזן; נאָר ער איז בשום אופן נישט מסכים געווען צו טון דאָס, ווייל אין איר האָט זיך דאָך געפונען עפּעס פונם מעבל פון דער געזעלשאַפט „נאַדיעזשדאַ", וואָס ער האָט מיט סכנה פאַר זיין לעבן געהאַלטן פאַר זיין חוב דאָס אָפּצוהיטן.

אין יענע באַדייטונגספולע דריי וואָכן פאַר בלאַגאָוויעש־טשענסק האָב איך זיך אָפט געזעהן מיט אים: ער האָט זיך געוויצלט, געשפּאַסט פון די גראַנאַטעס, וואָס האָבן געפּלאַצט אַרום אונז און זיך גאָר נישט געהיט פון זיי. אַזאַ מוטיגקייט און זאָרג־לאָזיגקייט האָבן נישט געקאָנט נישט אַרויסרופן קיין סימפּאַטיע צו אים.

צום גליק האָט נישט ער אַליין, נישט זיין דירה נישט געליטן פון דער אומאויפהערלעכער באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגליכקייט צו טריאומפירן: „זעהט איר, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז נישט געווען קיין שום סכנה, און

ווען איך וואָלט פאַרלאָזן מיין דירה, וואָלט מען דאָרט אַלץ צע־רויבט".

סוף ניינציגער יאָרן, נאָך דער רעאַקציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט געהערשט אין משך פון אַ סך יאָרן, האָט זיך ווידער אָנגע־הויבן, ווי באַוואוסט, אַ באַדייטענדיגע אויפלעבונג. ווי דאָס קומט פאָר שטענדיג און אומעטום, זיינען די ערשטע קרבנות פונם נייעם אויפשוואונג געווען די לערן־יוגנט און די אַרבעטער.

ענליך דערצו, וואָס ס'איז פאָרגעקומען דעם 6־טן דעצעמבער 1876, האָט זיך אויך אין מערץ 1901 צונויפגעקליבן דער פראָגרע־סיווער טייל פון דער פעטערבורגער געזעלשאַפט אויפן קאַזאַנער פלאַץ, וואָס איז שוין געוואָרן אַ היסטאָריש אָרט, כדי אויסצודריקן זיין פּראָטעסט קעגן דער מאוסער אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. נאָר פאַר די 25 יאָר, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען זינט דער ערשטער דעמאָנסטראַציע, איז פאָרגעקומען אַ באַדייטנדער פּראָגרעס: דעמאָלט איז די צאָל פאַרזאַמלטע געווען אַזוי נישט גרויס, אַז ס'איז גענוג געווען אַ קליין הייפל פּאָליציי־לייט און פּריוווילינגע אויף אָפּשטעלן די דעמאָנסטראַציע און אַרעסטירן אירע אָנטיילנעמער; אין 25 יאָר אַרום האָבן זיך צוליב דעם געפּאָדערט שוין גאַנצע מחנות קאָזאַקן, וואָס האָבן אָנגענומען מער אַנט־שיידנדע מיטלען: אָנשטאָט צו שלאָגן מיט פויסטן, האָבן זיי געטראָטן די דעמאָנסטראַנטן מיט פערד און געפּאַסעוועט מיט נאַהאַיקעס. און לסוף האָט מען אַרעסטירט נישט עטליכע מענטשן, נאָר טויזנטער.

צום מערקווירדיגן קאַפּריז פונם גורל, האָט אין דער צווייטער דעמאָנסטראַציע אויפן קאַזאַנער פּלאַץ זיך באַטייליגט ביבערגאַלס עלטערע טאָכטער יעקאַטערינאַ, וועגן וועלכע איך האָב פריהער דערמאָנט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג אויף קורסן. זי האָט דערפאַר באַצאָלט אַ סך גרינגער פונם פאָטער: מ'האָט זי אויסגעשלאָסן פון דעם העכערן לערן־אַנשטאַלט און אָפּגעשיקט צו די עלטערן קיין בלאַגאָוועשטשענסק. אין דעם, פּאָלגליך,

האָט זיך שוין אויך אַרויסגעוויזן דער „פּראָגרעס״. נאָר דערמיט האָט זיך נישט געענדיגט די פּאָליטישע טעטיגקייט פון ביבערגאַלס יונגער טאָכטער: אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז אין יאָר 1908 יעקאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַרעסטירט געווען, אינאיינעם מיט אַנדערע ס״רן פאַרן אַטענטאַט אויפן גרויספירשט וולאַדימיר און פאַרמשפּט געוואָרן צו פּיליאָריגער קאַטאָרגע.

ביבערגאַלס בן יחיד, דער סטודענט וויקטאָר, איז אויך נישט איינמאָל צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט, נאָר, דאַכט זיך, אַז ער איז אָפּגעקומען נאָר מיט אַדמיניסטראַטיווע אַרויסשיקונגען. אַזוי אַרום האָבן צוויי דורות ביבערגאַל גענומען אַן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

ווען איך האָב באַשלאָסן פריהיאָר 1901 צו אַנטלויפן פון בלאַגאָווישטשענסק האָב איך ווען דעם לכתחילה געגעבן צו וויסן ביבערגאַלן. געזעגענענדיג זיך מיט מיר, האָט ער, געדענק איך, אויסגעדריקט די מורא, אַז אים וועט אויסקומען שטאַרבן אין סיביר. נאָר דער דאָזיגער פּעסימיסטישער קוק זיינער איז נישט מקויים געוואָרן: אין פינפטהאַלבן יאָר אַרום האָט די אַלגעמיינע אַמניסטיע, וואָס איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905, געגעבן די מעגליכקייט ביבערגאַלן, וועלכער האָט פאַרבראַכט כמעט דרייסיג יאָר אין סיבירער טורמעס, צו אומקערן זיך אַהיים. אַזוי טייער האָט באַצאָלט דער דאָזיגער ערליכער און אויפריכטיגער מענש פאַר זיין אָנוועזנהייט אויף דער ערשטער פּאָליטישער דע־מאָנסטראַציע. איך וועל דערמאָנען, אַז ביבערגאַל איז געווען דער ערשטער פון דער יידישער יוגנט, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין קאַטאָרגע, דערצו נאָך, ווי מיר זעהען, — אָן שום גרונדן דערצו. איינציייטיג איז ער אויך דער איינציגער פון אונז אַלע, יידן, וואָס האָט פאַרבראַכט אַזוי פיל יאָרן אין סיביר.

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך מיט אים געזעהן אין פּעטראָ־גראַד אין יאָר 1920; ער האָט שלעכט אויסגעזעהן; זיין געזונט איז געווען זעהר שוואַך. צי לעבט ער נאָך איצט, ווייס איך נישט.

קאַפּיטל יד

פּאַוועל באָריסאָוויטש אַקסעלראָד

ביז איצט האָב איך דערציילט וועגן יידן, וואָס האָבן אָדער געשפּילט אַ צווייטע ראָלע, אָדער זיינען צופעליג איבער ביי זייער גורל אַריינגעפאַלן אין דער צאָל „געפערליכע, שווערע פאַרברעכער“, נישט זייענדיג לחלוטין אַזעלכע אין דער ווירקליכקייט. איצט וועל איך איבערגיין צו די ווייניגע, וועגן וועלכע איך האָב דערמאָנט פריהער, ווי וועגן די סאַמע גרעסטע צווישן יידן־אָנטיילנעמער אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

איינעם פון די ערשטע ערטער צווישן זיי פאַרנעמט, אָן שום ספק, פּאַוועל באָריסאָוויטש אַקסעלראָד. ער געהערט צו די עלטסטע סאָציאַליסטן נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך צווישן אונזערע גלויבנס־חברים אין אַלע אַנדערע ציוויליזירטע לענדער. זיין נאָמען איז דעריבער לאַנג באַוואוסט יעדען, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן סאָציאַליזם. דערצו נאָך, נישט קוקנדיג אויף זיין עלטער — ער איז שוין אַלט איבער 70 יאָר, — הערט נישט אויף אַקסעלראָד אויך ביז איצט זיך אינטערעסירן מיט דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר אין די מאָדערנע קאָמפּליצירטע באַדינגונגען און פון צייט צו צייט רופט ער אויך זיך איצט אָפּ אויף די לעבעדיגסטע פראַגן און ערשיינונגען. אַקסעלראָד האָט פאַרדינט אַ באַדייטענדן כבוד, אַלס אומערמידליכער קעמפער, וואָס שטייט פעסט אויף זיין פּאָסטן אין משך פון העכער פופציג יאָר. פאַר אייניגע, דער עיקר פאַר מענשעוויקעס, — נישט קוקנדיג אויף דער העכסט טעותדיגער, ווי מיר וועלן ווייטער זעהן, פּאָזיציע, וואָס

ער האָט פאַרנומען אין דער מלחמה־צייט און פעברואַר־רעוואָלו־
ציע — בלייבט אַקסעלראָד אַלץ דער גרעסטער טאַקטיקער, דער־
פאַרענער און גענײטער אָנפירער. לאָמיר אים דעריבער אָפּגעבן
אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

א. זיין אָפּשטאַם, קינדער־ און לערניאָרן *).

אַקסעלראָד איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1850, — ער ווייסט
אַליין נישט פּינקטליך דעם טאָג און חודש, — אין עפּעס אַ
דערפל פון מגלינער אויעזד, טשערניגאָווער גובערניע, וואו זיין
פאָטער איז געווען אַן אַרענדאַר פון אַ קליינער, אָרימער קרעטשמע.

„איך געדענק, — דערציילט ער, — אַז מיר האָבן געוואוינט
אין אַ כאַטקע, וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער, אין וועלכן
ס'האָט געלעבט די גאַנצע משפחה, און אַהין פלעגן אַריינקומען
אויך די פויערים, אויסצוטרינקען אַ „טשאַרקע גאָרילקי" (אַ גלעזל
בראַנפן).

ס'איז ניט שווער, דעריבער, זיך פאָרשטעלן די סביבה, אין
וועלכער ס'זיינען דורכגעגאַנגען די ערשטע יאָרן פון אָט דעם
גרויסן מענשן.

„דער דלות איז ביי אונז געווען אַ געפערליכער", — שרייבט
ער ווייטער. און דערנאָך: „מיינע עלטערן פלעגט אַרומנעמען אַ
פּחד בפועל ממש, ווען זיי פלעגן זעהן, אַז דער גוטבאַזיצער (אַ
קליינער, ווייזט אויס) גייט צו אונז, כדי צו פאָדערן די אַרענדע".

אַקסעלראָד דערמאָנט זיך אויך, אַז חוץ דעם דאָזיגן גוטבאַ־
זיצער, האָט אויך דער סטאַנאָוואָי געוואָרפן אַ ציטער אויף זיינע
עלטערן, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן, געוויינטליך, אויך די קינ־
דער. אַזוי דערמאָנט ער וועגן אַזאַ צופאַל: „איינמאָל, ווען מ'האָט

---

*) פאַר דעם קאַפּיטל באַנוץ איך זיך מיט די איינגנהאַנטיגע
זכרונות פון פּ. ב., וואָס ער האָט אָנגעשריבן און זיי מיר צוגעשיקט
מיט 10 יאָר צוריק קיין ניו־יאָרק פאַר מיין אַרטיקל וועגן אים אין
דער „צוקונפט".

זיך דערוואוסט, אַז דער סטאַנאָוואָי איז געקומען אין דאָרף אַריין, האָט זיך דער פֿאָטער ערגעץ באַהאַלטן, און די מוטער און מיר, קינדערלאַך, זיינען, פֿאַרשטייט זיך, געזעסן, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם, און מורא האָבנדיג פֿאַרן קומען פֿונם שרעקליכן און אַלמעכטיגן נאַטשאַלניק". דערנאָך באַמערקט ער:

„די פֿאָרשטעלונג וועגן דער „אַלמעכטיגקייט" פֿון יעדן „פּאַן", ד. ה. פֿון יעדן פּריווילעגירטן מענשן, און נאָך מיט אַ קאָקאַרדע, איז אַזוי פֿעסט געזעסן אין מיר, און דאָס גלויבן, אַז סיי דער ייד, סיי דער פּויער זיינען מחויב אַראָפּצונעמען פֿאַר אים דאָס היטל, איז אַזוי איינגעוואָרצלט געווען אין מיר, אַז, ווען איך בין געקומען קיין מאָהילעוו, כּדי אַריין אין אַ גימנאַזיע, האָב איך אויף דער גאַס אַראָפּגענומען דאָס היטל נישט נאָר פֿאַר אַלע מיליטער-לייט און באַאַמטע, נאָר אפילו פֿאַר מיינע צוקינפֿטיגע חברים, די גימנאַזיסטן".

אין דער דאָזיגער שרעקליכער סביבה פֿון אַ דאָרפֿישער קרעטשמע איז אַקסעלראָד אָפּגעווען ביז 8—9-יאָריגן עלטער. נאָך דעם האָבן זיינע עלטערן איבערגעוואַנדערט אין דעם שטעטל שקלאָוו, וואו זיין פֿאָטער איז געבוירן געוואָרן און וואו ער איז געווען אַ מיטאייגנטימער פֿון אַ האַלב-חרובע אָרימע דירהלע, וואָס ער האָט באַקומען אין ירושה. נאָר נישט לאַנג האָט זיך די משפּחה באַנוצט אפילו מיט אָט דעם נישטיגן גליק: אינגיכן נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך איבערגעצויגן מיט גרויס מאַטערניש אַהיים, איז אַקסעלראָדס דירהלע, צוזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל, פֿאַרברענט געוואָרן.

„מיר זיינען געבליבן בפּועל ממש קבצנים", — דערציילט אַקסעלראָד. „איך געדענק נישט גענוי, — דאַכט זיך, אַז צוויי צי דריי יאָר, אויב נישט מער, האָבן מיר געוואוינט אין אַ מושב-זקנים, פֿריִער נעכטענדיג אין אַ בשותּפֿותדיגן חדר אויף פּאָלאַטיעס (הילצערנע באַנקבעטלאַך) און לסוף, ווען מ'האָט דעם פֿאָטער געמאַכט פֿאַר אַן אויפֿזעער אָדער פֿאַרוואַלטער פֿון דעם

דאָזיגן מושב־זקנים, האָט מען אונז דאָרט אָפּגעטיילט אַ באַזונ־דערן צימער".

און אָט, זייענדיק אין אַזאַ אָרימער סביבה, האָט אַקסעלראָד שוין פון דעם ייִנגסטן עלטער אָנגעהויבן אַליין צו „פאַרדינען" אויף ברויט. נאָר ווי ער דערציילט אין זיינע זכרונות — „מיט אַ שרעקלעכער פּרנסה".

„די אָרימע לייט, וואָס האָבן געוואוינט אין אָט דעם מושב־זקנים, פלעגן מיך מיטנעמען מיט זיך יעדן פרייטאָג צו קלייבן נדבות איבער די הייזער, און איך פלעג עפּעס ברענגען די עלטערן, מערסטענטייל עסנווארג, און אַמאָל אויך מלבושים".

שפּעטער האָט זיין פאָטער געפונען טאָג־אַרבעט: ער פלעגט אָנלאָדן און אויסלאָדן ברויט פון די דאַמפּערס אויפן ברעג דניעפּר, און ווען דעם דאָזיגן פּעריאָד דערמאָנט פּ. אַקסעלראָד, ווי ווען אַ גליקלעכער צייט אין לעבן פון זיין משפּחה: „אונזער משפחה האָט דעמאָלט כמעט יעדן טאָג געגעסן מיטאָג און בכלל, אויף וויפל איך געדענק, האָט זי נישט געפּיהלט אַזאַ באמת שרעק־ליכע נויט, ווי אין משך פון עטליכע יאָר פאַר אונזער איבערפאָרן קיין שקלאָוו".

דאָרטן האָט מען דעם עלפיאָריגן אַקסעלראָדן אָפּגעגעבן אין אַ קאַזיאָנער שול, וואו מ'האָט געלערנט מיט ייִדישע ייִנגלאַך לייענען רוסיש און אַריטמעטיק. ווי מיר ווייסן שוין, האָבן ייִדן געהאַלטן פאַר אַן עבירה אָפּצוגעבן זייערע קינדער אין אַזאַ שול. נאָר אַזוי ווי איר אויפזעהער — אַ קריסט — פלעגט אַרומגיין אי־בער די חדרים און פאָדערן, אַז די מלמדים זאָלן שיקן צו אים די מינימאַלסטע צאָל שילער, וואָס מ'האָט געדאַרפט שיקן, פלעגן די מער פאַרמעגליכע ייִדן זיך אַרויסדרעהען פון דער דאָזיגער „התחייבות" מיט אונטערקויפן אָדער דינגען: ס'פלעגן זיך גע־פינען אָרימע ייִדן, וואָס פלעגן פאַר דעם אָדער אַנדערן סכום מסכים זיין צו שיקן זייערע קינדער אין אַ „גויאישער שול", נאָר דאָס, פאַרשטענדליך, פלעגט נישט פאָרקומען אָן טרערן און געוויין.

פריהער האָב איך שוין מיטגעטיילט, ווי אַזוי, אַדאַנק דער דאָזיגער לאַגע, איז אַקסעלראָד אָנגעקומען אין אַ „קאַזיאָנער שול" און אַז ער האָט דערפאַר באַקומען מלבושים, שיך און צוויי מאָל אין וואָך עסן. נאָך מער: קוים באַוויזן זיך אויסצולערנען לייענען, איז ער שוין געוואָרן אַ לערער פון רוסיש ביי איינעם אַ יינגל פאַר גאַנצע אַכט קאָפּיקעס אַ חודש און פאַר עסן איין טאָג אין וואָך.

„און שפּעטער, — דערציילט אַקסעלראָד, — פלעג איך נאָך פאַרדינען מיט שטיוול־פּוצן אַלע פרייטאָג. איך האָב אויך גע־דינט אַלס „קאַמערדינער" ביי איינעם פון מיינע שול־לערער און פלעג דערפאַר באַקומען ביי אים עסן צוויי מאָל אין וואָך און אויסער דעם אויך געהאַט ביי אים אַ „וואוינונג", ד. ה., איך האָב געהאַט דאָס רעכט צו זיצן אין פאָדערצימער און אויך שלאָפן דאָרט אויף דער פאָדלאָגע, געוויינטליך, אָן בעטגעוואַנט, וואָס האָט מיר דאָך נישט געשטערט צו שלאָפן זעהר שטאַרק און געשמאַק".

געענדיגט מיט אַן אויסצייכענונג די צווייקלאַסיגע שול אין שקלאָוו, האָט אַקסעלראָד זיך דערוואוסט וועגן דער עקסיסטענ־ץ פון נאָך וויכטיגערע לערן־אַנשטאַלטן, — ווי גימנאַזיעס, ראַבינער־שולן און אוניווערסיטעטן. און אָט האָט ער נאָך מיט איינעם אַ חבר, וואָס איז אויף אַ סך עלטער געווען פון אים, באַשלאָסן זיך לאָזן צופוס קיין מאָהילעוו, כּדי אָנצוקומען דאָרט אין אַ גימנאַזיע, האָבנדיג אין טאַש אַ גאַנצן „קאַפּיטאַל" — 35 קאָפּיקעס.

„איך וועל פאַרביינגיייענדיג באַמערקן, — שרייבט אַקסעל־ראָד, — אַז איך בין אָנגעקומען אין אַ גוייאישער שול אין אַזאַ צייט, ווען מיין פאָטער איז נישט געווען אין שקלאָוו, און האָב זיך אַוועקגעלאָזט קיין מאָהילעוו אויך בעת ער איז נישט געווען אין דער היים: דער פאָטער וואָלט געוויס נישט מסכּים געווען צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע עבירה, ווי לערנען מיך גויאיש, אָבער די מוטער האָט אַרויסגעוויזן מער נייגונג צו ליבעראַליזם".

ווייטער דערציילט אַקסעלראָד, ס'אַראַ נסיונות ער איז אויס־געשטאַנען, ווען ער האָט געשפּאַנט קיין מאָהילעוו: ס'האָט געגאָסן אַ שלאַקסרעגן, חוץ דעם האָט ער אַ ביסל מורא געהאַט פאַר וועלף, ווייל ס'איז אים אויסגעקומען צו גיין דורך וואַלד.

זיין חבר האָט מען ניט אָנגענומען אין שול, און אַקסעלראָד האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין ערשטן קלאַס. נאָר אין וועלכע מאַטעריעלע באַדינגונגען ער האָט זיך געפונען קאָן מען בעסער פון אַלץ זעהן פון פאָלגענדן:

„די ערשטע צייט, — איך געדענק נישט וויפיל געמליך, — שרייבט אַקסעלראָד, — האָב איך גענעכטיגט אויף אַ שענק־הויף, וואו ס'פלעגן זיך אָפּשטעלן יידישע גבירים אין זייערע פורגאָ־נעס. דערנאָך האָט מיך גענומען צו זיך מיינער אַ פעטער, וואָס האָט אַליין מיט זיין גרויסער פאַמיליע געוואוינט אין איין צימער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קעלער, און וואוהין מ'האָט געדאַרפט זיך אַראָפּלאָזן מיט סכנה פאַרן לעבן איבער שטאַרק אויסגע־קרימטע און צעבראָכענע טרעפּ".

ב. דער גאַנג פון זיין גייסטיגער אַנטוויק־לונג.

איך וויל דאָ נישט ברענגען, מחמת דוחק אין אָרט, אַקסעל־ראָדס באַשרייבונגען, ווי אַזוי אַרום ער האָט געקראָגן פאַר זיך דעם מונדיר, וואָס מ'האָט געפאָדערט צו טראָגן אין גימנאַזיע, און אויך, ווי אַזוי ער האָט זיך איינגעאָרדענט מיט עסן וכדומה. פון דעם, וואָס איך האָב פריהער דערציילט, וועט, דענק איך, דער לעזער זיך פאָרשטעלן, אין וועלכע אומגעהייער שווערע באַדינגונ־גען ס'איז דורכגעגאַנגען אַקסעלראָדס לערנען אין גימנאַזיע.

דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פון דעם זיעבנצעהנדיגן גימנאַזיסט האָט מיטגעהאָלפן דער עיקר די רוסישע ליטעראַטור און אַזעלכע גרויסע שרייבער, ווי טורגעניעוו און בעלינסקי, וואָס זייערע ווערק פלעגן אַריינפאַלן אין זיינע הענט. אין גוטן זינען האָט אויך גע־ווירקט אויף אים די באַקאַנטשאַפט מיטן לערער פון געשיכטע,

שפּעטער דעם נאָמען באַוואוסטן אין רוסלאַנד פּראָפעסאָר כלעבניקאָוו, וואָס האָט געהאַט זעהר אַ גוטע מיינונג וועגן אַקסעלראָדן. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אַזאַ זאַך, וואָס ער דערציילט: „אין פערטן קלאַס האָב איך שוין אָנגעהויבן באַוואוסטזיניג שטרעבן צו „בילדן“ די יידישע יוגנט, צו באַפרייען זי פון רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אָבערגלויבענישן דורך פאַרשפּרייטן צווישן איר יענע אידעען, באַגריפן און שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין מיין קאָפּ אונטער דער ווירקונג פון די פריהער דערמאָנטע רוסישע שרייבער, און אויך פון בערנע און דאָבראָליובאָוון, נאָר נישט פון טשערנישעווסקי, מיט וועמענס שריפטן איך האָב זיך באַקענט שוין אַלס רעוואָלוציאָנער, און אויך נישט פון פּיסאַרעוון“.

די גרעסטע ווירקונג אויף אַקסעלראָדן האָבן געהאַט אויך די ביכער, וואָס זיינען צופעליג אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט: לאַסאַלס „אַרבעטער־פּראָגראַם“ און גוצקאָווס ראָמאַן „די ריטער פון גייסט“. די דאָזיגע צוויי ווערק האָבן גענויט אַקסעלראָדן איבערצוגיין פון דעם קלטור־וועג אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג. „ביז איך האָב דורכגעלייענט אָט די ביכער, — דערציילט ער, — בין איך געווען פאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן דעם, ווי אַזוי צו אָפּגעבן זיך איינגאַנצן דעם ענין פון דערנעהענטערן די יידן צו דער אַלגעמיינער און רוסישער קולטור“. צוליב דעם פלעגט אַקסעלראָד זיך גרייטן שטודירן די העבראעישע שפּראַך, וועלכע ער האָט נישט געקענט, און אויך די יידישע געשיכטע.

ווייטער דערציילט ער, אַז ביז יענער צייט האָט ער זיך געפונען אויסשליסליך אין דער סביבה פון זיינע גלויבנס־חברים און קיין שום פאָרשטעלונג נישט געהאַט וועגן דעם, וואָס ס'האָט זיך געטאָן אין דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט. ער האָט, למשל, אינגאַנצן ניט געוואוסט, אַז דער צאַר האָט באַפרייט די פּויערים און אויך נישט וועגן די איבעריגע רעפאָרמעס פון אַלעקסאַנדער II. צופעליג נאָר קומען אים אויפן געדאַנק שטילע שמועסן צווישן יידן וועגן עפּעס פאַרגרינגערונגען פון זייער גורל, אויף וואָס זיי האָבן געוואַרט. וועגן די אָנטייל־

נעמער פון פוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1863 האָט אַקסעל־ראָד געהאַט אַ פאָרשטעלונג, ווי וועגן עפּעס „שלעכטע מענשן", „מורדים".

„בעת קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט אויפן צאַר (4 אַפּריל 1866 יאָר) בין איך אַוועק אין סינאַגאָגע, כּדי צו באַטייליגן זיך אין די דאַנקבאַרע תּפילות פון די יידן פאַר דעם צאַרס רעטונג, הגם אין יענער צייט בין איך שוין נישט געווען פרום".

דערנאָך, ווען אַקסעלראָד איז שוין געווען אין 5־טן אָדער אין 6־טן קלאַס גימנאַזיע, האָט ער אויפריכטיג געגלויבט, אַז דער צאַר שטעלט זיך איין פאַרן פאָלק, נאָר אַז די הויכגעשטעלטע פערזאָנען, וואָס געפינען זיך אַרום אים, נאַרן אים.

און אָט, זייענדיג שוין סטודענט פון ניעזשינער ליצעי, וואוהין אַקסעלראָד איז לכתחילה אָנגעקומען, האָט ער אַליין נאָך נישט געהאַט קיין שום קלאָרע פאָרשטעלונג, ווי אַזוי זיך אָפּצוגעבן דער אַרבעט פאַרן פאָלק. דעם דאָזיגן וועג האָבן אים אָנגעוויזן די פריהער דערמאָנטע צוויי ווערק — לאַסאַלס און גוצקאָווס.

„דער ראָמאַן „די ריטער פון גייסט", וואָס באַשרייבט די געשעהענישן און העלדן פון דער רעוואָלוציע פון 48־טן יאָר אין דייטשלאַנד, האָט מיך מיט אַמאָל איבערגעטראָגן אין דער סביבה פון די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען, וועגן וועלכע איך האָב געהאַט נאָר אַן אומקלאָרע פאָרשטעלונג פון די שול־לערנביכער. לאַסאַלס אַגיטאַציאָנס־רעדעס האָבן אויפגעטרייסלט מיין מוח און פאָרשטעלונג מיט דער גראַנדיעזישקייט פון דער פּערספּעקטיוו, ווי אַזוי צו באַפרייען די גאַנצע מענשהייט פון אָרימקייט, קנעכטשאַפט און עם־הארצות דורך דער גרויסער באַפרייאונגס־באַוועגונג פונם אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיגע איינגאַנצן נייע אידעע פאַר מיר האָט מיט אַמאָל באַזייטיגט אַלע מיינע וואַקלעניש בנוגע צום אויסקלייבן דעם געביט פון מיין טעטיגקייט. „די יידן־פראַגע" האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט נאָר פאַר אַ קלייניקער אין פאַרגלייך מיט דער „אידעע פון פערטן שטאַנד", וואָס נעמט אַרום די ראַדיקאַלע לעזונג פון אַלע פריוואַטע פראַגעס, פון וועלכע

ס׳קומען אַרויס פֿאַרשיידענע אומגערעכטיגקייטן און אומגליקן פון די מאַסן״.

ג. דער רעוואָלוציאָנס-וועג

שוין צום אָנהויב יאָר 1872 איז אַקסעלראָד, אינגאַנצן אומאָפּ-הענגיג פון דעם זעלבן געדאַנקען-גאַנג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער אייגענער צייט אין די מוחות פון פילע פאָרשטייער פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער יוגנט, געקומען צום אויספיר וועגן דער נויטיגקייט צו ווירקן דורך געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַ-ניזאַציעס.

אין פעברואַר צי אין מערץ 1872, — דערציילט ער, — האָב איך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון טעטיגקייט פאַר דער אַלרוסלענ-דישער אָרגאַניזאַציע מיט אַ געהיימען רעוואָלוציאָנערן צענטר אין די אוניווערסיטעט-שטעט און אַן אַלגעמיינעם צענטר — בראש.

מיט דעם דאָזיגן צוועק, אָפּגעזאָגט זיך פון אַ גוט אָרט אַלס רעפּעטיטאָר, וואָס איז אים פאָרגעשטאַנען, האָט ער זיך אַוועק-געלאָזט קיין ניעזשין, כּדי צו „זאַמלען זיינע ערשטע אָנהענגער״. נאָר אין משך פון עטליכע חדשים האָט זיך אים איינגעגעבן צו-ציהען אינגאַנצן נאָר איין גריגאָרי גורעוויטשן, וועגן וועלכן איך וועל דערציילן ווייטער. דערנאָך, בעת דעם זומער פונם זעלבן יאָר איז אַקסעלראָד מיט דעם אייגענעם צוועק געקומען צו פאָרן קיין קיעוו, וואו מיר האָבן זיך אויך מיט אים באַקענט, ד. ה. מער ווי מיט 50 יאָר צוריק.

איך געדענק גוט יענעם גוטן איינדרוק, וואָס האָט געמאַכט אויף מיר און מיינע חברים — יידישע גימנאַזיסטן און סטודענטן, דער פרישגעקומענער יונגערמאַן פון 21-22 יאָר פון קליינעם וואוקס, מיט אַ שוואַרץ בערדל און לעבעדיגע, קלוגע אויגן. אַקסעלראָד האָט גערעדט גיך, שטאַרק מאַכנדיג מיט די הענט, מיט היץ און טיפן גלויבן אין דער גערעכטקייט פון די אידעען, וואָס ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט. ער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן, פרעדיגנדיג פון אינדערפריה ביז שפּעט ביינאַכט; אומעטום — אין שטוב,

אויף דער גאַס אָדער אין אוניווערסיטעט — האָט ער אַליין גערעדט, געטענהט מיט לײַדנשאַפֿט פֿון אַ פֿאַנאַטיקער, און דערמיט פֿלעגט ער מיטציהען נאָך זיך אַ סך מענשן. נישט ביז דעם, נישט נאָך דעם איז צווישן דער יידישער יוגנט אין קיעוו נישט געווען קיין אַנדערער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַרויסגערופן אַזאַ ליבע און פֿאַרערונג, ווי פּאַוועל אַקסעלראָד. אין עטליכע חדשים אַרום, און, קאָן זיין, אויך וואָכן אַרום, נאָך אונזער קימען אין שטאָט אַריין, איז ער שוין געווען דער סאַמע פּאָפּולערסטער מענש צווישן אונז און, הגם ער איז געווען עלטער פֿון אונז אַלע אינגאַנצן אויף עטליכע יאָר, האָבן מיר זיך דאָך באַצויגן צו אים, ווי צו אַ פֿיל מער ערפֿאַרענעם, אויסגעפּרואווטן, און בעיקר, ווי צו אַ חבר, וואָס ווייסט זעהר גוט וואָס געמליך מ׳דאַרף טון. נאָר לאָמיר זיך אומקערן דערציילן וועגן דעם עבר, וואָס אַקסעלראָד באַשרייבט אַליין.

„אין קיעוו, — דערציילט ער ווייטער, — איז פֿאַר מיר אינגיכן קלאָר געוואָרן, אַז די פּראָגרעסיווע סטודענטנשאַפֿט איז נאָך נישט געקומען צו זיך פֿונם ניעטשאַיעווער בּוּנט, וואָס האָט זיך געענדיגט מיטן מאָרד פֿון דעם אינגאַנצן אומשולדיגן סטודענט איוואַנאָוו און צעשטערונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע קעמערלאַך“.

זומער אָדער האַרבסט־צייט פֿונם זעלבן יאָר איז אַקסעלראָד מיטן אייגענעם צוועק אַראָפּגעפֿאָרן קיין אדעס, וואו ער האָט אגב געפּרואווט צו אַגיטירן אין זיין גלויבן דעם סטודענט אַנדרעי זשעליאַבאָוו, וועלכער איז דאַן געווען אַ ריינער „קולטורטרעגער“, און, פֿאָלגליך, אַ קעגנער פֿון פֿאַרשווערערישער טעטיגקייט.

אינגיכן נאָך דעם האָט אַקסעלראָד זיך איבערגעצייגט אין דעם, אַז זיינע האָפֿענונגען צו שאַפֿן אַן אַלרוסלענדישע געהיימע אָרגאַניזאַציע מיט דער הילף פֿון דער אינטעליגענץ — זיינען אומזיסט, און ער האָט אָנגעווענדעט זיין אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט צווישן דעם פֿאָלק גופא.

אין דער זעלבער צייט, — אין אָנהויב זיבעציגער יאָרן, ווי איך האָב שוין פֿריהער מיטגעטיילט, — האָט די פּראָגרעסיווע

יוגנט אין גאַנץ רוסלאַנד באַשלאָסן צו ווידמען זיך נעמליך דער דאָזיגער טעטיגקייט. אַקסעלראָד איז, אַזוי אַרום, געווען איינער פון די ערשטע נישט נאָר צווישן די יידישע, נאָר אויך צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן צום ענין פון דינען די אַרבעטנדע מאַסן. צוזאַמען מיט גריגאָרי גורעוויטש, און אויך מיטן סטודענט סעמיאָן לוריע, וועגן וועלכן איך וועל דערציילן ווייטער, האָט אַקסעלראָד איינגעשטעלט באַציהונגען מיט עטליכע אַרבעטער־אַרטעלן פון פלאָטניקעס, סטאָליערס און גלעזערס. זיי האָבן גענומען לערנען די דאָזיגע אַרבעטער לייענען, האָבן מיט זיי געלייענט פאַרשיידענע פּאָפּולערע ביכלאַך, און דערנאָך געפירט אויך רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן זיי.

חוץ דעם האָט אַקסעלראָד זיך געמיהט זאַמלען אָנהענגער פון זיינע אידעען צווישן די סטודענטן, און אינגיכן האָט זיך אים איינגעגעבן צו שאַפן אַ קליין קרייזל, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין אוממיטלבאַרע באַציהונגען מיט עטליכע קרייזלאַך, וועלכע זיינען געווען אין דער זעלבער צייט אין פּעטערבורג און אַדעס. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז די דאָזיגע קרייזלאַך זיינען געווען פאַראייניגט דורך דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט עקסיסטירט אין פּעטערבורג, און וועלכע איז באַוואוסט געווען אונטערן נאָמען „טשאַיקאָווצעס“. דאָס קרייזל, וואָס אַקסעלראָד האָט געגרינדעט אין קיעוו, ווי אויך דאָס אַנדערע אין אַדעס, וואו, ווי איך האָב שוין מיטגעטיילט, ס'האָט געאַרבעט טשודנאָווסקי, איז געווען אַן אָרטיגע אָפּטיילונג פון די „טשאַיקאָווצעס“. חוץ אַקסעלראָדן אַליין, גריגאָרי גורעוויטשן און סעמיאָן לוריע, זיינען פון יידן דערנאָך אַריינגעטראָטן אַהין צוויי ברידער לעווענטאַל און צוויי שוועסטער קאַמינער, די טעכטער פונם באַוואוסטן יידישן פּאָעט ד״ר איסאַק קאַמינער, וועגן וועלכן מיר וועט אויך אויסקומען נאָך צו דערציילן.

לויט זיינע אָנשויאונגען האָט אַקסעלראָד געהערט צו די באַקוניסטן אָדער אַנאַרכיסטן, ד. ה., ער האָט צוגעגעבן אַ גרויסן באַדייטונג דער אַגיטאַציע אין פאַרבינדונג מיט די פאָלקס־שטרעבונגען. אָט וואָס ער זאָגט אַליין וועגן זיין דעמאָלטיגער שטימונג:

„זי ווערט כאַראַקטעריזירט דערמיט, וואָס איך האָב שנעל, אָן שום וואַקלעניש, באַשלאָסן אַוועקצולאָזן זיך אָפּזוכן איינעם אַ רויבער, וואָס טיילט פונאַנדער זיין רויב צווישן די פויערים און וועלכער נעמט בכלל נקמה פאַרן פאָלק, איז אַן „אינסטינקטי־ווער רעוואָלוציאָנער". אמת, איך האָב זעהר גוט פאַרשטאַנען, אַז איך — „אַ יידל, אַ זשידיק" (יעווריטשיק, זשידאָק") בין ווייט נישט קיין פּאַסנדער פאַרמיטלער צווישן די רעוואָלוציאָ־נערן און דעם דאָזיגן כאָכאָל — דעם רויבער. נאָר די איבעריגע „בונטאַרעס" האָבן זיך נישט געקליבן צו נעמען זיך פאַר דעם דאָזיגן ענין און דערפאַר האָב איך זיך אויף דעם באַשלאָסן.

און אָט, זומער 1874 האָט אַקסעלראָד זיך אַוועקגעלאָזט איבער דערפער און שטעטלאַך פון פּאָלטאַווער גובערניע אָפּצו־זוכן דעם רויבער דעם בעל־צדקה, וואָס האָט אים זיך געמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע עפּעס ווי אַ פאָלקיסט אַ רעוואָלוציאָנער. אָבער סוף כל סוף איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז אין דער ווירקליכ־קייט איז אַזאַ רויבער אויף דער וועלט נישט געווען.

ד. דער אַרויספאָר קיין אויסלאַנד. דאָס לעבן אין בערלין און אין דער שווייץ. דער אומקער קיין רוסלאַנד

אַקסעלראָדן, ווי אויך אַלע דעמאָלטיגע רעוואָלוציאָנערן, איז נישט לאַנג אויסגעקומען צו אַרבעטן: סוף זומער 1874 האָבן זיך אָנגעהויבן, ווי איך האָב שוין מיטגעטיילט, מאַסן־אונטערזוכן און אַרעסטן אין פאַרשיידענע עקן רוסלאַנד. זיי האָבן אין צוזאַ־מענהאַנג מיט דער פּראָפּאַגאַנדע אין 36 גובערניעס, ווי ס'ווייסט שוין דער לעזער, געבראַכט צום „פּראָצעס פון די 193".

אַקסעלראָד איז צופעליג נישט געווען אין דער היים, ווען ס'זיינען געקומען זשאַנדאַרמען אים אַרעסטירן. דאָס זעלבע האָט זיך אויך געטראָפן מיט זיינע צוויי חברים, די ברידער לעווענ־

טאַל. אַלע דריי, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט וועגן באַזוך פון זייערע דירות דורך צאַרישע משרתים, האָבן באַשלאָסן זיך אויס־צובאַהאַלטן. נאָר וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע דאָס איז געווען אין יענע צייטן וועט באַווייזן אַקסעלראָדס דערציילונג גופא.

„איבער דעם פולשטענדיגן דורכפאַל פון אונזערע אָרגאַני־זאַציעס אין קיעוו, מאָסקווע, אָדעס, פעטערבורג און אַנדערע שטעט, איז אונז אויסגעקומען אַרומצוואַנדערן איבער דער פראָ־ווינץ, נישט געפינענדיג אין ערגעץ נישט קיין מקום־מקלט, נישט קיין מעגליכקייט צו קריגן עפעס אַ פּאַפּירל, וואָס מ'וואָלט גע־קאָנט צושטעלן אין פּאָליציי. אין איין שטעטל (קלימאָוויטשי) פון מאָהילעווער גובערניע האָט מען אונז פאַרהאַלטן, נאָר אונז האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן; אין אַן אַנדער דאָרף, ווי נאָר מיר זיינען אַרויס פון דער שטוב פון איינעם מיינעם אַ חבר, איז תיכף נאָך אונז אָנגעקומען פּאָליציי אונז צו זוכן; און סוף כל סוף האָט מען אין אַ דריטן דאָרף אַרעסטירט מיך מיט לייזער לעווענ־טאַלן און מיט אַ פויער אונז אָפּגעשיקט צום סטאַנאָוואָי. נאָר מיר זיינען פונם פויער אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין, פון וואַנען, נאָך עטליכע שעה אַרומבלאָנדזשען, איז געלונגען אַרויס־גיין אויף אַ וועג און איך געדענק נישט ווי אַזוי מיר האָבן זיך דערשלעפּט קיין מאָהילעוו. דאָרט האָבן אונזערע זוכענישן פון דאָקומענטן אויך זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומזיסטע. נאָך דעם איז אונז גאָר נישט ניט געבליבן צו טון, ווי אַריבערפירן זיך קיין אויסלאַנד, וואו מיר האָבן גערעכנט צו זיין נאָר עטליכע חדשים, ביז ס'וועט זיך אונז איינגעבן צו געפינען וועלכע ס'ניט איז באַ־ציהונגען מיט רוסלאַנד און אַרויסקריגן פאַר זיך פּעסער“.

אַזוי אַרום זיינען אין האַרבסט 1874 אַקסעלראָד און ביידע לעווענטאַלס געוואָרן עמיגראַנטן. פריהער פון אַלץ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין, וואו אַקסעלראָד האָט זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן דעם ענין צו באַקענען זיך מיט דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

„די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך אוממיטלבאַר מיט דער באַוועגונג פונם „פערטן שטאַנד" איז געווען פאַר מיר אַ מאָטיוו, וואָס האָט מיר גרינגער געמאַכט מיין באַשלוס אַוועקצופאָרן כאָטש אויף אַ צייט קיין אויסלאַנד", — דערציילט ער אין זיינע זכרונות.

כּדי דער לעזער זאָל אינגאַנצן פאַרשטיין דעם זינען פון די דאָזיגע אַקסעלראָדס ווערטער, דאַרף איך דערמאָנען, אַז אין יענע ווייט־אָפּגעשיידטע צייטן האָבן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן געהאַלטן פאַר אוממעגלעך צו עמיגרירן: דאָס האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי אַן „אַנטלויפן פון שלאַכט־פעלד", שיער נישט ווי אַ פאַרראַט איבער פּחדנות. דער אמתער רעוואָלוציאָנער האָט געהאַלטן פאַר נויטיג, ווען די פּאָליציי פלעגט אפילו שטאַרק אים זוכן, צו בלייבן אין רוסלאַנד אויף אַן „אומלעגאַלער לאַגע", ד. ה. צו וואוינען אויף אַ פרעמדן אָדער פאַלשן דאָקומענט. נאָר מיר האָבן געזעהן, אַז אַקסעלראָדן און זיינע פריינט האָט זיך נישט איינגעגעבן צו באַקומען קיין פּעסער, — איז זיי דעריבער ווילנדיג נישט ווילנדיג, אויסגעקומען, כאָטש אויף אַ צייט, זיך אַריבערכאַפּן קיין אויסלאַנד.

„און אָט, — דערציילט ווייטער אַקסעלראָד, — אויך נאָך איצט, אין פערציג יאָר אַרום, נאָך דער פאַרווירקליכונג פון דעם דאָזיגן באַשלוס, האָב איך נישט קיין חרטה וועגן מיין אַרויספאָר קיין אויסלאַנד, אפילו פאַרקערט. איך האָב לכתחילה זעהר שלעכט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס מ'האָט גערעדט אויף די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. דאָך האָבן זיי געמאַכט אויף מיר אַן אומגעהייערן איינדרוק".

די באַקאַנטשאַפט מיט דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט זעהר פיל געגעבן אַקסעלראָדן אין טעאָרעטישן און טיילווייז אויך אין פּראַקטישן זינען, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס אים שפּעטער געהאָלפן צו פאַרשטיין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען, וועמענס ערשטער אָנזאָגער ער איז געווען אין רוסלאַנד צוגלייך מיט פּלעכאַנאָוו. וועגן דעם אָבער ווייטער.

*

*　　*

ווינטער 1874—1875 האָט אַקסעלראָד געמוזט איבער פאַר־שיידענע סיבות איבערפאָרן פון בערלין קיין גענף וואוהין ס'איז אינגיכן געקומען צו פאָרן אויך זיין כלה — נאַדיעזשדאַ איסאַקאָווגאַ — ד"ר י. קאַמינערס עלטסטע טאָכטער. דאָרט איז ער זיך צונויפגעקאַנגען מיט אַ גרופע אַלטע עמיגראַנטן, באַקוגינס אָנהענגער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַנאַרכיסטישע ווערק, און אויך (אין יאָר 1876) אַ זשורנאַל „ראַבאָטניק" („אַרבעטער"), צו־ליב וועלכן אַקסעלראָד האָט אָנגעשריבן עטליכע אַרטיקלען. נאָך נאָך זומער 1875 האָט ער אויף אַ צייט זיך אַוועקגעלאָזט „אום־לעגאַל" קיין רוסלאַנד מיט די „געהיימע רעוואָלוציאָנערע מאַני־פעסטן", וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געווען אין גענף, כדי מיט זייער פאַרשפּרייטונג אין פאָלק, אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד צווישן די פויערים. אָבער, געוויינטליך, נישט באַוויזנדיק דאָס דורכצופירן. האָט ער אין עטליכע חדשים אַרום זיך אומגעקערט צוריק קיין גענף, וואוהין ער האָט געמוזט קומען צוליב פאַמיליע־ענינים. סוף 1877 יאָר האָט אַקסעלראָד צוזאַמען מיט דער אויבנדערמאַנ־טער גרופע באַקוניסטן פאַרגענומען אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „אָבשטשינאַ" („געמיינדע"), אין וועלכן זיינע גרויסע אַרטיקלען וועגן דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן געהאַט דעם גרעסטן ווערט און האָבן נאָך אויך ביז איצט נישט פאַרלוירן זייער אינטערעס.

ווי זיינען אין די דאָזיגע יאָרן, וואָס ווערן דאָ באַשריבן, גע־ווען די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון אַקסעלראָדן מיט זיין משפחה, וועלכע האָט זיך פאַרגרעסערט נאָך דער געבורט פון אַ טאָכטער, קאָנען בעסער פון אַליץ באַווייזן זיינע פאָלגענדע שורות:

„אַ פיר חדשים, — דערציילט ער, — האָב איך זיך גע־לערנט סטאָלעריי און בין געקומען דערצו, אַז איך פלעג פאַרדי־

נען צו 16 פראַנק *) אַ חודש פאַר אַן עלפשעה־דיגן אַרבעטס־טאָג. איך האָב זעהר שווער און פּאַמעליך זיך געדרוקט פאָראויס, אויב איך האָב בכלל עפּעס זיך אויסגעלערנט. און דער עיקר אי־בער דעם, וואָס איך פלעג שרעקליך מיד ווערן, האָב איך אָנגע־ווארירן דעם אַפּעטיט און אַזוי שוואַך געוואָרן, אַז איך בין גענויט געווען צו פאַרלאָזן די דאָזיגע באַשעפטיגונג".

דערנאָך האָט זיך אַקסעלראָד גענומען צו לערנען די מלאכה פון אַ זעצער: „איך האָב דערגרייכט צו אַ פאַרדינסט פון 2 ביז 3 פראַנק אַ טאָג". אָבער ביי אַזעלכע פאַרדינסטן איז אים מיט דער משפחה אויסגעקומען שטאַרק צו ליידן הונגער. ווען איך בין אין האַרבסט 1878 צוריק געקומען צו פאָרן קיין גענף, האָב איך אים דאָרט געפונען מיט זיין משפחה אין זעהר שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען. נאָר, צוהערנדיג אַקסעלראָדס פייער־דיגע רעדעס, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין ער־פאָלג פון סאָציאַליזם, וואָלט קיינער פון זייטיגע מענשן זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דעם זעלבן אינדערפריה האָט ער, קאָן זיין, געבראָכן דעם קאָפּ איבער דער פראַגע, ווי אַזוי צו קריגן 20 סאַנטים **) אויף אַ פלאַש מילך פאַרן קינד, און אַז ביי טאָג פלעגט ער זיך ווידער פאַרטראַכטן וועגן דעם, ביי וועמען צו באָרגן, כדי צו קויפן עפּעס אויף מיטאָג.

חוץ דער מיטאַרבעטערשאַפט אין די אומלעגאַלע אויסגאַבעס, וואָס פלעגן צונעשטעלט ווערן קיין רוסלאַנד (געוויינטליך אויפן קאָנטראַבאַנדע־אופן), — פלעגט אַקסעלראָדן אַמאָל אויך זיך איינגעבן צו דרוקן אַרטיקלען אין די גרויסע רוסישע זשורנאַלן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פעטערבורג. נאָר דאָס פלעגט זיך טרעפן זעהר זעלטן. און ווען ס'פלעגט זיך יאָ איינ־געבן, פלעגט אָפּט דער האָנאָראַר, איבער די אָדער יענע סיבות, נישט אָנקומען צו אים.

---

*) דאָס איז דעמאָלט געווען בערך 5 רובל. ל. ד.

**) אין יענער צייט איז עס געווען 7½ קאָפּ. ל. ד.

ה. דער צווייטער אומקער קיין רוסלאַנד

הגם אַקסעלראָד, ווי מיר האָבן פֿריִער געזעהן, האָט שפּעטער נישט חרטה געהאַט, וואָס ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד, דאָך האָט אים זיין געצוואונגען לעבן דאָרט אין משך פֿון עטליכע יאָר זעהר שטאַרק געדריקט, און ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות געריסן צוריק צו דער שטענדיגער אַרבעט אין דער היים. אין אַזאַ נעמליך אָנגעשטרענגט-וואַרטנדיגן צושטאַנד האָב איך אים געטראָפֿן אין גענף: ער האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי צו קריגן געלט, כּדי צו צעצאָלן זיך מיט די חובות און, אינאיינעם מיט דער משפּחה, זיך אומקערן קיין רוסלאַנד.

פֿריהיאָר 1879 איז דער דאָזיגער ליידנשאַפֿטליכער פֿאַרלאַנג זיינער פֿאַרווירקליכט געוואָרן. אין פּעטערבורג האָט זיך געגרינדעט דאַן דער „צפון-רוסישער אַרבעטער-פֿאַרבאַנד“, וואָס איז דעמאָלט שטאַרק פּאָפּולער געווען, און וואָס איז באַשטאַנען, ווי באַוואוסט, פֿון אינטעליגענטע אַנטוויקלטע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט דעם ציל צו אַנטוויקלען דורך מינדליכער און שריפֿטליכער פּראָפּאַגאַנדע דאָס קלאַסן-באַוואוסטזיין פֿון די אַרבעטער. צוליב דעם דאָזיגן צוועק האָבן זיי געגרינדעט אין רוסלאַנד אַ געהיימע דרוקעריי, אין וועלכער זיי האָבן געוואָלט אַרויסגעבן זייער אייגענעם אָרגאַן. אָט די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע איז נאָך אין האַרבסט 1878, דורך איר דעלעגאַט דעם אַרבעטער אָבנאָרסקי, אַריינגעטראָטן אין אונטערהאַנדלונגען מיט אַקסעלראָדן, איינלאַדנדיג אים זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, כּדי צו נעמען אויף זיך דעם אָנפֿיר מיט זייער אָרגאַן.

ס׳איז ניט שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַקסעלראָדס פֿרייד, ווען זיין בעסטער חלום איז פֿאַרווירקליכט געוואָרן. באַלד נאָך דעם, ווי ער האָט באַקומען געלט פֿון דעם דאָזיגן פֿאַרבאַנד, האָט ער זיך שנעל צוגעגרייט אין וועג, האָפֿנדיג אַ סך אויפֿצוטון אַלס אָנפֿירער פֿונם ערשטן ספּעציעלן אַרבעטער-אָרגאַן אין יענע צייטן אין רוסלאַנד.

קיין בּעסערן טעטיגקייטס=געביט פאַר אים, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געריסן אין דער אַרבּעטער=סביבה, איז אוממעגליך געווען צו טראַכטן. נאָר דאָס לעבּן האָט אָפּגענאַרט זיינע האָפענונגען: ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין פּעטערבּורג, האָט דער פּאַררעטער ריינשטיין, וואָס האָט זיך אַריינגעדרייט אין דעם „צפון=רוסישן אַרבּעטער=פאַרבּאַנד“, אַרויסגעגעבּן אַלע און אַלעמען דער פּאָליציי, פאַר וואָס ער איז אינגיכן אויך דערהרגעט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערן.

נאָר אַקסעלראָד האָט געפונען פאַר זיך נישט וועניג אַנדערע פרוכטבּאַרע אַרבּעט אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען איינער פון די סאַמע אינטערעסאַנטע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בּאַוועגונג: אין דעם דאָזיגן יאָר האָט זיך אָנגעהויבּן אַ סיסטעמאַטישער קאַמף פון די טעראָריסטן שוין נישט מיט דעם צאַרס משרתים, נאָר מיט אים אַליין: אין אַפּריל חודש האָט סאָלאָוויאָוו נעבּן דעם ווינטער=פּאַלאַץ אויסגעשאָסן עטליכע מאָל אין אַלעקסאַנדער II, אין נאָוועמבּער חודש האָבּן די „נאַראָדאָוואָלצעס“, דורך אונטערגראָבּן זיך אונטער איינעם אַ הויז, אויפגעריסן דעם צוג, אין וועלכן, ווי זיי האָבּן געמיינט, זאָל האָבּן געזעסן דער צאַר, נאָר ער איז געווען אין אַן אַנדער צוג, און דעריבּער איז ער געבּליבּן לעבּן.

דער טעראָריסטישער קאַמף, ווי בּאַוואוסט, האָט נאָך פריהער געבּראַכט צו אַ שפּאַלטונג צווישן די מיטגלידער פון „זיעמליאַ אי וואָליאַ“: אַ טייל פון די טעראָריסטן איז אַנטשלאָסן אַרויסגעטראָטן קעגן אָט דעם מיטל, ווייל דער דאָזיגער קאַמף האָט געדראָהט צו פאַרשלינגען אַלע רעוואָלוציאָנערע כּוחות און מיטלען; די דאָזיגע מענשן האָבּן געהאַלטן פאַר מער צוועקמעסיג צו פאַרנעמען זיך ווי פריהער מיט אַגיטאַציע צווישן די פּויערים און אַרבּעטער. צווישן זיי איז אויך געווען פּ. בּ. אַקסעלראָד.

אויף וויפיל דאָס איז מעגליך געווען פאַר אַן „אומלעגאַלן“, האָט ער געפירט אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבּעטער און געהאַט דאָרט ערפאָלג. אָבּער ווען די געזעלשאַפט „זיעמליאַ

אי וואָליאַ״, ווענן וועלכער איך וועל דערציילן ווייטער, האָט זיך צעטיילט אויף „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ („פאָלקס־ווילן״) און „טשאָרני פּערעדעל״ („שוואַרצער צעטייל״ [פון ערד]), איז אַקסעלראָד, אינאיינעם מיט מיר, פּלעכאַנאָוון, וויעראַ זאַסוליטש, סטעפּאַנאָוויטש, אַפּטעקמאַנען און אייניגע אַנדערע, אַריינגע־טראָטן אין דער לעצטער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבליבן געטריי די פאָלקיסטישע אויפגאַבעס און שטרעבונגען.

אונזער אָרגאַניזאַציע „טשאָרני פּערעדעל״ האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין פּעטערבורג אַן אומלעגאַלן אָרגאַן; אַלס זיין רעדאַקטאָר, חוץ פּלעכאַנאָוון, איז אויסגעקליבן געוואָרן אויך פ. ב. אַקסעלראָד. נאָר צוליב געוויסע אומשטאַנדן האָט זיך אים נישט איינגעגעבן אָנצושרייבן פאַרן „טשאָרני פּערעדעל״ קיין איין אַרטיקל, הגם ס׳זיינען אינגאַנצן ערשינען פינף נומערן, — ס׳וואָלט אויסגעקומען צופיל צו שרייבן, כּדי צו דערקלערן, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

ער איז אָפּגעווען אַ גאַנץ יאָר אין רוסלאַנד ביי העכסט שווערע באַדינגונגען: כּמעט אונזער גאַנצער אָרגאַניזאַציע, צוליב דעם, וואָס אַ זעצער פון אונזער אומלעגאַלער דרוקעריי האָט זי אַרויס־געגעבן, איז צעשטערט געוואָרן: נאָר אַקסעלראָד און נאָך עטליכע מיטגלידער, וואָס האָבן געוואוינט אין דער פּראָווינץ, האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פונם אַרעסט. בכלל האָט אַקסעלראָדן אָפּגע־גליקט אין דעם פּרט: ער איז קיין איין מאָל נישט ניט אַרעס־טירט געווען אין רוסלאַנד, אַלס „פּאָליטישער״, ד. ה. דורך זשאַנ־דאַרמען, הגם, ווי מיר האָבן געזעהן, האָט ער זיך צוויי מאָל אומ־געקערט פון אויסלאַנד אַלס „אומלעגאַלער״.

ו. ווידער אין דער עמיגראַציע

אַוועקפאָרנדיג זומער 1880 ווידער קיין אויסלאַנד, האָט אַק־סעלראָד געהאַט בדעה נאָר איבערצוּוואַרטן ערגעץ נעבן רוס־לאַנד, ביז ס׳וועלן נישט איינגעשטילט ווערן די שטאַרקע רדיפות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מצד דער מאַכט. צוליב דעם האָט

ער אויסגעקליבן די שכנישע רומעניע, וואוהין ער האָט אַרויסגערופן זיין פרוי מיט די צוויי קליינע קינדער, וועלכע ער האָט לאַנג נישט געזעהן. נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רומענישע רעגירונג האָט, וועלנדיג אַ טובה טון דעם רוסישן צאַר, אַרעסטירט אַקסעלראָדן, גאָלדענבערגן און נאָך עטליכע אונטערטאַנער פון אַלעקסאַנדער II, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, כּדי זיי אים אַרויסצוגעבן. צום גליק האָט זיך אַקסעלראָדן אויפן וועג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איינגעגעבן צו אַנטלויפן פונם דאַמפער. נאָך דעם האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט ווידער אין דער שווייץ, וואו ער האָט זיך, צוליב דער דערציהונג פון זיינע קינדער, באַזעצט אין ציוריך, וואָס האָט זיך געפונען עטוואָס אָן אַ זייט פון גענף — דעם גרעסטן דעמאָלט עמיגראַנטישן צענטר.

נאָך דעם זיינען אַוועק לאַנגע און זעהר שווערע יאָרן פאַר אַקסעלראָדן און זיין משפּחה, וואָס האָט זיך פאַרמערט נאָך מיט איין קינד. קיין באַשטימטע מיטלען צום לעבן, האָט ער, ווי פריהער, נישט געהאַט, זיינע פאַרדינסטן זיינען אַליין געווען צופעליגע. ציימנוויז איז די נויט געווען נישט אַריבערצוטראָגן. נאָר די שווערע לעבנס-באַדינגונגען האָבן דאָך נישט אָפּגעריסן אַקסעלראָדן פון דער אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט נאָך אין דער פריהער יוגנט, — צו באַפרייען דעם אַרבעטער-קלאַס.

אין האַרבסט 1883, ד. ה. פונקט מיט פערציק יאָר צוריק, האָט אַקסעלראָד, אינאיינעם מיט מיר, וויעראַ זאַסוליטש, וו. איגנאַטאָוו און פלעכאַנאָוון, זיך באַטייליגט אין דער גרינדונג פון דער גרופּע „אַרבעטס-באַפרייאונג“, וואָס איז געווען, ווי באַוואוסט, דאָס ערשטע קעמערל פון ר. ס.-ד. אַ.-פּ.

שטעלנדיג זיך אַלס ציל צו באַקענען די רוסישע פּראָגרעסיווע יוגנט און די אַרבעטער מיט דער לערע פון מאַרקס און ענגעלס, האָט אונזער גרופּע באַשלאָסן צוליב דעם צוועק אַרויסגעבן בראָשורן, ביכער, זאַמלונגען און זשורנאַלן אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „ביבליאָטעק פון וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם“; אַלס רעדאַקטאָרן פון די דאָזיגע אויסגאַבעס, ווי אויך אין דער אָרגאַניזאַציע

פון „טשארני פערעדעל", האבן מיר, אינאיינעם מיט פלעכאנאוון, ווידער אויסגעקליבן אקסעלראדן.

אין משך פון די וויטערדיגע 35 יאר כמעט האט אקסעלראד, ביי די מייסטענס העכסט-שווערע מאטעריעלע באדינגונגען, און אויך אייניגע פיזישע שלאפקייטן, געפירט לויט זיינע כוחות א מינדליכע און שריפטליכע פראפאגאנדע צווישן די פילצאליגע רוסן, וואס פלעגן קומען אין יענע יארן קיין אויסלאנד. פאר דעם דאזיגן לאנגן פעריאד האט ער אנגעשריבן עטליכע גאנץ גוטע ווערק, וועלכע מ'האט אין זייער צייט געלייענט מיט אינטערעס: זיי זיינען זאכליך, אינהאלטספול און קלוג; דער אווטאר האט אין זיי ארויסגעוויזן א פעהיגקייט פאראויסצוזעהן דעם וויטערדיגן אנטוויקלונגס-גאנג פון אונזער ארבעטער-באוועגונג און דער רוסישער רעוואלוציאנערער אינטעליגענץ. צוליב אקסעלראדס ניישט-גינסטיגע לעבנס-באדינגונגען, אין וועלכע ער האט זיך געפונען, ווי מיר זעהען, פון זיין געבוירן אן, איז פון אים נישט ארויסגעקומען נישט קיין גרויסער שרייבער, נישט קיין רעדנער: ער האט תמיד געשריבן מיט אן אומקלארן, שווערליכן סטיל, און דערפאר איז זיינע ווערק שווער געווען צו לייענען. איבער די אנגעוויזענע סיבות האט אקסעלראדן, צום באדויערן, זיך אויך נישט איינגעגעבן צו באקומען קיין געהעריגע ערודיציע, וואס האט געפאסט פאר זיין לאגע, און וואס ער האט זיך אויך אליין מודה געווען אין זיינע בריוו צו די פריינט.

א סך צייט און אויפמערקזאמקייט האט ביי אים צוגענומען דער קעפיר-אנשטאלט, וואס ער האט געמוזט גרינדן אינאיינעם מיט זיין פרוי און זיין חבר א שותף אין דער מיט אכטציגער יארן, כדי מפרנס צו זיין די משפחה. די שווערע און דויערנדיגע טאג-טעגליכע ארבעט אין דער דאזיגער אונטערנעמונג, וואס איז גאר און גאר וויט געווען פון זיינע גייסטיגע באדערפענישן, האט אפט פארביטערט אים דאס לעבן און כמעט געבראכט צו פארצווייפלונג.

און דערווייל האָט די פּראָפּאַגאַנדע פֿון די מאַרקסיסטישע אָנשויאונגען, וואָס דער עיקר פּלעכאַנאָוו האָט פֿאָרגענומען אין אָנהויב אַכטציגער יאָרן, האָט נאָר צו דער מיט נײַנציקער יאָרן אָנגעהויבן געבן אין רוסלאַנד קלאָרע, ממשותדיגע רעזולטאַטן: איינע נאָך דער אַנדערער האָבן אָנגעהויבן אויפֿקומען, לכתחילה אין פּעטערבורג און דערנאָך אין אַנדערע גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען, אינטעליגענטישע, און שפּעטער אויך אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען געווען מיט די אידעען פֿון וויסנשאַפֿטליכן סאָציאַליזם. באַגלײַך מיט דעם האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אומלעגאַל, געוויינליך, אין אויסלאַנד און אין רוסלאַנד, חוץ בראָשורן און בלעטלאַך, אויך אָרגאַנען, וואָס פֿלעגן ערשײַנען אומפּעריאָדיש. און אין יאָר 1900 זײַנען אין אויסלאַנד אויפֿגעקומען אײַנצײַטיג די באַוואוסטע „איסקראַ“ („דער פֿונק“) און „זאַריאַ“ („דער מאָרגנשטערן“). אַקסעלראָד, אַלס מיטגליד פֿון דער גרופּע „אַרבעטס־באַפֿרייאונג“ איז, אינאײנעם מיט וו. אי. זאַסוליטש און פּלעכאַנאָוו, אויך געווען אין דער צאָל מיטגלידער פֿון דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע. אמת, אויך אין די דאָזיגע צוויי אָרגאַנען האָט ער אויך, איבער די שוין פֿריהער דערמאָנטע סיבות, זעהר ווייניג אָפּגעדרוקט אַרטיקלען, נאָר דערפֿאַר האָט אַקסעלראָד תּמיד גענומען זעהר אַ גרויסן אָנטייל אין דעם באַטראַכטן די פּרינציפּיעלע שטעלונגען פֿון אונזער ריכטונג, פּראָגראַם וכדומה. די מערהייט פֿון דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע, ווי אויך אַ סך אַנדערע פּאַרטיי־מיטגלידער, האָבן דאָס געהאַלטן פֿאַר העכסט ווערטפֿול.

בעת דעם באַרימטן אַלגעמיינעם אָקטאָבער־שטרייק פֿון יאָר 1905, וואָס האָט נאָך זיך אַרויסגערופֿן, ווי באַוואוסט, אַ „נייע תּקופֿה“, — די „פּאָליטישע פֿרײַהייטן“, האָט דעם אומגליקליכן פּאַוועל באָריסאָוויטשן געטראָפֿן אַ גרויסע צרה: די שטענדיגע באַגלייטערין פֿון זײַן לאַנגיאָריגן און שווערן רעוואָלוציאָנערן לעבן, זײַן שטאַרק געליבטע פֿרוי, די גוטע, אויפֿריכטיגע נאַדיעזשדאַ איסאַקאָוונאַ, מיט וועלכער ער האָט דורכגעלעבט

גאַנצע דרייסיק יאָר, איז שטאַרק קראַנק געוואָרן און געהאַלטן ביי שטאַרבן.

איך האָב זי, ווי אויך עטליכע אירע שוועסטער, וועלכע זיינען טיילווייז אויך צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געקענט נאָך פון מיינע גאָר יונגע יאָרן: נאַדיעזשדאַ קאַמינער האָט געהערט, לויט דער איבערגעגעבנקייט די אינטערעסן פון די אַרבעטנדע מאַסן, לויט איר גרייטקייט מקריב צו זיין דערצו אַליך דאָס טייערסטע, צום בעסטן טייל רוסישע פרויען. איר טויט איז דעריבער געווען אַ גרויסער פאַרלוסט נישט נאָר פאַר פּאַוועל באָריסאָוויטש, נאָר אויך פאַר אַלע חברים, וואָס האָבן זי געקענט פון דער נאָהענט.

באַגראָבן די הייסגעליבטע פרוי, האָט אַקסעלראָד פריהיאָר 1906, נאָך 26 יאָר לעבן אין עמיגראַציע, זיך אַוועקגעלאָזט קיין רוסלאַנד.

דאָ האָט ער, ווי געוועהנליך, אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע מיטן צוועק אויפצוהויבן דאָס קלאַסן-באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער. צוליב דעם, ווי באַוואוסט, האָט ער פאַרן בעסטן מיטל געהאַלטן צו פאַרשפּרייטן די אידעען פון דעם „אַרבעטער-צוזאַמענפאָר“, וואָס איז אין זיין צייט געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער און אינטעליגענץ, וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט צו די מענשעוויקעס. כ׳וועל באַמערקן, אגב, אַז איך האָב נישט געהערט צו דער צאַל אנהענגער פוז דעם דאָזיגן פּלאַן, אָבער אויספירליכער וועגן דעם אן אַנדערס מאָל.

זומער 1907 איז אַקסעלראָד אינאיינעם מיט פערטהאַלבן הונדערט דעלעגאַטן געקומען צו פאָרן אויפן צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן. און ווען גיך נאָך דעם איז אין רוסלאַנד פאָרגעקומען דער אַרעסט פון דער גאַנצער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע פון דער מלוכה-דומע, און שפּעטער דאָס צעטרייבן די לעצטע, האָט אַקסעלראָד, ווי אויך מיר אַלע, נישט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק, ביי דער סטאָליפּינישער

אָרדענונג, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין רוסלאַנד, צו אומקערן זיך אַהין צוריק.

און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן צידען פאַר אים אַ לאַנגע צייט פון עמיגראַנטישן לעבן. ס'האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אומענד־ליכע באַראַטונגען צווישן אייגענע, קאָנפערענצן מיט באָלשעווי־קעס און אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציעס, לאַנגע רע־דערייען וועגן שלום, שפּאַלטונג, הסכּם, און ווידער וועגן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן א. א. וו.

און פּלוצים האָט אויסגעבראָכן די שרעקליכע אַלוועלטליכע מלחמה, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־שחיטה פון מענשן, וואָס איז נאָך נישט געזעהן געווען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט לויט איר גרוים און מיטלען. די מערדהייט האָט פאַר־לוירן דעם פּשוטן שכל, אָנגעוואוירן די פעהיגקייט אָפּצוטיילן שוואַרץ פון ווייס, גוטס פון שלעכטס.

איך האָב געוואוינט דעמאָלט אין ניו־יאָרק. מיר איז דעריבער נישט באַוואוסט פּונקטליך, וואָס האָט איבערגעלעבט אין דער דאָזיגער שרעקליכער צייט אַקסעלראָד, — ער האָט פּלוצים אויפ־געהערט צו ענטפערן אויף מיינע בריוו. נאָר פון די בריוו פון פריינט — ג. וו. פּלעכאַנאָוס, זיין ווייבס, און אויך פון דער גע־שטאָרבענער אידאַ אַקסעלראָד, — האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פּ. ב. אַקסעלראד האָט לכתּחילה אינגאַנצן געהאַלטן פון דער שטעלונג, וואָס געאָרגי וואַלענטינאָוויטש *) האָט פאַרנומען אין דער דאָזיגער מלחמה, דערנאָך פּלוצים, נישט דערקלערנדיג שריפטליך גאָרנישט נישט אים, נישט מיר וועגן זיינע מאָטיוון האָט ער פּלוצים זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די „מלחמה־קעגנער“, אָדער אַזוי גערופענע דעמאָלט „צימערוואַלדיסטן“.

וואָס ווייטער, אַלץ מאָדנער און אומפאַרשטענדליכער איז גע־וואָרן פאַר אונז אַלע, זיינע אַלטע פריינט און גלויבנס־חברים, זיין אייפפירונג: נאָך דעם נצחון פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע, איז

*) פּלעכאַנאָוו.

ער מיט ווילהעלמס דערלויבעניש, אינאיינעם מיט פיל אַנדערע צימערוואַלדיסטן, דורכגעפאָרן דורך דייטשלאַנד, דערנאָך, ווען ער איז אָנגעקומען קיין שטאָקהאָלם, האָט ער צוזאַמען מיט מאַרטאָוון אין פריהיאָר 1917 פאַרעפנטליכט אַ פּראָטעסט קעגן דער פייערליכער באַגעגעניש, וואָס דער פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט האָט געמאַכט דעם גרינדער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי ג. וו. פּלעכאַנאָוון; שפּעטער האָט ער אויף איינער אַ פאַרזאַמלונג פון מענשעוויקעס אין פּעטראָגראַד פאָרגעלעגט צו רעכענען „אויסער דער דעמאָקראַטיע" דעם זעלבן אַלטן פריינט זיינעם און מיטקעמפער, וועמען ער האָט, לויט זיין אייגענער אָנערקענונג אין בריוו, אַ סך געהאַט צו פאַרדאַנקען.

דערמיט און מיט ענליכע מעשים האָט אַקסעלראָד אַליין צעריסן אַלע באַציהונגען מיט זיינע אַלטע פריינט און גלויבנס-חברים, מיט וועלכע ער איז, האַנט אין האַנט, געגאַנגען אין משך פון 35 יאָר. זינט דעם דאָזיגן ריס איז שוין אַוועקגעגאַנגען מער פון פינף יאָר, און איך קאָן זיך אַליין נישט קלאָר מאַכן דעם אינטעלעקטועלן און פּסיכישן פּראָצעס, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען, און וועלכער האָט אים געבראַכט צו דער שטעלונג, וואָס ער האָט פאַרנומען בעת דער מלחמה און רעוואָלוציע: ער האָט נישט געמאַכט קיין שום פּרואוו צו דערקלערן דאָס אונז, זיינע געוועזענע אַלטע פריינט.

נאָר איך בין צופיל פאַרלאָפן פאָרויס, צו דער נייער צייט. לאָמיר זיך אוקערן צו דער לאַנג פאַרגאַנגענער צייט, צו די זיבעציגער יאָרן און צו די יידן, וואָס האָבן דעמאָלט געווירקט.

צווישן די סאַמע נאָהענטע מענשן צו פּ. אַקסעלראָדן, חוץ די פריהער דערמאָנטע ברידער לעווענטאַל, וועגן וועלכע איך וועל דערציילן ווייטער, איז דער סאַמע גרעסטער געווען סעמיאָן לוריע. פון אים וועל איך אָנהויבן מיין דערציילונג וועגן דעם ערשטן אין מיין שטאָט יידישן קרייזל.

קאַפּיטל טו

סעמיאָן לוריע

פּונקט ווי סאָלאָמאָן טשודנאָווסקי איז געווען דער ערשטער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין אָדעס, אַזוי איז סעמיאָן לוריע געווען אין דעם זעלבן פּרט דער ערשטער אין קיעוו לויט דעם זעלבן „פּראָצעס וועגן פּראָפּאַגאַנדע אין 36 גו־בערניעס“, נאָך מער: פון אַלע אָנטיילנעמער אין דער באַוועגונג פון יענער באַרימטער תּקופה איז ער געווען אויך דער ערשטער רעוואָלוציאָנער, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן אַנטלויפן פון אַרעסט. ווי אַקסעלראָד, איז אויך לוריע געווען איינער פון מיינע סאַמע יינגסטע חברים. צוליב דעם אַלעם וועל איך זעהר גערן זיך טיילן מיט אַלע ידיעות, וואָס זיינען ביי מיר פאַראַן וועגן אים*)

א. קינדהייט, יינגל־יאָרן און יוגנט

אַ בן־יחיד ביי הערץ לוריע — איז סעמיאָן געבוירן געוואָרן אין יאָר 1853. זיינע עלטערן האָבן זיך גערעכנט צווישן יידן נישט נאָר פאַר פאַרמעגליכע מענשן, נאָר אויך פאַר „אַריסטאָקראַטן“, ווייל הערץ לוריע איז געווען אַן אייגענער פלימעניק פון דעם באַ־וואוסטן געלערנטן רב דוד ביכאָווערן. דעריבער האָט מען אויך

---

*) אין דעם דאָזיגן פּרט האָט מיר טיילוויז געהאָלפן לוריעס אלמנה, געבוירענע אַמאַליא ראַטנער (פון מאָהילעוו), וואָס האָט מיר איבערגעגעבן איינציגע אייגצלהייטן און דאַטעס, פאַר וואָס, באַנוצנדיג זיך מיטן צופאַל, דריק איך איר אויס מיין האַרציגן דאַנק.

דעם קלײנעם שמועגען געגרייט פֿאַר אַ רבֿ; ער האָט זעהר פֿריה אָנגעהויבן אַרויסווייזן גרויסע פֿעהיגקייטן.

נאָר, ווי איך האָב שוין פֿריהער מיטגעטיילט, האָבן די יידן, באַקומענדיג איינינע רעכט, אויפֿגעהערט ביסלאַכווייז צו באַציהען זיך פֿיינטליך צו דער קריסטליכער בילדונג. אונטער דער ווירקונג פֿון דער בילדונגס־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי, איז סעמיאָנס פֿאָטער אין אַ באַדייטנדער מאָס אַליין „לינק געוואָרן“. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו באשטאטן זיין בן־יחיד אין אַ גימנאַזיע, רעכענענדיג, אַז מיט דער צייט וועט פֿון אים אַרויסקומען אַ באַרימטער געלערטער, אַ פּראָפֿעסאָר.

אין דעם פֿאַל האָט זיך הערץ לוריע נישט אונטערגעגעבן צו געוועהנליכע גוזמאות, וואָס זיינען אייגנטימליך פֿאַר עלטערן: סעמיאָן האָט ווירקליך זיך אויסגעטיילט נישט נאָר מיט גרויסע פֿעהיגקייטן, נאָר אויך מיט גרויסן וויסנס־דאָרשט און אַרבעטסזאַמקייט. געענדיגט אין יאָר 1872 מיט אַ מעדאַל (אויסצייכנונג) די קיעווער 2־טע גימנאַזיע, וואו מיר האָבן זיך איינצייטיג מיט אים, נאָר אין פֿאַרשיידענע קלאַסן, געלערנט, איז ער אָנגעקומען אין דעם אָרטיגן אוניווערסיטעט אויפֿן מעדיצינישן פֿאַקולטעט.

פֿון אַ סך זיינע חברים האָט סעמיאָן אין דער דאָזיגער צייט זיך אויסגעטיילט נישט נאָר מיט זיינע פֿעהיגקייטן, נאָר אויך מיט זיין אַנטוויקלונג און כאַראַקטער: ער האָט פֿיל און מיט פֿאַרשטאַנד געלייענט — און מיט אַ סדר — איבער פֿאַרשיידענע צווייגן פֿון וויסנשאַפֿט, האָט צונויפֿגעשטעלט קאָנספּעקטן פֿונם דורכגעלייענטן און געמאַכט גרויסע אויסצוגן פֿון די ביכער; אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך פּינקטליך געפֿירט אַ „טאָגבוך“, וואוהין ער פֿלעגט אַריינטראָגן אַלע געדאַנקען, וואָס זיינען אים געקומען אין קאָפּ און מיינונגען וועגן דעם, וואָס ער האָט געזעהן, געהערט אָדער געלייענט. סעמיאָן האָט זיך נישט באַגרעניצט אַליין מיט דער זאָרג וועגן זיין גייסטיגער אַנטוויקלונג, נאָר — וואָס ס׳פֿלעגט נישט טון לחלוטין קיינער נישט פֿון אונז, זיינע

צייט־חברים, — זיך רעגולער אויף פאַרנעמען מיט גימנאַסטיק און כּלערליי פיזישע איבונגען.

אויף אַלצדינג האָט בײַ אים געקלעקט צייט. די טעג און נעכט זיינען בײַ אים ריכטיג איינגעטיילט געווען אויף שעהן, און פון דעם פלעגט ער קיינמאָל נישט אָפּטרעטן. אַזוי אַרום איז סעמיאָן לוריע פון די יונגע יאָרן געווען אַ העכסט־פּינקטליכער מענש, מיט אַ גלאַטן, רוהיגן און צוזאַמען אויך גערעכטיגן כאַ־ראַקטער.

ער האָט, אָן ספק, פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן, כּדי צו דער־פילן די האָפענונגען, וואָס זיינע עלטערן וועלכע האָבן, פאַר־שטענדליך, אים שטאַרק ליב געהאַט, האָבן אויף אים אַרויפ־געלעגט.

זיי האָבן געהאַט מיט וואָס שטאָלץ צו זיין: דאָס לעבן האָט, דאַכט זיך, באַשאָנקען זייער סעמיאָנען מיט אַלץ, וואָס עלטערן קאָנען פאַרלאַנגען פאַר זייער זון: ער איז געווען קלוג, באַגאָבט, אַרבעטספעהיג, גוט, געזונט און דערצו נאָך זעהר שען. אויף וויפיל איך קאָן זיך דערמאָנען, האָט אין יענער צייט אין קיעוו קיין איין איד נישט געהאַט אַזאַ געראָטענעם אין אַלע פּרטים זון, ווי ס'איז געווען דער ערשטלינג פונם סוחר הערץ לוריע.

ב. מענשן האָבן געטראַכט, זשאַנדאַרמען — געלאַכט

אַלצדינג האָט עדות געזאָגט אויף דעם, אַז סעמיאָנען שטייט פאָר אַ גלענצענדע קאַריערע פון אַ געלערנטן. אָנגעקומען אין קיעווער אוניווערסיטעט, האָט ער זיך פלייסיג גענומען שטודירן מעדיצין און דערמיט באַלד געווענדעט אויף זיך די אויפמערק־זאַמקייט פון איינינע פראָפעסאָרן. זיין פאַרמעגליכער פאָטער האָט גאָרנישט ניט געשפּאָרט צוליב דעם, אַז דאָס לעבן פון זיין ליבלינג זאָל זיין אַרומגערינגלט מיט אַלע באַקוועמליכקייטן און פּראַכט. פאַרן פאָטער, מוטער און זיין איינציגער שוועסטער זיינען זיינע מינדסטע פאַרלאַנגען געווען אַ געזעץ, און פלעגן

תּיכף און מיט פֿאַרגעניגען אויסגעפֿירט ווערן דורך זיי. נאָר דער באַשיידענער פֿון דער נאַטור בּחור פֿלעגט נישט נאָר קיינמאָל נישט אַרויסווייזן קיין באַזונדערע אויסשליסליכע פֿאַרלאַנגען, נאָר נאָר געפֿינען פֿאַר איבעריגע אַ סך פֿון דעם, מיט וואָס זיינע איי־גענע פֿלעגן אים באַשענקען, חוץ זיינע פֿאָדערונגען.

אַזוי פֿרידליך און שטיל איז זיך געגאַנגען דאָס לעבן פֿון דער דאָזיגער נישט־גרויסער משפּחה, בּיז ס'האָט פּלוצים אויס־געבּראָכן אַ גרויסער, שרעקליכער אומגליק.

סעמיאָן לוריע איז, געוויינטליך, געווען אַ „ניהיליסט", „דע־מאָקראַט", אַ מענש, וואָס איז גרייט געווען בּרענגען נוצן די פּאַר־אָרימטע מאַסן: די רוסישע פּראָגרעסיווע ליטעראַטור, אויף וועלכער ער האָט זיך, ווי מיר אַלע, דערצויגן, האָט אַנטוויקלט אין אים אויך די דאָזיגע שטרעבּונגען. ס'האָט זיך קיין סך נישט געפֿאָדערט, דעריבּער, אַז סעמיאָן לוריע זאָל דערנאָך אויך ווערן אַ סאָציאַליסט.

טיילווייז איבּער די נייע ווינטן, וואָס האָבּן זיך שוין געטראָגן אין דער לופֿטן, און נאָך מער, מסתּמא, אונטער דער אומסיטל־באַרער ווירקונג פֿון פּ. אַקסעלראָדן, וועלכער איז דאַן געקומען קיין קיעוו — איז לוריע, וואָס האָט פֿרידליך און פֿלייסיג גע־אַרבּעט אין אַנאַטאָמישן טעאַטער, צוגעשטאַנען מיט־אַמאָל צו דער צאָל פֿון זיינע הייסע אָנהענגער.

נאָר איידער זיך אָפּגעבּן אינגאַנצן דער נייער טעטיגקייט, האָט סעמיאָן זיך געוואָלט נאָהענטער באַקענען מיט די אויפֿגאַבּעס און שטרעבּונגען פֿון די פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען, וואָס זיינען דעמאָלט אויפֿגעקומען, און זיך פֿונאַנדערקלייבּן אין די מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן, וואָס האָבּן עקסיסטירט צווישן די „בּאַ־קוניסטן" און „לאַווריסטן". מיט דער דאָזיגן צוועק האָט לוריע זומער 1873 זיך אַוועקגעלאָזט קיין ציוריך, וואו, ווי מיר ווייסן שוין, ס'האָבּן זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט די פֿאָרשטייער פֿון דער רוסישער פּאָליטישער עמיגראַציע, און וואוהין ס'האָט זיך געצויגן פֿון אַלע עקן רוסלאַנד אויך די לערן־יוגנט. סעמיאָנס עלטערן,

וואָס האָבן געהאַלטן די דאָזיגע נסיעה פאַר זעהר אַ ניצליכן אָפּרוה און צייטפאַרברענגען פאַר זיין געזונט, האָבן, געוויינטליך, אים מיטגעגעבן געגוג מיטלען.

אין ציוריך האָט לוריע זיך באַקענט מיטן באַרימטן דעמאָלט רעדאַקטאָר פונם זשורנאַל „ווּפּעריאָד" („פאָרויס") ל. לאַווראָוון און איגגיכן נאָך דעם איז ער געוואָרן זיין הייסער אָנהענגער.

נאָך דעם אומקער קיין קיעוו זיינען די מעדיצינישע שטודיעס, פאַרשטענדליך, אָפּגעטראָטן אויפן צווייטן פּלאַן. אָנשטאָט דעם האָט לוריע זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַן אַנדער, מער שווערער און געפערליכערער קאַריערע — דעם ענין פון דינען די אַרבעטנדע מאַסן.

איבערגעטאָן אין אַ בעל־מלאכה אָדער אַרבעטער, פלעגט ס. לוריע זיך אַוועקלאָזן אין די אַרטעלן פון פלאָטניקעס, ברוקירערס וכדומה, וואָס אַקסעלראָד דערמאָנט זיי, כדי צו פירן צווישן זיי פראָפּאַגאַנדע פון דער נייער לערע, נייעם גלויבן, וואָס האָט געדאַרפט פאַראייניגן די גאַנצע מענשהייט.

אַ קומאַטשן (רויט־סיצן) העמד מיט אַ קווערגעשניטענעם קראַגן, ברייטע הויזן, לאַנגע באָטפאָרטן (שטיוול) און אַ פּאָדיאָווקע (פעליץ) פון אויבן האָבן אַזוי שטאַרק איבערגעאַנדערשט דעם אויסנווייניגסטן אויסזעהן פון דעם יידישן סטודענט פון אַ רייכער משפחה, אַז די פויערים, צווישן וועלכע ער פלעגט זיך באַוויזן, פלעגן אים אָננעמען פאַר זייערן אַ ברודער־אַרבעטער. ווי מיר אַלע, יידישע בחורים פון יענער צייט, האָט סעמיאָן לוריע אויך נישט געהאַלטן פאַר נויטיג צו טראָגן דאָס ליכט פון זיין נייער לערע אין דער סביבה פון זיין פאָלק, הגם פריהער, איידער צו ווערן אַ סאָציאַליסט, האָט ער אינאיינעם מיט מיר און אַנדערע יונגע לייט אָפּגעגעבן נישט וועניג צייט דעם לערנען מיט קינדער־יתומים פון דער אָרטיגער תלמוד־תורה *).

---

*) זע: „За полвека"

געענדיגט האָט זיך לוריעס רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט גיכער, ווי מ׳האָט דאָס געקאָנט וואַרטן לויט יענער צייט: ערגעץ-וואו און ביי עמיצן עפּעס אין סאַראַטאָוו אָדער אין סאַמאַרע בעת אַן אונטערזוך, האָט די פּאָליציי געפונען סעמיאָן לוריעס אַדרעס אין קיעוו. דאָס איז, געוויינטליך, געווען גענוג, אַז די זשאַנדאַרמען זאָלן אַראָפּפאַלן, ווי אַ שניי אויפן קאָפּ, צו זיינע עלטערן, וואו ער האָט נאָך אַלץ געוואוינט. צופעליג איז זייער זון אין דער דאָזיגער צייט נישט געווען אין דער היים, און זיי, וויסנדיג, וואו ער האָט זיך געפונען, האָבן באַוויזן אים מיטטיילן וועגן געשעהעניש, כדי ער זאָל נישט קומען אַהיים. סעמיאָן האָט דעריבער געהאַט די מעגליכקייט אויסצומיידן דעם אַרעסט, נאָר זיינער אַ גימנאַזיע-חבר האָט פון פּחדנות דערציילט וואו ער געפינט זיך.

ווען סעמיאָן האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם אונטערזוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין דירה, האָט ער זיך באַשלאָסן אויסבאַהאַלטן. מיט דעם דאָזיגן צוועק איז ער אַוועקגעגאַנגען צו זיינעם אַ באַקאַנטן דאָקטאָר סאָשטשין אין קיעוו, (אויך אַ ייד), נישט קיין סאָציאַליסט, נאָר אַ ליבעראַל, אַ לייטישן מענשן, כדי אויסוואַרטן דאָרט, ביז ס׳וועט קומען עמיצער פון די אייגענע, און ער וועט קאָנען, באַקומענדיג פון זיי געלט, אַוועקפאָרן פון קיעוו. נאָר צו זיין אומגליק איז צו סאָשטשינען געקומען זיינער אַ שול-חבר העלמאַן, וועלכער האָט, אַזוי אַרום, זיך דערוואוסט, וואו ער האָט זיך באַהאַלטן. נאָך דעם ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פונם דאָקטאָר, האָט אים אַ קוואַרטאַלני (פּאָליציימאַן) געפרעגט, צי ווייסט ער נישט, וואו איז איצט סעמיאָן לוריע? ווי ס׳האָט זיך מיר דערנאָך העלמאַן אַליין מודה געווען, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן פאַרן פּאָליציימאַן, — הגם ער האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ „ניהיליסט“, *) „דעמאָקראַט“, נאָר נישט קיין סאָציאַליסט, — אַז ער האָט מיטאַמאָל נישט באַקלערט, צי

---

*) ער האָט געהערט צו דעם פריהערדערמאָנטן קרייזל פון יידן-ניהיליסטן.

מעג ער צי זיין דערציילן וועגן אָרט, וואו ס'געפינט זיך לוריע, און האָט אַ זאָג געטאָן: „איך האָב אים נאָר וואָס געזעהן ביי דאָקטאָר סאָשטשין". דער פּאָליציימאַן איז, נעוויינטליך, גיך אַוועק אַריין, און לוריע האָט מען אַרעסטירט. דאָס איז געווען זומער 1874 יאָר.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דאָס געווען דער ערשטער אַרעסט אין די זיבעציגער יאָרן אין קיעוו פאַר פּאָליטישע מעשים. ס'איז גרינג דעריבער זיך פאָרצושטעלן, ס'אַראַ טומל ס'האָט אַרויסגערופן דאָס דאָזיגע אומגעוועהנליכע געשעהעניש אין דער אָרטיגער געזעלשאַפט, און בפרט צווישן יידן. דער צושטאַנד פון סעמיאָנס עלטערן איז געווען אַ שרעקליכער. פאַר זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שטענדיגע זאָרגן, מורא און אומגליקן, וואָס האָבן טרויעריג פאַרענדיגט זייער לעבן, וואָס מ'האָט, דאַכט זיך, געקאָנט מקנא זיין.

נישט לאַנג פאַרן אַרעסט האָט זיך סעמיאָן פאַרליבט אין איינער אונזער אַן אַלגעמיינער פריינטין, אַ שען מיידל מיט אַ לעבעדיגן טעמפּעראַמענט, דאָראַ שוואַרצמאַן (די שוועסטער פונם נישט־אומבאַוואוסטן לעוו שעסטאָוו), וואָס איז אויך אונטער דער ווירקונג פון אומשטאַנדן און אַקסעלראָדס אַגיטאַציע געוואָרן אַ סאָציאַליסטין. איינגיכן נאָך דעם האָט געדאַרפט פאָרקומען די חתונה פון אָט דער יונגער פּאָר, — סעמיאָנען איז בעתן אַרעסט געוואָרן ערשט 21 יאָר, — נאָר דער חתן איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין איינעם פון די קיעווער פּאָליציי־אוטשאַסטקעס (פּאָליציי־צירקלען).

די באַדינגונגען פון זיין געפענקעניש דאָרט אין משך פון די ערשטע חדשים זיינען געווען שרעקליך: די קאַמער ביי דער פּאָליציי איז געווען אַ האַלב פינסטערע, פייכטע, איבער איר ווייגען אַרומגעלאָפן אָן אַ צאָל מייז און שטשורעס, דערצו נאָך זיינען אין שכנות געזעסן פערזאָנען, וואָס זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן פאַר שכרות, סקאַנדאַלן וכדומה. זיי אַליין און די פּאָליציי־לייט, וואָס פלעגן זיי איינשטילן, פלעגן בייטאָג און ביי-

נאַכט אויפֿהויבן שרעקליכע געשרייען, ליאַרעמען, זיך שלאָגן, און דאָס פֿלעגט סעמיאָנען, וואָס איז נישט געוועהנט געווען אײַנגאַנצן צו אַזעלכע שמחות, שטערן שלאָפֿן. און דאָך, זע־הענדיג זיך דעמאָלט אָפֿט מיט אים, האָב איך זיך שטאַרק גע־וואונדערט פֿון זײַן רוהיגקייט, אויסשטאַנדקראַפֿט און געדולד.

נישט קוקנדיג אויף די העכסט־נעגאַטיווע באַדינגונגען, האָט סעמיאָנס געפֿענקעניש אין צירקל געהאַט איין גרויסע באַקוועמ־ליכקייט: ס'איז גרינג געווען זיך אָפֿט צו זעהן מיט אים, ווײַל דאָס האָט געקאָסט אײַנגאַנצן 15—20 קאָפּ., וואָס מ'האָט גע־דאַרפֿט געבן דעם פּאָליציימאַן, וועלכער האָט אין דעם טאָג געהיט דעם קאָרידאָר, וואו ס'האָבן זיך געפֿונען די אַרעסטירטע.

צוזאַמען מיט לוריעס כּלה האָבן מיר זיך אײַנגיכן דערוואוסט וועגן דעם דאָזיגן זייער גרינגן מיטל אים צו באַזוכן, און זעהר אָפֿט אין די אָוונטן, ווען ס'איז ווייניגער פֿון אַליין געווען אַ גע־פֿאַר צו באַגעגענען אין קאָרידאָר עמיצן פֿון דער נאַטשאַלסטווע, פֿלעגן מיר פֿאַר קליינגעלט, וואָס מיר פֿלעגן געבן דעם גאָראָ־דאָוואָי, וועלכער האָט געהיט דעם קאָרידאָר, זיך דערקלייבן צו זײַן קאַמער. שטייענדיג בײַ דער עפֿענונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער טיר, האָבן מיר געקאָנט מיט אים שמועסן נישט נאָר וועגן אַליין, וואָס מיר האָבן געוואָלט, נאָר אויך איבער־געבן אים פֿאַרשיידענע פֿאַרבאָטענע זאַכן: ביכער, צייטונגען, אַ מעסערל וכדומה. מיר האָבן דערבײַ, געוויינטליך, ריזיקירט אַרע־סטירט צו ווערן אויך אינאיינעם מיט אים, נאָר אין יענעם על־טער און שטימונג, אין וועלכע מיר האָבן זיך דעמאָלט מיט דאָרען געפֿונען, האָט די ריזיקע, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט די געהיימע באַזוכן בײַנאַכט דעם פּאָליציי־צירקל, זיך אונז אויסגע־וויזן פֿאַר זעהר אינטערעסאַנט.

אין דער זעלבער צייט האָט סעמיאָנס פֿאָטער געטאָן אַליין, כּדי וואָס גיכער צו באַפֿרייען זײַן טייערן זון. ער איז געפֿאָרן צו כּלערליי נאַטשאַלסטווע, האָט געגעבן דעם, אָדער יענעם פֿון זיי „הלוואות“, אויף נישט אומצוקערן, פֿאַרשטייט זיך, נאָר

גאָרנישט האָט ניט געהאָלפן; זיין זון האָט מען אַליין געהאַלטן ווייטער אין פּאָליציי. די איינציגע „פאַרגרינגערונג", צו וועל־כער אים האָט זיך אין 5—6 חדשים אַרום זיך איינגעגעבן צו דערשלאָגן, איז געווען דאָס, וואָס מ׳זאָל סעמיאָנען איבערפירן אין אַ טורמע, ווייל דאָס לעבן אין צירקל האָט זיך זעהר שלעכט אָפּגערופן אויף זיין געזונטס־צושטאַנד.

ג. דאָס נייע לעבן

כמעט פונם ערשטן טאָג פון מיין זעהן זיך מיט סעמיאָנען אין דער פּאָליציי איז מיר אריינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אים וואָלט ניט שווער געווען צו אַנטלויפן פון דאָרטן; נאָר ער האָט לאַנג נישט געקאָנט זיך באַשליסן אויף דעם. ווען מ׳האָט אים אָבער איבערגעפירט אין אַ טורמע־פעסטונג, איז געווען באַדייטנד שווערער און ריזיקאַלישער צו פאַרווירקליכן דעם דאָזיגן פּלאַן. דערצו נאָך האָט סעמיאָן נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז זיין ענין וועט זיך ענדיגן מיט אַ גאָרנישט; ער האָט דעריבער נישט געוואָלט ווערן קיין „אומגליקליכער", נישט קיין „עמיג־ראַנט". דער פאָטער זיינער, מיט וועמען ער איז געווען אינ־גאַנצן און אין אַלץ אויפריכטיג, האָט זיך זעהר שטאַרק דער־שראָקן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר באַטראַכטן די פראַגע וועגן אַן אַנטלויף: ער האָט מורא געהאַט, אַז אין פאַל, ווען דאָס וועט זיך נישט איינגעבן, וועט מען סעמיאָנען שלאָגן און מ׳וועט פאַר אים באַדייטנד שווער מאַכן דעם רעזשים. און דערצווייל, מיט דער הילף פון געלט, וואָס ער פלעגט געבן „בתור הלוואה" דעם הויפט־הערשער איבער דעם גורל פון די פּאָלי־טישע „פאַרברעכער", — דעם זשאַנדאַרמען־אָפיציר באַראָן פּאָן גייבינג, האָט זיך אים איינגעגעבן צו דערשלאָגן זיך איי־ניגע לגאָ־טעס (פאַרגרינגערונגען) פאַר זיין געליבטן זון, און ער האָט געהאָפט צו דערשלאָגן זיך נאָך גרעסערע אין דער צוקונפט.

די דאָזיגע פאַרגרינגערונגען האָבן געגעבן די מעגליכקייט סע־מיאָנען צו שטודירן אסך אין טורמע: ער האָט פיל געלייענט

און זיך פֿאַרפֿאָלקומט אין פֿרעמדע שפּראַכן, און חוץ דעם האָט זיך אים איינגעגעבן, אַדאַנק די לגאָטעס, זיך אָפּט זעהן מיט דער כּלה און מיט מיר.

בּאַראָן פֿאָן גייבּינג, וואָס פֿלעגט בּאַקומען פֿון לוריעס פֿאָטער גרויסע סכומען געלט „בּתור הלוואה", האָט, אונטער אַן אויסרייד, אַז סעמיאָן ווערט אַרויסגערופֿן פֿון דער טורמע אין דער זשאַנדאַרמען־אָפּטיילונג צו אַ פֿאַרהער, געקוקט צווישן די פֿינגער אויף דעם, , וואָס די כּלה און איך, פֿלעגן קומען, לפּנים ווי קרובים, צו זעהן זיך מיטן אַרעסטירטן. אין דער צייט פֿון די דאָזיגע בּאַזוכן האָבּ איך אַליין איינגעשפּאַרטער צוגערעדט סעמיאָנען זיך צוגרייטן צום אַנטלויף, פֿאָרלעגנדיג פֿון מיין זייט די הילף, וואָס איז דערצו נויטיג געווען.

מיר האָט זיך ווירקליך איינגעגעבן צו געפֿינען איינגאַנצן אַן אומגעפֿערליכע דירה, וואו סעמיאָן האָט געקאָנט זיך אויסבּאַהאַלטן נאָכן אַנטלויף, וואָס איז אין דער צייט, וועלכע מיר בּאַשרייבּן, געווען, ווי מיר האָבּן געזעהן, זעהר שווער. נאָך נישט זיכער אין דעם בּשלומדיגן אויסגאַנג פֿון אָט דער אונטערנעמונג און מורא האָבּנדיג נאָך מער צו פֿאַרשווערן זיין לאַגע, האָט סעמיאָן אַליין זיך געהאַלטן אין קווענקלען.

בּעת די דאָזיגע איבּערשמועסענישן איז דורכגעגאַנגען אַ סך צייט: לוריע האָט זיך געפֿונען אונטער אַרעסט שוין אַרום אנדערטהאַלבּן יאָר. בּיי אים האָט זיך אָנגעהויבּן אַ לונגען־קרענק: איך און זיין כּלה האָבּן מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן בּיזן געריכט. אינדערפֿריה, דעם 1־טן יאַנואַר 1876 יאָר איז צו מיר אַריינגעפֿאָרן זיין פֿאָטער און פֿאָרגעלעגט צו זעהן זיך מיט אים אינאיינעם מיט זיין זון אין דער זשאַנדאַרמען־פֿאַרוואַלטונג. איך האָבּ גערן מסכּים געווען דערויף.

אין דער פֿאַרוואַלטונג האָבּן מיר געטראָפֿן סעמיאָנס כּלה. ווען מיר האָבּן אינאיינעם מיט איר אָנגעהויבּן שטיל איינרעדן אים, ער זאָל היינט שוין ענדליך זיך בּאַשליסן אויף אונזער פֿאָרשלאָג, האָט דער פֿאָטער, זיך אָנשטויסדיג, ווען וואָס ס'איז בּיי אונז

געווען די רייד מיט זיין זון, ענערגיש גענומען פּראָטעסטירן, און סעמיאָן האָט ווידער זיך נישט געקאָנט באַשליסן.

בײַ אַלעמען איז געווען אַ שווערער, געדריקטער צושטאַנד. די צייט האָט זיך געצויגן אומעטיג, די שמועסן האָבן זיך נישט געקלעפּט; אַזוי זיינען דורכגעגאַנגען עטליכע שווערע שעהן. עמיץ פון אונז האָט אַרויסגעזאָגט אין דער הויך, אַז ס'וואָלט נישט שלעכט געווען עפּעס איבערצובייסן. האָט דאַן איינער פון די זשאַנדאַרמען, וואָס איז געשטאַנען אין דער נאָהענט נעבן אונז, געזאָגט, אַז ער דאַרף גיין אויף דער פּאָסט, ער קאָן פאַר אונז קויפן עפּעס עסן. סעמיאָן האָט אים דעמאָלט פאָרגעלעגט צו גיין אינאיינעם מיט אים, אויף וואָס יענער איז מסכים געווען, ווייל ס'האָט אים גאָרנישט געקאָנט איינפאַלן, אַז לוריע, צו וועמען ס'זיינען געקומען זיך זעהן דער פאָטער, די כלה און אַ פריינט, זאָל זיך באַשליסן אַנטלויפן אין דער דאָזיגער צייט. איידער סעמיאָן איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך אים איבערגעגעבן די נויטיגע אָנווייזן — דעם אַדרעס פון דער דירה און דעם פּאַראָל.

ס'איז דורכגעגאַנגען אַרום אַ האַלבער שעה. פּלוצים האָט זיך מיט אַ רעש געעפנט די טיר, ס'איז אַריינגעלאָפן דער זשאַנדאַרם, און האָט אויסגעשריגן: „לוריע איז דאָך נישטאָ?״ איך האָב געענטפערט: „ער איז דאָך מיט אייך אַוועקגעגאַנגען״. — „הייסט עס, ער איז אַנטלאָפן״, — האָט ער אויסגעשריגן אין שרעק.

אַ פינף־זעקס זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון דער פאַרוואַלטונג צו זוכן דעם אַנטלאָפענעם. איך בין אויך מיט פאַמעליכדיגע טריט אַרויסגעגאַנגען נאָך זיי; דורכגעגאַנגען עטליכע קוואַרטאַלן און גענומען אַן „איז־וואָשטשיק״ (פורמאַן), האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צו דער דירה פון דעם דרייסטן און גוטן ליבעראַל, וועמענס אַדרעס איך האָב געגעבן לוריע.

דאָרט האָב איך געטראָפן אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג געסט, וואָס זיינען געקומען צום באַלעבאָס, כּדי צו גראַטולירן אים מיט ניי־יאָר. און אין איינעם פֿון די ווייטסטע צימערן איז סעמיאָן געזעסן מיט אָנגעזייפֿטע באַקן און קין, פֿון וועלכע דער באַלעבאָס האָט מיט אַ גאָלמעסער אַראָפּגענומען זיין גאַנץ היפּשבאַוואַקסענע באָרד און אים אַזוי אַרום געמאַכט אינגאַנצן נישט צו דערקענען.

אָפּגעוועזן ביי דעם דאָזיגן גאַסטפֿריינטליכן און גוטמוטיגן אויסבאַהאַלטער, וואָס איז גאָרנישט געווען קיין סאָציאַליסט, עטליכע טעג, האָט סעמיאָן לוריע אויף אַ קאָנטראַבאַנדע־אופֿן זיך אַוועקגעלאָזט קיין אויסלאַנד. דערביי איז אים אויסגעקומען צו גיין איבער די קני אין שניי, פֿון וואָס ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרקילט. און אַזוי ווי איבער זיין לעבן אין צירקל און אין טורמע, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן אַ לונגען־קרענק, איז אים נאָך דער דאָזיגער פֿאַרקילונג געוואָרן נאָך ערגער. ווען לוריע איז אָנגעקומען דערנאָך אין דער שווייץ, איז ער געבליבן ליגן צו בעט.

דערווייל זיינען זיין פֿאָטערס געשעפֿטן, איבער די השתדלותן וועגן זיין זון, געוואָרן שטאַרק פֿאַרלאָזט און, וואָס ווייטער, געגאַנגען אַלץ ערגער, אַזוי אַז אין עטליכע יאָר אַרום איז ער אינגאַנצן געקומען צו אַ ירידה און פֿאַראָרימט געוואָרן. לוריעס כּלה איז נישט נאָכגעפֿאָרן מיט אים קיין אויסלאַנד און אינגיכן נאָך דעם האָט זי חתונה געהאַט פֿאַר אַן אַנדערן.

אַ יאָר צוויי מיט עפּעס נאָך דעם בין איך אויך, נאָך מיין אַנטלויף, אָנגעקומען אין דער שווייץ, וואו איך האָב געטראָפֿן סעמיאָנען שפּייען מיט בלוט. די דאָקטוירים האָבן אים געעצהט זיך באַזעצן אין אַ לאַנד מיט אַ מער וואַרימען קלימאַט. ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין גענוע, וואו ער איז אינגיכן אַזוי צו זיך געקומען, אַז ער האָט געקאָנט ענערגיש זיך נעמען לערנען די איטאַליענישע שפּראַך, וועלכער ער האָט אינגיכן אַזוי בייגעקומען, אַז אין אַ יאָר אַרום, האָט ער פֿריי געשריבן און גערעדט אויף

איר. דעמאָלט האָט סעמיאָן באַשלאָסן אַריינטרעטן דאָרט אין אוניווערסיטעט. אַדאַנק זיינע מערקווירדיגע פעהיגקייטן און אַרבעטסזאַמקייט, האָט ער געענדיגט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין איטאַליע מיט אַן אויסצייכענונג, און דערמיט געווענדעט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די פּראָפעסאָרן. פאַר זיין ספּעציאַליטעט האָט ער אויסגעקליבן פיזיאָלאָגיע און אָנגעשריבן אַ ווייסנשאַפטליך ווערק, אַדאַנק וועלכן מ'האָט אים פאָרגעלעגט פּראָפעסור.

סעמיאָנס געזונט האָט זיך אויך אַזוי פיל פאַרבעסערט, אַז ער האָט געפונען פאַר מעגליך חתונה צו האָבן פאַר איינער אַ מיידל — אַ מ אַ ל י ע ר אַ ט נ ע ר, וועלכע ער האָט ליב געהאַט. דערנאָך זיינען געבוירן געוואָרן קינדער: ער האָט געהאַט צוויי מיידלאַך. דאָס גליק האָט זיך געדאַכט, האָט אים ווידער אַ שיין געטאָן, נאָר, ליידער, נישט אויף לאַנג: הגם פאַמעליך, נאָר דאָך האָט זיך די שווינדזוכט פאַרשפּרייט, און אים איז אויסגעקומען אַ סך צו אַרבעטן, כּדי צו קריגן די נויטיגע מיטלען צום לעבן פאַר זיין פאַמיליע. ער איז געוואָרן דאָקטאָר אין איינעם אַ שפּיטאָל אין גענוע, און אויך איינגעלאַדן געוואָרן אין דער צאָל מיטגלידער פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע.

די שווערע קרענק האָט דערווייל געטאָן איר צעשטערערישע אַרבעט: לוריע האָט שרעקליך געליטן. פיהלנדיג דאָס דערנעהענטערן פון טויט, האָט ער געוואָלט שטאַרבן אין דער שווייץ. דאָס ווייב זיינס מיט די קליינע קינדער האָט אַלצדינג פאַרקויפט און אַוועקגעפירט אים אַ געפערליך קראַנקן, וואָס האָט זיך שוין נישט געקאָנט באַוועגן, אַזוי, אַז מ'האָט אים געדאַרפט אונטערטראָגן אויף די הענט פון איין וואַגאָן אין דעם אַנדערן, אין דער שווייץ.

אין גיכן נאָכן אָנקומען קיין קלאַראַן (אויפן ברעג פון גענפער אָזערע) איז סעמיאָן לוריע געשטאָרבן אין עלטער פון 37 יאָר, איבערלאָזנדיג די אלמנה און קינדער לחלוטין אָן מיטלען צום לעבן.

אַזוי טרויעריג איז אומגעקומען דער העכסט=באַגאַבטער, ער=
ליכער און הומאַניטאַרער ייד=סאָציאַליסט, וואָס האָט אַזוי גלענ=
צענד אָנגעהויבן זיין לעבן. דאַרף מען דען נאָך דערמאָנען, ווער
ס'איז שולדיג געווען אין זיין פריהצייטיגן טויט און דעם טרויעריגן
גורל פון זיין פאַמיליע ?

קאַפּיטל טו

ד"ר קאַמינערס משפּחה און פּ. ב. אַקסעלראָדס קרייזל

איך האָב פריהער שוין באַמערקט, אַז די יידן־„עלטערן" זיינען אָפט גאָר נישט געווען קיין אַנטאַגאָניסטן, קיין שאַרפע קעגנער פון זייערע „קינדער". טיילוויז האָבן מיר דאָס שוין גע־זעהן אויף העריץ לוריען; נאָר נאָך אין אַ באַדייטנד גרעסע־רער מאָס האָט „נאָכגעגעבן" זיינע קינדער ד"ר איסאַק קאַמי־נער, וואָס איז איין צייט געווען גאַנץ פּאָפּולער אין קיעוו, און וועמענס גרויסע משפּחה האָט אַזוי אָדער אַנדערש זיך באַטיי־ליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די זיבעציגער יאָרן. הגם דער פאָטער אַליין האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין סאָ־ציאַליסט, האָט ער דאָך אַלס „מיטהעלפער" געטאָן אונז א סך טובות, און איך האַלט דעריבער פאַר פּאַסנד צו ווידמען דעם דאָזיגן אָריגינעלן מענשן עטליכע זייטן פון מיין בוך.

איך בין אַלט געווען 16—17 יאָר, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערהערט, אַז אויף פּאָדאָל וואוינט אַ „דאָקטאָר קאַמינער", וועגן וועלכן מ'האָט דערציילט וואונדערליכע זאַכן. אַזוי, האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט געדאַרפט ווערן אַ רב, צוליב וואָס ער האָט ביז זעכצעהן יאָר אויסשליסליך שטודירט תלמוד און אַנ־דערע אַלט־העברעאישע ביכער; דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אויסטערלישע באַגאַבונגען. אין זעהר פריהען עלטער האָט מען אים אַ שוואַכן, און דערצו נאָך אַ הויקער, חתונה געמאַכט פאַר

אַ מיידעלע, וואָס איז נאָך געווען יינגער פון אים. און פּלוצים האָט דער דאָזיגער יונגער געלערנטער, אַן אָרטאָדאָקסיש פרומער, זיך גענומען שטודירן די „גויאישע וויסנשאַפטן". אינאיינעם מיט זיין יונגעטשקער פרוי האָט ער פאַרלאָזט דערנאָך דאָס קליינע וואָלינער שטעטל לעפּטיוואָ (נעבן זשיטאָמיר), און אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע זיך לערנען. אין צוואַנציגיאָריגן עלטער האָט קאַמינער באַקומען אַ שטעלע פון אַ לערער אין אַ יידישער שול אין זשיטאָמיר. אָפּגעוועזן פינף יאָר אויף דעם אָרט און האָבנדיג שוין פינף קינדער, האָט קאַמינער באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט. ס'איז גרינג זיך פאָרצושטעלן, וויפיל האָט געדאַרפט אַרבעטן און ווי שטאַרק האָט געמוזט אין דער זעלבער צייט ליידן נויט דער דאָזיגער איינגעשפּאַרטער מענש מיט זיין משפחה, כדי צו דערגרייכן דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. שטודירנדיג אַליין, האָט ער אין דער זעלבער צייט אויך געלערנט אַנדערע, כדי אַזוי אַרום מפרנס זיין זיך און זיין גרויסע פאַמיליע. נאָר דער דאָזיגער איינציגער פאַרדינסט איז, געוויינטליך, נישט גענוג געווען צום לעבן, און דעריבער האָט ער מיט דער משפחה שטאַרק געליטן. דאָך, סוף כל סוף, הגם שוין זער נישט קיין יונגער מענש, — דאַכט זיך ביי דרייסיג יאָר מיט עפּעס, — האָט קאַמינער, וואָס האָט געהאַט זעקס קינדער, געענדיגט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין קיעוו און זיך דאָרטן פאַרנומען אויך מיט דאָקטאָר־פּראַקטיק.

די דאָרטיגע יידישע אָרימקייט האָט אינגיכן אָפּגעשאַצט דעם קלוגן דאָקטאָר, וואָס האָט געקענט זיין ענין און געווען אויפמערקזאַם צו אַלע, און דערצו נאָך געשטאַמט פון זייער סביבה — פון די נידעריגע קלאַסן. זייענדיג אַ דאָקטאָר, האָט קאַמינער נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך מיט דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, אַדאַנק וואָס ער איז געוואָרן אַסיסטענט ביים באַרימטן פּראָפעסאָר פון אינערליכע קראַנקהייטן מעריננ.

קאַמינערס מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבן מיט יעדן יאָר זיך באַדייטנד פאַרבעסערט. אָנגעליטן זיך אין דער יוגנט, האָט ער געוואָלט באַוואָרענען דאָס לעבן פון זיין משפחה און אויך זיין אייגן לעבן אויף דער עלטער. ער האָט דעריבער געאַרבעט זעהר פיל. טיילווייז האָט זיך אים שוין געווען איינגעגעבן צו דערגרייכן אויך דאָס דאָזיגע ציל, — ער האָט געקויפט אַ גאַניץ גרויסן מויער אין קיעוו, און אויך אַ קליינע נחלה אין טשערניגאָווער גובערניע; נאָר, זיינענדיג אַ העכסט אומפּראַקטישער מענש, איז קאַמינער ביי די דאָזיגע קניות אַריינגעקראָכן אין גרויסע חובות. דאָס האָט אים געבראַכט צו זעהר אַ שווערער לאַגע און, אין סך־הכל, איז ער געבליבן אָן אַ מויער, אָן געלט און מיט גרויסע חובות פאַר דער נחלה, וואָס האָט נישט אַריינגעבראַכט גאָרנישט, חוץ היזקות.

באַזונדערס האָט זיך קאַמינער אויסגעטיילט אין קיעוו דערמיט, וואָס ער האָט גאָרנישט ניט געשפּאָרט פאַר דער דערציהונג פון זיינע קינדער, וועלכע ער האָט געוואָלט געבן די בעסטע בילדונג. האָבנדיג אַליין פון די יינגסטע יאָרן אַ גרויסן דאָרשט צום וויסן און אויסגעפּרואווט אויף זיך די גאַנצע שווערקייט צו דערגרייכן בילדונג ביי מאַטעריעלע מניעות, האָט ד״ר קאַמינער, באַקומענדיג, סוף כל סוף, מיטלען, זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַפרייען זיינע קינדער פון יעדער זאָרג. דערביי האָט ער געשטרעבט צו געבן זיי אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אין זיינע כוחות פאַר זייער גייסטיגער אנטוויקלונג: ער האָט איינגעלאַדן די בעסערע לערערס און געזאָרגט וועגן די ראַציאָנעלסטע, פּראָגרעסיווסטע מעטאָדן פון זייער לערנען.

צווישן די געבילדעטע קיעווער יידן, געדענק איך, האָבן ד״ר קאַמינערס קינדער זיך גערעכנט פאַר „אַנטוויקלטע נישט לויט די יאָרן“, וואָס האָבן פאַרמאָגט „אויסשליסליכע פעהיגקייטן“ און געווען „זעהר פּראָגרעסיוו“. נאָר דאָס לעבן האָט נישט געוואָלט, אַז קאַמינער זאָל אויף דער עלטער נחת האָבן פון דער ער־

פּאָלג און גערעכטיקייט פון זיינע קינדער: פריהער פון אַלץ האָט אים געטראָפן אַ גרויסער אומגליק מיט זיינע זין. ער האָט געהאַט צוויי יינגלאַך, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר זעהר פעהיגע, באַזונדערס איינער פון זיי, וועלכן די עלטערן האָבן געהאַלטן שיער נישט פאַר קיין גאון. נאָר פון דער כאָלערע, וואָס איז געווען אין קיעוו, איז ער געשטאָרבן, און דער אַנדערער, דער סאַמע טאַלאַנטפולער פון אַלע קינדער, האָט על פּי טעות, אויסגעטרונקען סם און איז אויך געשטאָרבן.

איך נעם זיך נישט אויסצומאָלן די ליידן פונם אומגליקליכן פאָטער. אַלע זיינע האָפנונגען זיינען דערנאָך אָנגעווענדעט געוואָרן אויף די פינף טעכטער. פון זיי האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט נאַדיעזשדאַ און אַווגוסטינאַ. אין דער צאָל פון די איינציגע אַנדערע יידישע מיידלאַך אין יענע צייטן האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין דער שווייץ, כּדי צו באַקומען דאָרט רייכערע בילדונג. נאָר, ווי באַוואוסט, האָט אינגיכן נאָך דעם די רוסישע רעגירונג — אונטער דער דראָהונג פון שווערער שטראָף, — געפאָדערט, אַז אַלע „אונטערטאַנער פונם צאַר" זאָלן זיך אומקערן תּיכּף ומיד אהיים, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז די יוגנט, וועלכע האָט זיך געלערנט אין ציוריך, זאָל זיך נישט אָנשטעקן פון די באַרימטע עמיגראַנטן, וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט, ווי לאַווראָוו, טקאַטשאָוו און אַנד., מיט פאַרברעכערישע אָנשויאונגען.

ווי די איבעריגע מיידלאַך און בחורים, האָבן קאַמינערס טעכטער, נישט געענדיגט די בילדונג, זיך אויך אומגעקערט אהיים, נאָר דערפאַר זיינען זיי דאָרטן געוואָרן סאָציאַליסטינס, וואָס זיינען גרייט געווען צו מקריב זיין מיט אַלץ צוליבן נצחון פון זייערע נייע אידעען.

לערך אין דער זעלבער צייט האָט זיך באַוויזן אין קיעוו פּ. אַקסעלראָד; דערנאָך זיינען אַהין געקומען צו פאָרן אויך, כּדי צו אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט די צוויי ברידער — נחמן

און לייזער לעווענטאַל, ווען וועלכע ס׳האָט פריהער דערמאָנט אַקסעלראָד. די דאָזיגע דריי בחורים זיינען געוואָרן אינגיכן חתנים פאַר די עלטערע דריי קאַמינערס טעכטער. זיי האָבן אריינגעטראָגן אין זיין משפחה אַ נייעם שטראָם, אַ נייע שטרע־מונג און ריכטונג. נישט דערגרייכן די בעסטע רעזולטאַטן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, ווען וואָס ס׳האָט פאַר זיינע פעהיגע קינדער אַזוי געזאָרגט דער געבילדעטער דאָקטאָר, איז געוואָרן די אויפגאַבע פונם קרייזל, וואָס האָט זיך צונויפגעשטעלט פון די דערמאָנטע און נאָך עטליכע פאַרשווינען: גלייך ווי אַלע אַנדערע ענטוזיאַסטן האָבן זיי פאַרוואָרפן דאָס לערנען, און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו גיין „אין פאָלק״.

ד״ר קאַמינערס הויז אויף פאָדאָל איז אינגיכן געוואָרן אַ „פאַרשווערונגס״־צענטער, א מקום־מקלט פאַר „געפערליכע מענשן״ און אַן אָרט צו באַהאַלטן אַזעלכע „שרעקליכע זאַכן״, ווי פאַר־שיידענע אומלעגאַלע ווערק.

אויף דער דאָזיגער נייער אָרדענונג, וואָס איז איינגעפירט גע־וואָרן אין דער משפחה, איז ד״ר קאַמינער גרינג איינגענאַנגען, הגם ער האָט, פאַרשטייט זיך, זעהר גוט געוואוסט, וואָס עס דראָהט אים, אויב די פּאָליציי און זשאַנדאַרמען וועלן דערשמעקן וועגן זיין „נאַכגעביגקייט״ און „הילף״: לויט יענע צייטן האָט ד״ר קאַמינער גרינג געקאָנט דערפאַר פאַרשיקט ווערן, אויב נישט אויף קאַטאָרגע, איז לכל הפחות — קיין סיביר. צו זיין גליק, האָט זיך לאַנג נישט געפונען צווישן די באַקאַנטע פון זיינע קינדער קיין פאַררעטער, וועלכע זאָלן געווען געבן צו וויסן דער פּאָליציי, וואָס עס איז אין דער ווירקליכקייט ד״ר קאַמינערס משפחה און זיין הויז. נאָר אין זעקס—זיבן יאָר אַרום, אין יאָר 1880, האָט קאַמינערס טעכטער געמסרט דער פּאָפּולער געוואָ־רענער מיט זיינע אַנטדעקונגען, דער באַרימטער גריגאָרי גאָלדענ־בערג, וועגן וועלכן איך וועל דערציילן וויטער. דעמאָלט האָט מען ד״ר קאַמינערן, געוויינטליך, אָנגעהויבן מאַטערן מיט אונ־טערזוכן און פאַרהערענישן. נאָר זיינע טעכטער און זייערע

חתנים, און דערנאָך ווייערע מענער, זיינען שוין לאַנג געווען אין דער עמיגראַציע, און צוליב דעם האָבן גאָלדענבערגס מסירות קיין באַזונדערס שווערע פאָלגן פאַר קאַמינערן גופא נישט געהאַט.

צו די אידעען פון זיינע עלטערע טעכטער און זייערע חתנים, וואָס דער סאַמע אָנגעזעהענסטער צווישן זיי איז געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, פ. ב. אַקסעלראָד, האָט זיך ד״ר קאַמינער באַצויגן הגם גאַנץ מיטפיהלנד, נאָר דאָך נישט אָן איראָניע. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין פאַל אום נישט צו ווערטלען זיך ווענן די יונגע ענטוזיאַסטן, סיי ווענן זייער אָפּגאָט — דעם רוסישן פויער, און בפרט ווענן דער רעגירונג, — קאַמינער איז געווען אַ שטיקל סאַטיריקער, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן אין זיינע פילע לידער, וועלכע ער האָט געשריבן אויף העברעאיש, און וואָס זיינען אָנערקענט דורך קאָמפּעטענטע מענשן פאַר זעהר גוטע.

אין משך פון די זיבעציגער יאָרן איז ער געווען כמעט אַן אָנהענגער פון אַסימילאַציע פון יידן מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג. נאָר די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין אָנהויב פון די אַכטציגער יאָרן, האָבן געמאַכט אויף אים אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז אונטער זייער ווירקונג איז אין דער פסיכיק פון דעם דאָזיגן נישט־געוועהנליכן מענשן פאָרגעקומען אַ גרויסער איבערבראָך. פריהער פון אַליך, איז ער געוואָרן אינגאַנצן גלייכגילטיג צו דער מאַטעריעלער זייט, צו וואָס ער האָט תמיד געשטרעבט, ווי מיר ווייסן, לטובת זיין גרויסער משפחה. ער האָט גענומען אַנדערע איינערדן אין דער אומניצליכקייט פון רייכטום און באַלעבאַטישקייט. אַזוי אין זיינעם אַ בריוו צו איינעם אַ פריינט, וואָס מ׳האָט דערנאָך געפונען, האָט ער חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט פריהער געשטרעבט צו זאַמלען מיטלען פאַר דער משפחה, און איז אים מתרה, אַז ער זאָל נישט זשעדנע זיין צו געלט, — „צו דעם דאָזיגן טייוול פון אונזער גייסטיגן לעבן״.

אין יענער צייט איז קאַמינער שוין געווען אַ זעמסקי דאָק־טאָר אין טשערניגאָווער גובערניע. ער האָט געהיילט אומזיסט אָרימע און מיט אַלע מעגליכקייטן געזעהן צו העלפן נויטבאַ־דאַרפטיגע. אַזוי, קומענדיג אָפּט צו פאָרן קיין ניעזשין, פלעגט ער אַוועקגיין אין דער אָרטיגער תּלמוד־תּורה, און באַטיילן דאָרט די יינגלאַך מיט כּלערליי נויטיגע פאַר זיי זאַכן און צוקער־לאַך. ער האָט זיך אויך באַטייליגט אין דעם געזעלשאַפטליכן לעבן פון די יידן, צוליב וואָס ער איז אין יאָר 1882 געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידישער קאָמיסיע אין טשערניגאָוו. אויף אירע זיצונגען האָט ד״ר קאַמינער זיך גאַנץ אַנטשלאָסן אַרויס־געזאָגט קעגן די רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס האָבן אויף אַלע אופנים גערודפט די יידן.

די ווייניגע פרייע שעהן, וואָס פלעגן בּיי אים זיין, בּיי זיין שטענדיג פילפאַכער אַרבעט, האָט ד״ר קאַמינער געווידמעט לי־טעראַרישע אינטערעסן: ער האָט א סך געלייענט איבער די סאַמע פאַרשיידענסטע פראַגעס, און אויך געשריבן לידער אויף דער יידישער שפּראַך, וואָס ער האָט, זינט דער יוגנט־צייט, לאַנג שוין אויפגעהערט צו טון. און צומאָל, ווען ער פלעגט זיין אין זיין קליינער נחלה, פלעגט ער דאָרט שעהנווייז אַרומשפּאַנען איבער זיין קאַבּינעט און זינגען באַוואוסטע יידישע מעלאָדיעס אָדער זיינע אייגענע אימפּראָוויזאַציעס.

די ליבּע צו זיין גערודפט, פאַרשטויסן פאָלק איז געוואָרן דער הויפּט־מאָטיוו פון זיין פּאָעזיע. אין איר האָט ער, פון איין זייט, געפּרעדיגט די נויטיגקייט פון אחדות ישראל, און פון דער אַנדער זייט — אָנגעפאַלן אויף די פאָלקס־שונאים און פאַר־פרעמדטע, אויפן „גביר דעם ליבעראַל, וואָס האָט נישט קיין שום הייליגטום, חוץ געלט“. ער איז אָנגעפאַלן אויך אויף די אינ־טעליגענטן, וואָס זיינען פאַרפרעמדטע צו זייער פאָלק. זיינע לידער פון דער ערשטער עפּאָכע האָבן געטראָגן, דער עיקר, אַ סאָציאַלן כאַראַקטער. אין דעם פרט איז באַזונדערס וויכטיג זיין „ליד וועגן דער מטבע“, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דעם

יידישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת“, אַרויסגעגעבן דורכן באַוואוסטן ליבערמאַנען און אויך צוקערמאַנען און אַנדערע אין ווין (אין יאָר 1877). אין דעם דאָזיגן ליד מאַכט ד״ר קאַמינער צו שאַנד און צו שפּאָט די וועלט, אין וועלכער ס׳הערשן גאָלד און גוואַלדטאַט. אין דעם צווייטן פּעריאָד פון זיין לעבן, ווען ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם יידנטום, זיינען די מאָטיוון פון זיין פּאָעזיע געוואָרן די אויפלעבונג און דערהויבונג פון זיין אייגן פאָלק.

זיין מעדיצינישע פּראַקטיק, און אויך זיין אַרבעט אין זעמסטווע האָט קאַמינער דעמאָלט אינגאַנצן פאַרוואָרפן און זיך פאַרנומען מיט ליטעראַטור און פּאָעזיע, אין אים איז אַלץ מער געוואַקסן דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל. אים האָט פאַרנומען דער געדאַנק וועגן דער אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד און, בכלל, וועגן קאָלאָניזאַציע. דעריבער, ווען אין די ניינציגער יאָרן איז אויפגעקומען די ציוניסטישע באַוועגונג, האָט ד״ר קאַמינער שטאַרק אָנגעהויבן באַשעפטיגן דער געדאַנק וועגן דער איבערוואַנדערונג פון די יידן קיין פּאַלעסטינע. ווי אויך פיל אַנדערע, האָט ער זעהר הויך געשעצט די פּערזענליכקייט און טעטיגקייט פונם באַרימטן ד״ר הערצל. מיטפילנדיג דער אידעע פון קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע, האָט ער פאַר זיין טויט אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט, אחד־העמ׳ען, געבעטן, אַז ער זאָל די גאַנצע הכנסה פון דער אויסגאַבע פון זיינע ווערק אָפּגעבן לטובת דער „אדעסער געזעלשאַפט צו קאָלאָניזירן די יידן אין פּאַלעסטינע“.

אַזוי אַרום, איז צווישן דער שטימונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביי קאַמינערן נאָך די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, און די שטרעבונגען פון זיינע טעכטער און זייערע מענער, צווישן וועלכע צוויי זיינען געווען קריסטן, אַרויסגעקומען אַ באַדייטנדע סתירה. ד״ר קאַמינער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן מיט זיינע קינדער און טיילווייז דאָס אויסגעדריקט אויך אין זיין ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַרן טויט, און וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „ווידוי“. אין דעם דאָזיגן ליד

האָט דער ארימער פּאָטער חרטה, וואָס ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין פאָלק: „צוליב מיינע זינד, — זאָגט ער דאָרט, — האָט דער גייסט פון מיין פאָלק פאַרלאָזט מיינע קינדער, און נאָך מיין טויט, ווער ווייסט, צי ס'וועט פאַרבלייבן מיין נאָמען און ירושה?.. איך האָב זיך אַ ביסל דערוויטערט פון מיין וועג, און מיינע קינדער האָבן אים אינגאַנצן פאַרלוירן"... דער פּאָעט ווענדט זיך מיט אַ בקשה צו גאָט, וועלכער ווייסט, דאָך, די ליידן, אומגליקן און שטורעמס פון זיין אָנגעוועהטאָגט האַרץ.

ד"ר קאַמינערס צוויי טעכטער, — פון וועלכע די צווייטע האָט חתונה געהאַט פאַר דעם נישט־אומבאַוואוסטן אַמאָל „זעמלעוואָלעץ" (זעמליאַ אי וואָליאַ" — „ערד און פרייהייט"), וואָס איז דערנאָך געוואָרן איך דער נישט־אומבאַוואוסטער גרויסער נאַפט־אינדוסטריעלער — טישטשענקאָ, — האָבן זיך אומגעקערט אין אָנהויב אַכציגער יאָרן פון אויסלאַנד צום פאָטער אין דאָרף אַריין. נאָר אינגיכן נאָך דעם זיינען אָהין אָנגעקומען זשאַנדאַרמען און, הגם זיי האָבן גאָרנישט ניט געפונען דאָרט קיין פאַרדעכטיגעס, דאָך האָט מען זיי מיט טישטשענקאָן אַרעסטירט, און דערנאָך זיינען אַלע דריי אויפן אַדמיניסטראַטיוון אופן פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אינגיכן נאָך דעם איז געשטאָרבן ד"ר קאַמינערס געליבטע פרוי, מיט וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט בײַ פערציג יאָר. די איבעריגע דריי טעכטער זיינען געבליבן אין אויסלאַנד. צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען בײַ אים אַ שווערע אינערליכע קרענק. נישט זייענדיג אין שטאַנד בײַ אַזעלכע באַדינגונגען איבערצוטראָגן די איינזאַמקייט, איז קאַמינער סוף נײַנציגער יאָרן אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ, וואו ס'האָט געוואוינט זיין עלטערע טאָכטער נאַדיעזשדא מיטן מאַן פ. ב. אַקסעלראָד און מיט דריי קינדער. דאָס לעבן אין דער משפחה פון זיין געליבטער טאָכטער און איידעם, צו וועלכן ד"ר קאַמינער האָט זיך

תמיד באַצויגן מיט באַזונדערער ליבע, האָט אין אַ באַדייטנדער מאָס פאַרגרינגערט זיין שווערן נשמה־צושטאַנד, וואָס האָט זיך גענומען פון די אַלע זאַכן, וואָס זיינען פריהער דערמאָנט. דאָך האָט דאָס אַליין, געוויינטליך, אים נישט געקאָנט אויסהיילן פון דער שווערער פיזישער קרענק. די חולאת האָט זיך אַנטוויקלט אַלץ מער, דער באַרימטער פראָפעסאָר פון בערנער אוניווערסיטעט קאָכער האָט געמאַכט ד״ר קאַמינערן אַן אָפעראַציע, נאָך וועלכער ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 67 יאָר. אַ מאַסע לערניונגט פון רוסלאַנד און בערנער אוניווערסיטעט האָט באַגלייט ביזן קבר די לויה פונם גרויסן מענשן.

די ברידער לעווענטאַל

פריהער איז מיר אויסגעקומען נאָר פאַרבייגייענדיג צו דערמאָנען וועגן דעם קרייזל יידן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיטן ד״ר קאַמינערס הויז און געגרינדעט דורך אַקסעלראָדן. איצט איז נויטיג זיך אָפשטעלן אַ ביסל אויספירליכער אויף אים.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען, חוץ די דריי טעכטער — נאַדיעזשדאַ, אַווגוסטינאַ און סאָפיאַ, אין דעם דאָזיגן קרייזל געווען אויך, אויסער פ. ב. אַקסעלראָדן, די ברידער נחמן און לייזער לעווענטאַל, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר חתנים פון דער צווייטער און דריטער טאָכטער, נאָר שפעטער זיינען די דאָזיגע התונות נישט פאָרגעקומען. חוץ די דאָזיגע מענשן זיינען אין דעם קרייזל פון „קאַמינערס הויז״, ווי אייניגע האָבן דעמאָלט איראָניזירט, געווען אויך דער באַוואוסטער שוין די לעזער סעמיאָן לוריע, און אויך גריגאָרי גורעוויטש, וועגן וועלכן ס׳האָט פריהער דערמאָנט פ. אַקסעלראָד, און אַנדערע. כ׳וועל זיך לכתחילה אָפשטעלן אויף די ברידער לעווענטאַל, ווייל, לויט דער אַלגעמיינער אָנערקענונג, האָט מען אויף די דאָזיגע צוויי יונגע יידן געלעגט גרויסע האָפענונגען.

די לעווענטאַלס זיינען געווען זין פון אַ לערער אין דער יידישער שול פון מאָהילעוו. דער פאָטער האָט זיך געמיהט צו

געבן זיינע זעהר פעהיגע יינגלאך די בעסטע דערציהונג, נישט נאָר אין גייסטיגן, נאָר אויך אין פיזישן פּרט. אַזוי, האָט ער אַלע טאָג אַליין געפירט זיי אויף שפּאַציר הינטער דער שטאָט, כּדי זיי זאָלן אָטעמען מיט פרישער לופט, זיך פאַרנומען מיט זיי מיט גימנאַסטיק א. א. וו. באַגלייך מיט דעם, האָט דער קלוגער פאָטער געלערנט זיינע זין אַלצדינג, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט זיי איבערגעבן, — שפּראַכן, צייכענען, און ווען זיי זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיי אָפּגעגעבן אין גימנאַזיע, וואָס, ווי מיר ווייסן שוין, איז אין יענע צייטן, מצד פון אַ יידן, געווען זעהר אַ דרייסטער שריט. נאָר דער פאָטער פון די לעווענטאַלס האָט זיך שוין דעמאָלט נישט געהאַלטן אָן די יידישע אָנשויאונגען און כּללים, און דעריבער געשטאַנען אָן אַ זייט פון זיינע גלויבנס־ברידער.

אין גימנאַזיע האָבן די יינגלאך זיך געלערנט אויסגעצייכנט און ביידע געענדיגט מיט גילדערנע מעדאַלן, דערביי איז נחמנען געווען אינגאַנצן 17 יאָר, און דעם קלענערן — לייזערן — נאָר 16 יאָר. אין דעם דאָזיגן עלטער זיינען זיי געקומען צו פאָרן קיין קיעוו (אין יאָר 1872), כּדי אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט. נאָר, ווי איך האָב שוין מיטגעטיילט, זיינען זיי אינגיכן נאָך דעם אָנגעקומען אין דעם קרייזל, וואָס פּאַוועל אַקסעלראָד האָט געגרינדעט. די ברידער לעווענטאַל האָבן זיך דורכגעדרונגען מיט די סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן דעמאָלט פאַרשפּרייטן אין רוסלאַנד, און באַגלייך מיט אַנדערע יונגע לייט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט, כּדי צו גיין „אין פאָלק".

זעלבפאַרשטענדליך, אַז די לעווענטאַלס האָבן, כּדי צו ווערן „פויערים", זיך געלערנט מלאכות — סטאָלעריי, שוסטעריי, זיינען געגאַנגען אין קיעוו אין אַרטעלן צו אַרבעטער פּראָפּאַגאַנדירן, — האָבן דאָרטן זיי געלייענט ביכלאך א. א. וו. איך געדענק נישט, צי זיי האָט זיך איינגעגעבן פאַרווירקליכן זייער פּלאַן „צו פּראָפּאַגאַנדירן" די פויערים, ד. ה. צי זיינען זיי ווירקליך גע־

גאַנגען „אין פאָלק“. נאָר מיר ווייסן שוין, אַז זומער 1874 איז די לעווענטאַלס, ווי אויך פאַוועל אַקסעלראָדן, אויסגעקומען, צוליבן אַרעסט פון סעמיאָן לוריע, עמיגרירן קיין אויסלאַנד, וואו זיי האָבן אויך געוואָלט איבערבלייבן נאָר אויף אַ קורצע צייט, ביז ס׳וועט זיך איינשטילן דאָס זוכן, וואָס מ׳האָט פאָרגענומען נאָך זיי.

באַזונדערס גרויסע פעהיגקייטן האָט פאַרמאָגט דער עלטערער לעווענטאַל. קומענדיג קיין בערלין, האָט ער איינצייטיג זיך באַקענט מיט דער אָרטיגער אַרבעטער־באַוועגונג און באַזוכט לעקציעס איבער מאַטעמאַטיק און פיזיק: צו די דאָזיגע לימודים האָט אים באַזונדערס שטאַרק געצויגן *). נאָר דיזעלבע נייגונג איז טיילווייז געווען אויך די סיבה פון זיין שרעקליך טראַגישן סוף: פון איין זייט האָט אים געצויגן צוריק קיין רוסלאַנד, כדי צו אַרבעטן אין פאָלק, און פון דער אַנדערער — האָט אים אינטערעסירט די ריינע וויסנשאַפט. דער אינעווייניגסטער פלאָנטער, וואָס איז איבער דעם אויסגעוואַקסן ביי נחמנען, האָט אים געבראַכט אין אַ שווערן גייסטיגן צושטאַנד. צו דעם דאָזיגן שווערן קאַמף איז נאָך צוגעקומען ביי אָט דעם זעהר באַגאַבטן בחור אַן אומגליקליכע ליבע צו איינער אַ יידיש מיידל, וואָס האָט ליב געהאַט זיינעם אַ חבר. ווען דאָס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, האָט דער אומגליקליכער נחמן, וואָס איז אַלט געווען אינגאַנצן 18—19 יאָר, אויסגעטרונקען שוועבלזויער און זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך. נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס מ׳האָט אים שנעל אַרויסגעשלעפט פון וואַסער, האָט דער סם דאָך אויף אַזוי פיל באַוויזן צו ווירקן, אַז קיין שום מיטלען האָבן שוין ניט געקאָנט אים ראַטעווען.

דאָס איז געווען אַ ליידנשאַפטליכע, אימפעטיגע און זעהר באַגאַבטע נאַטור, וואָס פלעגט זיך זעהר גיך אָנצינדן פון עפּעס און

*) די חברים־סטודענטן האָבן געהאַלטן, אַז פון נחמן לעווענטאַלן האָט מיט דער צייט געקאָנט אַרויסקומען אַ צווייטער העלמהאָלץ.

אויך אַזוי גיך איבערגיין צו אַן אַנדער זאַך. נאָר, געוויינטליך, ווען די באַדינגונגען פון זיין לעבן זאָלן נישט געווען זיין אַזעלכע שלעכטע, צוליב די רוסישע פּאָליטישע תּנאים, וואָלט פון נחמן לעווענטאַלן אָן שום ספק אַרויסגעקומען אַ גרויסער אייראָפּעאישער געלערנטער, אויף וואָס ס׳זאָגט עדות טיילווייז דער גורל פון זיין קלענערן ברודער.

פיל איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן לייזער לעווענטאַלן אין אויסלאַנד. אים האָט זיך איינגעגעבן איבערפאָרן פון רוסלאַנד צוערשט קיין טערקיי, פון וואַנען ער האָט צוליב דוחק אין געלט פאַר דער ווייטערדיגער נסיעה, נישט געקאָנט זיך אַרויסקלייבן און אין משך פון אַ געווייסער צייט האָט ער בפועל ממש געהונגערט. נאָר סוף כל סוף האָט ער זיך דערשלעפּט קיין בערלין, וואו, אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט נישט שלעכט געצייכנט, האָט ער זיך געפונען עפּעס אַן אַרבעט. נאָר לייזער האָט נישט געוואָלט ווערן מיט־אַמאָל אַן עמיגראַנט: אינגיכן נאָך דעם האָט ער זיך אומלעגאַל אומגעקערט אַהיים, וואו ער איז אָפּגעווען צוויי צי דריי יאָר, און נאָך דעם זיך ווידער אַוועקגעלאָזט קיין אויסלאַנד, דאָס מאָל אין דער שווייץ, קיין גענף. דאָרט איז ער אָנגעקומען אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. כדי צו קריגן מיטלען צום לעבן, האָט ער זיך ווידער גענומען צו צייכענונגען און, אַרבעטנדיג אין אַ פאָטאָגראַפיע, זיך אין דער זעלבער צייט געלערנט אין אוניווערסיטעט. אינגיכן האָט דער פּראָפעסאָר פון אַנאַטאָמיע געווענדעט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די פּרעפּאַראַטן, וואָס ער פלעגט אַרטיסטיש צוגרייטן, און אים נאָך דעם איינגעאָרדענט אַלס פּרעפּאַראַטאָר אין אַנאַטאָמישן טעאַטער. חוץ דעם, ווען לייזער לעווענטאַל, איז איבערגעגאַנגען אויפן דריטן קורס, האָט דער באַרימטער פיזיאָלאָג פּראָפ. שיף געמאַכט אים פאַר זיין אַסיסטענט. אַזוי אַרום האָט דער דאָזיגער באַגאַב־

טער מענש, נאָך זייענדיג אַ סטודענט, זיך שוין אויסגעטיילט מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטן, וויסן און זעלטענער פלייסיגקייט.

געענדיגט גלענצענד דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, האָט לע־וועגטאַל באַקומען אַ פאָרשלאָג צו פאַרנעמען די קאַטעדרע פון גיסטאָלאָגיע אין לאָזאַן. אויף וויפיל מיר איז באַוואוסט, איז ער ביז דער לעצטער צייט אַלץ געווען דאָרט פּראָפעסאָר, און האָט אַדאַנק זיינע ווערק באַקומען אַ גרויסן נאָמען אין דער וועלט פון געלערנטע. פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט לייזער לעווענטאַל זיך לאַנג אינגאַנצן באַזייטיגט. צי לעבט ער איצט, ווייס איך נישט.

גריגאָרי גורעוויטש

נישט איין מאָל איז מיר שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען אין די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך דעם נאָמען פון גריגאָרי גורעוויטש. פון פּ. ב. אַקסעלראָדס ווערטער וויסן מיר שוין, אַז איינער פון די ערשטע יונגע יידן, וועמען ער האָט צוגעצויגן צו זיינע פּלע־נער, איז געווען גר. גורעוויטש. ער איז אויך געווען אין דעם קרייזל, וועלכער פלעגט זיך צונויפקלייבן אין קאַמינערס הויז. דאָך האָט גריגאָרי גורעוויטש, ווי אויך די לעווענטאַלס, ס. לוריע און אַנדערע נישט געשפּילט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג לחלוטין קיין שום ראָלע נישט: זיין אָנטייל אין איר איז געווען אינגאַנצן אומבאַדייטנד. און דאָך קאָן מען זיין ראָלע נישט פאַרשווייגען, ווייל צווישן די יידן־„סע־מידעסיאַטניקעס" (עפּאָכע פון די זיבעציגער יאָרן), וואָס האָבן געהאַט די אָדער יענע שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג, פאַרנעמט גר. גורעוויטש אַ באַזונדער אָרט. איך וועל אי־בערגעבן דעריבער, וואָס איך ווייס וועגן אים אויפן סמך פון זיינע אייגענע נאָטיצן, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט מיט 10 יאָר צוריק.

געבוירן געוואָרן איז גר. גורעוויטש אין מאָהלעוו אויפן דניעפּר אין יאָר 1852 אין אַ רייכער יידישער משפּחה. דער עיקר ווירקונג אויף זיין דערציהונג האָט געהאַט זיין מוטער, געבוירענע האַרקאַווי, וועלכע איז לויטן כאַראַקטער, אינטעלעקט און אַנטוויקלונג געווען אַן אויסשליסלעכע פּרוי. חוץ דער העברעאישער שפּראַך, האָט זי אויסגעצייכנט געקענט רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש, און פיל געליינט אין די דאָזיגע שפּראַכן. זי האָט זיך געמיהט צו מאַכן פון אירע קינדער געבילדעטע מענשן, איינפלאַנצן אין זיי ליבע צו גייסטיגער אַרבעט. די לערערס, וואָס זי פלעגט איינלאַדן צו גריגאָרי און זיין ברודער דאַווידן, זיינען געווען נישט נאָר גרויסע העברעאיסטן, נאָר אויך קענער פון דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור און איראָפּעאישע שפּראַכן. ווען גרישא איז אַלט געוואָרן 15 יאָר, האָט זי אים אינאיינעם מיטן ברודער אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד, וואו ער איז אָנגעקומען אין אַ יידישער קאָמערץ-שול, און נאָך דעם, ווי ער האָט זי געענדיגט אין צוויי יאָר אַרום, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד. נישט וועלנדיג ווערן קיין סוחר, האָט ער זיך אָנגעהויבן גרייטן צום עקזאַמען אויף אַנצוקומען אין אוניווערסיטעט. זיין לערער איז איין צייט געווען פּ. ב. אַקסעלראָד, וואָס האָט געהאַט אויף אים, ווי אויך אויף אַנדערע יידישע בחורים פון יענער צייט, אַ גרויסע ווירקונג. אָט וואָס ער האָט מיר מיטגעטיילט וועגן דעם אין זיינע נאָטיצן:

„איך בין אַלט געווען 14 יאָר, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט פּנחס אַקסעלראָד, וועלכער איז געקומען צופוס פון שקלאָוו קיין מאָהלעוו און האָט אַ שטיקל צייט געוואוינט ביי אונז אין שטוב. ביי אונז האָט עקסיסטירט דאַן אַ קרייזל פון זעלבסאַנטוויקלונג, אין וועלכן ס'זיינען געווען גימנאַזיסטן — די ברידער לעווענטאַל, לייזער צוקערמאַן און אַנדערע. מיר האָבן געליינט רוסישע קלאַסיקער, בעלעטריסטן און קריטיקער. ווען איך האָב

נאָך דעם זיך גענומען גרייטן אָנצוקומען אין ניעזשינער ליצעי, איז פ. ב. אַקסעלראָד געוואָרן מיין לערער".

אין אַ צייט אַרום איז גר. גורעוויטש אָנגעקומען אַלס פרייער צוהערער אויף דעם יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערסי־טעט. דאָרט, ווי מיר ווייסן שוין, האָט ער זיך ווידער געטראָפן מיט פ. אַקסעלראָדן אין איין קרייזל, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע די פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַרבעטער.

איבער די אַרעסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן און צוליב דעם זוכן אים פון זשאַנדאַרמען, איז ער אַנטלאָפן אינאיינעם מיט אַקסעלראָדן און די ברידער לעווענטאַל קיין אויסלאַנד, איין צייט האָבן זיי אַלע געוואוינט אין בערלין. אַהין זיינען אויך דערנאָך אָנגעקומען צוקערמאַן, זונדעלעוויטש און אַנדערע יידישע יונגע לייט, וואָס האָבן זיך אַזוי אָדער אַנדערש באַטייליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

„דורך זונדעלעוויטשן, — דערציילט מיר גר. גורעוויטש, — בין איך דערנאָך צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי „זעמליאַ אי וואָ־ליאַ" און שפּעטער צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". נאָר, געפי־נענדיג זיך אונטער דער ווירקונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע און וואוינענדיג אין בערלין, בין איך צוגעשטאַנען צו דער אָפּאָזיציע פון יאָהאַן מאָסט, טיילוויז אויך אַריינגעטראָטן אין באַציהונגען מיטן באַרימטן קעננער פון מאַרקס און ענגעלס— מיטן פּראָפ. דיורינג.

וואוינענדיג אין משך פון אַ לאַנגער צייט אין אויסלאַנד, האָט גורעוויטש געהאַט די מעגליכקייט צו באַקענען זיך מיט די באַ־וואוסטע רוסישע עמיגראַנטן, און אויך מיט די באַרימטע פירערס פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג — מיט פר. ענגעלס, ליב־קנעכט, בעבעל, אַוערן און אַנד.

אין בערלינער אוניווערסיטעט האָט גורעוויטש געשטודירט מעדיצין, וואָס האָט דאָך נישט אויסגעשלאָסן פאַר אים די מעג־ליכקייט צו באַטייליגן זיך אין דער זעלבער צייט אין דער דיי־

טשער ארבעטער-באוועגונג, זיין אויף זייערע פארזאמלונגען, פארטיי-צוזאמענפארן אין גאטא, ניורנבערג און אין אנדערע שטעט.

ווען לייזער גאלדענבערג, אין איינעם מיטן באוואוסטן ליבערמאנען, האבן ווי מיר ווייסן שוין, אויפגעהויבן אן אגיטאציע פאר דער נויטיגקייט צו פירן פראפאגאנדע פון סאציאליזם צווישן די יידישע ארבעטארער אויף דער יידישער שפראך, איז גר. גורעוויטש געווען איינער פון די ערשטע, וואס האט אנערקענט די רייפקייט און נוצליכקייט פון דער דאזיגער אויפגאבע. דערנאך, אז ליבערמאן איז איבערגעפארן פון לאנדאן קיין ווין, וואו ער האט אנגעהויבן ארויסגעבן דעם זשורנאל „האמת“, איז גר. גורעוויטש צוגעשטאנען צו דעם קרייזל יידישע סאציאליסטן, וואס יענער האט ארגאניזירט.

אין הארבסט 1878 איז גר. גורעוויטש ארעסטירט געווארן אין בערלין און אנגעקלאגט געווארן פאר באטייליגן זיך אין א געהיימער סאציאליסטישער ארגאניזאציע. נאך דריי-חדשימדיגער געפענקעניש איז ער אינאיינעם מיט ליבערמאנען און אראנסאנען איבערגעגעבן געווארן צום געריכט, וועלכער האט אים פארמשפט צו 9 חדשים טורמע און ארויסשיקן דערנאך פון פרייסן.

נאך די אנטי-יידישע פאגראמען, וואס האבן אויסגעבראכן אין אנהויב 1881 יאר אין דרום-רוסלאנד, איז גורעוויטש, נישט זיינענדיג איינשטימיג מיט דער אומגערעכטער באציהונג פון דער „נאראדנאיא וואליא“ צו די דאזיגע טרויעריגע געשעהענישן, זיך צעגאנגען מיט דער דאזיגער ארגאניזאציע און געווארן א יידישער סאציאליסט. ווייטער וועל איך דערציילן, אין וואס ס'איז באשטאנען די נישט-ריכטיגע באציהונג צו די יידישע פאגראמען מצד דער גרעסטער פון די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס, וואס האבן דעמאלט געארבעט און געווירקט אין רוסלאנד.

דא איז נויטיג אנווייזן אויף דעם, ווי אזוי דער גרעסטער טייל פון דער יידישער פראגרעסיווער יוגנט האט רעאגירט אויף דער אנטיסעמיטישער שטימונג, וואס האט זיך אנגעהויבן נאך די פא-

גראַמען, און אויף וואָס איך האָב שוין נישט איין מאָל זך אָפּגעשטעלט.

אין אַ גרויסער מאָס איז אויפגערעגט געוואָרן די יידישע פּראָגרעסיווע יוגנט: אַ סך פון זייער סביבה, וואָס זיינען פריהער צוגעשטאַנען צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן זיך דערווייטערט פון איר און אָנגעהויבן בויען פּלענער — איינער גראַנדיעזער און אוטאָפּישער פונם אַנדערן, ווי אַזוי צו העלפן זייערע פאָלקסברידער. אייניגע פון די דאָזיגע בעלי־חלומות האָבן באַשלאָסן אויסצוואַנדערן אין די צפון־אַמעריקאַנישער פאַראייניגטע שטאַטן, כדי צו גרינדן דאָרט אין די דעמאָלטיגע נאָך אורסטעפּעס יידישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס.

„מיר יידן, — האָבן געטענהט די דאָזיגע יונגע אידעאַליסטן, — האָבן געגעבן דער וועלט גרויסע מאָראַלישע פּרינציפּן, וועלכע זיינען ביז איצט נאָך אין ערגעץ ניט פאַרווירקליכט. קאָן זיין, אַז אויף אונז איז איצט אויסגעפאַלן דער גורל צו ווייזן דער וועלט אַ ביישפּיל, ווי מ׳דאַרף אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפטליך לעבן אויף די פּרינציפּן פון אמת און גערעכטיגקייט“.

לויטן פּלאַן פון די דאָזיגע צוקונפטיגע אַמעריקאַנישע ערד־אַרבעטער־קאָמוניסטן, האָט די גאַנצע ערד געדאַרפט ווערן דאָס אייגנטום פון דער קאָמונע און באַאַרבעט ווערן אינאיינעם. יעדער מיטגליד פון דער קאָמונע האָט געזאָלט באַקומען אַליץ, וואָס אים איז נויטיג געווען צום לעבן, און דעם רעשט פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע האָט מען געדאַרפט באַנוצן אויף פאַרבעסערן און פאַרגרעסערן די קאָמונאַלע ווירטשאַפט, און אויך אויף איינאָרדענען נייע קאָמונעס פאַר די יידן, וואָס וועלן נאָך אָנקומען קיין אַמעריקע.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז שווער געווען עפּעס צו האָבן קעגן דעם דאָזיגן פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַלע פּרטים: ס׳האָבן דאָך אַלע, און דערין איך אויך, אָפט באַשולדיגט די יידן דערפאַר, וואָס זיי דרעהען זיך אויס פון פּראָדוק-

טיווער אַרבעט, האַלטענדיג בעסער פון פאַרמיטלערישע פונק־ציעס.

איינער פון מיינע אַלטע שול־חברים, דער באַגאַבטער בחור וואָלטער, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט פון רוסלאַנד מיט אַ גרופּע גלויבנס־חברים קיין אַמעריקע מיטן צוועק צו שאַפן אין דער נייער וועלט לאַנדווירטשאַפטליכע קאָמונעס, האָט ספּעציעל זיך אָפּ־געשטעלט אין דער שווייץ, כּדי צושטיין צו זיי. ער איז דער־נאָך שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט, אַז איך האַלט נישט דעם דאָזיגן פּלאַן פאַר צוועקמעסיג און אַז ער זאָל קאָנען פאַרווירקליכט ווערן: איך האָב נישט געגלויבט אין דער מעגליכקייט גיך צו דערגרייכן אַזעלכע גרויסע ענדערונגען צווישן מיינע פאָלקס־ברידער און, צו דער שטאַרקער פאַרביטע־רונג פון מיין חבר, האָב איך פאָראויסגעזאָגט, אַז אין אַ צייט אַרום וועלן די דאָזיגע אַלע אידעאַליסטן אַוועקוואַרפן זייערע קאָלאָניעס און זיך איבערציהען אין די אַמעריקאַנישע שטעט, וואו זיי וועלן זיך פאַרנעמען מיט די געוועהנליכע אינטעליגענטישע באַשעפ־טיגונגען. די וייטערדיגע געשעהענישן — ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערגעצייגט, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, — האָבן באַוויזן, אַז אין דעם דאָזיגן פאַל בין איך נישט געוועזן קיין שלעכטער נביא. לאָמיר זיך דאָך אומקערן צו גר. גורעוויטשן.

ווי מיר ווייסן שוין, האָבן אויף אים אויך אין אַ גרויסער מאָס געווירקט די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען און די פיינטליכע באַציהונג צו זיינע פאָלקסברידער מצד אַ געוויסן טייל פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך די פּאָגראָמען. אים האָט שוין אויך פריהער געצויגן צו אַרבעטן צווישן יידן, און דערפאַר איז ער צוגעשטאַנען צו ליבערמאַנען — דעם ערשטן פרעדיגער פון דער נויטיגקייט צו פירן פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם אויף דער יידישער שפּראַך, —און נאָך די פּאָ־גרעמען איז גורעוויטש אינגאַנצן אָפּגעשטאַנען פון די „נאַראָ־דאָוואָלצעס" און האָט זיך פולקום געווידמעט דער טעטיגקייט

צווישן זיינע פֿאָלקסברידער. כּדי צו באַפֿרייען זיי פֿון רדיפֿות האָט ער אויך צוגעטראַכט אַ פּלאַן — איבערוואַנדערונג פֿון די יידן קיין פּאַלעסטינע. דעם דאָזיגן פּלאַן האָט ער אָנגעהויבן פּרעדיגן זיין געוועזענעם לערער פּ. ב. אַקסעלראָדן, וואָס איז יענעם אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז ער האָט אין זיינע בריוו צו מיר, — איך האָב געוואוינט אין גענף, און ער אין ציוריך, — אויספֿיר־ליך אים מיר איבערגעגעבן; דערביי האָט ער מיך געבעטן צו דערפֿרעגן זיך ביים באַרימטן געאָגראַף עליזע רעקליו, מיט וועמען איך האָב זיך דעמאָלט אָפֿט באַגעגנט, וועגן די געאָגראַפֿישע, קלימאַטישע און אַנדערע באַדינגונגען פֿון פּאַלעסטינע. נאָר דעמאָלט, ווי, אגב, אויך איצט, האָב איך נישט אָנערקענט אויך דעם דאָזיגן פּלאַן פֿאַר צוועקמעסיג אַלס ראַדיקאַלע לעזונג פֿון דער יידן־פֿראַגע. איך האָב גערעכנט, אַז די יידן אינאיינעם מיט די אַנדערע פֿעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, דאַרפֿן קעמפֿן פֿאַר דערגרייכן פֿולע גלייכבאַרעכטיגונג פֿאַר אַלע איינוואוינער פֿון דעם דאָזיגן לאַנד *).

איך וועל ענדיגן וועגן דעם וייטערדיגן לעבן פֿון דעם דאָזיגן, ווי מיר האָבן געזעהן, אויב נישט ערשטן, איז איינעם פֿון די סאַמע ערשטע אָנהענגער פֿון פּירן פּראָפּאַגאַנדע פֿון סאָציאַליזם צווישן די יידישע מאַסן, און אויך פֿאַר באַזעצן זיי אין פּאַלעס־טינע.

פֿון ציוריך, וואו מיר האָבן זיך מיט אים באַגעגנט זומער 1882, און וואו, אגב, מיר האָבן געהאַט אַ הייסן וויכּוח וועגן דער יידן־פֿראַגע, איז ער איבערגעפֿאָרן קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער וייטער געשטודירט מעדיצין, נאָר האָט דעם קורס נישט געענדיגט; ער האָט זיך פֿאַרנומען, דער עיקר, מיט ליטעראַטור, אָנגעשריבן אַ

*) ווען ס'וועלן פֿאַרעפֿנטליכט ווערן מיינע בריוו, וואָס געהערן צו יענער צייט, און דאָס וועט אינגיכן פֿאַרווירקליכט ווערן, וועט דער לעזער זעהן, אַז שוין העכער 40 יאָר צוריק האָב איך זיך באַצויגן צו דער יידן־פֿראַגע פּונקט אַזוי ווי איצט.

די אַרטיקלען, וואָס זיינען ערשינען אין „וואָסכאָד“ („אויפֿגאַנג“) פֿאַרן יאָר 1884 וועגן דעם לעבן פֿון עמיגראַנטן. אין יאָר 1883 איז ער אומלעגאַל איבערגעגאַנגען די גרעניץ, און נאָך דעם זיך באַזעצט אין מאָסקווע, וואו ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט ליטעראַטור. נאָר אינגיכן נאָך דעם האָט מען אים אויסגעשפּיאָנירט און אַרעסטירט פֿאַר געהערן צו דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“; דאָך, אָפּגעהאַלטן אים אין טורמע 16 חדשים, האָט מען אים, צוליב מאַנגל אין חשדים, באַפֿרייט.

פֿון יענער צייט אָן האָט ער אָנגעהויבן וואוינען לעגאַל אין רוסלאַנד, פֿאַרנעמענדיג אַ פּאָסטן פֿון דענישן קאָנסול אין קיעוו ביזן יאָר 1918, ווען ס'האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן די אומצאָליגע בייטענישן פֿון די רעגירונגען. דערנאָך האָט ער ווידער עמיגרירט קיין אויסלאַנד, קיין פּאַריז, וואו מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט זומער 1922 יאָר.

אין משך פֿון פֿיר צעהנדליגער יאָר מיט עפּעס גיט גר. נורעוויטש אָפּ זיין גאַנצע צייט דער טעטיגקייט צווישן זיינע פֿאָלקסברידער. ווי פֿריהער אין קיעוו, אַזוי אויך איצט אין פּאַריז, איז ער אַ מיטגליד פֿון עטליכע קאָמיטעטן און אַנשטאַלטן, וואָס באַשעפֿטיגן זיך מיט דער יידישער עמיגראַציאָנס־פֿראַגע.

פֿון דעם אַלעם, וואָס ס'איז פֿריהער געזאָגט, דאַכט זיך מיר, איז קלאָר, אַז דאָס קרייזל, וואָס פּ. ב. אַקסעלראָד איז געווען זיין קאָפּ און נשמה, איז אין דער מערהייט זיינער באַשטאַנען פֿון מענשן, וועלכע זיינען נאָר צופֿעליג, אויף אַ קורצער צייט צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

נאָר דער איניציאַטאָר אַליין פֿון דעם דאָזיגן קרייזל איז געווען אַן אָנגעזעהענער אָנטיילנעמער פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; זיינע אָנהענגער אָבער, ווי מיר האָבן געזעהן, האָבן, נאָך די ערשטע רדיפֿות אויף זיי, עמיגרירט קיין אויסלאַנד

און אין דער ווייטערדיגער צייט, — איינער פריהער, דער אַנדערער שפּעטער, — זיינען זיי אינגאַנצן אַראָפּ פון דער פּאָליטישער סצענע.

דערפון, דאַכט זיך מיר, דאַרף מען אויספירן אַ סך־הכּל, אַז נישט לויט די טעמפּעראַמענטן, נישט לויט די שטרעבונגען האָט די מערהייט מיטגלידער פון דעם קרייזל, וואָס מיר האָבן באַשריבן, נישט געהערט צו די מענשן, וואָס פאַרמאָגן אַ טיפע אינערווענינגסטע צוציהונגס־קראַפט צו „רעוואָלוציאָנערער קאַריערע“: ביי אַלע די יונגע יידישע בחורים, וואָס אַקסעלראָד האָט צוגעצויגן, האָט נישט געקלעקט קיין ענטוזיאַזם און מוט אפילו אויף דער קלענסטער צייט. איינגע פון זיי האָבן פאַרמאָגט גרויסע פעהיגקייטן, נאָר דערביי זיינען זיי געווען מענשן שטילע, וואָס זיינען שטאַרק נוטה געווען צו וויסנשאַפטליכע סטודיעס, אין וועלכע, ווי מיר האָבן געזעהן, ל. לעווענטאַל און ס. לוריע האָבן עפּעס אויפגעטאָן; רעוואָלוציאָנערן אָבער זיינען זיי אַלע געווען נישט קיין וויכטיגע.

קאַפּיטל יז

„דער זאַמלער פון דעם רוסישן לאַנד“

מיר ווייסן שוין, אַז דער גאַנצער קאָנטינגענט יידן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז געווען זעהר באַגרעניצט, און פון אים זיינען מענשן, וואָס זיינען געבליבן פעסט שטיין אויף זייער געפערליכן און נישט־לוינבאַרן פּאָסטן, געווען נאָך ווייניגער: מ'האָט זיי געקאָנט אַלע איבערציילן אויף די פינגער. צווישן די דאָזיגע 9—10 יידן איז דער סאַמע גרעסטער אין די זיבעציגער יאָרן געווען מאַרק אַנדרעיעוויטש נאַטאַנזאָן.

צווישן די גרויסע רעוואָלוציאָנערן פון יענעם יאָהרצעהנדלינג זיינען געווען, ווי באַוואוסט, נישט ווייניג פעהיגע מענשן, וואָס זיינען געווען שטאַרק פּאָפּולער. ס'איז גענוג אָנצורופן די נעמען פון: וויעראַ זאַסוליטש, סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, וויעראַ פיגנער, יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ, זשעליאַבאָוו, קראָפּאָטקין, פּלעכאַנאָוו. נאָר אין אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרן, אין דעם ברען פון דער באַוועגונג „אין פאָלק“, האָבן גאָר אַנדערע נעמען געהאַט דעם אַלגעמיינעם ערפאָלג ביי דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. זייערע אָפּגעטער זיינען געווען: סערגעי קראַווטשינסקי, דמיטרי ראָגאַטשאָוו, סערגעי קאָוואַליק, פּאָרפירי וואָינאָראַלסקי און אַנד. וועגן די דאָזיגע מענשן, זייערע טאַלאַנטן, ענערגיע, באַגאַבונגען א. א. וו. זיינען אַרומגעגאַנגען כּמעט לעגענדעס. נאָר ווען אויף דער רעוואָלוציאָנערער אַרענע אין מיטן די זיבעצי־

גער יאָרן האָט זיך באַוויזן דער באַפרייטער פון אַדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג מ. א. נאַטאַנזאָן, האָט זיין רום כמעט פאַרשטעלט דעם רום פון די אַלע נאָר וואָס אויסגערעכנטע באַרימטקייטן. אין משך פון עטליכע יאָר איז צווישן די רעוואָלוציאָנערן נישט געווען קיין אַנדערער טוער, וואָס זאָל האָבן אַזאַ ווירקונג, זיין אַזוי חשוב און שטאַרק, ווי „מאַרק". ער האָט פאַרנומען דאָס סאַמע אָנגעזעהענסטע אָרט, וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט פּרעטענדירן אויף דעם.

אַלע, וואָס זיינען באַקענט מיט אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז באַוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע ס'האָט געשפּילט אין איר די געזעלשאַפט פון די „טשאַיקאָווצעס", וועגן וועלכער איך האָב שוין פריהער מיטגעטיילט. נאָר ווייט נישט אַלע ווייסן, אַז איר גרינדער איז געווען נישט נ. וו. טשאַיקאָווסקי, נאָר דער צוואַנציגיאָריגער סטודענט פון דער מיליטער־כירורגישער אַקאַדעמיע מ. א. נאַטאַנסאָן. דאָס האָט ער געגרינדעט יענע געהיימע געזעלשאַפט, פון וועלכע ס'איז אַרויסגעקומען די מערהייט באַרימטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועגן וועלכע איך האָב שוין נישט איין מאָל דערמאָנט. אַ דאַנק אויך זיינע אָנשטרענגונגען איז דערנאָך אויפגעקומען אויך די צווייטע געזעלשאַפט „זעמליא אי וואָליאַ", וואָס איז נישט ווייניגער באַרימט געוואָרן ביי אונז, און פון וועלכער ס'זיינען דערנאָך, ווי באַוואוסט, אַרויסגעקומען די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און „טשאָרני פּערעדעל", וואָס האָבן אָן שום ספק געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד.

שוין פון די דאָזיגע פאַקטן אַליין קאָן מען אויספירן, אויף וויפיל מ. א. נאַטאַנסאָן איז געווען גרויס אין יענער עפּאָכע. און דערפאַר קאָן זיך נאָך מער משונה אויסוייזן, פאַרוואָס ער האָט אין דעם ווייטערדיגן גאַנג פון אונזער באַוועגונג נישט געשפּילט קיין באַזונדערס גרויסע ראָלע, און זיין נאָמען איז געבליבן ווייניג אָדער אינגאַנצן אומבאַוואוסט פאַר די נייע דורות. איך וועל איבערגעבן דאָס ווייניגע, וואָס איך ווייס וועגן זיין עבר.

אַ סוחרס אַ זון פון קאָוונע, האָט מאַרק, נאָך דעם ווי ער האָט געענדיגט די אָרטיגע גימנאַזיע אין יאָר 1868, זיך אַוועקגעלאָזט קיין פעטערבורג, וואו ער איז אָנגעקומען אין דער מעדיקאָכירורגישער אַקאַדעמיע. דאָרט איז ער זיך צונויפגעגאַנגען מיט צוויי סטודענטן — טשאַיקאָווסקי און סערדיוקאָוו, מיט וועמען ער האָט איניאיינעם באַשלאָסן צו גרינדן אַ קרייזל פון די מער געבילדעטע און מאָראַליש-הויכע יונגע לייט פון ביידע געשלעכטער. אַריינגעמען אין זייער סביבה האָבן זיי באַשלאָסן נאָר מענשן, וואָס זיינען ריין אין אַלע פּרטים און אין דער זעלבער צייט די סאַמע בעסטע און טאַלאַנטפולסטע. דעריבער איז דער איינטריט פון יעדן נייעם מיטגליד אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט די גרעסטע שוועריגקייטן: ס'האָט זיך געפאָדערט איינשטימיגקייט, און ביי דעם קלענסטן ספק פון וועלכער ס'ניט איז זייט, פלעגט דער קאַנדידאַט דורכפאַלן. צוציהענדיג, אַזוי אַרום, אַלע בעסטע מענשן פון דער הויפּט-שטאָט, האָט די דאָזיגע גרופּע געהאַט בדעה צו מאַכן דאָס זעלבע אין מאָסקווע, קיעוו, אָדעס און אַנדערע גרויסע שטעט פון רוסלאַנד. אַזוי אַרום האָט דאָס גאַנצע לאַנד מיט דער צייט געדאַרפט זיך באַדעקן מיט שטייף-צונויפגעבונדענע צווישן זיך קרייזלאַך, וואָס זיינען באַשטאַנען פון געבילדעטע און מאָראַליש-הויכע מענשן, וועלכע, זייענדיג נאָך אויף דער שול-באַנק, וואָלטן געקאָנט, לויט זייערע כּוחות, אין געזעצליכע לעגאַלע גרעניצן, צו ווירקן אין פּרט פון אויפהויבן דעם גייסטיגן און מאָראַלישן ניוואָ פון דער באַפעלקערונג.

אַדאַנק דער גרויסער ענערגיע און איינגעשפאַרטקייט, וואָס נאַטאַנסאָן האָט אַרויסגעוויזן, האָט זיך אים און צוויי זיינע חברים, וואָס איך האָב פריהער דערמאָנט, ווירקליך זיך איינגעגעבן אין סוף 1869 יאָר צוציהען עטליכע מענשן פון דער סאַמע בעסטער יוגנט פון פעטערבורג. דערנאָך האָט זיך דאָס דאָזיגע קרייזל געשטעלט די יעניגע אין דער גרעסטער מאָס פרוכטבאַרע און פראַקטישע אויפגאַבע, וועגן וועלכער איך האָב טיילווייז שוין מיטגעטיילט פריהער: כּדי די לערן-יוגנט זאָל זיך קאָנען פונאַנדער-

קלייבן וועלכע ווערק, וואָס באַווייזן זיך אין אַ גרויסער צאָל אויפן ביכער־מאַרק, לוינט צו לייענען און קויפן פאַר די אייגענע ביבליאָטעקן, האָבן נאַטאַנסאָן און זיינע חברים באַשלאָסן אַליין צו פאַרנעמען זיך מיטן פאַרשפּרייטן די סאַמע ווערטפולע, נייע און אַלטע ווערק. די דאָזיגע ווערק פלעגן זיי אַזוי אונטערקלייבן, אַז יעדער גוטער לעזער האָט געמוזט ווערן אַ פּראָגרעסיווער מענש, אַן ערליכער, הומאַניטאַרער און געבילדעטער, וואָס שטרעבט צו לעבן נישט נאָר פאַר זיך אַליין און זיינע נאָהענטע, נאָר לטובת אַלע פאַראָרימטע, פאַרשקלאַפּטע און באַליידיגטע מענשן.

דער דאָזיגער פּשוטער פּלאַן, וואָס קאָן זיך איצט אויסווייזן פאַר אומוויכטיג און קליינליך, האָט דאָך געשפּילט זעהר אַ גרויסע ראָלע, וואָס איז ניט אָפּצושאַצן, אינם פּראָצעס פון דער בילדונג אין רוסלאַנד. אין די סאַמע פאַרוואָרפענסטע ווינקלען, וואוהין ס'פלעגן פריהער דערגיין נאָר אומזיניגע, און אַ מאָל אויך שעדליכע ביכער, האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן גוט־צונויפגעשטעלטע ביבליאָטעקן, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן גאָר אַ נייעם שטראָם, נייע געדאַנקען, וועלכע האָבן אָנגעוויזן וואָסערע צילן און שטרעבונגען ס'דאַרפן האָבן ערליכע מענשן.

נאָר, ווי מיר ווייסן שוין, האָט די „דריטע אָפּטיילונג“ זיך דערוואוסט, אַז אַלס איניציאַטאָר פון דער דאָזיגער קולטור־אויפקלערערישער אונטערנעמונג איז געווען מ. נאַטאַנסאָן; דעריבער האָט מען אים אַרעסטירט און דערנאָך פאַרשיקט אויפן אַדמיניסטראַטיוון אופן ווייט אויף צפון פון אייראָפּעאישן רוסלאַנד (אין יאָר 1872).

זייענדיג אין פאַרשיקונג, האָט נאַטאַנסאָן נישט נאָר ניט פאַרלוירן דעם מוט, ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, נאָר, פאַרקערט, איז נאָך מער פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און זיך צוגעגרייט צו דער ווייטערדיגער ברייטער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט, וואָס איז אים פאָרגעשטאַנען. ער האָט גאַנץ פלייסיג זיך געלערנט און געפירט אַ לעבעדיגע קאָרעספּאָנדענץ מיט חברים, ווען ער האָט זיך געמיהט צו דערווייזן, אויף וויפיל וויכטיג ס'איז צו פירן ווייטער

דעם ענין פון צוגרייטן און זאַמלען די צווייטע כוחות. ער האָט אַזוי אַרום, געהאַלטן אין זאָרגן זיך נישט נאָר וועגן פאַרהיטן נאָר אויך וועגן דער ווייטערדיגער פאַרשפרייטונג פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געגרינדעט, און וועלכע האָט נאָך פונקציאָנירט.

די רדיפות פון דער רעגירונג האָבן נאָר פאַרגרעסערט די ענערגיע און איינגעשפאַרטקייט פון נאַטאַנסאָנס חברים, וועלכע זיינען געבליבן אויף דער פריי. ווי מיר ווייסן שוין, האָבן זיי איינס נאָכן אַנדערן צוגעצויגן אין זייער אָרגאַניזאַציע די סאַמע בעסטע יונגע לייט פון הויפטשטאָט, דערנאָך באַשאַפן אָפטיילונגען אין איניגע שטעט און נישט נאָר געהאַלטן אין איינקויפן ביי פאַרלעגער גוטע ביכער, נאָר מיט דער הילף פון ל. גאָלדענבערגן, האָבן זיי אָנגעהויבן אויך דרוקן פאַרשיידענע ביכער אין אויסלאַנד.

אַ באַזונדערע אַקטיווקייט האָבן, חוץ די דערמאָנטע שוין טשאַיקאָווסקי און סערדיוקאָוון, אַרויסגעוויזן פעראָווסקאַיאַ, טשאַרושין, קופריאַנאָוו און אַנד. אַרומגעפאָרן אָבער אַ סך איבער רוסלאַנד, פרעדיגענדיג די נויטיגקייט זיך צו אָרגאַניזירן, איז נ. וו. טשאַיקאָווסקי. דעריבער האָבן איניגע אָנגעהויבן אָנרופן מיט זיין נאָמען די נייע קרייזלאַך, וואָס זיינען אויפגעקומען דאָ און דאָרט. דערפון האָט זיך אויך גענומען דער נאָמען פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע „טשאַיקאָווצעס“, פון וואָס איניגע, שוואַך באַקאַנטע מיטן עבר פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן אַרויסגעדרונגען, אַז נ. וו. טשאַיקאָווסקי האָט געשפילט אַ באַזונדערס גרויסע ראָלע אין רוסלאַנד. אינדערעמתן אָבער האָט נ. וו. טשאַיקאָווסקי, — פאַר זיך זעהר אַ חשובער און פאַרדינטער מענש, — אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער „טשאַיקאָווטשטשינאַ“ אינגאַנצן נישט געשפילט קיין ערשטע ראָלע. נאָר איניגע צוליב אומוויסן שרייבן אים צו אַזוי איינגעשפאַרט אַ גרויסע באַדייטונג, אַז, סוף כל סוף, דאַכט זיך, אַז ער האָט אַליין אויך אין דעם אָנגעהויבן גלויבן.

נ. וו. טשאַיקאָווסקי איז אָבער געווען דער ערשטער, און דערצו נאָך דער איינציגער, מיטגליד פון דער „טשאַיקאָווטשינא“, וועלכער איז זיך זעהר גיך צעגאַנגען מיט די איבעריגע און אינגאַנצן אַרויסגעטראָטן פון דער אָרגאַניזאַציע: ער האָט זיך, אינאיינעם מיטן באַוואוסטן מאַליקאָוו און פרעי, באַגייסטערט מיט אַ פאַנטאַסטישן פּלאַן — צו גרינדן אין די צפון־אַמעריקאַנישע פאַראייניגטע שטאַטן אַ פרייע און דורכגעדרונגענע מיט מיסטיציזם קאָמונע, צוליב וואָס ער איז אין אָנהויב זיבעציגער יאָרן אַוועקגעפאָרן אַהין מיט די דערמאָנטע און נאָך עטליכע מענשן, און דערנאָך אויף אַ סך יאָרצעהנדליגנגען זיך באַזעצט אין לאָנדאָן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו נאַטאַנסאָנען און צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געגרינדעט.

מיר ווייסן שוין די אַלע פאַזיסן, וועלכע ס׳האָבן דורכגעמאַכט יענע חברים, וואָס זיינען געבליבן אויף דער פריי, ווי זיי זיינען איבערגעגאַנגען צו דרוקן אין אויסלאַנד פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע בראָשורן, מעשהלאַך וכדומה, ווי זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער, דערנאָך געגאַנגען „אין פאָלק“, נאָך וואָס ס׳איז אינגיכן פאָרגעקומען אַ חורבן, פון וועלכן נאָר זעהר ווייניגע האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען זיך, — אַליין און אַלעס איז צעשטערט געוואָרן נישט נאָר אין פעטערבורג, נאָר אויך אומעטום, וואו ס׳זיינען געווען כאָטש די קלענסטע קעמערלאַך.

פון זיין געפענקעניש־אָרט האָט נאַטאַנסאָן, — אויף וויפיל דאָס איז מעגליך געווען, דורך קאָרעספּאָנדעניץ, און אַמאָל אויך דורך פערזענליכע באַגעגענישן מיט חברים, — נאָכגעשפּירט מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט נאָכן אָנגעוויזענעם גאַנג פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז געווען ווי אַן אומפאַרמיידליכער רינג אין דער קייט פון דער פריהערדיגער קולטור־אויפקלערערישער טעטיגקייט. מיט אַ שווער געמיט האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דעם פאַל אין דעם נישט־גלייכן קאַמף

פון זיינע בעסטע פריינט, פון וועלכע דאָס איינער, דאָס דער צווייטער, ווען ער פלעגט אַריינפאַלן אין די אייזערנע לאַפּעס פון די צאַרישע טורמע־משרתים, פלעגט ער גיך זיך צעשיידן מיטן לעבן צוליב קראַנקהייט אָדער זעלבסטמאָרד.

ווען ס'האָט זיך געענדיגט דער דריי־יאָריגער טערמין פון פאַרשיקונג, איז נאַטאַנסאָן סוף 1875 יאָר ווידער געקומען קיין פּעטערבורג. ווי אומעטום אין אַלע גרויסע שטעט פון רוסלאַנד, האָט דאָרט געהערשט אַ פולע צערודערונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער צעשטערונג. נאָר ווייניגע פון די פאַרבליבענע „טשאַיקאָווצעס" (ד. קלעמענץ, ס. קראַווטשינסקי) האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד, די איבעריגע האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן אין דער פּראָווינץ, און אַנדערע זיינען גאָר אָפּגעשטאַנען פון דער באַוועגונג, איבערצייגנדיג זיך אין דער שוואַכקייט פון די רעוואָלוציאָנערן לגבי דער רעגירונג. אומעטום איז צו מערקן געווען אַ געפאַלנקייט, אַנטוישונג, ניט וויסן וואָס צו טון. קיינער האָט נישט געקאָנט אַריינבלאָזן קיין גלויבן, צונויפזאַמלען ווידער די צעבראָכענע כּוחות, צו געבן מוט און האָפענונג. נאָר אויף וואָס אַנדערע זיינען נישט בכּוח געווען, האָט דאָס אויף זיך גענומען מאַרק נאַטאַנסאָן: ער איז געווען דער יעניגער גויטיגער מענש, וועלכער האָט פאַראייניגט די צעוואָרפענע רעשטלאַך, האָט צוגעצויגן נייע אָנהענגער און, אַזוי אַרום, געמאַכט ווידער אַן אָנהויב פאַר אַן אַנדערער, נייער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז לויט איר גרויס און באַטייט נישט קלענער געווען, נאָר אין איינינע פּרטים איז זי אַפילו גרעסער געווען פון דער „טשאַיקאָווטשטשינאַ".

מיט גרויסער ענערגיע און איינגעשפּאַרטקייט האָט נאַטאַנסאָן זיך גענומען פאַר דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן ענין. אינגיכן נאָך דעם, ווי ער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער שוין באַקומען ידיעות וועגן אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען ערגעץ אין די פאַרוואָרפענע פּראָווינציעלע ווינקלען פון רוסלאַנד אָדער אין אויסלאַנד, וועלכע זיינען גאַנץ געבליבן פון דער צעשטערונג, אָדער געווען נייצוגעקומענע

אָנגהענגער. מיט יעדן פֿון זיי איז ער אַריינגעטראָטן אין נאָהענטע באַציהונגען, צוליב וואָס ער פֿלעגט אָן אָפּרוה אַרומפֿאָרן איבער רוסלאַנד און מערב־איראָפּע. אין אַ גרויסער מאָס האָט אים אין זיינע אונטערנעמונגען געהאָלפֿן איין גינסטיגע זאַך.

ס׳איז לאַנג באַוואוסט, אַז „אַלע מענשן־קינדער האַלטן פֿון איין היילינן אָפּגאָט“, דערין אויך רעוואָלוציאָנערן, ווייל אָן דעם "עגל הזהב" איז אוממעגליך צו פֿאַרווירקליכן וואָסער ס׳ניט איז זאַך. דאָס האָט נאַטאַנסאָן, ניכר, פֿאַרשטאַנען פֿון די יונגע יאָרן אָן און, קאָן זיין, פֿון דער קינדהייט אָן, אַלס אַ סוחרס אַ זון. באַפֿרייענדיג זיך פֿון פֿאַרשיקונג, האָט ער דאָס ערשטע גענומען זוכן מאַטעריעלע מיטלען. נישט לאַנג איז אים אויסגעקומען צו זוכן: זיי האָבן אים אַליין געפֿונען, ווייל אין זיין רשות האָט אַ באַוואוסטער סאָציאַליסט דמיטרי אַנדרעיעוויטש ליזאָגוב *) איבערגעגעבן זיין גאַנצן, לערך נישט גרויסן, פֿאַרמעגן — אַרום 200,000 רובל; ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע, וואָס איז צוגעשטאַנען צו נאַטאַנסאָנען, ווייל ער האָט געגלויבט אין זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעהיגקייטן.

ס׳איז באַוואוסט, אַז געלט האָט אַ צוציהונגס־קראַפֿט: שוין דאָס אַליין, וואָס נאַטאַנסאָן האָט געקאָנט האָבן מיט־אַמאָל אין זיין רשות גרויסע מאַטעריעלע מיטלען, — אומאָפּהענגיג פֿון זיינע פּערזענליכע אייגנשאַפֿטן, און אויך פֿון דעם צושטאַנד, וואָס די דעמאָלטיגע רעוואָלוציאָנערן האָבן איבערגעלעבט, — האָט אין אַ גרויסער מאָס געווירקט אויף דעם, אַז צו אים האָבן אָנגעהויבן צושטיין איינער נאָכן אַנדערן איינצלנע מענשן, און אַמאָל אויך גרופּעס. ליזאָגובס מיטלען, וואָס זיינען געווען אין זיין רשות, האָבן אים געגעבן די מעגליכקייט אַליין פֿאָרצונעמען די אָדער אַנ־דערע אונטערנעמונגען אָדער העלפֿן מיט געלט פֿאַרווירקליכן

*) מער באריכות האָב איך מיטגעטיילט וועגן אים אין „За полвека“

פרעמדע פּלענער. פון פאַרשיידענע ערטער האָט מען זיך אָנ־
געהויבן ווענדן צו אים מיט אַלערליי פּראָעקטן און פאָרשלאָגן.

אַזוי אַרום האָט נאַטאַנסאָן גיך זיך אַוועקגעשטעלט בראש
פון אַ סך רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען אויסגע־
וואַקסן אין פאַרשיידענע ערטער. ער האָט, דעריבער, געוואוסט
אויב נישט וועגן אַלץ, איז לכל הפּחות, וועגן פיל און געקאָנט
דעריבער אין געוויסן זינען, אָנפירן מיט דער רעוואָלוציאָנערער
באַוועגונג.

אויב נאַטאַנסאָן האָט די אָדער אַנדערע גרופּע מענשן, וואָס
האָט עקסיסטירט ערגעץ אין רוסלאַנד אָדער אין אויסלאַנד נישט
געקאָנט צוליב עפּעס אַ מניעה צוציהען צו דער איינהייטליכער
אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, פלעגט ער דאָך זי נישט
לאָזן צו רוה, און זיך מיהען שליסן מיט איר אַ הסכם, אָדער אָפּ־
מאַך אויף באַשטימטע אַקטן — אַרויסטרעטונגען.

אַזוי אַרום האָט זיך נאַטאַנסאָנען איינגעגעבן צונויפבינדן
צווישן זיך פאַרשיידענע גרויסע גרופּעס און איינצעלנע מענשן,
פאַר וואָס מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן — „איוואַן קאַליטאַ, דער
זאַמלער פונם רוסישן לאַנד“.

ביי דער באַקאַנטשאַפט האָט נאַטאַנסאָן דעמאָלט געמאַכט
אַ גאַנץ גוטן איינדרוק, אַדאַנק זיין ערנסטקייט, פּאָזיטיווקייט און
באַטראַכטקייט. ער פלעגט גיך אויפפּאַסן און זיך פונאַנדער־
קלייבן אין יעדן נייעם פּלאַן און, ניכּר, געווען קומען צו הילף צוליב
זיין פאַרווירקליכונג מיט די מיטלען, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין
רשות, אין וואָס מיר איז אויסגעקומען אַליין זיך איבערצייגן, ווען
מיר מיט סטעפּאַנאָוויטשן איז נויטיג געווען צו באַקומען לערך אַ
גרויסן סכום געלט — עטליכע טויזנט רובל — פאַר דער באַ־
רימטער פאַרשווערונג צווישן די פויערים פון טשיגרינער אויעזד.

ער האָט אַרויסגערופן סימפּאַטיעס פון איניגע מענשן צו זיך
אויך מיט זיין אַלוויסן: וועגן וואָס און ועמען מ׳זאָל געווען אים
נישט פרעגן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט ער כּמעט
וועגן יעדן גאַנץ פּינקטליך און אויספירליך געקאָנט דערציילן, וואו

ער געפינט זיך, וואָס ער טוט וכדומה. דאָס איז געווען אַ „באַוועגליכע רעוואָלוציאָנס-ענציקלאָפּעדיע", ווי איינינע האָבן זיך געווערטלט.

דער גוטער נאָמען וועגן אים, וואָס פלעגט זיך פאַרשפּרייטן אין דער אָדער יענער שטאָט, האָט אויך אין נישט קיין קלײנער מאָס געהאָלפן דערצו, וואָס ביי פערזענליכע באַגעגענישן פלעגט ער מאַכן אַ גינסטיגן איינדרוק. געווירקט אויף דעם האָט אויך דאָס, וואָס נאַטאַנסאָן איז געווען גלייכגילטיג צו די פאַרשיידענע פּרינציפּיעלע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרפירט קיין טעאָרעטישע שמועסן; לכל הפחות מיט אונז, וואָס זיינען געווען דעמאָלט פאַרברענטע באַקוניסטן. מיר איז קיין איין מאָל אויך נישט אויסגעקומען צו הערן פון וועמען ס'ניט איז, אַז ער זאָל עמיצן זאָגן עפּעס אַנטקעגן: ער האָט געלעבט בשלום מיט אַלע ריכטונגען, מיט אַלע פראַקציעס, וואָס האָבן דעמאָלט עקסיסטירט, חוץ נאָר די „טקאַטשאָווצעס" אָדער „יאַקאָבינער", ווייל די דאָזיגע פראַקציע, ניכר, איז געווען דעמאָלט אַזוי נישטיג אַז די אַלע איבעריגע ריכטונגען האָבן זיך באַצויגן העכסט נעגאַטיוו צו איר. אַזאַ טאָלעראַנטקייט זיינע האָט זיך דערקלערט דערמיט, וואָס זיין הויפּט-ציל, אָדער ריכטיגער, איינציגער ציל איז געווען צו פאַראייניגן אין איין גאַנצעס וואָס מער גרופּעס און פּערזאָנען. דערביי איז ער נישט געווען אַזוי שטרענג, ווי די „טשאַיקאָווצעס", ווי מיר האָבן דאָס געזעהן: ער האָט גיכער דערמאָנט דעם גאָנצאָלישן אָסיפּ, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָן דעם, אַז אַליין, אפילו אַ שטריקעלע, קאָן צו נוץ קומען אין וועג. נאַטאַנסאָן האָט אויך געהאַלטן, אַז יעדער, וואָס איז מסכים אַריינצוטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט פאַרטראַכט, וועט צו עפּעס צו נוץ קומען. און ס'איז שווער געווען אין יענער צייט פון אַלגעמיינער צעפאַלונג זיין אַן איבערקלייבער. אָט פאַרוואָס נאַטאַנסאָן האָט יעדן אַריינגענומען. און אין סך-הכל האָט זיך באַקומען אַ גאַנץ ברייטע נאָך יענער צייט אָרגאַניזאַציע, הגם אין אָנהויב זיינען אין דער צאָל פון אירע מיטגלידער נישט געווען

קיין באזונדערס גרויסע מענשן, — כמעט קיין איינציגער נישט, ווען מ'וואָלט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די פריהער דערמאָנטע אָנגעזעהענע „טשאַיקאָווצעס"; דאָך, ביסלאַכווייז האָבן זיך פון די דאָזיגע, האָבט זיך, מיטעלע, גרויע מיטגלידער אויסגעאַרבעט שטאַנדהאַפטיגע, ענערגישע טוער, וועלכע זיינען אין אַ סך פּרטים געשטאַנען נישט נידעריגער, און אפשר העכער פון די באַוואוסטע „טשאַיקאָווצעס". ס'איז גענוג אָנצורופן די נעמען פון קוויאַט-קאָווסקי, פּאָפּאָוו, באַראַניקאָוו, אָסינסקי, מיכאַילאָוו און אַנד.

חוץ דער אָרגאַניזירונג פון רעגולערן צושטעלן לאַווראָווס און באַקונינס ווערק, דעם זשורנאַל „ווּפּעריאָד" וכדומה, וואָס פלעגן ערשיינען אין אויסלאַנד, איז איינע פון די גרויסע אונטער-נעמונגען, וואָס נאַטאַנסאָנס קרייזל האָט איינגעאָרדענט, געווען דער אַנטלויף זומער 1876 אויף אַ „ריסאַק" (פלינקיאָגנדער פערד) פון פירשט קראָפּאָטקין, וועלכער איז געזעסן אַרעסטירט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. ווי באַוואוסט איז דאָס געווען זעהר אַ פאַרוויקלטער ענין, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט גרויסע ריזיקע און באַדייטנדע הוצאות.

אַ צווייטע, נישט ווייניגער גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעהע-ניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבן יאָר, איז געווען די דעמאָנסטראַציע אויף דעם „קאַזאַנער פּלאַץ", וועגן וועלכער איך האָב שוין פריהער מיטגעטיילט. אירע איניציאַטאָרן זיינען אויך געווען די „נאַטאַנסאָנאָווצעס", פון וועלכע, אגב, חוץ באָגאָ-ליובאָוו (יעמעליאַנאָוו), האָט קיינער נישט געליטן.

נאָר די גרויסע אויפמערקזאַמקייט פון דער „צפונדיגער אָר-גאַניזאַציע", ווי אַזוי איינינגע האָבן אָנגעהויבן רופן דאָס קרייזל, וואָס נאַטאַנסאָן האָט געשאַפן, איז געווען קאָנצענטרירט אויף דער טעטיגקייט הן צווישן די שטאָטישע אַרבעטער, הן באַזונדערס צווישן די פויערים אין די דערפער. די ערפאַרונג פון די פריהער-

דיגע יאָרן האָט איבערגעצייגט שוין אַ סך פון די דעמאָלטיגע רעוואָלוציאָנערן אין דעם, אַז די פּראָפּאַגאַנדע-מיטלען פון סאָציאַליזם צווישן די אַרבעטער-מאַסן וואָס זיי האָבן אָנגעווענדעט, זיינען געווען נישט צוועקמעסיג און האָבן געבראַכט נאָר צו גיכער פאַרשווענדונג פון די יונגע כּוחות. ס'איז נויטיג געווען, דעריבער, צו געפינען מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן די רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. מ'האָט זיי איינגיכן טאַקע געפונען און, ווי באַוואוסט, האָבן זיי געהאַט אין רוסלאַנד אַ שטאַרקע פאַרשפּרייטונג אונטערן נאָמען „נאַראָדניטשעסטוואָ“. דער כּבוד טעאָרעטיש באַגרינדן די דאָזיגע ריכטונג געהערט אויך די מיטגלידער פון נאַטאַנסאָנס קרייזל. די דאָזיגע ריכטונג האָט, ווי באַוואוסט, געהערשט ביי אונז כּמעט ביז די ניינציגער יאָרן, ווען זי איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך די מאַרקסיסטן. נאָר אין געשטאַלט פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן עקסיסטירט אָט די ריכטונג נאָך אויך איצט.

כּדי צו דערנעהענטערן זיך מיט די „נאַטאַנסאָנאָווצעס“, און אויך צוליב אַנדערע באַדינגונגען, האָב איך אינאיינעם מיט סטעפּאַנאָוויטשן זיך אַוועקגעלאָזט זומער 1877 פון קיעוו קיין פּעטערבורג. דאָרט האָבן מיר זיך באַזעצט אין אַ „קאָנספּיראַטיווער דירה“ פון נאַטאַנסאָנס קרייזל, וואָס האָט אונז געגעבן די מעגלכקייט גיכער און נעהענטער זיך צונויפגיין מיט נייע פאַר אונז מענשן.

פאַר דעם יאָר מיט עטליכע חדשים, וואָס זיינען אַריבערגעגאַנגען זינט יענער צייט, ווען נאַטאַנסאָן האָט זיך באַפרייט פון פאַרשיקונג, האָט ער באַוויזן ווי איך האָב אַליין געהאַט די מעגליכקייט אין דעם זיך איבערצייגן, צו שאַפן אַ גאַנץ באַדייטנדע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ס'זיינען אַריינגעגאַנגען אַזעלכע מענשן, ווי פּלעכאַנאָוו, אָסינסקי, באַראַניקאָוו, אַלעקס, מיכאַילאָוו, זונדעלעוויטש און אַנד., וואָס זיינען שפּעטער באַרימט געוואָרן.

נאַטאַנסאָנען אַליין האָבן מיר נישט געטראָפן אין פּעטערבורג, נאָר זיין גייסט האָט געשוועבט איבער אַלעמען. ווי נאָר ס'פלעגט

זיך אָנהויבן אַ רייד וועגן עפּעס וואָס, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט באַשטימען, פֿלעגט זיך באַלד דערהערן: „אָט וועט קומען מאַרק" אָדער „ווי מאַרק וועט זאָגן". דאָס האָט שטאַרק דערמאָנט די פֿויערים ביי נעקראַסאָוון, וועלכע האָבן אין אַלע זייערע האָפֿנונגען זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן קומען פֿון „באַרין" (פּריץ). נאַטאַנסאָן האָט, ניכּר, איינגאַנצן געהערשט, איז געווען אַן אומבאַגרעניצטער מושל און, קענטיג, געדריקט אַנדערע מיט זיין אַווטאָריטעט.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין מיטן מאַי פֿון דער גרויסער נסיעה איבער אַ סך שטעט, וואָס ער האָט פֿאָרגענומען, האָב איך געהאַט די מעגליכקייט אים צו באַאָבאַכטן אין דעם מיטגלידער־קרייז פֿון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט געגרינדעט.

נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס ער איז דעמאָלט אַלט געווען נישט מער פֿון 27 יאָר, האָט ער מיט זיין אויסזעהן און מאַנירן געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַן עלטערן, סאָלידן מענשן, אויף אַזוי פֿיל איז ער תּמיד געווען ערנסט, פֿאַרטיפֿט אין זיך און פֿאַרנומען מיט די געדאַנקען וועגן זיין ענין. זעהר זעלטן איז מיר אויסגעקומען צו זעהן אַ שמייכל אויף זיין פּנים, קיין געלעכטער זיינעם געדענק איך גאָרנישט.

אַ בלאָנדער, מיט ריכטיגע געזיכט־שטריכן, איז נאַטאַנסאָן געווען אַ טיפּישער אינטעליגענט און ווייניג ענליך געווען אויף אַ יידן.

אין זיין אָנוועזנהייט האָבן אַנדערע מענשן זיך געפֿיהלט שטאַרק ניט היימיש. אגב, פֿלעגט ער זעלטן בלייבן צווישן זיינע חברים, מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געשאַפֿן.

דער גאַנצער טאָג איז ביי נאַטאַנסאָנען געווען פֿאַרנומען מיט אַלערליי געשעפֿטליכע באַגעגענישן אין פֿאַרשיידענע עקן פֿון פּעטערבורג; און ווען ער פֿלעגט זיך אומקערן שפּעט ביינאַכט אויף דער קאָנספּיראַטיווער דירה, האָבן דאָרט אויף אים שוין געוואַרט, ווי ביי עפּעס אַ וויכטיגן נאַטשאַלניק, עטליכע מענשן. ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען ער פֿלעגט זיך באַפֿרייען פֿון די ווי־

זיטן, פֿלעגט ער זיך זעצן צום שרײַבטיש, כּדי צו ענטפֿערן אויף דער גרויסער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס פֿלעגט זיך באַקומען פֿון כּלערלי ערטער. פֿריִה צומאָרגענס איז ער שוין געווען ווידער אויף די פֿיס און ווידער געלאָפֿן איבער פֿאַרשיידענע זײַנע ענינים.

אַזוי אַרום האָט נאַטאַנסאָן געפֿירט אַ שטאַרק אָנגעשטרענגט לעבן, מיט וואָס ער פֿלעגט בײַ פֿילע אַרויסרופֿן פֿאַרוואונדערונג, ווי אַזוי קאָן ער עס אין משך פֿון אַ לאַנגער צײַט אויסהאַלטן אַזאַ שווערע אַרבעט. זײַן ענערגיע און זעלטענער מוט, וואָס פֿלעגן אים קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזן, האָבן זיך איבערגעגעבן אַנדערע מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע און זיי האָבן אויך אַ סך געאַרבעט.

דעריבער איז דעמאָלט שוין נישט געווען צו מערקן נישט קיין פֿאַלן פֿון גלויבן, נישט קיין אַפּאַטיע וכדומה. נאַטאַנסאָן האָט געקאָנט אַרײַנגיסן אַ נײַעם שטראָם אין אַלע, מיט וועמען ער פֿלעגט קומען אין באַריר. אין דער לופֿט האָט זיך אָנגעהויבן פֿיהלן אַ גיכער אָנקום פֿון אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער דערהויבונג. נאָר אין אָנהויב יולי פֿון דעם זעלבן 1877 יאָר איז מאַרק אַנדרעיעוויטש צוויי מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך אַ געהיימאַגענט אויף נעווסקי פּראָספּעקט. נאַטאַנסאָן האָט אַ זעץ געטאָן דעם דאָזיגן שפּיק מיט אַ פֿויסט, און זיך געלאָזט לויפֿן, נאָר אַ פּאָליציימאַן האָט אים אָנגעיאָגט און אַרעסטירט.

ווי זעהר אַ וויכטיגן „פֿאַרברעכער“, וועלכן זשאַנדאַרמען האָבן לאַנג געזוכט, האָט מען נאַטאַנסאָנען אַרײַנגעזעצט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג.

כּמעט גאַנצע דרײַ יאָר איז ער אָפּגעזעסן דערנאָך אין פֿאַרגעפֿענקעניש. נאָר, נישט קוקנדיג אויף אַלע זײַנע באַמיהונגען, האָבן די זשאַנדאַרמען און פּראָקוראָרן אַליין נישט געקאָנט געפֿינען קיין חשדים, כּדי צוציהען נאַטאַנסאָנען צום געריכט, ווײַל

זיי האָבן קיין שום קלאָרע באַווייזן קעגן אים נישט געהאַט. נישט ווילנדיג האָבן זיי זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַדמיניסטראַטיווער אַרויסשיקונג פֿאַר אים, נאָר דאָס מאָל האָט מען אים שוין אַרויסגעשיקט (זומער 1880) אין די ווייטסטע מקומות פֿון סיביר.

ווידער האָט מען באַזייטיגט, דאָס מאָל שוין אויף אַ סך יאָרן, דעם גרינדער פֿון אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, בעת זי האָט נאָך ווייט נישט דערגרייכט צו פֿולער אַנטוויקלונג. און די געזעלשאַפֿט, וואָס ער האָט געגרינדעט, פּונקט, ווי דאָס קרייזל פֿון די „טשאַיקאָווצעס“, איז ווייטער געוואַקסן און האָט זיך באַדייטנד פֿאַרמערט. אין אַ האַלב יאָר אַרום איז די געזעלשאַפֿט שוין געווען אין שטאַנד צו איינאָרדענען אַזוי צו זאָגן, אונטער דער נאָז פֿון דער „דריטער אָפּטיילונג“ אַן אומלעגאַלע דרוקעריי, וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַ צייטונג פֿון גרויסן פֿאָרמאַט „זעמליאַ אי וואָליאַ“. נאָך איר ערשיינען האָט די געזעלשאַפֿט, וואָס נאַטאַנסאָן האָט געגרינדעט, זיך אָנגעהויבן אָנרופֿן מיט דעם זעלבן נאָמען .

אין מיין אויפֿגאַבע גייט נישט אַריין צו דערציילן דאָ וועגן דעם ווייטערדיגן גורל פֿון דער געזעלשאַפֿט "זעמליאַ אי וואָליאַ", — דאָס וועל איך ביי אַ געלעגנהייט באַרירן טיילווייז, ווען איך וועל דערציילן וועגן אַנדערע יידן, מיטגלידער פֿון דער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע. איך וועל נאָר באַמערקן, אַז —ווי דאָס איז שוין געווען אין דער צייט פֿון דער פֿאַרשיידנאַרטיגע טעטיגקייט פֿון די „טשאַיקאָווצעס“, — נאַטאַנסאָנען איז ווידער אויסגעקומען צו זיין אינדערווייטנס פֿון די „זעמליעוואָלעצם“ — דעם גאַנצן פּעריאָד פֿון זייער שטאַרקסטן, פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף, — צוערשט אין משך פֿון זיין דריי־יאָריגע פֿאַרגעפֿענקעניש אין פּעטערבורגער טורמעס, און דערנאָך אין די יאָרן, ווען ער איז געווען פֿאַרוואָרפֿן אין אַן איינזאַמען אולוס פֿון דער ווייסטער יאַקוטסקער געגנט.

די דאָזיגע באַזונדערע שפּיל פֿונם גורל מיט אים דאַרף דערקלערן דער פֿאַקט, וואָס, שטייענדיג אין די ערשטע רייהען ביים אויפֿקומען פֿון צוויי גרויסע אָרגאַניזאַציעס, האָט ער דאָך נישט

געהאַט קיין מעגליכקייט אַליין צו באַטייליגן זיך אין די ווייטערדיגע, נאָך מער וויכטיגע, פֿאַרוויקלטע און רוישיגע מאָמענטן פֿון זייער לעבן. דעריבער האָט נאַטאַנסאָן ביידע מאָל אָפּגעגליקט אין זינען פֿון שטראָף, נאָר דאָך איבער דער זעלבער סיבה איז אויך זיין נאָמען פֿאַר פֿילע, וואָס זיינען נישט באַקענט מיט די פּרטים פֿון דער געשיכטע פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נישט געווען פֿאַרבונדן מיט די באַרימטע, באַזונדערס גלענצענדע עפּאָכעס פֿון סוף זיבעציגער און אָנהויב אַכטציגער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

בעת זיין צווייטער נאָך לענגערער פֿאַרשיקונג, חזר איך איבער, האָט נאַטאַנסאָן אויך נישט געמאַכט קיין פּרוּוון צו אַנטלויפֿן פֿון איר, הגם צוליב דעם וואָלט ביי אים, מסתּמא, געקלעקט קענטעניש און ענערגיע. איך דענק, אַז ער האָט דאָס נישט געטאָן דערפֿאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן דעם רעזשים, וואָס איז אָנגעקומען פֿאַר רוסלאַנד, נאָך דעם מאָרד פֿון אַלעקסאַנדער II, פֿאַר זעהר נישט קיין גינסטיגען פֿאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט.

אין אַזאַ שלעכטער צייט האָט אפֿילו אַזאַ טאַלאַנטפֿולער אָרגאַניזאַטאָר, ווי נאַטאַנסאָן איז אָן שום ספֿק געווען, נישט געקאָנט אויפֿטון קיין שום וויכטיגס אָן ממשותדיגס. וויסנדיג דאָס, מסתּמא, האָט נאַטאַנסאָן געדולדיגט געוואַרט ביז ס'וועט זיך איבערבייטן דער רעזשים. גאַנצע צעהן יאָר, איבערטראָגנדיג כּלערליי פּיין און ליידן, איז דער דאָזיגער ענערגישער מענש אָפּגעזעסן אָן שום ניצליכער אַרבעט אין פֿאַרשיידענע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקלען פֿון מזרח־סיביר און אין דער ווייטער יאַקוטסקער געגנט.

און נאָר אין דרייצעהן יאָר אַרום זינט נאַטאַנסאָנס צווייטן אַרעסט אין אָנהויב 1890, האָט ער סוף כּל סוף באַקומען די מעגליכקייט זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, אָבער אָן דעם רעכט צו וואוינען אין דער הויפּטשטאָט. ער האָט אויסגעקליבן די שטאָט סאַראַטאָוו.

די יאָרן פֿון זיצן אין תּפֿיסה און לאַנגער פֿאַרשיקונג האָבן דאָס מאָל אויך נישט געטויט אין אים נישט זיין אַרבעטספֿעהיג־

קייט, נישט די פעסטקייט, נישט זיין קאָנען צוציהען צו זיך מענשן, און אינאיינעם מיט דעם אויך די נויטיגע פאַר דעם ענין מאַטעריעלע מיטלען. באַלד ווי נאַטאַנסאָן האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט אויף זיין ניי אָרט, האָט ער זיך ווידער גענומען פאַר זיין געליבטער אַרבעט — צו פאַראייניגן די צעזייטע כוחות און שאַפן אַן איינהייטליכע אָרגאַניזאַציע.

ווי באַוואוסט, זיינען אין רוסלאַנד, נאָך דעם חורבן פון דער פאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ אין די אַכטציגער יאָרן, אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן וועלכע ס'ניט איז אָרגאַניזאַציעס, און נאַטאַנסאָנען איז ווידער צום דריטן מאָל אויסגעקמען צו שאַפן אַזאַ פונדאַסניי.

הגם וואוינענדיג אין סאַראַטאָוו, האָט נאַטאַנסאָן זיך געפונען אונטער שטרענגער פּאָליציי־אויפזיכט, דאָך האָט ער זיך פאָרט גענומען פאַר דער טעטיגקייט, סיי צווישן פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפט, סיי אויך צווישן דער יוגנט. פאַראייניגט צווישן זיך די מער פאַסנדע עלעמענטן אין איניגע גרויסע שטעט פון דער וואָלגאַ־געגנט — אין סאַראַטאָוו, סאַמאַראַ, ניזשנינאָווגאָראָד, — האָט נאַטאַנסאָן זיך אַוועקגעלאָזט אין יאָר 1892 קיין פעטערבורג. דאָרט האָט זיך אים איינגעגעבן צוציהען איניגע פון די גרעסטע רוסישע שרייבער מיטן באַרימטן נ. מיכאַילאָווסקי בראש. נאָך דעם האָט ער געשאַפן די דריטע אָרגאַניזאַציע אין זיין לעבן, וואָס האָט געטראָגן, ווי באַוואוסט, דעם נאָמען „נאַראָדנאָיע פּראַוואָ“ („פאָלקסרעכט“).

ווי נאַטאַנסאָן אַליין, האָבן אויך איניגע פון די אָנגעזעהענע טוער, וואָס ער האָט צוגעצויגן, געהערט פריהער צו די „נאַראָדניקעס“ („פאָלקיסטן“) אָדער „נאַראָדאָוואָלצעס“, ד. ה. דאָך צו רוסישע סאָציאַליסטן, אויב אפילו אוטאָפּיסטן. די מיטגלידער פון דער „נאַראָדנאָיע פּראַוואָ“ האָבן דאָך באַשלאָסן, צוליב דער אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט דעמאָלט אין רוסלאַנד, פאַרגעסן אויף אַ צייט וועגן סאָציאַליזם, און אָנווענדן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף אויסקעמפן די עלעמענטאַרסטע פּאָלי־

טישע רעכט, ד. ה. אַנדערש גערעדט, זיך דערשלאָגן אַ קאָנסטי־טוציע. אויף דער פֿאָדערונג פֿון פּאָליטישע רעכט, האָבן זיי געהאַלטן, וועט גרינגער פֿון אַליין זיין צו פֿאַראייניגן אַלע פּראָגרעסיווע מענשן פֿון רוסלאַנד.

צוליב דעם דאָזיגן צוועק האָט נאַטאַנסאָן מיט די חברים אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם, וואו, חוץ דער פֿאָדערונג פֿון אַ פּאַר־לאַמענט, זיינען געווען אויך פֿאָדערונגען פֿון גלויבנס־פֿרייהייטן, פֿרייהייט פֿון אַלע נאַציעס, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד א. א. וו. די פּאַרטיי „נאַראָדנאָיע פּראַוואָ", וואָס איז ערשט אויפֿגעקומען, האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפֿעסט, וואו זי האָט אין דעם דאָזיגן זינען מודיע געווען וועגן אירע אויפֿגאַבעס און שטרעבונגען.

ווי אין די פֿריהערדיגע צייטן, האָט נאַטאַנסאָנען זיך ווידער איינגעגעבן צו שאַפֿן אַ גאַנץ באַדייטנדע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט געלט, אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ, פֿאַרבינדונגען וכדומה. מ'איז שוין אויך צוגעטראָטן אַרויסצולאָזן אַן אומלעגאַלן אָרגאַן — „נאַראָדנאָיע פּראַוואָ", און דער ערשטער נומער איז געווען כמעט אינגאַנצן פֿאַרטיג. דער רעגירונג האָט זיך אָבער ווידער איינגעגעבן צו דערשמעקן וועגן נאַטאַנסאָנס אונטערנעמונג, און פֿריהיאָר 1894 האָבן זיך אָנגעהויבן אין פֿאַרשיידענע שטעט אַרעסטן, וואָס האָבן געבראַכט צו אַ פֿולקומען חורבן פֿון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן זיך צו פֿאַרשטאַרקן. די מערהייט מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאָיע פּראַוואָ", אין זייער צאָל אויך נאַטאַנסאָן, זיינען אויפֿן אַדמיניסטראַטיוון אופֿן פֿאַר־שיקט געוואָרן קיין סיביר.

אויף וויפֿיל נאַטאַנסאָן האָט פֿאַרמאָגט די פֿעהיגקייט צו האָבן גרויסע פֿאַרבינדונגען, קאָן טיילווייז דינען אַלס באַווייז דאָס, וואָס בעתן אונטערזוך האָט מען ביי אים געפֿונען וויזיט־קאַרטעס פֿון איינינע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, מיט וועלכע ער איז געווען אין גוטע באַציהונגען. און ווען מ'האָט אים פֿאַרשיקט קיין סיביר, האָט איינער פֿון די גרויסע באַאַמטע אָנגעשריבן דעם אירקוטסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז ער זאָל, ווי מעגליך, פּראָטעזשירן נאַ־

טאַנסאָנען, זאָל אים ניט פאַרשיקן אין קיין צו ווייטן אָרט וכדומה.

און ווירקליך, נאַטאַנסאָן האָט זיך דאָס מאָל איינגעאָרדענט גאָר ניט שלעכט: ער האָט באַקומען אַן אָרט פון אַ רעכענונגס־פירער מיט אַ גאַנץ גוטן געהאַלט אויף דעם אייזנבאַן, וואָס האָט זיך געבויט אַרום דעם באַיקאַל, און געהאַט דאָרט אַ גרויסע ווירקונג. נאַטאַנסאָנס נאָמען איז באַוואוסט געוואָרן אין סיביר, אַלס „פּאָליטישער", וואָס האָבן אַ גרויסן ווערט און שפּילט אַן אָנגעזעהענע ראָלע. דעריבער האָבן אַ סך מענשן געזוכט זיין הילף און פּראָטעקציעס.

און דאָך איז דאָס געווען אַ לעבן אין סיביר, נישט אין יענער סביבה, וועלכער נאַטאַנסאָן האָט זיך געווידמעט פון די יונגע יאָרן. זיך באַפרידיגן מיט אַזאַ טעטיגקייט האָט נאַטאַנסאָן, געוויינטליך, נישט געקאָנט. ער האָט נישט פאַרלוירן די האָפענונגען צו קאָנען פירן אַ ברייטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד.

ווידער איז אויסגעקומען דעם דאָזיגן אומערמידליכן טוער צו אָפּזיין אין סיבירער פאַרשיקונג און נאָר אין אָנהויב פון איצטיגן יאָרהונדערט האָט זיך נאַטאַנסאָן, נאָכן ענדיגן פון טערמין, אומגעקערט קיין רוסלאַנד, צוערשט קיין דרום, קיין באַקו, און דערנאָך אין אַנדערע שטעט.

דאָס מאָל האָט ער ניט געדאַרפט אָנהויבן פון דאָס ניי צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, ווייל ס'האָט שוין עקסיסטירט נישט איינע, נאָר גאַנצע צוויי: אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע, — אים איז געבליבן נאָר אויסקלייבן צווישן דער און יענער. לויט די טראַדיציעס, געוועהנהייטן פאַרבינדונגען און אָנשויאונגען איז נאַטאַנסאָנען נעהנטער געווען די לעצטע, און ער איז אָן שום וואַקלענישן אַריינגעטראָטן אין זייער סביבה, וואו ער האָט מיטאַמאָל פאַרנומען זעהר אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

דער פּאָליטישער חוש האָט אָפּגענאַרט דעם גרייזגראָהען, זעהר ערפאַרענעם און אויסגעפּרואווטן טוער: די פּאַרטיי סאָ=ציאַליסטן=רעוואָלוציאָנערן איז לויט איר מהות אַן איבערלעבעניש פון דער אַלטער ביז=קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג פון רוסלאַנד. די קאָן, דעריבער, נישט ווערן קיין אמתע אויסדריקערין פון אַ ברייטער, מאַסן=רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווי אין אַלע, אָן אויסנאַם, לענדער פון דער ציוויליזירטער וועלט, האָט אַלס אַוואַנ=גאַרד פון דעם אַרבעטער=קלאַס, וואָס איז אַממערסטן באַוואוסט=זיניג און חוץ דעם מער פון אַלע אַנדערע פאַראינטערעסירט אין דער ראַדיקאַלער איבעראַנדערשונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, געדאַרפט זיין די סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

שטייענדיג בראש פון די סאָציאַליסטן=רעוואָלוציאָנערן, האָט נאַטאַנסאָן, לויט זיין געוועהנהייט, זיך געשטעלט אַלס ציל צו פאַראייניגן זיין פּאַרטיי, פון איין זייט, מיט סאָציאַל=דעמאָקראַטן, פון דער אַנדערער, — מיט די ליבעראַלן, „אָסוואָבאָזשדענצעס“ („באַפרייער“), צוליב וואָס ער האָט, אַרומפאָרנדיג איבער מערב=אייראָפּעאישע שטעט, אונטערהאַנדעלט מיט פאַרשיידענע אָנפירערס.

פריהיאָר 1905, בעת איין באַזוך זיינעם ביי פּלעכאַנאָוון מיט דעם דאָזיגן פאַראייניגונגס=צוועק, האָב איך זיך מיט אים באַ=געגנט, ד. ה. כמעט אין 30 יאָר אַרום נאָך אונזער פריהערדיגער באַגעגעניש אין פּעטערבורג.

פאַר מיר איז געווען אַ גרייזגראָהער זקן, אין וועלכן איך וואָלט נישט געקאָנט דערקענען דעם פריהערדיגן, יונגן נאַ=טאַנסאָנען.

און נישט נאָר די פאַרב פון די האָר און דאָס פּנים האָט זיך ביי אים געביטן: ער איז אינגאַנצן געוואָרן אַן אַנדערער. ס'האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן זיין פריהערדיגע פעַ=היגקייט צו ווירקן און מאַכן אונטערטעניג אַנדערע; פאַר=קערט, ס'האָט זיך געפיהלט עפּעס העכסט אַנטיפּאַטישעס: חניפה, קנעכטישקייט, אַ שטרעבונג זיך צופּאַסן, דערביי האָט

זיך געמערקט נישט נאָר אַן אומאויפריכטיקייט, נאָר אויך אַ פאַלשקייט.

די אונטערהאַנדלונגען, וואָס ער האָט מיט אונז געפירט, האָבן, ווי מ'האָט געקאָנט פריהער דאָס פאָראויסזעהן, נישט געבראַכט צו קיין שום הסכם מיט די סאָציאַלדעמאָקראַטן. נאָר מיט די ליבעראַלן האָט נאַטאַנסאָן זיך דעמאָלט ווענן עפּעס יאָ דעררעדט. ווי ס'האָט זיך אינגיכן נאָך דעם אַרויסגעוויזן, זיינען מיר, סאָציאַלדעמאָקראַטן, געווען ווייטערזעעדיג, נישט אונ- טערגעבנדיג זיך אויף די חניפהדיגע איינרעדענישן פון נאַטאַנסאָ- נען: באַגלייך מיט אים האָט, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אָנ- געפירט דעמאָלט מיט די ענינים פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטן- רעוואָלוציאָנערן אויך דער רעגירונגס-אַגענט, דער באַוואוסטער פּראָוואָקאַטאָר אַזעף.

אין דעם פאַל האָט נאַטאַנסאָן אָנגעוואוירן נישט נאָר זיין חוש, נאָר אויך דאָס געפיהל פון רעוואָלוציאָנערער לייטישקייט: אפילו, ווען קענן דעם דאָזיגן נידערטרעכטיגן פאַררעטער זיינען שוין געווען אַ סך באַווייזן, האָט נאַטאַנסאָן, אינאיינעם מיט טשערנאָוון, געהאַלטן אַלץ אין פאַרטיידיגן אים, נישט רעכע- נענדיג פאַר נויטיג אים צו אַנטהילן, אַרויסגעהענדיג פון יענעם מאַקיאַוועלישן שטאַנדפּונקט, אַז אַזעף, וואָס האָט „געאַרבעט" איינצייטיג אויף צוויי פראָנטן, איז דאָך געווען ניצליך אויך פאַר סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן.

ווינטער 1909—1910 זיינען מיר מיט אים געווען עטליכע וואָכן בוררים, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך די פאַר- טייען, צו וועלכע יעדער פון אונז האָט געהערט, ווענן דעם ענין פון אַנטהילן דעם פּראָוואָקאַטאָר, דעם ציין-דאָקטאָר באָטו- שאַנסקי, וואָס האָט זיך אַריינגעדרעהט אין אונזער סביבה פון סאָציאַלדעמאָקראַטן.

באַגעגענענדיג זיך זעהר אָפט אין יענעם ווינטער מיט נאַ- טאַנסאָנען און באַטראַכטענדיג מיט אים די ערשיינונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיגן „פּראָצעס",

האָב איך געהאַט נישט וועניג פאַלן צו דערוויסן זיך, וואָס ער האָט דעמאָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט, און איך האָב געמוזט, מיט גרויס פאַרביטערונג קאָנסטאַטירן, אַז דער דאָזיגער מענש, וואָס איז פריהער געשטאַנען אין די ערשטע רייהען, האָט זיך שטאַרק אַראָפּגעלאָזט, געוואָרן קליינליך, אָפּגעשטאַנען. נאַטאַנסאָן האָט, אמת, אַרויסגעוויזן נאָך אַ גאַנץ גרויסע באַוועגליכקייט, אונטערנעמונגס־גייסט, אַרבעטספעהיגקייט. ער איז אָבער שוין נישט געגאַנגען פאָראויס נאָר האָט זיך געשלעפט נאָך דער געזעלשאַפטליכער באַוועגונג; נישט ער האָט געפירט אַנדערע, נאָר אים האָבן געפירט נאָך זיך טשערנאָוו, סאַווינקאָוו און אפילו אַזעף.

ס'זיינען דורכגעגאַנגען נאָך פיר יאָר, און אין דער אַלוועלטליכער מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן, איז נאַטאַנסאָן, און אויך, ווי מיר ווייסן שוין, דער אַלטער סאָציאַלדעמאָקראַט אַקסעלראָד, געווען די איינציגע פון די פאַרבליבענע „סעמידיעסיאַטניקעס“, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין צימערוואַלד. דערנאָך בעת דער רעוואָלוציע איז נאַטאַנסאָן אַריין אין די רייהען פון ד „לינקע עסערן“. זייענדיג אַלס דעלעגאַט אין דער שווייץ, איז ער, דאַכט זיך, געשטאָרבן אין יאָר 1920.

הגם פון דער צייט, זינט ס'האָט זיך געגרינדעט די פאַרטיי „נאַראָדנאָיע פראַוואָ“, האָט נאַטאַנסאָן, אַלס פאָליטישער טוער, אָן שום ספק זיך אָנגעהויבן רוקן נישט פאָראויס שוין, נאָר צוריק, דאַרף מען דאָך אָנערקענען, אַז אין די זיבעציגער יאָרן האָט ער געשפילט איינע פון די סאַמע גרעסטע ראָלעס אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיגן פעריאָד דאַרף זיין נאָמען פאַרנעמען אַן אָנגעזעהן אָרט; און צווישן די יידן־רעוואָלוציאָנערן פון יענער עפּאָכע איז נאַטאַנסאָן געווים געווען דער סאַמע גרויסער טוער.

קאַפּיטל יח.

די „זעמליעוואָלצעס"

יאָסיף אַפּטעקמאַן

נישט נאַטאַנסאָנען, נישט נאָך מער זונדעלעוויטשן קאָן מען נישט פאַררעכענען פאַר די אמתע, ריכטיגע „נאַראָדניקעס" („פאָלקיסטן"), ווייל דער ערשטער, ווי מיר וויסן, איז געווען גאַנץ גלייכגילטיג צו די שאַטירונגען פון די סאָציאַליסטישע שטרעמונגען, און דער צווייטער, ווי מיר וועלן שפּעטער זעהן, האָט זיך באַצויגן שטאַרק נעגאַטיוו צו דער טעטיגקייט צווישן די פּויערים. נאָר, חוץ די דאָזיגע צוויי יידן, זיינען אין דער צאָל מיטגלידער פון דער „צפונדיגער אָרגאַניזאַציע", וואָס האָט געטראָגן דערנאָך דעם נאָמען „זעמליאַ אי וואָליאַ", געווען נאָך צוויי יידן — יאָסיף אַפּטעקמאַן און אַלעקסאַנדר כאָטינסקי, וועל־כע האָבן זיך אינגאַנצן געהאַלטן אָן די פאָלקיסטישע אָנשויאונ־גען. פון דעם ערשטן פון זיי האָב איך מיט צעהן יאָר צוריק באַקומען ביאָגראַפישע ידיעות, וועלכע איך ברענג דאָ אינגאַנצן.

„טייערער לעוו גריגאָריעוויטש.

איך בין געבוירן געוואָרן דעם 18־טן מערץ 1850 יאָר אין אַ סוחרישער, גאַנץ פאַרמעגליכער משפּחה, אין דער שטאָט פּאַוולאָגראַד, יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע. אונזער משפּחה פון דעם טאַטנס צד איז געווען חשוב צווישן יידן: אַ סך גע־לערנטע תלמודיסטן און קענער פון דער יידישער תורה זיינען גע־ווען אין דעם דאָזיגן דור. מיין זיידע (דעם פאָטערס פאָטער)

האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ גוטן יידן נישט אַזוי פֿאַר זיין שטרענג אָפּהיטן די יידישע תורה, וויפֿיל פֿאַר זיין ל ע ב ן, וואָס ער האָט געפֿירט און וואָס איז געווען זויבער-ריין און איידל. ער האָט גע-געבן זיינע זין אַ גלענצענדע יידישע בילדונג: אַלע זיינען אַרויס אויסגעצייכנטע תלמודיסטן. און דאָך זיינען זיי, ד. ה. מיין פֿאָטערס עלטערער ברודער און מיין פֿאָטער אַליין, אַרויסגעטראָטן זעהר פֿריה, נאָך אין זייערע יונגע יאָרן, אַלס שאַרפֿע אָנהענגער פֿון דער ר ו ס י ש ע ר בילדונג.

מיין פֿאָטער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שטאַרקן אינטעלעקט און כאַראַקטער. אַ טיפּישער זעלבסט-לערנער. ווען און ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעלערנט די רוסישע שפּראַך, ווייס איך נישט, נאָר איך געדענק אים פֿון מיין סאַמע פֿריהסטער קינד-הייט אָן לייענען רוסישע ביכער. ער האָט געלייענט דאָרשטיג אַלץ, וואָס ס'פֿלעגט אים נאָר קומען אין האַנט אַריין: ראָמאַנען, אָריגינעלע רוסישע פּאָפּולערע ביכער וועגן נאַטורוויסנשאַפֿט, פֿאַרשיידענע לערנביכער א. א. וו. אים, אים אַליין האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט דאָס רוסישע בוך אין אונזער משפּחה און האָט אונז אַריינגעגעבן חשק, זיינע קינדער — זין און טעכטער — צום לייענען. איך האָב פֿריה זיך אַריינגע-טאָן אין לייענען. אין רעליגיעזע פֿראַגעס האָט דער פֿאָטער זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער טאָלעראַנטקייט. ער האָט אונז גע-לערנט, אַז די רעטונג באַשטייט נישט אין פֿאַנאַטיזם, נישט אין איבערגלויבעניש איז דאָס גלויבן, נאָר אין לעבעדיגער ליבע צו מענשן, — ווער זיי זאָלן נישט זיין. ער איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פֿון רבי הלל און פֿלעגט אַ סך דערציילן וועגן אים, וועגן זיין תורה און לעבן. ער פֿלעגט אונז פֿאַרווערן אָנצורופֿן די אַנדערשגלויבנדע „גוים“, און זייערע געשטאָרבענע—„פּגרים“. אַלע מענשן זיינען דאָך פֿון אדמן, אַלע זיינען דאָך גאָטס קינ-דער.

ביז מיר זיינען נאָך געווען קליין, האָט דער פֿאָטער מקיים געווען אַלע מנהגים פֿון יידישן גאָט-דינסט. נאָר, ווען מיר זיי=

נען אונטערגעוואקסן האט ער זיך איינגאנצן עמאנסיפירט, געבנ־
דיג אונז, זיינע זין, פולע פרייהייט: ווער ס'האט געוואלט — האט
געדאוונט, געגאנגען אין שול און מקיים געווען מצוות א. א. וו.

ווען איך בין שוין געווען אין גימנאזיע (אין 67—68 יארן),
האט מען אונזער משפחה געקאנט האלטן פאר א קאנפעסיאנ־
לאזער. אין אזא אטמאספערע פון טאלעראנטקייט בין איך שוין
יינגלווייז געווארן גלייכגילטיג צו פראגעס פון דאגמע, רעליגיע.
און אין גימנאזיע בין איך געווארן א שארפער אטעאיסט, היים
און אפן געפרעדיגט אטעאיזם. באזונדערס האט באקל מיך פאר־
שטארקט אין דער דאזיגער ריכטונג.

ביז 12 יאר האב איך זיך געלערנט אין חדר יידישע וויס־
שאפטן און תלמוד. דאס לעצטע האט דער פאטער געהאלטן
פאר ניצליך צוליב דער דיסציפלין פון שכל. נאר איך האב
נישט ליב געקראגן תלמוד, הגם כ'האב זיך געלערנט גוט, צוליבן
פאטער. שטארק האט מיך געצויגן, פארקערט, צו „רוסישע"
וויסנשאפטן, און דער פאטער, נאכגעבנדיג מיר, האט מיך אריינ־
געגעבן אין דער יעקאטערינאסלאווער גימנאזיע.

אין גימנאזיע האב איך זיך געלערנט און געלעבט אונטער
דער ווירקונג פון די אידעען פון די זעכציגער יארן. מיינע לע־
רערס זיינען געווען: טשערנישעווסקי, דאבראלובאוו און פי־
סארעוו. גאגאל, טורגעניעוו און גאנטשאראוו האבן נאך ביז דער
גימנאזיע איינגאנצן מיך פארנומען. וואס איז נוגע מיין וויטער־
דיגער גייסטיגער און סאציאלער אנטוויקלונג, איז עס דורכגעגאנ־
גען אונטער דער ווירקונג פון די זעלבע אלגעמיינע אביעק־
טיווע און סוביעקטיווע (אידעאלאגיש) מאמענטן, וועלכע זיינען
געווען אין יענע צייטן פאר דער גאנצער לערניונגט. בפרט
אבער דארף מען צוגעבן דעם דרוק אויף אונזער נאציאנאליטעט,
צו וועלכן איך האב זיך פון דער פריהער קינדהייט אן באצויגן
קרענקליך־עמפינדליך און וועלכן איך האב פראטעסטירט —
ווי איך האב געקאנט. יינגלווייז האב איך געטרוימט צו ווערן

אַ בר־כּכבא (איינער פון די משיחים פון יהודה, וואָס האָט גע־לעגט זיין קאָפּ אין קאַמף מיט די רוימער).

איך גופא האָב, בפרט אין גימנאַזיע, אָפט פאַראורטיילט אונ־זער גערודפט פאָלק פאַר זיין אָפּגעזונדערקייט און אַנדערע אומ־כּימפּאַטישע שטריכן, נאָר אַנדערע פלעג איך דאָס נישט דער־ליבן צו טון. נאָר מער ספּעציעלע קאָנקרעטע באַדינגונ־גען, וואָס האָבן אונטערגעגרייט אַ באָדן פאַר מיין סאָציאַליסטי־שער דערקענטעניש, געפינען זיך אָן שום ספק אין מיין משפּחה. אונזער משפּחה האָט געלעבט פריינטליך אין בשלום מיט אונזערע שכנים — די רוסן; אַ רוסישע דינסט האָט יאָרנ־לאַנג געלעבט ביי אונז און אונז ליב געקראָגן (די ניאַניע אַקסיניאַ און דער קוטשער אָסיפּ — זיינען מיינע בעסטע קינדהייטס־פריינט). און לסוף איז געווען נאָך איין פאַמיליען־זאַך, וואָס האָט דערשלאָגן אונזער משפּחה, פון וועלכער מ׳האָט אַזוי גע־האַלטן אין שטאָט, און באַדעקט אונז מיט אומפאַרגעסליכער דער־נידערונג און צרות, נישט קוקנדיג אויף דער מאָראַלישער שטיצע, וואָס גלויבנס־ברידער און קריסטן האָבן אונז אַרויסגעוויזן. איך רעד וועגן דער גוואַלדטאַט, וואָס איינער אַ מיליטערמאַן האָט אָנ־געווענדעט קעגן מיין פאָטער. צום גליק האָט ער דאָס נישט דערפירט ביזן סוף, נאָר דער פאָטער... איז גראָה געוואָרן פאַר איין נאַכט.

איך בין אַלט געווען דעמאָלט 8—9 יאָר און געווען בעת אָט דער גוואַלדטאַט. איך האָב זי נישט פאַרגעסן, — קאָן נישט פאַרגעסן. איך האָב פיינט געקראָגן, אונטערוואַקסנדיג, און דער־מיט אַליץ מער און מער פאַרשטייענדיג די דאָזיגע גוואַלדטאַט, יעדן דרוק און גוואַלדטאַט בכלל. איך דענק, אַז די דאָזיגע לעבנס־ערפאַרונג האָט מער פון אַלע ערפאַרונגען געהאַט איר ווירקונג.

אינדיווידועל קאָן איך נישט אָנרופן יענע פּערזאָן, וואָס האָט געהאָלפן מיר דערקענען די סאָציאַליסטישע וועלט־אָנשויאונג. אַזאַ איז נישט געווען. איך האָב זעלבשטענ־

דיג זיך אַנטוויקלט. איך בין תמיד נוטה געווען צו קריטיק און אַנאַליז. בלינד האָב איך אין גאָרנישט ניט געגלויבט. „אין פאָלק" אָבער בין איך אַוועק, דורכגעדרונגען מיטן סאָציאַליזם, ווי מיט אַ „גוטער בשורה", וואָס איז באַרופן צו באַפרייען די גאַנ־צע מענשהייט. און דער וויסנשאַפטליכער סאָציאַליזם (און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע) זיינען עד היום געבליבן פאַר מיר, סוב־יעקטיוו און אָביעקטיוו, די דאָזיגע „גוטע בשורה", הגם אַליין באַטייליג איך זיך דאָך נישט איצט אין זיין פראַקטיק.

וועגן דער פאַרשיקונג און טורמע לוינט זיך בכלל נישט רעדן. איך וועל נאָר זאָגן, אַז איך האָב זיך אומגעקערט פון פאַרשיקונג געזונט פיזיש און מאָראַליש. איך דענק, אַז אויב ס'וואָלט נישט געווען קיין פאַרשיקונג און טורמע, וואָלט איך נישט דערלעבט ביז דער דאָזיגער צייט: וואָלט פאַרעקלט געוואָרן. וועגן דער „נאַראָד. פראַוואָ" וועט איר געפינען דאָס סאַמע וויכטיגע און, דענק, דאָס סאַמע אָביעקטיווע אין דעם בוך „בילאָיע" פאַר יולי אָדער אויגוסט 1907 יאָר. נישט קיין איינגעגעבענער און אַן אָפּנאַרנדיגער איז געווען אָט דער רעוואָלוציאָנערע פּרואוו.

דאָס לעצטע מאָל בין איך אַרעסטירט געווען אין דעצעמבער 1905. אָנגעקלאָגט בין איך געווען לויט די אַרטיקלען 102 און 126. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט דערגרייכט אויך נאָוואָ־ווילעיסק, אין סאַמע שפּיטאָל אַריין, וואו איך האָב געדינט אַלס על־טערער אָרדינאַטאָר. מאַסאָווקעס (מאַסן־פאַרזאַמלונגען), רעדעס, אַגיטאַציע צווישן די שכנותדיגע אַרבעטער אויף די פאַבריקן און צווישן די פויערים, אָרגאַניזאַציע פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, סיסטעמאַטישע קורסן וועגן סאָציאַליזם וכדומה, ווי אין אַנדערע ערטער פון רוסלאַנד. אָנגעזעסן אין טורמע אַ האַלב יאָר, בין איך אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף קויציע (ערבות־געלט) און אַוועק־געפאָרן קיין אויסלאַנד, וואו איך וואוין ביז איצט.

21. V. 13.

איך וועל ממלא זיין די דאָזיגע קורצע ידיעות מיט די יעניגע, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן צונויפקלייבן פון אַנדערע מקורים.

ווי אין די לעצטע קלאַסן גימנאַזיע, אַזוי אויך אין דער מעדיקאָ-כירורגישער אַקאַדעמיע האָט אַפּטעקמאַן, באַגלייך מיט זיינע שטענדיגע באַשעפטיגונגען, אויפמערקזאַם אָפּגעשפּירט דעם גאַנג פונם געזעלשאַפטליכן לעבן און געדאַנק. אין דער אַקאַדעמיע איז ער געווען איינער פון די סאַמע געבילדעטע סטודענטן. צוליב דעם, און אויך איבער די באַדינגונגען פון זיין קינדהייט, איז גאַנץ נאַטירליך, אַז ווען די סאָציאַליסטישע כוואַליע האָט אין אָנהויב זיבעציגער יאָרן פאַרפלייצט די פּראָגרעסיווע יוגנט, האָט זי נישט געקאָנט נישט באַרירן אויך דעם דאָזיגן עמפינדליכן און אַנטוויקעלטן בחור. דעריבער האָט דער ערנסטער, פאַרטיפטער אין זיך אַפּטעקמאַן, זייענדיג שוין אַ סטודענט שיער ניט פונם לעצטן קורס, ווי אַ סך אַנדערע, געוואָרפן די אַקאַדעמיע, כדי תיכף צו טראָגן די פאַרקנעכטעטע מאַסן די אַנטפּלעקונג פון דעם נייעם עוואַנגעליום. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט „אין פאָלק“, ווי אַ ליידנשאַפטליכער, פלאַמענדיגער אַפּאָסטאָל פון דער לערע וועגן גלייכהייט און גליק פון דער גאַנצער פאַראָרימטער מענשהייט.

אַליץ אין דעם דאָזיגן יונגן, זעהר עקזאַלטירטן פּרעדיגער האָט געשטימט מיט דער שווערער אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און וועלכע איז פאַרבונדן געווען מיט גרויסע ליידן און אָפּקומענישן.

אַ שטאַרק אויסגעמאָגערטער, פון קליינעם וואוקס, מיט אַ בלייכן פּנים, אַ גרויסן אויסגעקאַלעכדיגן שטערן און טיף זיצנדיגע פאַרקלערטע אויגן, האָט יאָסיף, וואָס פלעגט זיך קיינמאָל ניט צעשיידן מיט דעם עוואַנגעליום, וועלכעס ער האָט אויסגעצייכנט געקענט, געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק מיט זיינע הייסע, ליידנשאַפטליכע רעדעס אויף זיינע צוהערער די רוסישע פּויערים. אים פלעגט זיך אַמאָל איינגעבן געווינען אָנהענגער דאָרט, וואו דאָס איז שווער געווען צו פועלן זיינע חברים: דער אויסגע-

צערטער, קלײנינקער ייד איז באַשאַפֿן געװען פֿאַר דער ראָלע פֿון אַ פֿרעדיגער.

װי איך האָב שױן איבערגעחזרט אַ סך מאָל, האָט זיך אײַנגיכן אַרױסגעװיזן, אַז נאָר דורכן װעג פֿון אומבאַרחמנותדיגער קריטיק קעגן דער הערשענדער אָרדענונג און שילדערונג מיט די סאַמע העלסטע פֿאַרבן די צוקינפֿטיגע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט, מיט פֿאַררופֿן זיך אױף עװאַנגעליום און אָן דעם איז אוממעגליך צו פֿאַרװירקליכן דעם דאָזיגן פֿרעכטיגן גן־עדן: ס'װאָלטן געדאַרפֿט דורכגײן פֿיל, צעהנדלינגער יאָרן, ביז אַזעלכע לײדנשאַפֿטליכע און איבערגעצײַגטע פֿרעדיגער װי יאָסיף איז געװען, װאָלט זיך אײַנגעגעבן צו פֿאַרװאַנדלען די מערהײט דערשלאָגענע, עמהארצותדיגע און אױסגעמאַטערטע דורך דער אַרבעט רוסישע פּױערים אין באַװאוסטזיניגע אָנהענגער פֿון דער נײַער אָרדענונג. און דערװײַל, װי מיר װײסן שױן, האָט די רעגירונג פֿלײסיג געהאַלטן אין פֿאַנגען די דאָזיגע באַגײסטערטע פֿרעדיגער און זײ פֿאַרבאַהאַלטן אין פֿאַרשײדענע טורמעס און אין דער אײזקאַלטער סיביר.

אַפּטעקמאַן נישט קוקנדיג אױף זײַן פֿולער נישט־צוגעפּאַסטקײט, דאַכט זיך, צום לעבן צװישן די פּױערים, איבער זײַן פֿיזישער שװאַכקײט און באַזונדערן אױסזעהן, האָט עפּעס װי דורך אַ נס זיך אַרױסגעראַטעװעט פֿון אַרעסט און, װי מיר װעלן װײַטער זעהן, איז ער נאָך לאַנג פֿאַרבליבן אױף דער פֿרײַ, איבערלעבנדיג פֿאַרשײדענע פּאַזיסן פֿון אונזער סאָציאַליסטישער באַװעגונג.

נאָכן ערשטן שטראָם „אין פֿאָלק“, װאָס איז אָנגערופֿן געװאָרן, װי באַװאוסט, „דער פֿליה־שטראָם“ און װאָס האָט זיך פֿאַרענדיגט מיט אַ פֿולשטענדיגן חורבן פֿון 1874—1875 יאָרן, האָבן די סאָציאַליסטן דאָך זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון דער אומ־

מיטלבאַרער טעטיגקייט צווישן די פויערים: זיי האָבן נאָר איבערגעאַנדערשט איר פאָרם.

צוליב דעם, וואָס דער עיקר ביי די גרויסרוסישע פויערים האָט זיך נאָך געהאַלטן דעם מנהג פון באַאַרבעטן די ערד דורך דער געמיינדע, ווי אויך אַרטעל־געוועהנהייטן און אַנדערע אַזעלכע „יסודות", האָט זיך אונז, ווי באַוואוסט, געדאַכט, אַז אין רוסלאַנד קאָן אַ סך פריהער, ווי ערגעץ אין מערב־אייראָפּע, פאָרקומען אַ סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, אַז אונזערע פויערים קאָנען דינען פאַר אַ מוסטער פאַר אַלע מער ציוויליזירטע פעלקער. ווי באַוואוסט, האָט דער דאָזיגער אָריגינעלער קוק אויף דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסישע פאָלק זיך איינגעשטעלט ביי אונז, סאָציאַליסטן, טיילווייז אונטער דער ווירקונג פון קאָנסערוואַטאָרן־סלאַוויאַנאָפילן, וועלכע זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן שטעלן העכער די אָפּגעשטאַנענע רוסישע געזעלשאַפטליכע באַציהונגען, איידער די מערב־אייראָפּעאישע, און בכלל אַנידערשטעלן די סלאַוון איבער אַנדערע פעלקער, איינזעהענדיג אין איינגע זייערע כאַראַקטער־שטריכן אַ סימן פון זייער גלענצענדער צוקונפט.

מיר, סאָציאַליסטן, האָבן, באַגלייך מיט באַקונינען, געגלויבט, אַז די בונטן, וואָס פלעגן אָפט פאָרקומען צווישן די פויערים ביז זייער באַפרייאונג פון לייבקנעכטשאַפט, און וועלכע די רעגירונג האָט דערטרונקען אין טייכן בלוט, דינען אַלס שטאַרקער באַווייז פון דער נייגונג פון רוסישן פאָלק צו פראָטעסטן, אויפשטאַנדן; אַנדערש גערעדט, אַז לויט זייערן כאַראַקטער זיינען אונזערע פויערים בונטאַרעס, רעוואָלוציאָנערן. דערפון האָט דער אַפּאָסטאָל פון דער אַלוועלטליכער צעשטערונג, ווי באַוואוסט, געמאַכט יענעם אויספיר, אַז ס'איז גרינגער פון אַלץ אַרויסצורופן אין יעדער צייט אין דעם אָדער אַנדערן דאָרף אַן אויפשטאַנד, אַ בונט. דעריבער האָבן די יעניגע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געהאַלטן פונם איבערגעוויכט פון די רוסישע יסודות, זיך אָנגערופן „נאַראָדניקעס". זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די פראָפּאַגאַנ־

דיסטן, וועגן וועלכע איך האָב דער עיקר ביז איצט דערציילט, דערמיט, וואָס די „נאַראָדניקעס“ האָבן געהאַלטן אינגאַנצן איבעריג הן די מינדליכע, הן די שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען צווישן די פּויערים, ווייל די לעצטע פאַרמאָגן שוין קערנדלאַך פון קאָמוניסטישע אָנשויאונגען, וועלכע זיי האָבן געירשנט פון די אבות. ס׳האָט זיך גערדאַכט, אַז די „נאַראָדניקעס“ בלייבט נאָר אויסניצן ווי געהעריג זייער לעבן צווישן די פּויערים אויף צו פאַרגיכערן דעם אָנקום-מאָמענט פון דעם פולן נצחון פון דער שטרעבונג צו קאָמונאַלער אָרדענונג, וועלכע לעבט אין זיי פון די אַלטע צייטן. דעריבער האָבן די „נאַראָדניקעס“ געהאַלטן פאַר נויטיג, אָנשטאָט צו באַזוכן צייטווייליג די דערפער, זיך באַזעצן דאָרט פעסט אויף אַ לאַנגער צייט, אָדער, ווי מיר פלעגן זיך דעמאָלט אויסדריקן, „איינאָרדענען ישובים צווישן דעם פאָלק“.

פון אַלע אַזעלכע קרייזלאַך, וואָס האָבן דעמאָלט עקסיסטירט, האָט די אַממערסטן באַדייטענדע, שטאַרקע און סאָלידע ישובים איינגעאָרדענט די „צפונדיגער אָרגאַניזאַציע“ אויף די רוסישע היסטאָרישע טייכן — וואָלגאַ, אוראַל און דאָן, — וואו ס׳האָבן אַמאָל זיך באַוויזן „די ערשטע רוסישע פאָלקס-פּראָטעסטאַנטען רעוואָלוציאָנערן“ — סטעפּאַן ראַזין און יעמעליאַן פּוגאַטשאָוו.

די צאָל יידן, וואָס איז צוגעשטאַנען צו די „נאַראָדניקעס“, איז געווען נאָך וועניגער, ווי יענע צאָל, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער ריכטונג. יאָסיף אַפּטעקמאַן און איך אַלעקסאַנדער כאָטינסקי זיינען געווען שיער נישט די ערשטע, דערצו נאָך אויך די איינציגע, וואָס זיינען אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע פון די „נאַראָדניקעס“.

באַזעצנדיג זיך צווישן פאָלק, פלעגן די מיטגלידער פון דער „צפונדיגער געזעלשאַפט“ אָדער „זעמליאַ אי וואָליאַ“, וואָס, ווי מיר ווייסן, איז עס דאָס זעלבע, זיך אויסקלייבן עפּעס אַ מלאכה אָדער באַשעפטיגונג: זיי פלעגן אָנקומען פאַר דאָרפישע אָדער וואָלאָסט-שרייבער, לערערס, פעלדשערס, כדי, לעבנדיג שטענ-

דיג צווישן פֿאָלק, מיטווירקן דער פֿאַרווירקליכונג פֿון זיינע פֿאַרלאַנגען און שטרעבונגען.

אַלס געוועזענער סטודענט-מעדיק, איז אַפּטעקמאַן געוואָרן אַ פֿעלדשער און האָט געפֿונען פֿאַר זיך אַ שטעלע אין עפּעס אַ דאָרף פֿון איינער פֿון די וואָלגער גובערניעס. אין דער דאָזיגער ראָלע איז ער געווען אינגאַנצן אויף זיין אָרט. אַ ווייכער און צאַרטער פֿון דער נאַטור, וואָס האָט זיך מיט ליבע באַצויגן צו אַלע אומגליקליכע, האָט אַפּטעקמאַן, אַלס פֿעלדשער, אַרויסגערופֿן ביי אַלע גוטע באַציהונג און סימפּאַטיע צו זיך. ער האָט אויף אַזוי פֿיל געהאַט צוטרוי ביי די פּויערים, אַז ער האָט געקענט אינגאַנצן פֿריי אַנטוויקלען צווישן זיי זיינע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען, נישט מורא האָבנדיג, אַז עמיצער וועט אים אַרויסגעבן. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט די אויסגעמאָגערטע פֿיגור פֿון אַפּטעקמאַנען מיט שאַרף-אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע געזיכטס-שטריכן וואָס מיר האָבן שוין נישט איין מאָל דערמאָנט וועגן דעם, קאָן מען דעמאָלט באַוואונדערן יענע אינעווייניגסטע מאָראַלישע קראַפֿט, אַדאַנק וועלכער אים האָט זיך איינגעגעבן צו האָבן אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף דער פֿינסטערער פּויערישער מאַסע.

אַפּטעקמאַן האָט זיך ווי אָפּגעשיידט פֿון אַלעם ערדישן, מאַטעריעלן, ווידמענדיג זיך אינגאַנצן דעם ענין און אינטערעסן פֿון די פּויערים, צווישן וועלכע ער האָט זיך געפֿונען: זיי האָט ער אָפּגעגעבן נישט נאָר זיין צייט, וויסן און זיינע שוואַכע פֿיזישע כּוחות, נאָר אויך זיין גאַנצע ליבנדע אָפֿענע נשמה.

פֿאַר פֿאַראָרימטע, פֿינסטערע און פֿולע מיט פֿאַרשיידענע איבערגלויבענישן פּויערים, איז יאָסיף פּעדיג געווען צו גיין אויף דעם סאַמע גרעסטן קרבן, אויף כּלערליי ליידן. גאָרנישט האָט אים נישט געקאָנט אָפּווענדן פֿון יענעם שווערן וועג, וואָס איז פֿול געווען מיט אַלערליי צרות און מיט וועלכן ער האָט באַשלאָסן צו גיין; קיין שום ליידן, וואָס האָבן אים געדראָהט, האָבן אים ניט געשראָקן. ער האָט געלעבט מיט איין געדאַנק נאָר, איין

שטרעבונג — צו העלפן די אומגליקליכע אייביגע אַרבעטאָרער אַרויסשלאָגן זיך פון זייער שווערן קאַטאָרגע־לעבן אויף אַ ברייטן און פרייען וועג.

די פויערים, וואָס פלעגן קומען מיט אים אין באַרירונג, האָבן אינגיכן פולקום אָפּגעשאַצט זיין גוטע נשמה און אויפריכטיג ליב געקראָגן זייער „קליינינקן פערשאַל“ און זיינען גרייט געווען, פון זייער זייט, אָפּצודינען מיט וואָס זיי האָבן געקאָנט.

אַזוי האָט אַפּטעקמאַן אָפּגעלעבט מיט זיי פריינטליך, דאַכט זיך, אַן אָנדערטהאַלבן יאָר אין דאָרף, — אַ טערמין פאַר יענע צייטן זעהר אַ גרויסער, ווייל געוועהנליך אין אַ חודש צי צוויי אַרום, און אמאָל נאָך פריהער, האָט דער אינטעליגענט, וואָס פלעגט זיך באַזעצן צווישן די פויערים, אַזוי אָדער אַנדערש אַרויס־גערופן קעגן זיך אַ חשד, נאָך וואָס מ'פלעגט אים אַרעסטירן. אַפּטעקמאַן אָבער פלעגט וואָס ווייטער, אַלץ מער אַרויסרופן צו זיך ליבע און צוטרוי: זיין נאמען איז געוואָרן אַלץ מער פּאָ־פולער צווישן די פויערים אין דער אַרומיגער געגנט.

ס'איז נישט באַוואוסט, מיט וואָס וואָלט זיך געענדיגט זיין פּרוכבאַרע ווירקונג אויף דער באַפעלקערונג, נאָר אַ. סאָלאָוויאָוו'ס אַטענטאַט אויפן צאַר (דעם 14 אַפּריל 1879) האָט געמאַכט אַ סוף צו אַפּטעקמאַנס וואוינען אויף דער וואָלגאַ, ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגער מאַן, וואָס האָט געשאָסן אין אַלעק־סאַנדער II, האָט נישט לאַנג פאַר דעם פאַרנומען אַ שטעלע אַלס וואָלאָסט־שרייבער אין איינעם פון די „ישובים“ אויף דער וואָלגאַ. דעריבער האָבן אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין די „ישובים“, איבער דעם, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן זיי אָנגע־הויבן זוכן, געמוזט פאַרלאָזן די איינגעזעסענע ערטער און נעלם ווערן.

צווישן זיי איז געווען אויך אַפּטעקמאַן. מיט טרערן אויף די אויגן האָט ער זיך צעשיידט מיט די פויערים און פויערטעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צונויפגעלעבט, אַזוי זיך צו־געבונדן צו זיי און זיי, פון זייער זייט, צו אים.

פון זיין שטיל, פרידליך און אַרבעטס-לעבן אין דאָרף, וואו אַפּטעקמאַנען איז אַלץ געווען ליב און טייער, האָט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אים ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער רוישיגער הויפט-שטאָט, וואָס איז פול געווען מיט כלערליי זאָרג, אויפרעגונגען און וויכוחים: און דעמאָלט טאַקע, — דער עיקר אונטער דער ווירקונג פון סאָלאָוויאָווס אַטענטאַט אויפן צאַר, — האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן, וועגן וועלכע איך האָב דערמאָנט פריהער, צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „זעמליאַ אי וואָליאַ", וואָס האָבן איינגיכן נאָך דעם געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג פון דער לעצטער און גרינדונג פון צוויי אָרגאַניזאַציעס.

דער גוטמוטיגער יאָסיף, וואָס האָט ליב געהאַט דעמאָלט אַלע מענשן בכלל, און די חברים — בפרט, האָט געטראָפן צווישן צוויי פייערן: ווען ער זאָל זיך געווען שטעלן אויף איין צד, וואָלט ער געהאַט קענן זיך דעם צווייטן, וואָס ער האָט, אַלס ניי-אָנגעקומענער פון גאָר אַן אַנדער סביבה, אינגאַנצן נישט געוואָלט דאָס טון. אַלס מענש, וואָס האָט פאַרבראַכט אַ גאַנץ לאַנגע צייט צווישן פאָלק און ליב געקראָגן זיין טעטיגקייט דאָרט, האָט ער נישט געקאָנט נישט אָנערקענען, אַז די טעראָריסטישע אַקטן שטערן דער אַרבעט פון די נאַראָדניקעס, צונעמענדיג ביי איר כוחות און מיטלען און צווינגענדיג פאַרלאָזן פּלוצים די „ישובים", ווי דאָס איז, ווי מיר זעהן, פאָרגעקומען נאָך דעם אַטענטאַט, וואָס סאָלאָוויאָוו האָט געמאַכט. פון דער אַנדער זייט, נישט איבערגעלעבט אַליין דעם פריהערדיגן פעריאָד אין די שטעט און פיהלנדיג ליבע און אַכטונג צו די חברים, האָט ער נישט געקאָנט גלויבן, אַז זיי זאָלן באַוואוסטזיניג זיין קעגן דער פאָלקיסטישער פּראָגראַם.

נאָר לסוף איז יאָסיף, וואָס איז געווען איינציייטיג אַ ליבלינג פוןביידע ריכטונגען, דאָך צוגעשטאַנען צו די אַזוי גערופענע „דערעווענשטשיקעס", ד. ה. צו אונז, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער נויטיגקייט, אויפהערן צו באַניצן זיך מיט טעראָר און ווייטער פירן די טעטיגקייט צווישן די פויערים. און ווען ס'איז פאַרגע-

קומען דער צעפּאַל פון „זעמליאַ אי וואָליאַ“ איז אַפּטעקמאַן אַרײַנגעטראָטן אין „טשאָרני פּערעדעל“.

מײַן באַקאַנטשאַפט מיט אַפּטעקמאַנען איז פאָרגעקומען
שפּעט=יאָר 1879, אײַנגיכן נאָך מײַן אומקער קיין פּעטערבורג
פון דער שווײַץ, וואוהין איך בין אַוועקגעפאָרן מיט אַ יאָר צוריק.
צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „זעמליאַ אי וואָליאַ“,
וואוהין איך בין אויך אַרײַנגעטראָטן נאָך מײַן אומקער, זײַנען
שוין געווען אין גאַנג די וויכּוחים, וועלכע איך האָב שוין נישט איין
מאָל דערמאָנט, וועגן טעראָר און טעטיקייט צווישן פאָלק. די
„דערעווענשטשינאַ“, צו וועלכע איך האָב דעמאָלט אויך נ:ע=
הערט, האָט היים דערוויזן די אָנהענגער פון „טעראָר“, אַז דאָס
מיטל פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, וואָס זיי האָבן אויסגע=
קליבן, איז געווים שעדליך פאַר די פאָלקס=אינטערעסן, ווײַל דאָס
קאָן ברענגען צו פולער אַנטרינונג פון אַלע אַקטיווע פּערזאָנען און
צום אָנהויב אין לאַנד פון אַ שטאַרקער און דויערנדער רעאַקציע,
וואָס איז ווי באַוואוסט, אײַנגיכן פולקום מקוים געוואָרן. פון דער
אַנדער זײַט האָבן די מיטגלידער פון „זעמליא אי וואָליאַ“, וואָס
זײַנען געשטאַנען פאַר דער נויטיקייט צו באַניצן זיך מיט טעראָר,
דערוויזן די „דערעווענשטשיקעס“, אַז זייער לעבן צווישן די פּוי=
ערים איז אינגאַנצן אומניצליך, ווײַל דערפון וועט אויך אין אַ סך
צעהנדלינגער יאָרן אַרום נישט פאָרקומען אין רוסלאַנד קיין סאָ=
ציאַליסטישע רעוואָלוציע.

אין די דירות, וואו ס׳פלעגן פאָרקומען די דאָזיגע מינדליכע
צוזאַמענשטויסן, איז געשטאַנען אין דער לופטן אַ געוועהנליכער
אין אַזעלכע פאַלן גוואַלט, בעת וועלכן ס׳איז שווער געווען עפּעס
צו הערן.

קומענדיג צום ערשטן מאָל אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג, האָב איך
נישט באַלד באַמערקט דעם מאָגערן, זעהר קליינעם מענשן פון

אַ יאָר 28—30, וואָס איז געזעסן אַ ביסל פּונדערווייטנס און עפּעס שטיל גערעדט צו זיין שכן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען „יאָסיק", ווי אייניגע חברים האָבן צאַרט אָנגערופן אַפּטעקמאַנען. נאָר, אַז מ'פּלעגט אים איין מאָל דערזעהן, איז אוממעגליך געווען נישט אָפּשטעלן אויף אים די אויפמערקזאַמקייט.

ס'האָבן זיך מיט־אַמאָל געוואָרפן אין די אויגן אויסדריקליכע שטריכן פון זיין אינטעליגענטן פּנים. פון אַ שמועס מיט אים פּלעגט מען אַוועקגיין מיט זעהר אַ גוטן איינדרוק: ס'האָט זיך געפיהלט אַ גרויסע אויפריכטיגקייט אין האַרציגקייט פון אָט דעם קליינעם סימפּאַטישן יידן.

צו „יאָסיקס" גרויסע אייגנשאַפטן האָט געהערט זיין וויסנדאָרשט און גרויסער אינטערעס צו ביכער. צוליב זיין באַלייענטקייט האָט פּלעכאַנאָוו אים געעצהט, ער זאָל זיך נעמען פאַר דער פּען און ווערן אַ מיטאַרבעטער פון „טשאָרני פּערעדעל", וואָס האָט אָנגעהויבן ערשיינען. נאָר דער באַשיידענער יאָסיק, וואָס האָט ביז דאַן זיך אין ערגעץ נישט געדרוקט, האָט אָפּגענויגט דעם דאָזיגן פאָרשלאָג און זיך אונטערגעגעבן ערשט נאָך שטאַרקע בקשות פון די חברים.

דער גרויסער אַרטיקל, וואָס אַפּטעקמאַן האָט דערנאָך אָנגעשריבן פאַרן ערשטן נומער פונם דערמאָנטן אָרגאַן אונטערן נאָמען „צו די אַלטע חברים", האָט פּולקום באַשטעטיגט די ריכטיגקייט פון די מיינונגען פון „זשאָרזש" פון אַנדערע וועגן אים. דער דאָזיגער אַרטיקל מיט אַ באַוואוסטן עפּיגראַף וועגן אמת, וועלכער איז העכער פון פּלאַטאָנען, האָט אין זיין צייט געווענדט אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, הן מיט זיין אינהאַלט, הן מיט זיין הייסן האַרציגן חברשן טאָן אין דער ווענדונג צו די נישט לאַנג געוועזענע אונזערע מיטגלידער, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט אין אַ נייער, טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ווי אין זיינע מינדליכע שמועסן, אַזוי אויך אין דעם דאָזיגן געדרוקטן ווערק, האָט יאָסיק איבערגע־

געבן קלאָר און באַטראַכט זיינע געדאַנקען, וועגנדיק זיך צו פּערזאָנען, וואָס זיינען נישט מסכּים געווען מיט אונז, ווי נישט צו קיין שונאים, נאָר ווי צו מענטשן, וואָס האָבן אַ טעות, — ווי צו בלאָנזשענדיקע חברים. און, נישט קוקנדיק אויף די אַריבער 40 יאָר, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען פון יענער צייט, זינט ס'איז ערשינען דער דאָזיקער אַרטיקל, גייען נישט דורך די איבערזיכטס־געבער פון אונזער רעוואָלוציאָנערן עבר פאַרביי אים אָן שבחים. ס'איז געווען נאַטירליך צו דערוואַרטן, אַז פון אַפּטעקמאַנען וועט זיך אויסאַרבעטן אַ גוטער פּובליציסט, נאָר, צום באַדויערן, איבער די אומגינסטיקע פאַר אים באַדינגונגען, האָבן זיך די דאָזיקע דערוואַרטונגען נישט פאַרווירקליכט; אַזוי אַרום איז זיין דערמאָנטער ערשטער אַרטיקל, אויף וויפיל מיר איז באַוואוסט, געבליבן דער איינציקער; שפּעטער, אויף די עלטערע יאָרן, האָט אַפּטעקמאַן נישט אָן ערפאָלג אָנגעהויבן זיך טיילן אין דער פּרעסע מיט זיינע זכרונות, וועגן וואָס איך וועל דערציילן ווייטער.

ווי באַוואוסט, האָט די געהיים־פּאָליציי נאָך דעם אויפרייס פונם צאַרישן צוג אונטער מאָסקווע, וועגן וואָס איך האָב שוין נישט איין מאָל דערמאָנט, אָנגעהויבן באַזונדערס אַרויסווייזן איר פלייסיקייט; דעריבער האָט איינעע פון די „דערעווענשטשיקעס" — זאַסוליטש, פּלעכאַנאָוו, סטעפּאַנאָוויטשן און מיר, — וואָס זיינען לאַנג און שטאַרק געזוכט געוואָרן דורך די אַגענטן פון דער דריטער אָפּטיילונג, געדראָהט אַ געפאַר אַרעסטירט צו ווערן. אַפּטעקמאַן איז געווען דער ערשטער פון אונזערע חברים, וואָס האָט אָנגעהויבן ענערגיש אונז איינרעדן, אַז מיר אַלע, די פריהער דערמאָנטע, זאָלן ווידער זיך לאָזן קיין אויסלאַנד: „פאָרט אַוועק, אַ'נישט וועט מען אייך אַרעסטירן און איר וועט אומקומען איבער גאָרנישט", — האָט ער געטענהט. צו דער דאָזיקער עצה זיינער האָבן זיך פאַראייניקט אויך אַנדערע מיטגלידער פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

מיט אַ שטאַרקן אומווילן האָבן מיר זיך אונטערגעגעבן דעם דאָזיגן באַשלוס, נאָר דערנאָך בין איך און אַנדערע דאַנקבאַר געווען אַפּטעקמאַנען, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווייטזעהענדיג: איינגיכן נאָך אונזער אַוועקפאָר, זיינען, מיט קליינע אויסנאמען, אַרעסטירט געוואָרן אַלע מיטגלידער פון „טשאָרני פערעדעל". אין זייער צאָל איז אויך געווען יאָסיף.

ס'איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן, אויף וויפיל ס'האָט געדאַרפט זיך אַרויסווייזן דאָס זיצן אין טורמע אין אַן איינצלקאַמער פאַרן עמפינדליכן, נערוועזן און שוואַכן אַפּטעקמאַנען. זיין לעבעדיגער, באַוועגליכער כאַראַקטער, וואָס האָט תמיד געשטרעבט צו טעטיגקייט, האָט נישט געקאָנט זיך צוגעוועהנען צום שווערן רעזשים. אָנשטאָט דעם נויטיגן געדאַנק־אויסטויש מיט אַנדערע, איז אים חדשימווייז אויסגעקומען, נישט הערנדיג קיין מענשליכע שטים, צו בלייבן מיט זיינע מרה־שחורהדיגע מחשבות אַליין און מורא האָבן פאַרן גורל פון די נאָהענטע, ליבע זיינע חברים.

קיין חידוש ניט, דעריבער, אַז זיינע נערוון זיינען אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט געוואָרן, — ער איז ניט ווייט געווען פון משוגעת און נישט איין מאָל געקלערט וועגן אַ מיטל, ווי אַזוי צו באַגיין זעלבסמאָרד.

נאָר זיין גורל איז אויך דאָס מאָל געווען צו אים גנעדיג: נאָך צוועלף־חדשימדיגער געפענקעניש האָט מען אַפּטעקמאַנען אפילו נישט צוגעצויגן צום געריכט איבער די אַרעסטירטע איינצייטיג מיט אים „טשאָרני־פערעדעלצעס", און מ'האָט אים נאָר פאַרשיקט אַדמיניסטראַטיוו אויף דריי יאָר אין יאַקוטסקער געגנט.

דאָס לעבן נישט נאָר אין איין דאָרף, נאָר אויך אין איין „יורטע" מיט קאָראָלענקאָ און נאַטאַנסאָנען, האָט ער אַליין אויספירליך און גאַנץ אינטערעסאַנט באַשריבן אין זיינע נאָטיצן. איך וועל נאָר דערמאָנען זיין באַמערקונג, וואָס איז פריהער געבראַכט געוואָרן, וועגן דער ווירקונג פון זיין לעבן אין פאַרשיקונג, פון וואַנען ער האָט זיך אומגעקערט „שטאַרקער פיזיש און מאָראַליש".

אַלעקסאַנדער III, ווי באַוואוסט, האָט, פונם מאָמענט פון זיין אַרויסגיין אויפן טראָן, געשטרעבט צו אויסדרעהען אויף צוריק די רעדער פון דער געשיכטע. דאָס איז געווען דער מרה־שחורה'דיגסטער פעריאָד אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אין לאַנד איז געוואָרן אַ שטילקייט פון אַ בית־הקברות־פעלד — אַליץ איז אָפגעשטאָרבן.

אַפטעקמאַן האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט. אָפגעלעבט נאָכן אומקער אַהיים אַ קורצע צייט צווישן די קרובים, וואָס האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, האָט ער אינגיכן נאָך דעם זיך אַוועקגעלאָזט קיין אויסלאַנד, כדי צו פאַרענדיגן דאָרט דאָס שטודיום אויף די מעדיצינישע קורסן און דערנאָך זיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד: דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיג צוליב דעם פּלאַן, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי אים אינאיינעם מיט נאַטאַנסאָנען, טיוטשעוון און אַנדערע חברים אין פאַרשיקונג, צו שאַפן אין רוסלאַנד אַן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע אויף אויסקעמפן די פּאָליטישע פרייהייטן.

געקומען קיין אויסלאַנד, איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ, כדי צו זעהן זיך מיט זיינע אַלטע חברים, געוועזענע מיטגלידער פון „טשאָרני פערעדעל" — מיט פּלעכאַנאָוון, זאַסוליטש און אַקסעלראָדן, וועלכע האָבן, ווי באַוואוסט, לאַנג פאַר דער באַגעגעניש מיט אים זיך אָפגעזאָגט פון דער „נאַראָדניטשעסטוואָ" און געוואָרן אַנטשלאָסענע אָנהענגער פון מאַרקס און ענגעלס.

אויף דעם דאָזיגן באָדן זיינען צווישן די אַלטע פריינט פאָרגעקומען הייסע וויכוחים; אַפטעקמאַן האָט פאַר די יאָרן פון לעבן אין טורמע און פאַרשיקונג נישט נאָר ניט אָפגעזאָגט זיך פון די פריהערדיגע אָנשויאונגען, נאָר נאָך מער זיך אין זיי פאַרשטאַרקט. דעריבער האָט דאָס, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצוהערן פון פּלעכאַנאָוון און זיינע חברים, זיך אויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיג, נישט פאַסנד פאַר רוסלאַנד און צוגעטראַכט דורך זייער לאַנגן לעבן אויסער איר. דאָך, סוף כל סוף, האָבן די באַווייזן פון פּלעכאַנאָוו און פון די איבעריגע חברים אין דער ריכטיגקייט פון מאַרק=

סיזם איבערגעציינגט אַפּטעקמאַנען, און ער איז אויך צוגעשטאַנען צו דער צאָל פון זיינע אָנהענגער.

מעדיצין האָט ער אָנגעהויבן שטודירן אין ווין, פון וואַנען ער האָט, נאָכן ענדיגן דעם קורס מיטן טיטל „דאָקטאָר מעדיצין“, זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. דאָרט, ווי מיר ווייסן שוין, איז ער צוגעשטאַנען צו דער געזעלשאַפט „נאַראָדנאָיע פּראַוואָ“, וואָס נאַטאַנסאָן האָט געגרינדעט. וועגן דעם גורל פון דער לעצטער האָב איך שוין מיטגעטיילט: זי איז פאַרוועלקט געוואָרן, נישט באַוויזנדיג זיך צעבליהען. אַפּטעקמאַן איז ווידער עפּעס דורך אַ נס פאַרבליבן גאַנץ. שפּעטער, ווי מיר האָבן געזעהן פון זיין בריוו צו מיר, האָט ער געהאַט נישט קיין איבעריג גוטע מיינונג וועגן די צילן פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט, ווייל ער האַלט פאַר „נישט־געראָטן און פאַרבלענדעט“ דעם דאָזיגן פּראָוו.

איבערגעציינגט זיך אין דעם, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ „שטילע צייט“, וואָס אין איר איז קיין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט נישט מעגליך, האָט אַפּטעקמאַן זיך אַריינגעטאָן אין זיין ספּעציאַליטעט. ער האָט, ווייזט אויס, פון די יונגע יאָרן אָן פאַרמאָגט אַ פעהיגקייט צו געפינען אַ שליסל צו יעדער מענשליך האַרץ, פון וואָס ער איז געוואָרן אַ געניטער פרעדיגער. דער דאָזיגער שטריך האָט אויך אַ סך געהאָלפן אַפּטעקמאַנען, ווען ער איז געוואָרן דאָקטאָר: פאַר זיין ספּעציאַליטעט האָט ער אויסגעקליבן פּסיכיאַטריע. דער דאָזיגער קליינינקער, שוואַכינקער מענש מיט דעם גרויסן שטערן, וואָס האָט, דאַכט זיך, פון אַ בלאָז אָדער אַ פּיק געדאַרפט זיך איבערקוליען אין דער לופטן, האָט פאַרמאָגט אַ פעהיגקייט דורך זיין רעדן און ווענדן זיך איינשטילן די סאַמע מסוכנסטע קראַנקע, וועלכע ס'האָבן נישט געקאָנט בייקומען עטליכע אָנגעשטעלטע פון זיין שפּיטאָל. אַ סך וואונדערליכע מעשיות האָב איך דערנאָך געהערט וועגן אָט דעם איינשטילער פון אומגליקליכע חולאים, וואָס זיינען אַראָפּ פון זינען. צווישן אַנדערע איז, אגב, אונטער זיין אויפזעה געוועזן גליעב איוואַנאָוויטש אוספּענסקי, וועגן וואָס

אַפּטעקמאַן האָט באַריכות איבערגעגעבן אין זשורנאַל „סאָוורעמעני מיר“, און נישט לאַנג אין אַ באַזונדערער בראָשור.

דערנאָך, ווי מיר ווייסן שוין פון אַפּטעקמאַנס מיטטיילונג אַליין, האָט זיך די „רעוואָלוציאָנערע כוואַליע צוגעקייקלט אויך צו נאָוואָ־ווילעיסק, גלייך אין דעם סאַמע שפּיטאָל פון די נערוון־קראַנקע, וואו איך בין געווען עלטערער אָרדינאַטאָר. מאַסאָווקעס, אַגיטאַציע צווישן אַרבעטער פון שכנישע פאַבריקן און צווישן פויערים, אָרגאַניזאַציע פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, סיסטעמאַטישע קורסן וועגן סאָציאַליזם וכדומה, — ווי אין אַנדערע ערטער פון רוסלאַנד“.

וועגן דער „פאַרברעכערישער טעטיגקייט“ פונם עלטערן אָרדינאַטאָר האָט זיך אינגיכן דערוואוסט די וואַכנדע נאַטשאַלסטוואָ, און אים ווידער אַריינגעזעצט אין טורמע. אים, ווי מיר ווייסן שוין, האָט געדראָהט שווערע שטראָף, נאָר ס׳האָט אים ווידער אָפּגעראַטעוועט, קענטיג, דער גליקליכער שטערן, אונטער וועלכן ער איז, ניכּר, געבוירן געוואָרן: ס׳האָט זיך צונויפגעזאַמלט די ערשטע מלוכה־דומע, ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן מיט האָפענונג אויף דעם נצחון פון רעכט און גערעכטיגקייט אין דעם האַלב־באַרבאַרישן לאַנד; די טורמע־לייט האָבן מסכּים געווען, אַז דער אַלטער דאָקטאָר, וואָס איז קראַנק געוואָרן אין טורמע, זאָל אַרויסגעלאָזט ווערן ביזן געריכט פאַר גרויס ערבות־געלט. אַפּטעקמאַנס אַ גרויסער פריינט האָט אַריינגעטראָגן דעם דאָזיגן סכום און אויך געגעבן אים די מעגליכקייט אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד פאַרריכטן זיין שוואַך געוואָרן געזונט.

ווינטער 1906 נאָכן אַנטלויף פון סיביר בין איך ווידער געקומען קיין אויסלאַנד. כּדי צו זעהן זיך מיט אַלטע פריינט — מיט די פלעכאַנאָווס, — בין איך אַוועקגעפאָרן קיין נערווי (אין צפון־איטאַליע) און אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין קומען אַהין האָב

איך בײם לעצטן געטראָפֿן זעהר אַ באַוועגליכן, אינגאַנצן אַ גראָהען זקן מיט פּונקט אַזאַ לויכטענדן גרויסן שטערן, ווי בײ אַפּטעקמאַנען. דאָס איז אוודאי געווען דער קלײנינקער „יאָסיק“, וואָס איז אָבער שטאַרק אַלט געוואָרן, ווײל פֿון דער צײט אָן, זינט מיר האָבן זיך מיט אים צעשײדט, איז דורכגעגאַנגען אינגאַנצן „בלויז“ זיבן און צוואַנציג יאָר, און די פֿאַרגאַנגענע צײט האָט אַרויפֿגעלעגט אויף אים, ווי אויך אויף מיר, געווײנטליך, איר שטעמפּל.

אָפּגעלעבט אַ שטיקל צײט אויף דער ריוויערע מיט זײן זעהר קראַנקער פֿרוי, איז אַפּטעקמאַן איבערגעפֿאָרן מיט איר אין דער שווײץ, וואוהין איך בין אויך אינגיכן געקומען, און מיר פֿלעגן זיך דאָרט אָפֿט באַגעגענען. דאָרט האָט דער אַלזײטיג געבילדעטער, טאַלאַנטפֿולער דאָקטאָר, וואָס האָט דאָך נישט אָפּגעשפּאָרט קײן אײן גראָשן, זײענדיג אַרויסגעוואָרפֿן דורך דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין דער עמיגראַציע, אויף דער עלטער, אינאײנעם מיט דער מסוכן־קראַנקער פֿרוי, געליטן גרויסע מאַטעריעלע נויט און געקעמפֿט מיט שרעקליכער אָרימקײט. צוליב דער פֿרוי האָט אַפּטעקמאַן לאַנג געוואוינט אין קלאַראַן, פֿון וואַנען ער פֿלעגט פֿון צײט צו צײט שיקן אין רוסישע זשורנאַלן זײנע זכרונות. וועגן זײ האַלט איך פֿאַר פּאַסנד צו זאָגן דאָ עטליכע ווערטער.

אַפּטעקמאַנס מעמואַרן, גאַנץ אינהאַלטספֿולע און אינטערעסאַנטע, זײנען נוגע אויסשליסליך דעם „פֿאָלקיסטישן“ פּעריאָד פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, — די געזעלשאַפֿט „זעמליאַ אי וואָליאַ“, זײן לעבן אין פֿאַרשיקונג און די פּערזאָנען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט. אָנגעשריבן זײנען זײ אויפֿריכטיג און לעבעדיג, נאָר לײדן פֿון שטאַרקער אַפֿעקטאַציע, — זײנען מגזם די אײגנשאַפֿטן פֿון די פּערזאָנען, וועלכע ער באַשרײבט, און דעריבער מאַכן זײ אַ ביסל אַ לאַקריצדיגן אײנדרוק, וואָס געפֿעלט נישט יעדערן. אַלס היסטאָרישע דאָקומענטן, דעריבער, דאַרף מען זײ אָננעמען Cum grano salis.

ס׳זיינען ווידער דורכגעגאַנגען צעהן יאָר, אין משך פון וועלכע מיר האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע ערד־טיילן — איך אין די צפון־אַמעריקאַנישע פאַראייניגטע שטאַטן, און ער — אַלץ אין דעם זעלבן קליינעם קוראָרט איבער דער גענפער אָזערע.

די אַלוועלטליכע מלחמה, וואָס האָט דערנאָך אויסגעבראָכן, האָט אונז געבראַכט צו פאַרשיידענע לאַגער: אַפּטעקמאַן איז צוגעשטאַנען צו די צימערוואַלדיסטן, איך בין געווען אַן „אָבאָראָנעץ". דעריבער, ווען נאָכן נצחון פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע איז אַפּטעקמאַן אינאיינעם מיט זיינע גלויבנס־חברים מענשעוויקעס אָנגעקומען קיין פּעטערבורג, דורכפאָרנדיג מיט ווילהעלמס דערלויבעניש דורך דייטשלאַנד, האָב איך און פלעכאַנאָוו זיך נישט געזעהן נישט מיט אַפּטעקמאַנען, נישט מיט די אַנדערע אונזערע פריינט, מיט וועלכע מיר זיינען פריהער כמעט אין משך פון פופציג יאָר געווען געבונדן מיט פעסטע באַציהונגען. ערשט אין צוויי יאָר אַרום האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַפּטעקמאַנען אין מלוכהשן רעוואָלוציאָנס־אַרכיוו, וואו איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן איבערן שטודירן די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געלעגן אין דער „דריטער אָפּטיילונג". אַפּטעקמאַן האָט, איבערלאָזנדיג זיין פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל, וואו ער איז פריהער געווען אָרדינאַטאָר, זיך אויך געווידמעט אינגאַנצן דעם שטודיום פון די אַרכיוו־דאָקומענטן. דערביי ווייזט ער אַרוים ביז איצט, נישט קוקנדיג אויף זיין גרויסן עלטער, — ער איז שוין כמעט אַלט געווען 75 יאָר, — און שווערע אויסערליכע באַדינגונגען, די שטאַרקע אַרבעטספעהיגקייט, פעסטקייט און אויסשטאַנדקראַפט.

ב. אַלעקסאַנדער כאָטינסקי

דער דריטער ייד, אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט „זעמליאַ אי וואָליאַ", חוץ זונדעלעוויטשן און אַפּטעקמאַנען, איז געווען אַלעקסאַנדער כאָטינסקי. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1852 אין אַ גאַנץ פאַרמעגליכער סוחרישער משפחה און פון דער קינד־

הייט אָן אַרויסגעוויזן גרויסע פעהיגקייטן, באַזונדערס צו מאַטעמאַטיק. געענדיגט די סימפעראָפּאָלער גימנאַזיע מיט אַ גילדערנער מעדאַל, האָט כאָטינסקי זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּעטערבורג, וואו ער איז אָנגעקומען אין דער מעדיקאָ-כירורגישער אַקאַדעמיע. אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, אַ שווייגער, פלעגט כאָטינסקי זיך שווער צונויפגיין מיט חברים און כמעט נישט גענומען קיין אָנטייל אין אַלגעמיינע סטודענטישע פראַגעס און אונטערנעמונגען. נאָר מיט איין איינציגן אָסיפּ אַפּטעקמאַנען, וועלכער איז געווען מיט אים אויף איין סעמעסטער, איז ער זיך צונויפגעגאַנגען און באַפריינדעט, הגם, ווי דאָס קומט פאָר זעהר אָפט, זיינען זיי געווען קעגנזעצליכע נאַטורן: אויף וויפיל אַפּטעקמאַן איז געווען סאַנגוויניש, עקספּאַנסיוו און טעמפּעראַמענטפול, אַזוי פיל איז כאָטינסקי געווען איינגעהאַלטן, רוהיג און קאַלטבלוטיג.

די אַלגעמיינע אַלטרואיסטישע שטימונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ באַדייטענדן טייל פון דער דעמאָלטיגער פּראָגרעסיווער יוגנט, האָט אָנגערירט אויך דעם דאָזיגן, אויסערליך רוהיגן, פּאָזיטיוון, פלייסיגן און אַרבעטספעהיגן סטודענט, וואָס איז, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, נישט פעהיג געווען זיך אונטערגעבן קיין אידעאַליסטישע נייגונגען. אים איז אָן שום ספק פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע קאַריערע פון אַ געלערנטן, נאָר, זייענדיג אויפן פערטן קורס, האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע דעמאָלט, געוואָרפן די מעדיצינישע אַקאַדעמיע און זיך געלאָזט „אין פאָלק". דער דאָזיגער שריט זיינער קאָן טיילווייז דינען אַלס באַווייז פון אומגעוועהנליכער דערהויבונג, פון דער ווירקונג פון די סאָציאַליסטישע אידעען, וואָס זיינען דעמאָלט צום ערשטן מאָל פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דעם בעסטן טייל פון דער רוסישער און יידישער יוגנט: אויב אַזעלכע פּאָזיטיווע און רוהיגע סטודענטן פון לעצטן קורס, ווי כאָטינסקי, האָבן געקאָנט אינגאַנצן זיך אָפּגעבן דער נייער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, הייסט עס, אַז אין איר איז ווירקליך געווען אַ באַזונדערע צוציהונגס-קראַפט, וועלכע האָט אַלצ-

איינס אַרומגענומען מענישן פון פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן און כאַראַקטערן.

איך קאָן איצט בשום אופן זיך גישט דערמאָנען זיינע פּער־זענליכע שמועסן וועגן זיין טעטיגקייט אין פאָלק. איך ווייס נאָר, אַז אינאיינעם מיט עטליכע חברים־קריסטן האָט כאָטינסקי געאַר־בעט אַלס פּויער אויף זיין ברודערס אַ כוטאָר, אין בערדיאַנסקער אויעזד, וואו ער האָט זיך, ווי אויך אַנדערע, פריהער צוגעוועהנט צו דער שווערער מיה פון אַן ערדאַרבעטער.

פריהער איז מיר שוין אויסגעקומען צו דערציילן, אַז לויט אונ־זערע דעמאָלטיגע פאַרשטעלונגען האָבן די פּראָפּאַגאַנדיסטן גע־דאַרפט אין אַלץ זיך אויסגלייכן מיט דער אַרבעטענדער פּויער־שער מאַסע. כאָטינסקיס רעזולטאַטן פון „גיין אין פאָלק“ אַלס פּויער זיינען אין אַלגעמיין געווען פּונקט אַזוי ווענינ פּראָדוקטיוו, ווי ביי די איבעריגע צווישן אונז. עמיצן פון די פּויערים, מיט וועלכע ס׳איז אים אויסגעקומען אַריינצוטרעטן אין שמועסן, האָט ער, אפשר, אַריינגעגעבן דעם אָדער יענעם נייעם געדאַנק, נאָר דאָס איז ווייט געווען נישט דאָס, אויף וואָס ער האָט, ווי אויך מיר אַלע, געהאָפט, גייענדיג אַלס מאַרטירער און פּרעדיגער פון אַ נייער תורה.

ווי מיר ווייסן שוין, האָט זיך, אויב נישט אַלע, דאָך פילע פּראָפּאַגאַנדיסטן געדאַכט, אַז מ׳זאָל נאָר פּרואוון אויפעפענען די פּויערים די אויגן אויף דער הערשענדער אָרדענונג, ד. ה. באַקע־נען זיי מיט די סיבות פון דער אומגערעכטיגקייט, וואָס הערשט אומעטום אויף דער וועלט, מ׳זאָל זיי דערציילן וועגן דער אומ־גלייכהייט און אומפאַרשעמטער עקספּלואַטאַציע פון דער מער־הייט פון דער מענשהייט דורך אַ נישטיגער מינדערהייט, און אויך וועגן דעם מאַגישן מיטל דאָס אַלץ צו איבעראַנדערשן, פאַרוואַנ־דלענדיג די ערד און די פּראָדוציר־מיטלען אין אַלגעמיינעם אייגנ־טום, — און די אַרבעטענדע וועלן, פּונקט ווי מיר, אינטעליגענ־טישע יוגנט, ווערן הייסע אָנהענגער פון דעם נייעם פּאַר זיי עוואַנ־געליום. נאָר איבערגעצייגט זיך שפּעטער, פאַרקערט, אַז די

פּייערים זיינען, בכלל, גאַנץ גלייכגילטיק צו די גרויסע אמתן, וואָס מיר אַנטפּלעקן פֿאַר זיי, אַז זיי קומען נישט אַריין צוליב דעם נישט נאָר ניט אין התפּעלות, ווי מיר האָבן נאַאיוו זיך פֿאָרגעשטעלט, נאָר זיינען אָפּטער גאָר גרייט אַרויסגעבן אונז דער „נאַטשאַלסטוואָ“, זיינען פֿילע פֿון די פֿריהערדיקע הייסע אידעאַליסטן געוואָרן גאָר גיך פּונקט די זעלבע געפֿערליכע פּעסימיסטן, סקעפּטיקער און אָפּלייקענער פֿון דעם נוצן פֿון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ערדאַרבעטער. כאָטינסקי איז נישט געווען פֿון דעם מין טוער: ווערנדיק אַן אָנהענגער פֿון אַ געוויסער ריכטונג, האָט ער זיך געהאַלטן אָן דעם ביזן סוף, און ס'זיינען נויטיק געווען, ווי מיר וועלן זעהן, באַזונדערע, אויסשליסליכע אומשטאַנדן, כּדי ער זאָל סוף כּל סוף זיך אָפּזאָגן פֿון דעם וועג, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן.

צווישן אונז, רעוואָלוציאָנערן פֿון די זיבעציקער יאָרן, זיינען וו באַוואוסט, אין אַ באַזונדערס גרויסער מאָס פֿאַרשפּרייט געווען חברישע געפֿיהלן. דאָס וועט ווערן אינגאַנצן פֿאַרשטענדליך, ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען וועגן דער אומגעוועהנליכער שטימונג און ענטוזיאַזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די פּראָפּאַגאַנדיסטן צוליב דעם, וואָס אונז האָט זיך געדאַכט שוין אַזוי נאָהענט דאָס קומען פֿון אַ נייער ערע פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט. פֿאַר אַ חבר איז יעדער גרייט געווען מקריב צו זיין מיט זיך, וואָס מיר האָבן שוין געזעהן אויפֿן ביישפּיל פֿון דער אומגליקליכער בעטי קאַמינסקאַיאַ. זעלבספֿאַרשטענדליך, אַז דאָס פֿאַרמעגן, וואָס עמיצן האָט געהאַט, האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַן אַלגעמיין אייגנטום פֿון אַלע מיטגלידער פֿון געגעבענעם קרייזל. קיינער האָט זיך נישט געקימערט וועגן גאָרנישט אייגנס, מאַטעריעלעס. אַלס אילוסטראַציע צו די דעמאָלטיגע אונזערע חברישע באַציהונגען קאָן דינען, דאַכט זיך מיר, דאָס פֿאָלגענדע: אויב לאָמיר זאָגן, עמיצן

פון די רעוואָלוציאָנערן האָט זיך פאַרוואָלט זיך דורכפאָרן, למשל, פון אדעס קיין פעטערבורג, אויף וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין מיטלען, פלעגט ער דאַן ביי וועמען ס'ניט איז פון די חברים נעמען עטליכע רובל אויף אַ בילעט ביז דער נאָהענסטער שטאָט. דאָרט פלעגן אים ווידער חברים געבן געלט ביז דער ווייטערדיגער גרויסער שטאָט א. א. וו. אַזוי אַרום, אָן איינן געלט, און אויך אָן זאַכן, האָט ער געקאָנט מאַכן די גרעסטע נסיעות, באַגנענדיג אומעטום גאַסטפריינטליכקייט און באַקומענדיג אַ דירה, עסן, וועש וכדומה, — מיט איין וואָרט, ער פלעגט אַריבערפאָרן פון איינע נאָהענטע קרובים צו די אַנדערע, הגם ער פלעגט אָפט צום ערשטן מאָל זעהן די דאָזיגע „קרובים“. און אַזוי פלעגט זיין אין אַלצדינג.

ס'איז גרינג נאָך דעם זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ גרייטקייט צו העלפן אַ חבר פלעגן אַרויסרופן יענע פאַלן, ווען עמיץ פלעגט אַריינפאַלן אין אַ צרה — ווען ס'פלעגן פאָרקומען אַרעסטן, ווען מ'פלעגט פאַרמשפטן צו פאַרשיקונג און אויף קאַטאָרגע. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן מיר זיך ניט אָפשטעלן פאַר קיינע קרבנות און ריזיקע און אָפט פלעגן מיר טאַקע אַליין אַריינפאַלן אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען פרואווענדיג באַפרייען אַן אַנדערן. אין איינעם אַזאַ פרואוו, וואָס האָט געמאַכט נישט קיין קליינעם רושם אין יענער צייט, האָט גענומען אַ טיכטיגן אָנטייל אויך אַלעקסאַנדער כאָטינסקי.

דאָס איז געווען פריהיאָר 1878. כאָטינסקי איז שוין לאַנג געווען דעמאָלט מיטגליד פון דער געזעלשאַפט „זעמליאַ אי וואָליאַ“. אין פעטערבורג האָט מען אַרעסטירט איינעם פון די טיכטיגע און אַנטוויקלטע אַרבעטער — פרעסניאַקאָוון. ווי ס'איז באַוואוסט געווען, האָט מען אים געדאַרפט פון טורמע אַריבערפירן צוליבן פאַרהער אין זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג. כאָטינסקין, וואָס איז געקומען צו פאָרן דעמאָלט אויף אַ צייט קיין פעטערבורג וועגן זיינע ענינים, איז געקומען אויפן געדאַנק צו באַפרייען פרעסניאַקאָוון, און ער האָט וועגן דעם דערציילט די חברים־זעמליעוואָל

צעס. זיין פלאן איז באשטאנען אין דעם, אז אינדערנאהענט פון דער זשאנדארמען=פארוואלטונג זאל שטיין א פערד, איינגעשפאנט אין א קאבריאלעט, מיט וועלכן פרעסניאקאוו זאל קאנען גרינג אנטלויפן. דער בארימטער יאגפערד „וואררוואר" (בארבאר"), וואס האט געהערט דער געזעלשאפט „זעמליא אי וואליא", און מיט וועלכן מ'האט געהאלפן אנטלויפן פ. קראפאטקינען, איז אפגעגעבן געווארן אין כאטינסקיס רשות. די ראלע פון א קוטשער האט גערן מסכים געווען צו נעמען אויף זיך דער באוואוסטער א. קוויאטקאווסקי. אויסגעארבעט אינאיינעם דעם פלאן ווי אזוי צו באפרייען פרעסניאקאוון, וועגן וואס מ'האט אויף פריהער אים געגעבן צו וויסן, האט כאטינסקי זיך אוועקגעזעצט אין קאבריאלעט אלס „בארין" (פריץ) און איז צוגעפארן צו דער געביידע פון דער זשאנדארמען=פארוואלטונג. דערזעהן ביים טויער דעם קאבריאלעט, האט פרעסניאקאוו, וואס האט זיך אומגעקערט פונם פארהער, זיך א ווארף געטאן אין דער ריכטונג צו אים, נאר קוים וואס ער האט באוויזן ארויפצושפרינגען אויפן טרעפל פונם קאבריאלעט, ווי איינער פון די זשאנדארמען, וואס האט אים אנגעיאגט, האט זיך איינגענעגלט אין אים, סטארענדיג זיך אים אראפצושלעפן. דעמאלט האט כאטינסקי, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט א גאנץ גרויסער פיזישער קראפט, פון זיין זייט זיך אנגעכאפט פאר פרעסניאקאוון, און דער קוטשער האט אין דער צייט אנגעהויבן טרייבן דעם יאגפערד. אזוי ארום איז פונם צערבערס הענט ארויסגעראטעוועט געווארן איין קרבן. איך וועל נאך דערמאנען, אז אין צוויי יאר ארום האט מען קוויאטקאווסקין און פרעסניאקאוון אויפגעהאנגען לויטן „פראצעס פון די 16". נאר כאטינסקי איז נישט נאר דאס מאל געבליבן לעבן, נאר דער גורל האט אים אויך אויף ווייטער פארהיט: נישט קוקנדיג אויפן אנטייל אין אזוי פיל דרייסטע פרואוון, ווי דער, וואס איז נאר וואס באשריבן, איז ער קיין איין מאל אפילו נישט ארעסטירט געווען.

איך האָב זיך צוערשט באַגעגנט מיט כאַטינסקין אין דעם זעלבן זומער. קוקנדיג אויף זיין זעהר באַשיידענעם אויסזעהן, האָט זיך קוים געגלויבט, אַז דער דאָזיגער שווייגעוודיגער מענש באַהאַלט אין זיך אַזוי פיל קאַלטע דרייסטקייט, אויסגעהאַלטנקייט און פעסטקייט. די חברים-זעמלעוואָלצעם האָבן אים געליבט, ווי אַ גוטן „נאַראָדניק"; מיר אָבער אַליין, צוליב זיין פאַרשלאָסענעם כאַראַקטער, האָט זיך דעמאָלט נישט איינגעגעבן אים צו דערקענען. חוץ דעם איז ער אינגיכן נאָך אונזער באַקאַנטשאַפט אַוועקגעפאָרן אין איינעם פון די „ישובים" פון די זעמלעוואָלצעם, וועלכע איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, און איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און מיר האָבן זיך אויף לאַנג צעשיידט. אַזוי ווי אַפּטעקמאַן, האָט אויך כאַטינסקי אַלס סטודענט-מעדיק פון לעצטן קורס, באַקומען אַן אָרט פון אַ פעלדשער אין עפּעס אַ דאָרף פון סאַראַטאָווער גובערניע, וואו ער האָט געוואוינט אין משך פון דריטהאַלבן יאָר.

איך קאָן איצט זיך נישט דערמאָנען קיין סך וועגן דעם דאָזיגן פּעריאָד פון זיין טעטיגקייט, און זי האָט זיך מיט קיין שום באַזונדערס זיך נישט אויסגעצייכנט, ווייל זי איז געווען זעהר פשוט און איינאַרטיג. היילנדיג און אויספילנדיג זיין חוב, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין שטעלע, האָט כאַטינסקי, אַזוי ווי אַפּטעקמאַן, אויך אויסגעניצט יעדע געלעגנהייט, כדי צו טיילן זיך מיט די פויערים מיט זיינע אָנשויאונגען וועגן דער הערשענדער אומגערעכטער אָרדענונג. דאָס איז געווען ניכער אַ קולטורעלע, איידער אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. דאָך האָט זי געבראַכט איר טייל נוצן די יעניגע מענשן, מיט וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען זיך צו באַגעגנען. ביי כאַטינסקיס סאָלידן אויסזעהן, זיין גלייכן און ערנסטן כאַראַקטער, פלעגן זיינע שמועסן אין די אויגן פון זיינע צוהערער האָבן אַ גרויסן ווערט. די פויערים פלעגן גערן קומען שמועסן מיט אים, זיי האָבן זיך אויך געווענדעט צו אים מיט פאַרשיידענע אָרטיגע פראַגעס און וויכוחים. און נישט קוקנדיג אויף אַזאַ גרויסער פּאָפּולערישקייט צווישן דער באַפעלקערונג, האָט

כאָטינסקי דאָך נישט אַרויסגערופן קיין חשד מצד דער פּאָליציי קענען זיך און איז יאָרן-לאַנג רוהיג געשטאַנען אויף דעם געפערליכן פּויט יענע צייטן פּאָסטן, כלומרשט ווי אַ פעלדשער, באמת אָבער — אַלס פּאָלקיסט-רעוואָלוציאָנער. דער אָדער אַנדערער פון זיינע חברים פלעגט, צוליב די זוכענישן פון דער פּאָליציי, אָדער איבער דער אַנטוישונג, וואָס פלעגט אָנקומען, אַוועקוואַרפן דעם „ישוב“, איבערוואַנדערן אין גרויסע שטעט, וואו דאָס לעבן האָט דאַן גערוישט. נאָר איין א. כאָטינסקי פלעגט בלייבן שטענדיג אויף זיין פּאָסטן. אין דער געזעלשאַפט „זעמליאַ אי וואָליאַ“ זיינען פאָרגעקומען גרויסע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן: צוליב פּונאַנדערקלייבן זיך אין זיי איז צונויפגערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר אין וואָראָניעזש, — אפילו צוליב דעם דאָזיגן אויסשליסליכן פאַל איז כאָטינסקי נישט אַוועקגעפאָרן פון זיין דאָרף. ס'איז פאָרגעקומען, סוף כל סוף, די צעפּאַלונג פון דער געזעלשאַפט „זעמליאַ אי וואָליאַ“ אויף „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ און „טשאָרני פּערעדעל“. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרביסענער, קיינמאָל נישט געהערטער אין דער געשיכטע קאַמף פון אַ הייפל רעוואָלוציאָנערן מיטן אַלמעכטיגן רוסישן צאַר, — אַ קאַמף, וואָס האָט געצוואונגען די רעגירונג אָנצושטרענגען אַלע אירע כוחות. מ'האָט אומעטום איינגעפירט פּאַסטענס פון גענעראַל-גובערנאַטאָרס, און אין די דערפער — אוריאַדניקעס. דאָס לעבן אין די „ישובים“ איז געוואָרן איננאַנצן אוממעגליך. אַלע חברים האָבן פאַרלאָזט די דערפער: נאָר דער איינציגער איז דאָרט פאַרבליבן כאָטינסקי. לסוף האָבן מיר, זיינע חברים, מיטגליטער פון „טשאָרני פּערעדעל“, צו וועלכן ער איז אויך צוגעשטאַנען, אָנגעהויבן בריוולעך אים צו דערווייזן, אַז ס'האָט מער קיין זינען נישט בלייבן ווייטער אין דאָרף, ווען אַלע האָבן דאָס דאָרף פאַרלאָזט. ערשט דעמאָלט איז כאָטינסקי אַוועקגעפאָרן. אַזוי אַרום איז ער געווען, אויף וויפל מיר איז באַוואוסט, דער לעצטער נאַראָדניק, וועלכן ס'האָבן דערצו אַנדערע גע-

צוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס פאָלק און אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, וואו איך בין שוין אויך געווען.

דאָס איז געווען סוף 1880 יאָר. אין יענע צייטן האָט דאָס לעבן אין דער פרעמד געהאַט אַ סך נאָהענטעס מיטן לעבן אין פאַרשיקונג. די עמיגראַנטן האָבן אויך געלעבט מיט האָפענונגען פון טאָג אויף טאָג, פאַרנומען אויסשליסליך מיט די אינטערעסן פון רוסלאַנד, מיט איר עבר, הוה און פאָרשטעלונגען וועגן איר עתיד. באַגעגענענדיג זיך יעדן טאָג יעדער ביי זיך אויף די דירות ביים „טיי" אָדער אין עפּעס אַ ביליגן רעסטאָראַן, האָבן מיר געפירט אומענדליכע שמועסן און וויכוחים וועגן די שנעלסטע מיטלען צו פאַרוואַנדלען דאָס באַרבאַרישע רוסלאַנד אין אַ לאַנד מיט דער פולקומענסטער אָרדענונג. פאַרמאָגנדיג אַ סך פרייע צייט, האָבן מיר געהאַט די פולע מעגליכקייט גוט צו דערקענען איינער דעם אַנדערן. איך בין, אגב, זעהר נאָהענט זיך צונויפגעגאַנגען דאָרט מיט אַלעקסאַנדער כאָטינסקי.

נאָר ער איז נישט פעהיג געווען לאַנג צו פירן אַ באָהעמעלעבן, אָן אַרבעט, אין דערוואַרטונג נאָר פון גרויסע געשעהענישן אין דעם היימלאַנד. איינגיכן נאָך דעם קומען אין דער שווייץ האָט אַלעקסאַנדער באַשלאָסן אָנקומען אין עפּעס אַן אוניווערסיטעט, כדי צו באַקומען דעם דאָקטאָר-דיפּלאָם; אַלס געוועזענעם סטודענט פון דער מעדיקאָ-כירורגישער אַקאַדעמיע איז אים דערצו נויטיג געווען אויסצוהערן זעהר אַ קורצן קורס, — דאַכט זיך איינגאַנצן אין משך פון צוויי סעמעסטערן. איך און אַנדערע האָבן געהאַלטן פון זיין פּלאַן, און ער איז צוליב דעם אַוועקגעפאָרן פון גענף קיין בערן.

אַלס זעהר פעהיגער, פעדאַנטיש-פּינקטליכער, אַרבעטזאַמער און פעסטער מענש, האָט כאָטינסקי זיך זעהר גוט געלערנט און געמאַכט גרויסע ערפאָלגן אין לערנען אויף אַ נייער שפּראַך פאַר אים. מיר האָבן זיך געזעהן נאָר פון צייט צו צייט, נאָר פלעגן זיך אָפט איבערשרייבן. אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם זיינען אָנגעקומען די ענדגילטיגע עקזאַמענעס. ער האָט גלענצענד זיי אויס-

געהאַלטן. ס'איז געבליבן נאָר עפּעס איינער אַן עקזאַמען. אין דעם דאָזיגן טאָג האָט ער זיך געפּיהלט נישט נאָר מיט אַלעמען, נאָר דער לעצטער עקזאַמען איז דורכגעגאַנגען אויך אַזוי גלענצענד, ווי די אַלע פריהערדיגע.

אינגיכן נאָך דעם האָבן מיר זיך באַגעגנט, נאָר אָנשטאָט פרייד, האָב איך דערזעהן אויף זיין פּנים אַן אויסדרוק פון טיפן טרויער.

— אייך קומט באַגריסן, אַלעקסאַנדער, — האָב איך געזאָגט.

— מיט וואָס ? — האָט ער געפרעגט טרויעריג.

— וואָס הייסט, איר זיינט דען נישט צופרידן ? — האָב איך זיך פאַרוואונדערט. — נאָר וואָס איז מיט אייך ?

— ס'האָט זיך געטראָפן אַ גרויסע אומאָנגענעמליכקייט, — האָט ער טרויעריג געענטפערט, און מיר איז נישט ווילנדיג אַרויסגעקומען אויפן זינען די זעלבע פראַזע, וואָס ער האָט אַמאָל אַרויסגערעדט מיטן זעלבן טאָן ווען אַן אַנדער געלעגנהייט, נאָר וועלכע האָט אין זיך נישט געהאַט קיין שום באַזונדער אומאָנגענעמעס.

— וואָס פאַר אַן אומאָנגענעמליכקייט ? — האָב איך דעריבער געפרעגט, שמייכלענדיג.

— איר ווייסט דאָך שוין, אַז איך האָב באַקומען אַ דיפּלאָם...

— איך דענק, אַז נישט אין דעם איז דאָך די „אומאָנגענעמליכקייט" ? — האָב איך געהאַלטן זיך אין ווערטלען.

— אודאי, נישט אין דעם, — האָט ער געענטפערט. — נאָר איר ווייסט נאָך, מסתמא, נישט, אַז איך האָב געמאַכט ווערא גריגאָריעוונאַן אַ פאָרשלאָג ?

— ניין, איך האָב נישט געוואוסט, נאָר זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס דאַרף פריהער אָדער שפּעטער געשעהן. איז וואָס זשע הערט זיך, האָט מען אייך אָפּגעזאָגט ?

— פאַרקערט, — מיר זיינען שוין פאַרקנסט.

— מזל טוב אייך. איך בין צופרידן פאַר אייך, אַלעקסאַנדער: ווערא גריגאָריעוונאַ איז אַ וואויל מיידל — איר וועט זיין גליקליך. נאָר, לאָזט: און וואָס זשע איז דאָ די „גרויסע אומ־

אָנגענעמליכקייט״? בײַ אײַך איז, פאַרקערט, צוויי גליקליכע געשעהענישן מיט איין מאָל.

— און אָט די דריטע אומאָנגענעמע געשעהעניש האָט צעשטערט דאָס גליקליכע געפיהל, וואָס די צוויי ערשטע רופן אַרויס, — האָט ער געזאָגט מיט טרויער.

— וואָס זשע איז? ווי האָט איר ליב ציהען און אויסמאַטערן די נשמה, אַלעקסאַנדער!

— אינם טאָג פונם לעצטן עקזאַמען, — האָט ער אָנגעהויבן, ווי זיין געוואוינהייט, פּאַמעליך, צעציהענדיג די ווערטער, — האָב איך דערפיהלט אַ פיבער־צושטאַנד, נאָר האָב וועגן דעם זיך נישט געקימערט. נאָך די עקזאַמענעס האָב איך יעדן טאָג געשפּאַצירט מיט וויעראַן און אַליין אָפּטער זיך געפיהלט נישט מיט אַלעמען. ענדליך האָב איך באַשלאָסן זיך ווענדן צו מיין פּראָפעסאָר, אַ ספּעציאַליסט איבער אינערליכע שלאַפקייטן. ער האָט זעהר אויפמערקזאַם מיך אויסגעהערט און צעפרעגט זיך וועגן אַליץ און געזאָגט: „איך קאָן פון אײַך נישט באַהאַלטן, קאָלעגע, — בײַ אײַך האָט זיך אָנגעהויבן אַ לונגען־פעלער״. זעהט איר, ס׳איז נישט גוט, — האָט כאָטינסקי טרויעריג געענדיגט.

איך האָב אָנגעהויבן אים טרייסטן, דערווייזנדיג, אַז בײַ גינסטיגע באַדינגונגען לעבן אָפּ מענשן מיט אָט דעם פעלער אַ סך יאָרן. איך האָב אַרויסגעזאָגט אַ זיכערקייט, אַז דאָס מיידל, די סטודענטין, וואָס האָט אים ליב געקראָגן, און וועלכע איך האָב גוט געקענט, וועט זיך מיהען שאַפן פאַר אים די בעסטע באַדינגונגען.

איך געדענק נישט, אויף וויפיל ס׳האָט זיך מיר דעמאָלט איינגעגעבן אים צו באַרוהיגן, נאָר אין האַרצן האָב איך נישט געקאָנט נישט פיהלן, אַז דאָס מאָל איז כאָטינסקיןווירקליך פּאָרגעקומען אַ „גרויסע אומאָנגענעמליכקייט״. דאָס לעבן האָט מיט אים אָפּגעשפּילט אַ בייזע שפּיל. דאָס דערנעהענטערן זיך מיט וויעראַ גריגאָריעוונאַ איז געווען בײַ אים שיער נישט דער ערשטער „ראָמאַן״, אין דער צייט, ווען ער איז שוין אַלט געווען

אַרום דרייסיג יאָר, און קיין באַזונדערס שענער איז ער אויך נישט געווען. דאָס מיידל אָבער, וואָס האָט, קענטיג, געפיהלט צו אים גרויסע סימפּאַטיע, איז געווען אַ חנעוודיגע: נישט מאוס, קלוג, מיט אַ גוט האַרץ און פעסטן, זעלבּשטענדיגן כאַראַקטער. ס'איז געווען נאָר צו פרעהען זיך מיט דער דאָזיגער פּאָר. און אָט, ווען ס'האָט זיך באַוויזן אַ שטראַל פון גליק, האָט מיט דעם אינאיינעם זיך אָנגערוקט אַ מרה־שחורהדיגע כמאַרע. ס'איז געווען פון וואָס אַריינצופאַלן אין עצבות.

ס'איז אָנגעקומען דער הייסער זומער פון יאָר 1882. דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט געהיילט כאָטינסקין, האָט אים געגעבן אַן עצה אַוועקפאָרן אין די בערג. אינאיינעם מיט זיין יונגער פרוי האָט ער זיך באַזעצט אין אַן אויסגעצייכנט אָרט נאָהענט צום באַוואוסטן אינטערלאַקען.

אינגיכן נאָך דעם האָב איך באַקומען פון זיי אַן איינלאַדונג צו קומען צו זיי. איך האָב דאָס גערן אָנגענומען, ווייל זייער דאָרף איז געלעגן אויפן וועג קיין ציוריך, וואוהין איך האָב געדאַרפט צופאָרן צוליב מיינע ענינים.

איך האָב געטראָפן אַלעקסאַנדערן אין אַ בעסערן פיזישן צושטאַנד. דערפון האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק איבערגעאַנדערשט אויך זיין שטימונג: ער האָט זיך געוועדטלט, געלאַכט, גערן געשמועסט, — זיין יונגע, סימפּאַטישע פרוי האָט, ניכר, אַריינגעטראָגן אין זיין לעבן דאָס, וואָס ער האָט פריהער נישט געפיהלט. איצט האָט ער שוין אַליין געהאַלטן, אַז ער וועט נאָך קאָנען אָפּלעבן אַ היבש ביסל יאָרן.

— ווען ס'וועט קומען שפּעט־יאָר, וועלן מיר אַוועקפאָרן קיין איטאַליע, און פריהיאָר — ווידער צו אייך, אין דער שווייץ: אָט אַזוי וועלן מיר אַרומפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, לויט דער צייט פון יאָר, גלייך ווי די „הויכגעשטעלטע אויסלענדער“, — האָט ער זיך געוועדטלט.

די מיטלען בײַ אים און בײַ איר זײַנען געװען שטאַרק באַגרע־
ניצט, — זײ האָבן געקאָנט לעבן נאָר „װי סטודענטן".

אָפּגעװען בײַ זײ צװײ אָדער דרײַ טעג, האָב איך זיך געזעגנט מיט זײ אין דאַמפּערהאַפן, װאוהין זײ האָבן מיך באַגלײט צופֿוס. איך בין זיכער געװען, אַז בעת דער צװײטער באַגעגעניש אונזע־ רער נאָך זײער אומקער פֿון איטאַליע, װעל איך געפֿינען אַלעק־ סאַנדערן נישט אין קײן ערגערן צושטאַנד.

נאָר װינטער פֿונם זעלבן יאָר האָב איך פּלוצים באַקומען פֿון װיערא גריגאָריעװנאַן פֿון קלאַראַן אַ טעלעגראַמע: „קומט צו פֿאָרן תּיכּף, אַלעקסאַנדער האַלט בײַ שטאַרבן, װיל זיך געזעגענען".

איך בין תּיכּף אַװעקגעפֿאָרן, נאָר געטראָפֿן אים שױן גוססן, — ער האָט מיך נישט דערקענט, און אויף דער צװײטער נאַכט איז ער געשטאָרבן.

איבער די װעניגע מיטלען, װאָס די כאָטינסקיס האָבן געהאַט, און אויך צוליב דעם קאַלטן װינטער, װאָס איז דעמאָלט געװען אין איטאַליע, האָט זיך בײַ אים אַנטװיקלט שנעלע שװינדזוכט. פֿאַרשטײענדיג דאָס, אַלס דאָקטאָר, האָט כאָטינסקי געפֿועלט, אַז װיערא גריגאָריעװנאַ זאָל אים תּיכּף אָפּפֿירן צוריק אין דער שװײץ, װײַל ער האָט געװאָלט שטאַרבן אין דער נאָהענט פֿון זײַנע חברים. אפֿילו פֿאַרן טויט זײַנען בײַ כאָטינסקין ניט אָפּגעשװאַכט געװאָרן די חברישע געפֿיהלן: צוליבן פֿאַרלאַנג זיך געזעגענען מיט אונז האָט ער אָן שום ספק פֿאַרגיכערט דעם מאָמענט פֿון טויט.

אַרום כאָטינסקיס קבֿר האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַלע זײַנע פֿרײַנט און חברים. חוץ פֿלעכאַנאָװן, טיכאָמיראָװן, קראַװטשינ־ סקין, אַקסעלראָדן, װיערא זאַסוליטש און מיר און נאָך אַנדערע רוסישע עמיגראַנטן, זײַנען אַהין געקומען אויך אײניגע באַרימטע אויסלענדערשע סאָציאַליסטן, צװישן זײ זײַנען געװען דער געאָ־ גראַף־ אַנאַרכיסט עליזע רעקליו, דער קאָמונאַר לעפֿראַנסע און אַנדערע.

סערגעי קראַוושינסקי האָט געהאַלטן אַ וואַרימע רעדע אויפֿן קבר, אין וועלכער ער האָט דערציילט וועגן דעם שטילן, אומבאַ־קאַנטן לעבן פֿון דעם ווייניג וועמען באַוואוסטן, חוץ זעהר אַ באַגרעניצט קרייזל מענש, פֿון דעם פֿעסטן, איבערגעגעבענעם קעמ־פֿער, וואָס האָט פֿאַרמאָגט זעלטענע נשמה־אייגנשאַפֿטן.

אויפֿן קלאַראַנער בית־עולם, וואָס געפֿינט זיך איבער דער גענפֿער אָזערע, איז פּונקט אַזוי פֿאַרגעסן כאָטינסקים קבר, ווי דער אָנדענק וועגן אים.

קאַפּיטל יט

די „טשאָרני־פּערעדעלצעס"

צוליב די מיינונגספאַרשיידנהייטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער רעדאַקציע „זיעמליאַ אי וואָליאַ" וועגן דער פראַגע צו מאַכן ווייטער אַטענטאַטן אויף אַלעקסאַנדער II, האָט זיך די געזעל־שאַפט אונטערן זעלבן נאָמען, ווי באַוואוסט, זיך צעטיילט אויף „טשאָרני פּערעדעל", וואָס איז געבליבן געטריי דער פאָלקיסטי־שער פּראָגראַם, און אויף „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע דורך טעראָר, ד. ה. דער עיקר דורך צאַרן־מאָרד זיך דערשלאָגן פּאָליטישע פרייהייטן. אין די דאָזיגע ביידע אָרגאַניזאַציעס זיינען אַריינגעגאַנגען, חוץ די זעלבע וועניגע יידן, וואָס זיינען געווען מיטגלידער פון „זעמליאַ אי וואָליאַ", נאָך פיר נייע.

חוץ אַראָנען זונדעלעוויטשן, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", זיינען מיר, די איבעריגע, — איך, אַפּ־טעקמאַן און כאָטינסקי, — אַריינגעטראָטן אין „טשאָרני פּערע־דעל"; חוץ דעם, האָבן זיך צו אונז פאַראייניגט פּ. ב. אַקסעל־ראָד און יעווגעניאַ רובינטשיק, וואָס זיינען נישט געווען קיין „זעמליעוואָלצעס".

נאָר, ווי באַוואוסט, האָט נישט לאַנג עקסיסטירט די דאָזיגע פאָלקיסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט נאָר באַקומען אַן אַנדער נאָמען און עטליכע נייע מיטגלידער, און אין תוך איז זי געווען אַן איבערהזרונג, אַזוי צו זאָגן, — אַ נייע אויפלאַגע פון דער פריהער־דיגער „זעמליאַ אי וואָליאַ": צוליב אַ מסירה, וואָס האָט גע־

מאַכט אַ זעצער זשאַרקאָוו, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער דרוקעריי „טשאָרני פּערעדעל“ און איז אינגיכן נאָך דעם אַרעסטירט געוואָרן, האָט מען די מערהייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע אַרעסטירט ווינטער 1880 יאָר. דערבּיי האָט מען געפונען אויך אונזער דרוקעריי, און אינאיינעם מיט איר, אינגאַנצן אַ גרייטן, חוץ אייניגע נאָר עקזעמפּלאַרן, דעם № 1 פון אונזער אָרגאַן, וועלכן מ'האָט נישט באַוויזן איבערצוטראָגן אין אַן אַנדער אָרט *).

נאָר מיר, מיטגלידער פון „טשאָרני פּערעדעל“, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד ביז די דאָזיגע טרויעריגע געשעהעניש — פּלעכאַנאָוו, זאַסוליטש, סטעפאַנאָוויטש און איך — האָבן באַשלאָסן ווידער אַרויסגעבן אין גאַנצן דעם דאָזיגן נומער, וואָס איז אומגעקומען איידער מ'האָט אים אַרויסגעטראָגן פון דער דרוקעריי.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן דאָס פאַרווירקליכט, האָבן מיר באַקומען אַ פאָרשלאָג פון די חברים, וואָס זיינען געבליבן אויף דער פריי, אַרויסצוגעבן אויך דעם № 2. דערנאָך האָבן זיי אונז מודיע געווען, אַז זיי האָט זיך איינגעגעבן אַוועקשטעלן אַ נייע דרוקעריי, וואו ס'וועלן זיך דרוקן די ווייטערדיגע נומערן פון „טשאָרני פּערעדעל“.

ווירקליך, אין אַ צייט אַרום, האָבן מיר אָנגעהויבן באַקומען פון רוסלאַנד דעם דריטן, פערטן און פינפטן נומער, און אויך די אַרבעטער־צייטונג „זיערנאָ“ („דער קערן“), וואָס איז ספּעציעל אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אונזערע חברים.

וואו, דורך וועמען און ווי אַזוי איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס דרוקן די דאָזיגע אומלעגאַלע אָרגאַנען, האָבן מיר, די פריהער אויסגערעכנטע מענשן, לעבנדיג אין אויסלאַנד, לאַנג נישט געוואוסט. אונז האָט נישט ווייניג געחידושט און אין דער זעלבער

*) איך וועל דאָ באַמערקן, אַז דער אַרבעטער זשאַרקאָוו, וואָס האָט אַליין אַרויסגעגעבן איבער פּחדנות, איז באַפרייט געוואָרן, נאָר אינגיכן נאָך דעם האָט אים פּרעסניאַקאָוו דערהרגעט.

צייט זעהר געפרעהט דער פאַקט פון אַ לערך לאַנגער עקסיסטענץ פון אונזער, קענטיג, גוט אָרגאַניזירטער דרוקעריי, וואָס האָט אויסגעצייכנט געאַרבעט. און נאָר אום פריהיאָר אָדער זומער 1882 האָבן מיר זיך דערוואוסט פון דריי יונגע יידן — געצאָוו, גרינפעסט און לעווקאָוון, — וואָס האָבן עמיגרירט אין דער שווייץ, אַז דאָס האָבן זיי געגרינדעט אין דער שטאָט מינסק די אומלעגאַלע דרוקעריי, וואו ס׳זיינען אָפּגעדרוקט געוועזן די פריהער איבערגערעכנטע נומערן פון „טשאָרני פערעדעל“, און אויך עטליכע נומערן פון „זיערנאָ“. אָבער, צוליב דעם, וואָס זינט יענער צייט זיינען שוין דורכגעגאַנגען מער פון פערציג יאָר, זיינען אין מיין זכרון אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעמעקט געוואָרן די פרטים, וואָס די פריהער אָנגערופענע דריי מענשן האָבן איבערגעגעבן.

ביז איצט איז אין דער פרעסע לחלוטין גאָרנישט ניט געוועזן וועגן דעם אורשפּרונג פון די נומערן „טשאָרני פערעדעל“ און „זערנאָ“, וועלכע זיינען ערשינען אין רוסלאַנד: דער אינטערעס אָבער צו דעם איז אַליין מער געוואַקסן. פון די גרינדער פון דער מינסקער דרוקעריי, וואָס זיינען פריהער אויסגערעכנט געווען, איז, אויף וויפיל מיר איז באַוואוסט, געבליבן נאָר יאָסיף געצאָוו, וואָס האָט אין יאָר 1890 אויסגעוואַנדערט קיין ניו־יאָרק. זייענדיג דאָרטן פון 1911 ביז 1916 יאָר, האָב איך זיך פון צייט צו צייט באַגעגנט מיט אים, נאָר נישט געהאַט קיין מעגליכקייט, צוליב פאַרשיידענע אָרטיגע סיבות, צו דערפרישן דורך צעפרעגן זיך אין מיין זכרון זיינע און זיינע צוויי חברימס מיטטיילונגען וועגן דער דערמאָנטער פראַגע.

ס׳וואָלט מסתמא איבערגעבליבן אויף שטענדיג פאַרבאָרגן די מעשה וועגן אָט דעם אוממיטלבאַרן אָנטיילנעמער, ווען נישט קיין גליקליכער צופאַל: נאָך דעם, ווי דער אַלט־געוואָרענער יאָסיף געצאָוו האָט באַשלאָסן, אינאיינעם מיט זיין פרוי, נאָך דרייסיגיאָריגן לעבן אין ניו־יאָרק, צו באַזוכן זיינע קרובים, איז ער אין האַרבסט 1921 געקומען צו פאָרן קיין בערלין; דאָ האָבן מיר זיך ווידער מיט אים באַגעגנט. דאָס מאָל, אויספילנדיג מיין

בקשה, האָט ער מיר אָנגעשריבן דעם פאָלגענדן אויספירליכן און העכסט־אינטערעסאַנטן בריוו, וואָס איך ברענג דאָ אינגאַנצן צו־ליב זיין גרויסן היסטאָרישן ווערט.

„בערלין, דעם 10 יאַנואַר 1923.

זעהר חשובער

לעוו גריגאָריעוויטש!

די פראַגעס, וואָס איר האָט מיר אַוועקגעשטעלט, געהערן צו די לאַנג פאַרגאַנגענע געשעהענישן — צו דער עפּאָכע, וועלכע איז שוין אַלט מער פון 40 יאָר. די דאָזיגע געשעהענישן האָבן זיך שוין באַדעקט אין מיין זכרון מיט דיקן שטויב. דערצו נאָך האָט די אַרבעט פון אונזער קרייזל אַרומגענומען זעהר אַ קורצע צייט — אינגאַנצן 2—3 יאָר, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען אָן שום ערשיטערנדע געשעהענישן.

נאָר כ'וועל אָנהויבן פון אָנהויב.

איך בין געבוירן געוואָרן אין אָנהויב 1860 יאָר אין מינסק אין אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישער יידישער משפחה. מיין פאָטער איז געשטאָרבן, ווען איך בין נאָך נישט אַלט געווען קיין יאָר. אויס־געוואַקסן בין איך ביים זיידן מיט דער באָבען — מיין פאָטערס עלטערן. זיי האָבן זיך גערעכנט פאַר גאַנץ פאַרמעגליכע באַלע־באַטים; האָבן געהאַט זייער הויף, שטוב און אַביר־ברויעריי אין מינסק. דערצויגן האָבן זיי מיך אין שטרענג־אָרטאָדאָקסישן גייסט, געגרייט אין געלערנטע, פאַר אַ תלמודיסט. איך געדענק, ווי מיין באָבע איז איינמאָל געקומען פון שול מיט פאַרווייִנטע אויגן און האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אין יענעם טאָג נישט גיין אין חדר. זי האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען מיט מיר צו אונזערן אַ היימישן דאָקטאָר. אויפן וועג האָט אונז אָפּגעשטעלט אַ שכן, וואָס האָט געפרעגט מיין באָבען, פאַרוואָס זי איז פאַרזאָרגט. זי האָט אים געזאָגט, אַז לויט דעם נייעם געזעץ, וואָס איז ערשינען, מוזן אַלע יידישע יינגלאַך גיין אין די יידישע שטאַט־שולן. דערי־

בער האָט די באָבע זיך באַטראַכט צו באַוואָרענען זיך מיט אַ צייגעניש פון אַ דאָקטאָר וועגן מיין חולאת, וואָס שטערט מיר צו באַזוכן די דאָזיגע שול. דער שכן האָט איר דערקלערט, אַז מ׳קאָן דאָך דאָס דערגרייכן מיט צונעמען אַ לערער, וועלכער וועט קומען צו אונז אויף לערנען מיך די רוסישע שפּראַך. דערביי האָט ער איר געגעבן אַ צעטעלע צו אַזאַ לערער — אַ קריסט.

אויף אונזער ברויערײ איז געווען אַ קליינע דירה, וואָס איז פון קיינעם נישט געווען פאַרנומען. זי האָט דער זיידע אָפּגעגעבן פאַר אַ קלאַס צוליב מיר און נאָך 8—10 ייִנגלאַך פון אונזער געגנט, וואו מיר האָבן געוואוינט. אַזוי אַרום איז איינגעאָרדענט געוואָרן עפּעס ווי אַ מין קליינע שול, אין וועלכער איין לערער אַ קריסט האָט מיט אונז געלערנט די רוסישע שפּראַך, די אָנהייבן פון אַריטמעטיק, געאָגראַפיע וכדומה. און אַדאַנק דעם האָב איך אָנגעהויבן זיך לערנען רוסיש לייענען.

צוויי מענשן האָבן געהאַט די סאַמע שטאַרקסטע ווירקונג אויף מיין גורל: אינזשענער לעאָן מיכאַילאָוויטש נאָסאָוויטש און סטודענט וועלער. דער ערשטער איז געווען אַ געבוירענער אין ביאַליסטאָק. געקומען זומער 1877 קיין מינסק, האָט ער זיך באַזעצט אין לעווקאָווס הויז, אין נאָהענטער שכנות מיט אונז: ער איז געווען פון די „ראַוויניסטן“, ד. ה. פון די שילער פון די ראַבינער־שולן, וואָס זיינען דעמאָלט שוין פאַרמאַכט געווען און איבערגעפאָרמירט אין יידישע לערער־סעמינאַרן. ער האָט גוט געקענט די העבראַישע שפּראַך, תלמוד וכדומה. צווישן אים און מיין חבר סאַאול לעווקאָוו האָבן זיך אָנגעהויבן הייסע רעליגיעזע דיספּוטן: נאָסאָוויטש איז געווען אַ פרייַדענקער, און מיין שכן לעווקאָוו, וואָס האָט באַקומען אויך אַזאַ אָרטאָדאָקסישע דערציהונג, ווי איך, איז געווען זעהר רעליגיעזיש.

די דאָזיגע וויכּוחים זיינען פאָרגעקומען אין משך פון איין צייט ביי מיין, אַזוי צו זאָגן, הינטערקוליסן־אָנוועזנהייט: לעווקאָוו פלעגט מיר באריכות איבערגעבן דעם אינהאַלט פון זיינע דיספּוטן מיט נאָסאָוויטשן, און איך פלעג אים אָנווייזן אויף די אָדער יענע דער־

ווידערונגען, וואָס ער האָט געדאַרפט מאַכן. איך אַליין אָבער האָב בשום אופן זיך נישט געוואָלט באַקענען מיט נאָסאָוויטשן, געדענקענדיג וואָס ס'איז געזאָגט אין תלמוד: „וויים, וואָס מ'דאַרף ענטפערן אַן אומגלויביגן“. נאָר איינמאָל האָט לעווקאָוו, איינרעדנדיג מיר, אַז נאָסאָוויטש איז נישטאָ אין דער היים, מיך פאַרנאַרט צו זיך אַהיים, און ביי אים האָט יענער געוואַרט אויף מיר. תיכף ומיד האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונז אַ רעליגיעזער וויכוח, וועלכער האָט מיך נאָך דעם זעהר שטאַרק פאַרנומען.

אַזעלכע דיסקוסיעס האָבן זיך פון יענער צייט איבערגעחזרט יעדן טאָג אין משך פון אַ סך וואָכן. לסוף האָט נאָסאָוויטש אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. דאַן האָבן מיר, ד. ה. לעווקאָוו און איך, אָנגעהויבן ערנסט צו פאַרנעמען זיך מיט אַלגעמיינע בילדונג, גרייטנדיג זיך אָנקומען אין אַ פעלדמאָסשול אָדער אין אַ רעאַלשול. מיר האָבן געמאַכט גרויסע ערפאָלגן און זיינען שוין נאָהענט געווען צום ציל, נאָר דאַן איז אַ נייער מענש אַרויסגעטראָטן אויף דער סצענע.

דאָס איז געווען אַ סטודענט, איך געדענק נישט, פון קיעווער אָדער מאָסקווער אוניווערסיטעט, געבוירן אין פינסק — וועלער. ער האָט אין מינסק געענדיגט גימנאַזיע מיט אַ מעדאַל און געווען פאָפולער צווישן דער אָרטיגער יוגנט. אין אוניווערסיטעט איז ער געוואָרן זעהר אַ טיכטיגער סאָציאַליסט און, ווי פילע אין יענע יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויפן באַקומען אַ דיפלאָם, ווי אויף אַ מיטל צו עקספלואַטירן דאָס אָרימע פאָלק. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו וואַרפן דאָס לערנען און זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער פראָפאַגאַנדע פון סאָציאַליזם. מיט דעם דאָזיגן צוועק האָט ער אָנגעשריבן איינעם פון זיינע פריינט אין מינסק אַ גאַנץ לאַנגן בריוו, וואָס איז אַרומגעגאַנגען פון הענט צו הענט, מאַכנדיג אַ שטאַרקן רושם. דער בריוו האָט, אַזוי אַרום, צוגעגרייט צו זיין אָנקום.

סוף כל סוף האָט דער געוועזענער פראַנט און פאָפולערער צווישן די פריילינס טאַנצאָר זיך באַוויזן אין אַ פאַרוסינענער

בלוזע מיט א גארטל, אין הויכע באטפארטן, מיט לאנגע האר, אין טונקעלע ברילן, מיט איין ווארט, אין פולער אויסשטאטונג פון א סאציאליסט-רעוואלוציאנער פון יענער צייט, וואס האט אים דאך ניט געשטערט אנצוהויבן זיין טעטיגקייט. די מנהגים אין אונזערע מקומות זיינען דעמאלט נאך געווען זעהר פאטריארכאלישע. דאס איז געווען, דאכט זיך, אין יאר 1878. ס'האבן זיך באוויזן ביכלאך; מיר האבן זיך אנגעהויבן צונויפקלייבן, כדי צו לייענען גרופעסווייז און זיך פונאנדערקלייבן אין זיי. אין דעם דאזיגן קרייזל איז געווען א מענשן 20—25. פון לעגאלע ביכער האט דעם סאמע שטארקסטן איינדרוק געמאכט אויף מיר: מירטאווס „היסטארישע בריוו", פלעראווסקים „די לאגע פון ארבעטערקלאס", „וואס דארף מען טון" און טשערנישעווסקים ארטיקלען פון „סאווערעמעניק". פון די אומלעגאלע: „די קלוגע מעכאניק", „א מעשה וועגן פיר ברידער", „וועגן א קאפיקע", „סלאווא נא וועליקי פיאטאק" און „ווען געהערט די צוקונפט? (א שמועס פון קאנסעקווענטע מענשן)" פון דער צייטונג „וופעריאד". אונזער געליבטער פאעט איז, געוויינטליך, געווען נעקראסאוו; זיינע לידער האבן מיר דעקלאמירט און געזונגען *).

אונטער דער ווירקונג פון די דאזיגע ווערק האב איך מיט לעווקאוון באשלאסן אריינצוטרעטן אין א שול פאר ערדארבעט. מיט דעם דאזיגן צוועק זיינען מיר אוועקגעפארן קיין גארקי, וואו ס'איז געווען אזא שול. נאר דארט האט זיך ארויסגעוויזן, אז צופיל ווילן אנקומען אין דער שול: אויף 3—4 וואקאנטע ערטער איז געווען מער פון 50, וואס האבן געוואלט אנקומען. לויטן קאנקורס-עקזאמען בין איך צוגענומען געווארן, און דאס אויך מיט א קלאס נידעריגער, לעווקאוו אבער האט זיך געמוזט אומקערן

*) ס'איז אינטערעסאנט, אז די בראשור „די געזעלשאפטליכע ארבעט אין דער צוקינפטיגער געזעלשאפט" האט געשפילט נישט קיין קליינע ראלע אין אונזערע וויכוחים און שמועסן.

אַהיים; דערנאָך איז ער אָנגעקומען אין אַן אַפּטייק פֿאַר אַ שילער.

איך בין דאָרט אָפּגעווען אַ יאָר. אויף אונז, יידן, האָט מען אין דער שול געקוקט, ווי אויף מענטשן, וואָס רייסן זיך אַריין נישט אין זייער סביבה, הגם מיר זיינען געווען אינגאַנצן דריי אָדער פיר. אַזוי האָבן אויף אונז געקוקט די לערערס און שילערס. מיר האָט זיך איינגעגעבן זיך אַוועקשטעלן דאָרט אומאָפּהענגיג, נאָר מיינעם אַ חבר אַ ייד (קוגעלן) האָט מען תמיד באַליידיגט, און מיר פלעגט אויסקומען אים צו פֿאַרטיידיגן. דערביי האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז אַ יידן וועט אויך נאָכן ענדיגן די שול נישט גרינג זיין צו קומען צו דער פּויערישער סביבה, וואָס איז אים אינגאַנצן פרעמד, איך האָב באַשלאָסן וואַרפֿן די שול און אַוועקפאָרן אַהיים.

פֿאַר דער צייט האָבן אין מינסק די אומשטענדן זיך שטאַרק געביטן. נישט קוקנדיג אויף דער גאַנצער פּאַטריאַרכאַלישקייט פֿון אונזער זשאַנדאַרמעריע, איז וועלערן אויסגעקומען צו לויפֿן. אים האָט זיך איינגעגעבן זיך איבערקלייבן קיין אויסלאַנד, און דערנאָך אין משך פֿון אַ צייט האָט ער געלעבט אין דער שווייץ און אין פּאַריז. אַדאַנק טורגעניעווס באַמיהענישן, האָט לאָרים־מעליקאָוו אים דערלויבט זיך אומקערן אַהיים. ער איז געקומען צו פֿאָרן אינגאַנצן אַן אַנטוישטער און אָפּגעשטאַנענער פֿון דער באַוועגונג. דאַכט זיך, אַז אינגיכן נאָך דעם איז ער געשטאָרבן.

נאָר דאָס קרייזל־לעבן האָט זיך באַדייטענד פֿאַרברייטערט. פֿון איין זייט, האָבן זיך איינגעשטעלט באַציהונגען מיט די אָרטיגע אַרבעטער, צווישן וועלכע באַזונדערס טיכטיגע זיינען געווען דער באַוואוסטער אין אַמעריקע יצחק־אייזיק הורוויטש און זיין שוועסטער יעווגעניאַ (זשעניאַ). מ׳האָט פּראָעקטירט אפילו אַ ספּעציעלן אַרבעטער־אָרגאַן אויף דער יידישער שפּראַך. מ׳האָט אָנגעקניפּט שטענדיגע באַציהונגען מיט די הויפּשטעט. ח׳ כורגין איז צוגעשטאַנען צו די „נאַראָדאָוואָלצעס“, און סאַאול גרינפּעסט, מיין חבר לעווקאָווס אַ שוועסטערקינד, איז צוגעשטאַנען צו דער

באַוועגונג, ווען איך בין נישט געווען אין מינסק, און איינגעשטעלט באַציהונגען מיט די „טשאָרני־פערעדעלצעס" פון מאָסקווער קרייזל. ער האָט אויך געהאַט באַציהונגען מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן, מיט וועמענס הילף ער פלעגט איבערשיקן קיין אויסלאַנד מענשן און ליטעראַטור. מינסק איז געוואָרן עפעס אַ מין רעוואָלוציאָנערער צענטער. מיר פלעגן באַקומען ביכער און זיי פאַרשפרייטן אין אַנדערע שטעט, — אין ווילנע, וויטעבסק, גראָדנע, ביאַליסטאָק א. אַ. וו.

אין דער צייט האָט אונזער קרייזל זיך איינגעגעבן צו באַפרייען פון דער ווילנער פאָליטישער טורמע דעם אָפיציר פאָמין און איבערשיקן אים קיין אויסלאַנד. זייענדיג אין אָפיצירישן אוניפאָרם, האָט ער פאַרנאַכט זיך אַוועקגעלאָזט מיט גרויסע שריט צום טויער, וואו די זעלנער, וואָס זיינען געשטאַנען און געהיט, האָבן אים אָפגעגעבן „טשעסט" און דורכגעלאָזט אים. ס'איז נאָר נויטיג געווען, אַז אינדערנאָהענט זאָל מען וואַרטן אויף אים מיט ציווילע קליידער און ס'זאָל צוגעגרייט זיין אַ דירה אויף אויסצובאַהאַלטן אים. מיט דעם דאָזיגן צוועק איז פון מינסק אַרויסגעפאָרן ד"ר וואַלמאַן, וואָס האָט אין ווילנע געהאַט באַקאַנטע. אינאיינעם מיט יאָסעלעוויטשן (איצט דער באַוואוסטער אין ניו־יאָרק דענטיסט לעווין) האָבן זיי דאָס אַלץ איינגעאָרדענט. פאָמינס מיליטערישע קליידער האָט מען אַוועקגעלעגט אויפן ברעג פון דעם טייך ווילִיע, וואָס איז געווען אין דער נאָהענט. די פאָליציי האָט דעריבער דערנאָך געזוכט פאָמינען אין טייך. און ער האָט איבערגענעכטיגט אין ווילנע אין דעם צוגעגרייטן אָרט, דאַכט זיך, אין אַ באָד, דערנאָך זיך איבערגעטאָן פאַר אַ פרוי, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ וועגעלע און איבערגעפאָרן קיין ווילייקע. דאָרט איז שוין געווען אַ היימישער מענש — קאַזימיר פאַרביאַנאָוויטש, וואָס האָט געדינט אויפן אייזנבאַן און אַרומגעפאָרן אין זיין אייגענעם וואַגאָן; ער האָט געבראַכט פאָמינען אויף דער לעצטער סטאַנציע פאַר דער שטאָט מינסק. פון דאָרטן האָט גרינפעסט און איך, וואָס האָבן אים אָפגעוואַרט דאָרט מיט אַ פורל, געבראַכט

אין נאָסאָוויטשעס שטוב אַריין. אָפּגעלעבט אין דער דירה אינ־איינעם מיט אים אַ 8—10 טעג, האָבן מיר אים דערנאָך איבער־געשיקט קיין אויסלאַנד.

ווי באַוואוסט, איז די פּעטערבורגער דרוקעריי פון „טשאָרני פּערעדעל“ דורכגעפאַלן בעתן זעצן דעם ערשטן נומער, און די ערשטע צוויי נומערן פון דעם דאָזיגן זשורנאַל זיינען אָפּגעדרוקט געווען אין אויסלאַנד. ס׳האָט זיך געפילט אַ גרויסער דוחק אין אַ דרוקעריי. און אָט, איז איינמאָל גריינפעסט געקומען פון מאָס־קווע מיט אַ פאָרשלאָג צו איינאָרדענען אין מינסק אַ דרוקעריי. נאָר נישט ער, נישט איך האָבן ביז דאַן נישט געזעהן אינדערנאָ־הענט קיין דרוקעריי. מיר האָבן געדאַרפט טון אַליין זעהר פאָר־זיכטיג. זיך באַקענען מיט דעם דרוקעריי־ענין אין מינסק גופא איז געווען ריזיקאַליש: דאָס וואָלט באַלד אַרויסגערופן אַ חשד צווישן די חברים, צוליב וואָס פאַר אַ צוועק דאָס ווערט געטאָן. מיר זיינען זיכער געווען, אַז אַ דרוקעריי קאָן עקסיסטירן גאַנץ לאַנג, אויב קיינער וועט נישט וויסן וועגן איר אין מינסק. און פאַר־קערט, אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן אַ חשד, וועט דער פּאָליציי זיין גרינג זי צו געפינען, ווייל מיר זיינען אַלע געווען איר באַוואוסט.

אין גראָדנע האָט געוואוינט איינער אַ גורוויטש, וועלכער איז אַמאָל געווען לערער אין ראַבינערשול און איצט אַן „אוטשאָני יעוורעי“ ביים גובערנאַטאָר. ער איז אין דער זעלבער צייט גע־ווען אַן אייגנטימער פון אַ דרוקעריי. באַקומען אַ רעקאָמענדאַ־ציע־בריוו צו אים פון נאָסאָוויטש, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין גראָדנע. גורוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי אויף אַן אינטעליגענט אַ יידן, וואָס איז גרייט זיך נעמען צו „פיזישער אַרבעט“ און האָט מיך גערן צוגענומען אין זיין דרוקעריי. איך בין דאָרט אָפּגעווען אינגאַנצן עטליכע וואָכן, פאַר וועלכער צייט איך האָב זיך באַקענט מיט דער טעכניק פון זאַץ און דרוק.

זייענדיג דאָרט, האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אַ זעצער לויט דער פּראָפעסיע יאַנטשעווסקי, וואָס איז אַרויסגעשיקט גע־וואָרן אַהיים פון פּעטערבורג אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. אַז גרינפעסט איז געקומען קיין גראָדנע, האָב איך זיי באַקענט. יאַנ־טשעווסקי האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען אין דער דרוקער־סביבה, דערין אויך מיט די אַרבעטער אין דער ווילנער גובער־ניאַלער דרוקעריי. ער האָט אויף זיך גענומען צושטעלן אונז די נייטיגע צאָל שריפט. נאָר אַלס מענש, וואָס האָט זיך געפונען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, וועלכער האָט גערדאַרפט קומען פון מאָל צו מאָל אין דער פּאָליציי, האָט ער געקאָנט נאָר מיט גרויסע פאָרזיכט־מיטלען אַרויספאָרן פון דער שטאָט. ער פלעגט זיך פאַרמאַסקירן, — אָנטון אַ באָרד, — און אַזוי אַרום האָט ער אונז צוגעשטעלט די נייטיגע צאָל שריפט. דערנאָך איז ער צו־געשטאַנען צו די „נאַראָדאָוואָלצעס“ און, ווען מ׳האָט אים אַרעס־טירט, האָט ער פאַרמסרט אַ סך מענשן, ווען מיר זיינען שוין געווען אין אויסלאַנד.

צו אונז קיין מינסק האָט מען צוגעשיקט איינעם אַן אומלע־גאַלן מיט דער פאַמיליע, דאַכט זיך, טשערטאָוו. מיר האָבן אים אָבער אויף אַ ווערטל אָנגערופן „כאָלאָמיניע“. מיר האָבן אים לעגאַליזירט, ד. ה. געקראָגן פאַר אים אַ פּאַס אויפן נאָמען פון לעווין פון אַ סטאַראָסטע פון עפּעס אַ שטעטל. דער דאָזיגער טשערטאָוו, אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט זיך קאָמפּראָ־מעטירט איבער אַן אַטענטאַט אויף מירסקי, ערגעץ אין דרום *). ער איז אַרומגעגאַנגען ביי אונז גאַניץ לאַנג אָן שום אַרבעט. מיר האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אָפיציעלן באַלעבאָס פון דער דירה, וואו מיר האָבן איינגעאָרדענט די דרוקעריי.

דאָס איז געווען אַ באַזונדער־הויז, אין אַ שטילן טייל פון שטאָט, אַנטקעגן דעם אַלטן יידישן בית־עלמין. דאָרט זיינען גע־ווען איינגאַנצן צוויי דירות: אין איינער האָט געוואוינט אַן אָפּי־

---

*) איך געדענק נישט, אַז אַזאַ פּערזאָן זאָל האָבן אַ שייכות צו דעם ענין מירסקי. ל. ד.

ציר מיט אַ דענשטשיק (זעלנער), אין דער אַנדערער — דער „קאָמיסיאָנער" לעווין (ד. ה. דער אומלעגאַלער טשערטאָוו). אַהין פֿלעגן קומען נאָר מיר, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער דרוקעריי — גרינפֿעסט, איך און לעווקאָוו, וואָס האָט פֿאַרלאָזט די אַפּטייק און געקומען קיין מינסק אויף אונזער רוף. כּדי צו מאַכן ווי מעגליך אומגעפֿערליך די עקסיסטענץ פֿון דער דרוקעריי, האָבן מיר געזועהן זיך נישט צו באַגעגענען מיט די אָרטיגע ראַדיקאַלן*) און זיינען אָפּגעשטאַנען פֿונם קרייזל.

איך פֿערזענליך פֿלעג זיך באַגעגענען מיט בולאַנאָוון**), ווען ער פֿלעגט קומען צו אונז קיין מינסק אָדער ווען איך פֿלעג אָפּפֿירן די אָפּגעדרוקטע נומערן קיין פּעטערבורג. דאָרטן האָב איך אויך באַגעגנט זאַגאָרסקין, אגב, איבער פֿאָלגענדער סיבה.

ער האָט אונז צוגעשיקט פֿאַר דעם „זערנאָ" אַן אַרטיקל וועגן די אַנטי-יידישע פּאָגראָמען אויף דרום-רוסלאַנד. דער אַרטיקל איז אָנגעשריבן געווען אין אַגיטאַציאָנס-גייסט: האָט געקוקט אויף די פּאָגראָמען, ווי אויף אַן אָנהויב פֿון רעוואָלוציע, האָט גערופֿן דאָס פֿאָלק צו טאָן דאָס ווייטער, איבערגייענדיג צו גוטבאַזיצער און פּאָליציי.

דער דאָזיגער אַרטיקל האָט אויף אונז, זעצער, געמאַכט אַ העסליכן איינדרוק, און מיר האָבן איינשטימיג באַשלאָסן אים נישט צו זעצן. נאָר מ'האָט געדאַרפֿט דאָס איינטייטשן מיטן מחבר.

---

*) אין יענע צייטן האָבן מיר, סאָציאַליסטן, תּמיד זיך אָנגערופֿן „ראַדיקאַלן", וואָס האָט, אגב, געבראַכט אַמאָל צו אייניגע מיספֿאַרשטייעניש. ל. ד.

**) אַנאַטאָלי בולאַנאָוו, אַ געוועזענער ים-אָפֿיציר, איז געווען אַ מיטגליד פֿון אַ „טשאָרני-פּערעדעל"-קרייזל אין פּעטערבורג, וואָס איז אויפֿגעקומען נאָך אַרעסט פֿון דער דרוקעריי און דער מערהייט מיטגלידער, וועגן וואָס איך האָב פֿריהער דערציילט. ער האָט, אינאיינעם מיט די סטודענטן לאַזאַרסקי, שעפּטעל און אַנד., געשטרעבט צו פֿירן ווייטער דעם ענין. נאָר אין יאָר 1881, אונטער דער ווירקונג פֿון סטעפּאַנאָוויטשן, וואָס איז געקומען צו פֿאָרן פֿון אויסלאַנד, איז ער צוגעשטאַנען צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ל. ד.

אויף מיר האָבן די חברים געקוקט ווי אויף אַ מענשן, מער „האַרטן אין די פּרינציפּן“ און די דאָזיגע מיסיע האָט מען מיר איבערגעגעבן. מיט אָט דעם אַרטיקל אין טאַש האָב איך אַוועקגעאײַלט קיין פּעטערבורג, און צו זאַגאָרסקיס כבוד דאַרף מען זאָגן, אַז מיר איז ניט שווער געווען אים צו דערווייזן, אַז די דאָזיגע פּאָגראָמען זײַנען נישט קיין קלאַסן-, נאָר אַ ראַסן-באַוועגונג, וואָס איז זיך סומך אויף אַבערגלויבן, פּאָראורטיילן, מיספאַרשטייענישן וכדומה, אַז געליטן האָבן פון זיי, דער עיקר, פּונקט אַזעלכע קבצנים פּראָלעטאַריער, ווי די פּאָגראָמשטשיקעס אַליין, אַז דאָס איז אַן אַרבעט פון די רעגירונגס-אַגענטן אין זייַער קאַמף מיט דער רעוואָלוציע, און אויך פון קאָנקורענטן עקספּלואַטאַטאָרן-קאַפּיטאַליסטן א. א. וו.

זאַגאָרסקי האָט מיך אויסגעהערט אָן דערווידערונגען, האָט צעריסן דעם אַרטיקל און גלייך אויפן אָרט אָנגעשריבן אַן אַנדערן אין גאָר אַ נייעם גייסט. מיט דעם ערשטן צוג בין איך צופרידן אַוועקגעפאָרן צוריק. און הגם מיר איז אויסגעקומען דאַן ניט צו שלאָפן פיר נעכט, נאָר געפיהלט האָב איך זיך גליקליך, און מיינע חברים זײַנען אויך געווען שטאַרק צופרידן. אגב, נישט נאָר מיר אַליין האָבן זיך געפרעהט דערמיט: אונזערע חברים אין אויסלאַנד, וועלכע זײַנען שטאַרק אויפגערעגט געווען פון דער באַוואוסטער פּראָקלאַמאַציע אויף דער מאַלאָראָסישער שפּראַך, וואָס דער אויספיר-קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ האָט דאַן אַרויסגעלאָזט, זײַנען אַנטציקט געוואָרן פון דעם דאָזיגן אַרטיקל אין „זיערנאָ“ און האָבן, דאַכט זיך, אים איבערגעדרוקט אין אַן איבערזעצונג אין די אויסלענדערשע צייטונגען *).

*) מיר האָבן, ווירקליך, זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דעם דאָזיגן אַרטיקל, און מיר פלעגן אים מיט שבחים אַנטקעגנשטעלן דער מאוסער אַנטיסעמיטישער פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז אָנגעשריבן געווען דורך גראַסים ראָמאַנענקאָ, וועלכער ווערט איצט אַזוי געלויבט פון וויעראַ פיגנער אין איר „פּאַרקערפּערטער אַרבעט“, נאָר איך געדענק נישט, צי האָבן מיר אָפּגעדרוקט דעם דאָזיגן אַרטיקל אין די אויסלענדערשע צייטונגען. איך דענק, אַז ניין. ל. ד.

סערגעיעון *) האָב איך באַגעגנט אין פּעטערבורג, און אויך געזעהן אים איין מאָל אין מינסק, וואוהין ער איז געקומען צו פאָרן מיט שטאַרקער מורא, מיר זאָלן איינגאַנצן נישט אַריבער־גיין צו די „נאַראָדאָוואָלצעס“. זיין מורא איז געווען אומזיסט.

עפּראָנען **) האָב איך אים צום ערשטן מאָל געטראָפן אין מינסק, וואו ער איז געווען דורכפאָרנדיג קיין אויסלאַנד. ער האָט דעמאָלט גערעכנט איינגיכן זיך אומקערן צוריק און צוגעזאָגט אונז גילדערנע בערג אין זינען פון געלט. נאָר ער איז דאָרט געבליבן שטעקן, און איך האָב אים שוין דערנאָך באַגעגנט אין גענף.

מיטן הויקער ראָם האָב איך זיך באַגעגנט ביי אָריגינעלע אומשטענדן.

אַלס מיטגליד פון מאָסקווער קרייזל פון די „טשאָרניפּערע־דעלצעס“, האָט ער געוואוסט וועגן דער מינסקער אומלעגאַלער דרוקעריי. פון אונז אַלע האָט ער פּערזענליך געקענט נאָר גרינ־פעסטן, וואָס פלעגט פאָרן צומאָל וועגן אונזערע ענינים קיין מאָס־קווע. ער האָט אויך געוואוסט דעם אַדרעס פון אונזער קאָנספּי־ראַטיווער דירה. געטראָפן האָט זיך דאָס אין עטליכע טעג אַרום נאָכן ערשיינען פונם 5־טן און לעצטן נומער פון „טשאָרני פּע־רעדעל“. די אַרטיקלען און דעם מאַטעריאַל פאַר דעם דאָזיגן נומער האָט געבראַכט דעמאָלט מיט זיך פון פּעטערבורג דער חבר לאַוראָוו. ער איז געבליבן אין מינסק, ביז אונזער נומער האָט מען אויסגעזעצט און אָפּגעדרוקט, וואוינענדיג אין אונזער קאָנספּיראַטיווער דירה. דער חבר לאַוראָוו פלעגט רעדן פון שלאָף און אפילו ענטפערן אויף פראַגעס. מיר זיינען דעריבער נישט

---

*) ווער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אָט דעם נאָמען, קאָן איך זיך איצט נישט דערמאָנען. וואַרשיינליך, בולאַנאָוום זעהר אַ נאָהענ־טער חבר, איך דענק, אַז מאַלישאָוו. ל. ד.

**) יאַקאָוו עפּראָן, אַ סטודענט פון מאָסקווער טעכנישער שול, מיטגליד פון מאָסקווער „טשאָרניפּערעדעלצעס“, האָט חתונה געהאַט פאַר דער באַוואוסטער יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ דורנאָוואָ (זעה: מאָראָזאָוו: „דערציילונגען פון מיין לעבן“). ל. ד.

געווען צופרידן, וואָס די פּעטערבורגער חברים האָבן צוגעשיקט אים מיט אַזאַ וויכטיגער שליחות, מורא האָבנדיג, אַז ער וועט אומווילנדיג זיך אַרויסגעבן אין וואַגאָן אויפן צוריקוועג. נאָר מ'האָט שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן.

מיר האָבן אָפּגערעדט מיט אים, אַז באַלד ווי ער וועט קומען צו פאָרן קיין פּעטערבורג, וועט ער אונז געבן אַ טעלעגראַמע. נאָר ס'איז דורכגעגאַנגען אַ 3—4 טעג, און מיר האָבן זי אַלץ נישט באַקומען. מיר האָבן זיך, דעריבער, געפונען אין זעהר אַ אומרוהיגן צושטאַנד און זיינען כמעט זיכער געווען, אַז לאַווראָוו איז דורכגעפאַלן אינאיינעם מיטן נומער „טשאָרני פּערעדעל".

אין דער דאָזיגער צייט נעמליך איז צו אונז אינגאַנצן אומגע־וואַרט געקומען ראָם: ער איז דעמאָלט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון מאָסקווע אַהיים צו זיך, קיין ווילנע, אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. פון ווילנע האָט ער נישט געטאָרט אַרויספאָרן. ער האָט אונז איילנדיג דערציילט, אַז אין ביאַליסטאָק, גראָדנע און ווילנע קומען פאָר אונטערזוכן, אַז ביי אים אין דער היים איז געווען אַ שטרענ־גער אונטערזוך און אַז מ'האָט פאַרגלייכט עפּעס אַ געדרוקטן פּאַ־פּיר מיטן שריפט פון זייער דרוקעריי, וועגן וואָס ער איז געקומען צו פאָרן אונז מודיע זיין.

ראָם האָט נישט באַוויזן צו ענדיגן, ווי אין צימער איז אַריינ־געלאָפן פאַרסאָפּעט אַ ייִנגל, — לעווקאָוויס קלענערער ברודער און האָט דערציילט, אַז ביי זיי אין דער היים מאַכט פּאָליציי אַ־ין זשאַנדאַרמען אַן אונטערזוך. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אונז איבערצייגט אין דעם געדאַנק, אַז לאַווראָוו איז דורכגעפאַלן. איך געדענק, אַז דאָס איז געווען ערב „ראָזשדעסטוואָ", דעם 24 דע־צעמבער 1881 יאָר.

מיר האָבן געבעטן ראָמען אַוועקגיין, און אַליין גיך אָפּגערײי־ניגט די דירה פון אומלעגאַלע זאַכן און זיינען זיך צעגאַנגען אין פאַרשיידענע זייטן, געוויינטליך, נישט צו אונזערע דירות, נאָר צו קרובים און באַקאַנטע, כדי צו אויסוואַרטן די ווייטערדיגע געשעהענישן.

אויף דעם צווייטן טאָג האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די פּאָליציי האָט אַרעסטירט לעווקאָווס ברודער, דאָס ייִנגל, און דורך דראַהונגען און קלעפּ געניט אים אָנצואווייזן אונזערע קאָנספּיראַטיווע דירה. דאָרט האָט מען געמאַכט אַ שטרענגן אונטערזוך און איבערגעלאָזט אַ הינטערוואַך.

די דאָזיגע הינטערוואַך האָט געכאַפּט ראָמען, וואָס איז אַהין געקומען צו אונז ווידער, און מ׳האָט אָפּגעפירט צום זשאַנדאַרמען־פּאָדפּאָלקאָווניק.

נאָר אין עטליכע טעג אַרום נאָך דעם האָט מען אונז מודיע געווען, אַז ראָם וויל אונז אַלע זעהן, און דערביי האָט ער אָנגעוויזן אַן אָרט, וואוהין מיר זאָלן קומען אויפדערנאַכט — אויפן בולוואַר, אין סאַמע צענטער פון שטאָט. ער האָט דערביי פאַרזיכערט, אַז מיר האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל אַלע זשאַנדאַרמען און שפּיקעס זיינען צעשיקט איבער אַנדערע טיילן פון שטאָט.

דאָס אַליין איז געווען זעהר רעטזעלהאַפט, נאָר מיר האָבן דאָך באַשלאָסן גיין זיך זעהן מיט אים; און אָט וואָס מיר האָבן זיך דערוואוסט.

אָפּגעזעסן 2—3 טעג אין טורמע, האָט ראָם פּלוצים גענומען פאָדערן, אַז מ׳זאָל אים פירן צו זשאַנדאַרמען־פּאָדפּאָלקאָווניק, וועלכן ער האָט געמאָלדן, אַז יענער ריזיקירט מיט זיין קאַריערע, וואָס ער האָט אים אַרעסטירט, ווייל ער ווייסט אויף זיכער, אַז אין מינסק עקסיסטירט אַן אומלעגאַלע דרוקעריי, און אַז ער איז געקומען צו פאָרן פון ווילנע, כדי זי צו אַנטדעקן. אָבער, פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען ער איז שוין געווען אויף אַ ריכטיגן וועג, אַרעסטירט מען אים און מ׳האַלט אים אין טורמע, און דערמיט מאַכט מען קאַליע אַ גאַנצע אונטערנעמונג. אויב מ׳וועט אים תיכּף נישט באַפרייען און נישט געבן אים די נויטיגע הילף, וועט ער מוזן זיך ווענדן גלייך צו איגנאַטיעוו (דעם דעמאָלטיגן מיניסטער פון אינערן).

ראָם האָט דאָס אַלץ אַזוי קונציג איבערגעגעבן, אַז דער אַלטער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט אים אינגאַנצן געגלויבט, אים אומגעקערט די שיפּרירטע אַדרעסן און נאָטיצן, וואָס מ'האָט בּיי אים צוגענומען, און געגעבן אים אין זיין רשות אַלע זשאַנדאַרמען און שפּיקעס. ראָם האָט זיי אַלע צעשיקט אין פאַרשיידענע עקן פון שטאָט אויסשפּירן, און אַליין האָט ער פריי געשפּאַצירט מיט אונז אין דעם צענטראַלן טייל פון מינסק.

בּיי דער דאָזיגער בּאַגעגעניש מיט אים זיינען מיר געווען אין דרייען — גרינפּעסט, לעווקאָוו און איך; דאַכט זיך, אַז אויך „כאָלאָמאָני". ראָם האָט שטרענג געפאָדערט, אַז מיר זאָלן אים געבן די מעגליכקייט אַנטדעקן די דרוקעריי, — דעמאָלט וועט, בּלומרשט, אָנקומען אַ גילדענע צייט פאַר די רעוואָלוציאָנערן: ער וועט האָבן דעם צוטרוי פון די זשאַנדאַרמען, וועט זיך דערוויסן אַלע זייערע סודות א. א. וו.

פאַרשטענדליך, אַז מיר האָבן שאַרף אָפּגעזאָגט אין דעם, אָנווייזנדיג ראָמען, אַז ער וועט אַריינפאַלן צו די זשאַנדאַרמען אין די הענט, און נישט זיי צו אים. אים איז געבליבן צו פאָלגן אונזער עצה און אויף גיך אַוועקפאָרן אַהיים, וואָס ער האָט געטאָן.

מיר האָבן געהאַלטן ווייטער זיך אויסבּאַהאַלטן. איין צייט האָב איך געלעבט אויף אַ מאַיאָנטעק און דערנאָך מיט אַ פאַלשן פּאַס אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע צו מיין פעטער. אין דער דאָזיגער צייט איז צו מיר געקומען צו פאָרן גרינפּעסט, וואָס האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט קריגן פאַר זיך קיין פּאַס — אומעטום איז געווען אַ חורבן. איך האָב אים אָפּגעגעבן מיין פּאַס, ווייל איך האָב געוואוינט בּיי קרובים. נאָר אין אַ צייט אַרום האָט מיין פעטער זיך דערוואוסט, פאַרוואָס איך בּין אַוועקגעפאָרן פון מינסק, און מיך געבעטן זיך אָפּטראָגן. איך בּין אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, וואו האָב בּאַגעגנט גרינפּעסטן, און מיט דער הילף פון אונזער קאָנטראַבּאַנדיסט, איבערגעפאָרן קיין אויסלאַנד. אויף דער גרעניץ האָט מיך פאַרהאַלטן די שמירה, בּאַ־

רויבט און ממש טאַקע אַרויסגעטריבן פון רוסלאַנד, איבערזעצנדיג מיך אויף דער אַנדערער זייט פון אַ קאַנאַווע.

לויט אַ מסירה פון אַ זשאַנדאַרמען־קאַפּיטאַן, איז פון פּעטערבורג צוגעשיקט געוואָרן אַ קאָמיסיע קיין מינסק. דער זשאַנדאַרמען־פּאָדפּאָלקאָווניק איז אַראָפּ פון זיין שטעלע. מ׳האָט אַרעסטירט די גאָסאָוויטשעס, מיין שוועסטערקינד אידאַ געצאָוו, אַ באַנק־אָנגעשטעלטן טרובאָוויטשן און אייניגע אַנדערע. ראָמען האָט מען אַרעסטירט אין ווילנע. מ׳האָט זיי אַלע דערנאָך באַפרייט.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לאַווראָוו איז גאָר נישט דורכגעפאַלן, ער האָט אפילו געשיקט אַ טעלעגראַמע, נאָר צו שפּעט. דער גאַנצער חורבן איז פאָרגעקומען איבער יאַקאָווענקאָם (אַ שרייבער) אַרעסט אין מאָסקווע, ביי וועמען מ׳האָט געפונען אַלע אַדרעסן פון דער אָרגאַניזאַציע פון רויטן קרייץ. די אונטערזוכן און אַרעסטן האָט מען געמאַכט דעמאָלט, אָנהויבנדיק פון דער מערבדיקער גרעניץ פון רוסלאַנד ביז סיביר איינשליסנד.

אין אונזער דרוקעריי זיינען געווען אָפּגעדרוקט: די פּראָקלאַמאַציע פונם „צפונדיקן אַרבעטער־פאַרבאַנד" וועגן דעם שטרייק, דער 3, 4 און 5 נומער פון „טשאָרני פּערעדעל", 3, 4, 5 און 6 נומער פון דער אַרבעטער־צייטונג „זיערנאָ" און „זעמליאַ אי וואָליאַ" — אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן דעם 1 מערץ 1881 יאָר (דער מאָרד פון אַלעקסאַנדער II).

איבערגעגאַנגען די גרעניץ (אין אָנהויב מערץ 1882 יאָר), האָב איך זיך באַזעצט אין קעניגסבערג. אין אַ צייט אַרום איז צו מיר געקומען אויך גרינפעסט. מיר האָבן דאָרט אָפּגעלעבט עטליכע חדשים, זיך איבערגעשריבן מיט די חברים אין רוסלאַנד און גערעכנט זיך אומקערן צוריק אומלעגאַל. נאָך דער חורבן איז דאָרט געווען אַ פּולשטענדיגער; דערצו האָט די קעניגסבערגער פּאָליציי זיך גענומען שטאַרק אינטערעסירן מיט אונז; מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אַוועקפאָרן אין דער שווייץ. אין אויגוסט

1882 יאָר זיינען מיר שוין געווען אין ציוריך. אין אַ צייט אַרום איז געקומען צו פאָרן אַהין אויך לעווקאָוו.

אין דער שווייץ האָב איך דערנאָך געאַרבעט אין דער דרוקעריי פון „וועסטניק נאַראָדנאָי וואָלי“ און, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך געמאַכט קעפיר מיט אַקסעלראָדן. דאָרט האָב איך זיך אויך באַקענט מיט די יסודות פון וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם.

אין יאָר 1890 בין איך אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

P. S. וועגן דער פּראָקלאַמאַציע פונם „צפונדיגן אַרבעטער־פאַרבאַנד“, וואָס מיר האָבן אָפּגעדרוקט, קאָן איך, צום באַדויערן, נישט צוגעבן מער קיין פּרטים. איך קאָן זיך אפילו נישט דערמאָנען קיין פּינקטליכן דאַטום. איך געדענק נאָר, אַז אונזער דרוקעריי איז נאָך דעמאָלט נישט געווען פולקום איינגעאָרדנעט: מיר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין פּאַסיגע דירה, נישט געהאַט קיין ווערקטיש, ווען די חברים פון פּעטערבורג האָבן אונז שטאַרק געבעטן, צי קאָנען מיר נישט אָפּדרוקן די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציע וועגן דעם שטרייק. מיט גרויסער מיה, אַרבעטנדיג אויף דער פּאָדלאָגע, האָבן מיר זי אָפּגעדרוקט.

אונזערע באַציהונגען מיטן צענטר, ד. ה. מיט פּעטערבורג, זיינען געווען, דער עיקר, פּערזענליכע. מ׳פלעגט קומען צו פאָרן צו אונז מיט אַרטיקלען און אַוועקפירן אָפּגעדרוקטע נומערן, אָדער עמיץ פון אונז פלעגט אָפּפירן דאָס אָפּגעדרוקטע קיין פּעטערבורג. אין צוויי וואָכן אַרום האָבן מיר אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דעם דאָזיגן נומער אין דער צפון־מערבדיגער געגנט.

אַלעקסאַנדער II מאָרד, דער בריוו פונם אויספיר־קאָמיטעט צו אַלעקסאַנדער III, דער פּראָצעס פון פּעראָווסקאַיאַ, זשעליאַבאָוו און אַנדערע האָבן געהאַט אַן אומגעהייערע ווירקונג אויף די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון אַלע שאַטירונגען. די דאָזיגע ווירקונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אויף וויפיל איך געדענק, אויך אין דעם אַריינפיר־אַרטיקל פונם 5־טן נומער פון „טשאָרני פּערעדעל“.

איך געדענק, אַז וועגן דעם זיינען געווען שמועסן אין אונזער דרוקעריי: מיר האָבן דאָרט געזעהן צופיל הנחות דעם טעראָר.

סטעפאַנאָוויטש, אומקערנדיג זיך קיין רוסלאַנד זומער 1881, האָט אָנגעהויבן פירן שטאַרקע אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניגונג מיט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. בולאַנאָוו און איינינע אַנדערע חברים=„טשאָרני=פערעדעלצעס“ האָבן אויסגעדריקט גרייטקייט זיך צו פאַראייניגן; נאָר סערגעי און אונזערע חברים זיינען געבליבן געטריי דער אַלטער פראָגראַם. כדי צו איבערציינגן זיך אין דער זיכערקייט פון דעם באַשטאַנד פון דער דרוקעריי, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין מינסק, נישט האָבנדיג אונזער אַדרעס, וועלכן בולאַנאָוו האָט אים, לויט זיינע ווערטער, נישט געוואָלט געבן. און דאָך האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן, ריזיקירנדיג אַליין דורכצופאַלן און אונז אַרויסגעבן. נאָר זעהר גיך נאָך דעם האָט מען אונז אַנטדעקט, און מיר האָבן מער נישט געקאָנט נעמען קיין אָנטייל אין די ווייטערדיגע אונטערהאַנדלונגען.

דעם אָפגעדרוקטן מאַטעריאַל פלעגן מיר געוועהנליך אָפפירן אין האַנט=געפאַק קיין פעטערבורג. דאָס איינציגע פאָרזיכט=מיטל איז געווען דאָס, וואָס מיר פלעגן נעמען בילעטן נישט גלייך פון מינסק קיין פעטערבורג, נאָר טיילווייז, באַנייענדיג דעם בילעט 3—4 מאָל אין וועג. מיט דעם דאָזיגן מיטל האָבן מיר געשטרעבט צו פאַרזיכערן די דרוקעריי פון ריזיקע אויפן פאַל, ווען דער איבערפירער פון „טשאָרני פערעדעל“ פאַלט דורך אויפן וועג, כדי די פאָליציי זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אַז זי געפינט זיך אין מינסק. ביז מיר פלעגן באַקומען די טעלעגראַמע, פלעגן מיר, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער דרוקעריי, זיין באַזונדערס פאָרזיכטיג.

נאָר איין מאָל האָבן מיר פאָרגענומען גאָר באַזונדערע פאָרזיכטס=מיטלען, — ווען מיר האָבן אָפגעדרוקט די פראָקלאַמאַציע וועגן דער געשעהעניש פון מערץ 1881 יאָר.

מיטן טעקסט פון דער פראָקלאַמאַציע („זעמליאַ אי וואָליאַ“) איז צו אונז געקומען צו פאָרן אַ חבר, וועמענס נאָמען, צום באַ=

דויערן, איך געדענק נישט. מיט זיין אויסזעהן און קליידונג האָט ער דערמאָנט אַ גוטבאַזיצער. צוליב די שטרענגקייטן, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין פּעטערבורג, האָבן מיר געקויפט אַ גאַניץ הויכע הילצערנע פאַס מיט אַ דעקל; האָבן פאַרנייהט די פּראָקלאַמאַציע אין אַ קלעיאָנקע, אַריינגעלעגט זי אין פאַס, און פון אויבן אַרויפגעלעגט אַ פוד אָנדערטהאַלבן פּוטער. אַזוי אַרום איז זי בשלום אָנגעקומען קיין פּעטערבורג. פון דאָרט האָט מען זי געבראַכט קיין מאָסקווע, וואו די חברים האָבן זי פאַרשפּרייט אויף פּאַסכאַ אין הילצערנע אייער.

אין די „מאָסקאָווסקיע וויעדאָמאָסטי“ („מאָסקווער ידיעות“), געדענק איך, האָט זיך באַוויזן אַן אויספירליכע באַשרייבונג פון דער דאָזיגער פּראָקלאַמאַציע: איר גרויס, צאָל שורות, גילדערנע אותיות א. א. וו.

בולאַנאָוו, אויף וויפיל איך געדענק, האָט פלייסיג און מיט ערפאָלג זיך פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער. די אַרטיקלען אין „זיערנאָ“, וואָס זיינען געשריבן מיט אַן „אַרבע־טער־שפּראַך“, געהערן צו זיין פען. ער און סערגעי האָבן זיך פאַרנומען אויך מיט פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאַטראָסן.

אָט דאָס איז, לעוו גריגאָריעוויטש, אַליץ, וואָס איך האָב גע־קאָנט אויסקוועטשן פון מיין זכרון אַלס ענטפער אויף אייערע פראַגעס. מעגליך, אַז ס'האָבן זיך אַריינגענבעט טעותן: ס'זיינען דאָך „געשעהענישן פון לאַנג־פאַרגאַנגענע טעג“. אַל דאָס בעסטע.

אייער י. נעצאָוו.

דאַרף מען דערקלערן, אויף וויפיל די ידיעות, וואָס געפינען זיך אין דעם דאָזיגן בריוו זיינען ווערטפול: מיר באַקומען פון אים נישט נאָר אַ לעבעדיגע פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי אין יענער ווייט־אָפּגעשיידטער צייט פלעגט מען איינאָרדענען און ווי האָט עקסיסטירט אַן אומלעגאַלע דרוקעריי, נאָר, וואָס ס'איז נישט ווייניגער וויכטיג, איז דאָרט פאַראַן אַ ריכטיגע באַשרייבונג

פון דעם לעבן פון דער יידישער יוגנט אין די פּראָווינציעלע שטעט־לאַך; מיר דערוויסן זיך, אויף וואָס פאַר אַ וועג ס׳פלעגן געבוירן ווערן די פּראָגרעסיווע אָנשויאונגען און ס׳אַראַן איבערקער זיי פלעגן מאַכן אין די מוחות פון די יונגע יידישע פאַנאַטיקער, וואָס פלעגן דערצויגן ווערן אין שטרענג־אָרטאָדאָקסישן גייסט. הגם י. געצאָוו דערמאָנט נאָר פאַרבייגייענדיג וועגן זיינע חברים — לעווקאָוון און גרינפעסטן, דאָך איז קיין ספק נישט, אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען כמעט די זעלבע שול, וואָס ער.

ווייטער וועט אונז נאָך אויסקומען צו באַגעגענען זיך מיט די דאָזיגע צוויי זיינע חברים. דערווייל וועל איך זאָגן דאָ, אַז גרינפעסט האָט געשפּילט עפּעס אַ ראָלע ביים אויפקומען פון דער גרופּע „אַרבעטס־באַפרייאונג״; און אויך לעווקאָוו האָט געבראַכט אונז אַ ביסל נוצן.

פאַרענדיגנדיג דערמיט דעם ערשטן טייל פון מיינע זכרונות, וואָס זיינען נוגע דעם פרידליכן, פּראָפּאַגאַנדיסטישן, און אויך „ישובים״־פּעריאָדן פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האַלט איך פאַר נויטיג ווידער צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף דער ראָלע פון דער גרעסטער מערהייט יידן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע איך האָב דאָ באַשריבן. יעדערער, דענק איך, וועט מסכים זיין מיט מיר, אַז חוץ צוויי־דריי גרויסע טוער, פון וועלכע, דאָך, נאָר נאַטאַנסאָן האָט געשפּילט איינע פון די ערשטע ראָלעס, זיינען די איבעריגע מיינע פאָלקס־ברידער געווען נאָר מענשן פון צווייטן אָדער אפילו פון דריטן וויכטיגקייטס־גראַד.

אינהאַלט:

זייטע

פאָרוואָרט 6

קאַפּיטל א

דער אויפקום פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג 15

קאַפּיטל ב

פּרובן פון אויסלייטישן יידן 19

קאַפּיטל ג

די לאַגע פון יידן פאַר אַלעקסאַנדר II. 25

קאַפּיטל ד

ניהיליסטן צווישן יידן 30

קאַפּיטל ה

די פרידליכקייט פון יידן און די אָנקומענדע רעאַקציע 36

קאַפּיטל ו

די יידישע יוגנט און די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען 46

קאַפּיטל ז

דאָס שטרעבן פון יידן צו פרידליכער טעטיגקייט 52

זייטע

קאַפּיטל ח

דאָס אָנטייל פון יידן אין פּאָלקיסטישע און טעראָ־ריסטישע שטרעמונגען 61

קאַפּיטל ט

די ערשטע קרבנות פון די רעגירונגס־רדיפות 70

קאַפּיטל י

סאָלאָמאָן טשודנאָווסקי 99

קאַפּיטל י״א

די איבריגע יידן אינם גרויסן פּראָצעס 118

קאַפּיטל י״ב

די יידישע פּרויען־יוגענט 133

קאַפּיטל י״ג

אַלעקסאַנדר ביבערגאַל 172

קאַפּיטל י״ד

פּ. ב. אַקסעלראָד 187

קאַפּיטל ט״ו

סעמיאָן לוריע 212

קאַפּיטל ט״ז

ד״ר קאַמינערס משפּחה און אַקסעלראָדס קרייזל . . 226

קאַפּיטל י״ז

דער זאַמלער פון דער רוסישער מלוכה 248

קאַפּיטל י״ח

די „זעמלעוואָלצעס" 270

קאַפּיטל י״ט

די „טשאָרניפּערעדעלצעס" 304